STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09783

SHRIFTEN

Abraham Coralnik

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם קאָראַלניק

שריפטען

צווייטער באַנד

אידען און אידענטום

ארויסגעגעבען פון
קאָראַלניק פאַרלאַג קאָמיטעט
ניו יאָרק, 1940

Copyright, 1940
by
SARA CORALNIK
New York, N. Y.

200

פיוטשורא פרעס, אינק.
476 בראָדוויי, ניו יאָרק.

פון דעם „קאַראַלניק פאַרלאַג קאָמיטעט"

די זאַמלונג פון אַרטיקלען פאַר דעם צווייטען באַנד פון דר. אברהם קאַראַלניק'ס שריפטען האָט זיך פאַרצויגען לייגגער ווי מען האָט גערעכענט. דאָס איז געווען טיילווייז צוליב דעם, וואָס איינער פון די מיטהעלפערס אין דער זאַמלונג, קאָלעגע און פריינט מרדכי קליינער, איז פלוצים געשטאָרבן דעם 12טען מאַי, 1939. ער איז געווען איינער פון די סעקרעטאַרען פון דעם פאַרלאַג קאָמיטעט און אַ זעהר נאָהענטער פריינט פון דר. קאַראַלניק, ווי אויך פון די מערסטע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע קאָמיטע; און זיין טויט האָט נאַטירליך אָפּגעשטעלט די אַרבייט אויף אַ קורצער צייט.

אָבער די פאַרשפּעטיגונג פון דעם צווייטען באַנד האָט נאָך אַן אורזאַך. די רעדאַקציע האָט אין דעם פאָרוואָרט צום ערשטען באַנד געמאָלדען, אַז דער צווייטער באַנד וועט אַנטהאַלטען קאַראַלניק'ס בארימטע רייזע באַשרייבונגען; נאָר דער פּלאַן איז געענדערט געוואָרען. נאָך אַ גרינטליכער שטודיע פון די מאַטעריאַלען איז באַשלאָסען געוואָרען צו ווידמען דעם צווייטען באַנד צו די פּראָבלעמען פון אידענטום, איבער וועלכע דער פאַרשטאָרבענער שריפטשטעלער האָט פיל געטראַכט און געשריבען. צווישען די אַרטיקלען אין דעם צווייטען באַנד איז דאָ איינער: „אידענטום — דער פּראָבלעם פון זיין וועזען און צוקונפט", וואָס קאַראַלניק האָט געשריבען ווען ער איז נאָך אַ יונגערמאַן געווען. די רעדאַקציע האָט דעם אַרטיקעל גענומען פון „העתיד" וואו ער איז ערשינען אין העברייאיש און האָט איהם אָנפאַרטרויט דעם דיכטער י. י. שוואַרץ צו איבערזעצען אויף אידיש. דאָס איז געטאָן געוואָרען אונטער דער אויפזיכט פון חיים גרינבערג, וואָס האָט זיך פיל אָפּגעגעבען מיט דער צוזאַמענשטעלונג פון די אַרטיקלען, מיט דער מיטהילף פון דר. יהושע בלאָך, א. בערגער און מאַניאַ קאַראַלניק, אַ שוועסטער פון אונזער פאַרשטאָרבענעם, בארימטען שריפטשטעלער.

די רעדאַקציע קאָמיטע האָפט צו קאָנען ארויסגעבען דעם דריטען באַנד נאָך פאַר דעם אָנקום פון היינטיגען זומער.

יאַנואַר 2, 1940.

אינהאַלט

●

פון דעם „קאַראַלניק פאַרלאַג קאָמיטעט".

1. בלעטערענדיג אין גרעץ — — — — — — — — — — — 7
2. ווען אברם איז יונג געווען — — — — — — — — 20
3. משה — — — — — — — — — — — — — — 29
4. משה'ס צער — — — — — — — — — — — — — 34
5. ארום דעם „בוך פון ביכער" — — — — — — — — 39
6. לייענענדיג ספר רות — — — — — — — — — — 45
7. דער בוך פון באַרג — — — — — — — — — — 50
8. דער באַהאַלטענער „עזרא" — — — — — — — — — 56
9. ארום דער זייל פון גזר — — — — — — — — — 63
10. יוסף און שמעון — — — — — — — — — — — 69
11. „צוזאַמען" — — — — — — — — — — — — — 76
12. די צוויי ווענט — — — — — — — — — — — — 83
13. אַ צעשטערטע לעגענדע — — — — — — — — — 88
14. וואָס זיי האָבען דערצעהלט אַ גאַנצע נאַכט — — — 95
15. אונזער „פרייהייט" — — — — — — — — — — 101
16. ארום דעם אַלטען באַרג — — — — — — — — 107
17. „ועל חטא" — — — — — — — — — — — — — 113
18. אָהן אַ ניגון — — — — — — — — — — — — 119
19. ארום דעם סיני — — — — — — — — — — — — 124
20. דער דריטער טראָפּען ליכט — — — — — — — — 131
21. דער פאַרשטיינערטער צוויג — — — — — — — — 137
22. וועגען דער צווייטער אומה — — — — — — — — 144
23. אַן אוצר פון וואונקען — — — — — — — — — 151
24. אָהן פעפער — — — — — — — — — — — — — 157
25. דער „מיטעלערער וועג" — — — — — — — — — 163
26. ארום דעם „אידישען גייסט" — — — — — — — — 170
27. אונזער „גאָלדענע לעגענדע" — — — — — — — — 178
28. עדיפ זוכט — — — — — — — — — — — — — 184
29. און נתן רעדט ווייטער — — — — — — — — — 190

30. דער פאַראַדאָקס פון אידענטום — — — — — — — 196
31. דער רייכער גלויבען — — — — — — — — — — 203
32. דער אומבאַקאַנטער אָרון — — — — — — — — — 210
33. אין דער צייט פון חשבון הנפש — — — — — — 217
34. די פאַרמויערטע וואַנט — — — — — — — — 223
35. איבער דעם תהום — — — — — — — — — — — 229
36. דער אַלטער קאַמף — — — — — — — — — — 235
37. לאַנדפעניקס — — — — — — — — — — — 240
38. דער עקיבא־שמייכעל — — — — — — — — — — 244
39. דער גלגול פון אַ שקל — — — — — — — — — 250
40. אידענטום—דער פּראָבלעם פון זיין וועזען און צוקונפט 257

בלעטערנדיג אין גרעץ

1.

אַ פריינט האָט מיר די טעג געשיקט אַ מתנה, אַ נייע העבּ־רעאישע אויסגאַבע פון גרעצ'ס אידישע געשיכטע*) אין דער איבערזעצונג פון דר. ש. ל. ציטראָן. און אַט זיץ איך גאַנצע טעג און בלעטער אין דער געשיכטע. איך קאָן אפילו ניט זאָגען: איך לייען זי. בלאַט נאָך בלאַט, קאַפּיטעל נאָך קאַפּיטעל, אַלע זעקס בענדער איינער נאָך דעם צווייטען.

געשיכטע קאָן מען גאָר ניט אַזוי לייענען, בפרט ווען מען קען זי מעהר אָדער ווייניגער, ווען מען ווייסט שוין לכתחילה ווי זי האָט זיך דערוויל פאַרענדיגט, ווי ווייט זי איז דערגאַנגען.

אַט אַזוי לייענען מיר איבער אויפ'סניי, אין די רייפע יאָהרען, די גרויסע ווערק, וואָס מיר האָבען געלייענט אין דער יוגענט. דעמאָלט — געשלונגען די ווערטער, געיאָגט זיך אין שטורעם און מיט אומגעדולד. מיר האָבען נאָך ניט געוואוסט דעם סוף — און דאָס איז דאָך געווען פאַר אונז דער צוועק פון דעם גאַנצען לייענען.

אָבער אַט ווייסען מיר שוין. די ערשטע שפּאַנונג שוין פאַר־ביי, דער אינטערעס צו דעם אינהאַלט, צום סוזשעט איז שוין שוואַכער. און ערשט איצט לייענען מיר דאָס ווערק גופא פאַמעלעך. אַ שטיקעל פון פאַרענט, אַ זייטעל אין מיטען, איינמאָל דעם עפּיזאָד, אַ צווייטען מאָל אַן אַנדערען. דער גאַנצער ראָמאַן געווינט פאַר אונז אַ נייעם אינטערעס, אַ קינסטלערישען און אַן אידעאישען.

מיט יאָהרען צוריק — אין די יונגע יאָהרען — געלייענט גרעצ'ס געשיכטע, דעם ראָמאַן, אָדער די עפּאָפּעע פון דעם אי־דישען פאָלק. דאָס שפּאַנענדסטע בוך וואָס איז אפשר פאַראַן. די לעבענסבאַשרייבונג פון „לאַזאַרוס", דעם פאָלק וואָס איז שוין אַזוי

---

*) דר. צבי גרץ: דברי ימי ישראל, תרגום ש. ל. ציטרון, הוצאת אחיאָסף על יד חברת „צנטרל", וואַרשוי, 1931 (מיט נקודות).

אָפּט באַגראָבען געוואָרען און איז יעדעס מאָל אַרויס לעבעדיג פון דעם קבר. מיד און מיט סימנים פון דעם טויט־קאַמף אויפ׳ן פּנים — אָבער באַלד ווידער שטאַרק און געזונט — ביז צו אַ נייער קאַטאַסטראָפע. ווידער אַ שווערער שטיין אויף דעם פאַר־שאָטענעם קבר, און נאָכאַמאָל: אויפלעבונג.

אייגענטליך אַ יאָגד־געשיכטע. יעגער אין רויטע קליידער, אויף פערד, מיט שפּיזען, שווערדען, מיט אַלערליי כלי־זיין, נאָך זיי טשאַטעס הינט מיט שאַרפע ציין און בלוט־תאוה אין זייערע נאָזלעכער — זיי יאָגען זיך מיט אַ „האַלאַלו", מיט אַ טריאומף־געשריי, מיט אור־קולות פון וואַלד און פעלד נאָך אַ שוואַך, קליין חיה׳לע, אַ האָז אָדער אַ פיקסעלע. אָט־אָט אָנגעיאָגט איהם, שאַרפע ציין, שפּיציגע מעסער זיך אַריינגעביסען, אַריינגעשני־טען אין זיין גוף. באַלד־באַלד דער סוף. אָבער אין דעם לעצ־טען מאָמענט אַ ריס, אַ לעצטע אָנשטרענגונג, און דער קרבן אַנטלויפט פון זיינע קאַטעס. און דערנאָך ווידער און ווידער־אַמאָל — אָט אַזוי ביז צו אומענדליכקייט.

איך ווייס — דער משל איז אפשר אַביסעל צו מאָדערן, צו צפון׳דיג. אידען האָבען ניט ליב אַזעלכע פאַרגלייכען. איך ווייס — „גור אריה יהודה" — אַ לייב, דער קעניג פון דעם וואַלד. און אפשר לויט דעם געפילדער וואָס די אַנדערע פעלקער מאַ־כען וועגען אידען, לויט דעם אָרט וואָס אידען פאַרנעמען אין דער געשיכטע — אפשר באמת אַ יאָגד אויף אַ לייב. עס וואָלט לכל הפחות געהאַט אַ זין. עס וואָלט געווען אַ זשעסט.

אָבער — דאָס איז דאָך דאָס טראַגי־קאָמישע אין דעם לעבען, וואָס אַלע זשעסטען האָבען ניט קיין זין. און מען יאָגט זיך מיט גרעסערען אימפּעט און טומעל נאָך אַ האָז, ווי נאָך אַ לייב. לייענט די באַשרייבונגען פון די לייבען־ אָדער טיגערען־יעגער אין אַפ־ריקע אָדער אינדיע. דאָרט געהט עס צו שטיל, מיסטעריעז, מיס־טיש. דאָרט איז עס אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבען.

דאָ אָבער — וואָס פאַר אַ צוועק דער קאַמף, וואָס פאַר אַ זין די אידען־יאָגד וואָס געהט־אָן העכער צוויי טויזענט יאָהר? וועמען נוצט זי און וועמען ברענגט זי כבוד?

וועמען — אַחוץ אפשר אידען?

איך בלעטער אין דער געשיכטע פון היינריך גרעץ, דער איינציגער דערוויל וואָס גיט אַ ברייט, פּאַנאָראַמיש בילד, וואָס

מאַלט די וועלט־געשיכטע אין איהר אידישער אָפּשפּיגלונג. מחמת דאָס איז זי — די אידישע געשיכטע. עס איז אַ וועלט וואָס שטראַלט־אָפּ אין אַן אויג, עס איז אַ שפּיגעל — און אָפּט אַ זעהר קרומער — פון דעם לעבען און טראַכטען, פון דעם וואַקסען און פאַלען פון דער „וועלט־געשיכטע", דאָס הייסט דער געשיכטע פון אַזיע און אייראָפּע — און איצט שוין ווייטער און נאָך ברייטער.

אַ קרומער שפּיגעל — און דערפאַר דער בעסטער. ווייל דאָס לעבען פון אַן אַנדער ווינקעל, די מטבע אויף דער אַנדער זייט.

עס איז דאָך אייגענטליך די איינציגע געשיכטע פון באַזיגטע, דער איינציגער היסטאָרישער פּראָטעסט וואָס איז אונז געבליבען.

טויטע שוויגען. פעלקער צעטראָטענע, שטויב־געוואָרענע, זיינען פאַרשוואונדען, זאַמד האָט זיי פאַרשאָטען. זיי האָבען שלום געמאַכט מיט דעם גורל, זיי האָבען זיך אונטערגעגעבען. דאָ און דאָרט געבליבען דער אויסגעשריי פון אונטערגאַנג — דער קלאָג־געזאַנג פון קאַסאַנדראַ, ווען טראָיאַ האָט געברענט, אָבער עס איז געווען אַ ווייטער, פּאָעטיזירטער אָפּקלאַנג — אין דער פאַנטאַזיע פון דעם זיגער. דעם באַזיגטען אַליין האָט מען קיינמאָל ניט געהערט.

און דאָס איז דאָך אפשר דאָס מענשליכסטע אין דער געשיכטע בכלל: ווי שטאַרבט אַ פאָלק, ווי געהט־אונטער אַ קולטור, ווי פאַרשווינדען מלוכות?

געלערענטע גראָבען און געפינען — שטיינער, מצבות, ווענט און חורבות. אויף די שטיינער אויפשריפטען. אין די אויפשריפטען — מענשען־גורל. אָבער אַלץ נאָך פון דער צייט ווען די מענשען זיינען געווען אין זייער גדולה, קיינמאָל ניט ווען זיי זיינען געווען ביי דער נפילה, אָדער נאָכדעם ווי זייער כוח איז געבראָכען געוואָרען. מיר ווייסען פון די חתים, למשל, מיר ווייסען היינט, אַז זיי זיינען געווען אַ גרויס און מעכטיג פאָלק, אַז זיי האָבען באַהערשט קליין־אַזיע, געווען אַ מין רוים פון די גרייך־גרויע צייטען, און פון יענער צייט אַ פּאָר פראַגמענטען. דער חתי געהט־אַראָפּ פון דער בינע — און פאַרשטומט. און קיינער ווייסט ניט, וועט קיינמאָל ניט ווייסען, וואָס דער חתי האָט געטראַכט, ווי אַזוי ער האָט געליטען — ווען ער האָט געהאַלטען

ביי דער גסיסה. מענשען לאָזען זעלטען איבער אַ וידוי — פעל־קער קיינמאָל ניט. דאָס איינציגע פאָלק בלויז, וואָס איז תמיד געווען אין אַ מין גסיסה־צושטאַנד, שטענדיג דער חלף אויפ׳ן האַלז און תמיד גרייט צום וידוי — דאָס אידישע.

און דערפאַר איז די אידישע געשיכטע אַזוי אַטעם־פאַר־כאַפּענדיג, ווייל אַ שטענדיגער וידוי־זאָגען. און דעריבער איז זי אַזוי שווער צו פאַרשטעהן, צו ראַציאָנאַליזירען, צו „באַגרינדען״, ווייל זי איז די געשיכטע פון מאָמענטען — קריטישע, געפעהר־ליכע — און ניט פון אַ פליסיגען, רוהיגען געשעהן.

מען קאָן, צ. ב., אויסטייטשען די גריכישע, די רוימישע, די איראָפּעאישע געשיכטע אויף אַלערליי אופנים: אַידעאַליס־טיש, מאַטעריאַליסטיש, אויסשיילען און באַטאָנען איהרע גייס־טיגע מאָמענטען — פרייהייט, הערשאַפט, ענערגיע־מאָטיווען, מען קאָן זי זעהן אויך ווי אַ ריין עקאָנאָמישען פּראָצעס.

אַזוי האָט, צ. ב., מאָמזען געמאָלען די געשיכטע פון רוים ווי דעם וועג פון אַ פאָלק צו דער וועלט־הערשאַפט — גרופּירט די גאַנצע רוימישע היסטאָריע אַרום יוליוס צעזאַר. אַנדערע אָבער — ווי דער היסטאָריקער שוואַרץ — האָבען אַוועקגעשטעלט אין דעם מיטעלפּונקט פון רוים — די גראַקכען, די קעמפער פאַר דעם עקאָנאָמישען אויסגלייך צווישען די גרויס־גרונטבאַזיצער און דעם פּראָלעטאַריאַט.

איינזייטיג ביידע — אָבער פון אַזאַ שטאַנדפּונקט געזעהן אָדער פון אַן אַנדערען — די געשיכטע פון רוים האָט דאָך אַ זין, איז פאַרט פאַרשטענדליך.

אָבער די אידישע געשיכטע לאָזט זיך גאָר ניט אויסטיי־טשען. אידעאַליסטיש? מיינט עס מיסטיש, מיינט עס, אַז אַ גאַנץ פאָלק האָט געליטען און געקעמפט צוליב אַן אידייע, אַ וועלט־אידייע, און די גאַנצע וועלט האָט זי ניט געוואָלט אַקצעפּ־טירען. קאָן מען עס אַזוי ערקלערען? פראַגען אויף פראַגען און וואונדער נאָך וואונדער. מיט מיסטיק קאָן מען ניט דער־געהן צו דעם סוד פון דער געשיכטע.

עקאָנאָמיש, מאַטעריאַליסטיש, מאַרקסיסטיש? ווי אַזוי? מען קאָן אפשר נאָך פאַרשטעהן דאָ און דאָרט די סיבות פון אַ גזירה, פון אַן אַנפאַל, פון אַ פּאָגראָם, — אָבער ניט צו פאַר־

שטעהן איז די געשיכטע פון אידען ווי א גאנצקייט. און נאך וויניגער — די באציהונג פון אנדערע, פון אלע, צו אידען.

טאקע תמיד בלויז קאנקורענץ, בלויז קנאה, געלט־ווירט־שאפט אנטקעגען נאטור־ווירטשאפט, שטאדט אנטקעגען דארף? טראגען מיר ניט אריבער אונזערע אייגענע באגריפען, די מאטי־ווען פון דעם אנטיסעמיטיזם אין דעם ניינצענטען יאהרהונדערט אויף די פריהערדיגע דורות? איך זאג: דעם ניינצענטען, ווייל שוין אין דעם צוואנציגסטען זיינען די סיבות אנדערע, האבען שוין די מאטיוען א נייעם קנייטש. און אויב מיר קאנען ניט ערקלערען דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט דורך דעם ניינצענ־טען — ווי אזוי קאנען מיר איבערטראגען היינטיגע אידייען אויף דעם אלטערטום, אויף דעם מיטעלאלטער?

און דערפאר זיינען אלע פרואווען פון אלע פארשער — אויף דעם געביט פון אידישער געשיכטע —אזוי וויט ווי זיי זיי־נען מיר באקאנט, אומגעראטענע און „מעהר דיכטונג ווי ווא־הייט". פאלש איז דער קולטור־רעליגיעזער צוגאנג פון שירער און קיטעל, פאלש די אנטראפאלאגישע, כמעט ראסען־פסיכאלא־גישע, מעטאדע פון עדווארד מאיער, פאלש און פאנטאסטיש אויך די זעהר שארפזיניגע, זעהר שפיציגע סאציאל־עקאנאמישע ער־קלערונג פון מאקס וועבער און זיינע „רעליגיעז־היסטארישע פארשונגען" וועגען דעם אלטען אידענטום.

דאס אידישע לעבען קאן מען גאר ניט פארשטעהן. מען קאן עס נאר מאלען. און מאלען — ד. ה. קינסטלעריש אויפ־פאסען — הייסט אריינדרינגען אין איהם, זעהן עס, אזוי צו זאגען, פון אינווייניג.

דאס איז אויך א פאלש בילד. ווייל אן אוממעגליכע אויפ־גאבע. ווייל קיינער קאן גאר ניט האבען אזא דיסטאנץ צו א פאלק — אז ער זאל איהם קאנען זעהן און באאורטיילען אביעק־טיוו. און איז מען אביעקטיוו — איז מען זייטיג — ווי קאן מען בכלל אורטיילען?

און ווער זאגט עס גלאט, אז מיר מוזען אורטיילען? א מענש, אדער א פאלק, איין לעבען אדער דורות און קייטען — ווער זאגט עס אונז, אז זיי מוזען אונז אפגעבען דין וחשבון פאר דעם וואס זיי האבען געטאן אדער געליטען?

דאס איז אפשר די גרעסטע מעלה פון גרעץ: ער זוכט ניט

צופיל סודות און סיבות און פאַרבאַרגענעם זין. ער מאָלט די פּאַסאַדען, די פלאַכען. ער גראָבט ניט צו טיף.

היסטאָריש אַ חסרון — פילאָזאָפיש און קינסטלעריש אַ מעלה. מחמת — ער לאָזט פריי די געשיכטע. ער צוימט ניט איין דעם טייך — ער עפנט די דאַמבען. און זאָל יעדער זעהן אין די כוואַליעס וואָס ער וויל, ווי ער קאָן.

גרעץ מאָלט. מאָלט נאָר געשטאַלטען אָדער לאַנדשאַפטען. ווי די אַלטע מאָלער פלעגען טאָן. די „ספומאַטורא" — דאָס אומבאשטימטע, דאָס וואָס איז — „צווישען" — דאָס וואָס האָט ניט קיין באַשטימטע געשטאַלט, די פאַרב, די אַטמאָספערע, אָט די דאָזיגע מייסטערשאַפט פון אַ לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי — זי פעהלט איהם.

אָט מאָלט ער ירושלים און איהר שטענדיגע טראַגעדיע. צעשטערט און ווידער אויפגעבויט ווי געוועזן, נאָכאַמאָל וויסט און חרוב. קאָן מען דאָ זעהן בלויז פעסטע געשטאַלטען, קעמפער, פאַר און געגען — סיקריקין, פאַנאַטיקער, שלום־זוכער, שטורעמער און שטילע?

און דאָס פאָלק — אָט דער „משה" פון די געסלעך, אָט דער קרעמער ביי דער „שוק העליון" — דער פיש־פאַרקויפער ביי די טויערען — דער פויער פון דעם דאָרף — וואו זיינען זיי? זייערע לידער, זייערע חלומות — ווי האָבען זיי געקלונגען? און די „חכמים" — ווי האָבען זיי מענשליך אויסגעזעהן? דער קאַמף צווישען די תנאים, די שולען, בית־הלל און בית־שמאי — אַרום וואָס האָט זיך עס געדרעהט? עס איז גענוג צו לייענען די משנה — מסכתות ווי כלאים און פאה, תרומה און דמאי, כדי צו דערפיהלען דעם ריח פון די פעלדער, דעם רויך פון דער ערד.

גרעץ האָט דעם ריח ניט געפיהלט. ניט מעגליך געוועזן פאַר איהם. מען קאָן גאָר ניט, אפילו ווען מען איז דער געניאַלסטער היסטאָריקער, דער גלענצענדסטער סטיליסט און דער גרעסטער געלערענטער — פיהלען אַ גאַנצע וועלט — פאַר דעם משך פון דריי טויזענט יאָהר, אין אַלע איהרע דעטאַלען. אוממעגליך צו זעהן מיט דער אייגענער שאַרפקייט פון דעם אויג — מואב פון רות'ס צייטען און פערסיע פון אסתר'ס, דעם גליל ווען די פישער־לייט פון דעם ים כנרת זיינען ארויסגעפאָרען „כאַפּען נשמות",

דעם אַראָמאַט פון אַנדאַלוזיע און דעם רויך פון די קאַסטילישע שייטערהויפּנס, דעם הערינג־געריך פון דער „פלאָך־בורג" אין אַמסטערדאַם, וואו די שפּאַנישע אַנוסים האָבן זיך באַזעצט, און די בלאָטעס פון מעדזשיבאַש.

אומצעהליגע אַרבייטן, פאָרשונגען, סטודיען, מאַטעריאַל־באַאַרבייטונגען מוזן ערשט קומען, ביז אַ צווייטער גרעץ וועט אויפשטעהן און מאָלן אויפ'סניי — מאָלן אויף אַ נייעם אופן, מיט דעם פּינזעל פון אַ היינטיגען קינסטלער — דאָס טויזענט־געשטאַלטיגע בילד וואָס הייסט אידישע געשיכטע.

און דערצו — אַ געשיכטע וואָס האָט זיך נאָך ניט אָפּגעשטעלט. אַ טייך וואָס רינט נאָך און זוכט נאָך אַ וועג. נייע קוואַלען, פרישע רעגען־שטורעמס, און פּלוצלינג אַ נייע ווענדונג — און מען מוז נאָכלויפען דעם שטראָם.

שווער צו זיין אַ היסטאָריקער פון דעם אידישען פאָלק. כמעט אַזוי שווער ווי צו זיין — דער טרעגער פון דער אידישער געשיכטע.

2.

אחד־העם האָט אַמאָל געשטעלט די פראַגע, די קאַרדינאַל פראַגע, פון דער אידישער געשיכטע: איז דאָס מעגליך, אַז „כל העולם חייב ואנחנו זכאים" — די גאַנצע וועלט זאָל זיין שולדיג און מיר אַליין די ריינע, כשר'ע, די גערעכטע? ער האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע אין דעם צוזאַמענהאַנג מיט דעם בלוט־בלבול אויף אידען, און זיין ענטפער איז געווען: יאָ, עס איז מעגליך. אַ ראיה — דער בלוט־בלבול.

הלואי וואָלט אחד־העם געווען גערעכט. עס וואָלט זיך דעמאָלט אַלצדינג געלוינט. עס וואָלט אפילו כדאי געווען אַ בלוט־בלבול, אַבי האָבן די פּולע, די גאַנצע איבערצייגונג, אַז אין דער דאָזיגער וועלט אונזערער, דער וועלט פון אומזין און פון כאַאָס, פון דעם ברענענדיגען לעבענסווילען און לעבענס־הונגער, וואָס קאָן קוים־קוים איינגעצאַמט און איינגעשטילט ווערען, איז פאַראַן איין גרופּע מענשען, וואָס האָט גובר געווען אין זיך די חיה.

אָבער עס איז גרינגער צו זאָגען, ווי צו באַווייזען. און

די גרויסע טראַגעדיע פון דעם הייַנטיגען מענשען איז — זיין ספק אין דעם „אתה בחרתנו" מאָטיוו.

זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, די וואָרצעל־האָקער, אַז אַן אידייע, וואָס זי זאָל ניט זיין, איז ניט מעהר ווי אַן „אַטיטודע", אויב איך קאָן זיך אַזוי אויסדריקען אין דער טערמינאָלאָגיע פון דער טאַנץ־קונסט; ד. ה. אַ שטעלונג, אַ פּאָזע, אַ זשעסט. די גריכען האָבען אָנגענומען די שטעלונג פון דעם דענקער און קינסטלער. דער רוימער — פון דעם פּאָליטיקער און הערשער, פּונקט ווי יעדער פראַנצויז שפּילט דעם „קלאָרען קאָפּ" און דער דייטש — דעם „טרוימער", און דער רוס — דעם „גאָט־זוכער" (צי דאָס איז גאָט פון דער רעליגיע, צי גאָט פון דער סאָציאָלער רעוואָלוציע, דער זשעסט איז דער אייגענער), די פּאָזע ווערט געוואוינהייט, די געוואוינהייט — נאַטור, און פון דעם שפּיל ווערט ערנסט.

אידען האָבען אַזוי לאַנג געשפּילט אין דער געשיכטע — זיך פאַרגעשפּילט — די ראָלע פון דעם „אתה־בחרתנו", אַז עס איז געווען אַ טייל, אַ גרונט־עלעמענט פון דער אידישער באַציהונג צו דעם לעבען. זיי האָבען באַקומען דרך־ארץ פאַר זיך אַליין, און די אַנדערע, די ניט־אידישע וועלט האָט אויך געגלויבט אין דער אידישער היסטאָרישער ראָלע, אָדער מיסיע. עס האָט זיי פאַרדראָסען, זיי האָבען געהאַט אַ שנאה צו דעם אידען, אָבער אין דעם עצם פון דער זאַך אַליין זיינען זיי מסכים געווען. דער איד איז אַן אויסנאַם פון דעם כלל, ניט אַזאַ מענש ווי יעדע אַנדערע צוויי־פיסיגע בריאה. ער איז אַ „סוד". און ווייל אַן אויסנאַם און אַ פּריווילעגירטער, מוז ער אויך טראָגען די קאָנסעקווענצען, מוז אויך צאָלען.

און ווי שווער און ביטער די אידישע לאַגע איז ניט געווען — מאָראַליש, ביי זיך, אין די פיר ווענט פון זיין הויז אָדער פון זיין געטאָ — איז דער איד געווען דער „האַר פון דער וועלט", דער אויסגעקליבענער, דער אַריסטאָקראַט.

אָבער מיט דער עמאַנסיפּאַציע, מיט דער דערוויַיטערונג פון די האָריזאָנטען, האָט זיך דאָס אידישע זעלבסטגעפיהל אויסגעליידיגט. ער גלויבט ניט מעהר אין זיך, האָט ניט מעהר קיין דרך־ארץ און קיין יראת־הכבוד ניט פאַר זיין הייַנט און אויך ניט פאַר זיין נעכטען. און, לאָמיר זיך ניט נאַרען, דער גרעס־

טער אַנטיסעמיט איז ניט טשעמבערלען אָדער היטלער, אָדער דער פוילישער ראַזוואַי־פּראָפּאַגאַנדיסט, נאָר דער היינטיגער איד אַליין, בפרט דער אידישער באַוואוסטזיניגער מענש, דער אינ־טעליגענט. ער האָט דעם גרעסטען ביטול צו יעדער זאַך, וואָס איז אידיש, צי דאָס איז שפּראַך, קולטור, געדאַנק אָדער לעבענס־שטייגער. און פון דעם אינטעליגענט געהט דער ביטול אַריבער צו דעם פאָלקסמענשען. אויך דאָרט, אויך אין די טונקעלע טיפע־נישען פון דעם פאָלק — די אייגענע כלאחר־יד באַציהנוג, די אייגענע שטילע פאַראַכטונג, און אַמאָל גאָר ניט אַזוי שטיל — צו אידען און אידענטום.

די גרונט־באַציהונג איז פאַרשוואונדען. אידען זיינען גע־וואָרען אויס מיוחסים ביי זיך. און עס הויבט־אָן צו דערגעהן ביז צו די ניט־אידען. זיי זיינען איצט אויס „מיוחסים" פון פאַר־פאָלגונג, פון אויסנאַם־שטעלונג. און מיר זיינען אויף דעם וועג צו ווערען בכלל אַ „קוואַנטיטע נעגליזשאַבל", אָהן באַדייטונג אין דער וועלט.

איז דאָס בילד ריכטיג אָדער פאַלש?

עשו — גוט, תאוה, מלחמה, אַ טאָפּ פון לינזען, אָבער פאָרט, אויסגעבויט אַן ערד, חרוב געמאַכט און ווייטער געבויט, וויסענ־שאַפטען, חכמות, חקירות, קונסט — וואָס ניט? און יעקב — „אַרויף און אַראָפּ די מלאכים", און ער ליגט אויף אַ שטיין און חלומ'ט!

עס קומט מיר אין זין אַ רייז, אַ שעהן וואָרט, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט אין אַ כמעט־פאַרגעסענעם בוך פון אַ כמעט־פאַרגעסענעם פילאָזאָף, הערמאַן לאָטצע, „דער מיקראָקאָזמוס": „די אַלטע פעלקער האָבען געהאַט אַ פאַרשטעלונג פון דעם אידען, ווי פון אַ מענשען, וואָס געהט־אַרום אַ פאַר'חלומ'טער אין אַ וועלט פון אַרבייט און באַשעפטיגונג". עס איז אַ בילד, געזעהן פון פרעמדע, זייטיגע, אומפריינטליכע אויגען. און דערפאַר אויך אינטערעסאַנט. באמת, ווי אַזוי האָט דער איד געמוזט אויסקוקען אין די אויגען פון אַ געבילדעטען גריך אָדער רוימער? דאָרט, אין אַטהען, אין קאָרינטה, אין רוים — אַ לעבען פון אַרבייט אויף אַלע געביטען. אַרבייט מיינט אַ צוועק, דער צוועק איז לעבען — ער שטעהט פאַר די אויגען. עס איז וואוילטאָג, פאַר־געניגען, שעהנקייט, וויסען, מאַכט.

און דאָ גײעט אַרום אַ איד — און איך שטעל אַוועק צוויי טיפּען, איינעם אַנטקעגען דעם צווייטען, דעם גריכיש־רוימישען אינטעליגענט און דעם אידישען תלמיד־חכם — גײעט־אַרום אַ מענש, פאַרטאָן אין „עולמות", האָט ניט קיין שום אינטערעס אין דער רייכער וועלט אַרום איהם, פאַרשליסט די אויגען אין דעם אייביגען „שמע", זיצט אין דער ישיבה און לערענט. וואָס לערענט ער? דינים, און מוסר און אַמאָליגע ווערטער. קומט אַ איד און וויל זיך באַמיהען צו פאַרשטעהן דעם הימעל, די ערד, לערענט חכמות, קוקט דער תלמיד־חכם אויף איהם פון אויבען אַראָפּ מיט איראָניע און מיט פאַרדרוס. רבי יוחנן האָט ניט געהאַלטען פון שמואל — מר שמואל פון נהרדעא, וואָס איז געװען אַ מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, אַחוץ זיין לומדות אין תורה — וויל „הוא בקי בחשבון". עפּעס קען ער צופיל, עפּעס האָט ער זיך צופיל באַשעפטיגט מיט „זייטיגע ספרים" און פרעמדע חכמות, כדי צו זיין אָן אמת'ער תלמיד־חכם. און דאָס גאַנצע לערנען, דער געדאַנקען־גאַנג איז געװען אַזוי מערקווירדיג, פאַר־שידען, אַזוי אָפּגעפרעמדט פון אַלצדינג וואָס איז, אָהן אַ שייכות צום טאָג, וואָס פאַרגעהט, אָהן אַ פּראַקטישען צוועק. און פּראַק־טיש הייסט ניט בלויז דאָס, וואָס קאָן תיכף אויסגענוצט ווערען פאַר דעם לעבען. פּראַקטיש איז דאָס, וואָס האָט אַ באַציהונג צו דעם לעבעדיגען מאָמענט, צו דעם היינט, צו דעם נאָר־וואָס, און ניט בלויז צו אַ ווייטען מאָרגען, צו אַ „וועלט, וואָס וועט קומען", צו דעם חלום.

און אַזוי האָט זיך געשאַפען דער אָריגינעלער פּאַראַדאָקס: אידען, דאָס פּראַקטישסטע פאָלק פון דער וועלט, אין זייער אינדיווידועלער האַלטונג, זיינען געווען, אָדער געוואָרען, אַ חלום־פאָלק אין זייער קיבוץ־לעבען. יעדער איד באַזונדער — אַ מענש פון געזונטען מענשען־פאַרשטאַנד; גרייט צו קאָמפּראָמיסען; בויגט־איין דעם קאָפּ, וואו די טיר איז צו־נידעריג. דאָס אידענ־טום אין זיין גאַנצקייט — אָהן קאָמפּראָמיסען — ד. ה. אָהן באַ־ציהונג צו דער אַרומיגער וועלט, און „זאָל דער דין שפּאַלטען דעם באַרג".

אַלצדינג אין דעם אידישען לעבען איז אַוועקגעשטעלט אויף דעם חלום־באַזיס. די פּאָליטיק, כל־זמן עס איז נאָך געווען אַ אידישע זעלבסטשטענדיגקייט. אומפאַרשטענדליך פון דעם רעאַ־

ליסטישען געזיכט־פונקט. אומבאַגרייפליך, פאַרוואָס זיי האָבען ניט געקאָנט אויסהאַלטען דעם איך, ווי די גריכען, אָדער אַסימי־לירט ווערען, ווי די גאַלען אין פראַנקרייך אָדער שפּאַניע.

אומפאַרשטענדליך די האַלטונג פון דעם „פאָלק", די אונ־טערטעניגקייט פון דעם אידישען דאָרף צו דער שטאָדט, צו די כהנים, צו די חכמים. אַלצדינג אָהן אַ רעאַלען הינטערגרונט. אַלצדינג ווי אין אַ טראַנס, אין אַן עקסטאַז.

און דערנאָך — אפשר איז דאָס דער הויפּט־אינהאַלט פון דער אידישער געשיכטע — אָט דער „דערנאָך"?

איך בלעטער אין דער געשיכטע — אין גרעץ — און וויל ווידער פאַרשטעהן דעם סוד פון דעם „גלות". עס איז דאָך זעהר כאַראַקטעריסטיש, אַז דער גלות איז ניט קיין פּאָליטיש־היסטאָרישע, נאָר אַ פּסיכישע ערשיינונג. פאַר דעם חורבן ירושלים איז דער גלות געווען פונקט אַזוי גרויס, אָדער כמעט אַזוי גרויס, ווי נאָך דעם חורבן. גרויסע מאַסען אידען אין מצרים, אין בבל, אין גאַנץ אַזיע, אידען אין רוים — אַ גאַנצער שטאָדט־טייל באַזעצט פון זיי, אידען אין דייטשלאַנד, אין שפּאַניע — אין די אַלטע לעגענדעס פון די דייטשע און שפּאַנישע אידען איז דאָ אַ היסטאָרישער קערן, אָט אַזוי דערצעהלט די לעגענדע, אַז די ערשטע אידען זיינען געקומען קיין שפּאַניע צום ערשטען מאָל אין דער צייט פון שלמה המלך, פאַרבונדען מיט דעם נאָמען אדונירם. אַזוי דערצעהלט מען, אַז נחמיה האָט געשיקט אַ בריוו צו די אידען פון וואָרמס, בעטענדיג ביי זיי הילף פאַר דעם אויפבוי פון דעם בית־המקדש, א. אַז. וו. לעגענדעס, געוויס, אָבער זיי זיינען אַן אָנווייז אויף דער אַלטקייט, אויף דער פאַר־חורבנ'קייט פון דעם גלות.

און עס איז גאָר ניט איינגעפאַלען, די אידען פון אַלעקסאַנ־דריע אָדער פון קאַפּאַדאָקיע און איטאַליע, אַז זיי זיינען אין „גלות", פונקט ווי די איטאַליענער, וואָס האָבען אימיגרירט קיין ניו יאָרק טרויערען ניט נאָך דער אַלטער היים, בענקען ניט טאָג און נאַכט נאָך רוים.

ערשט ווען ירושלים איז חרוב געוואָרען, ווען די חכמים האָבען, אַזוי צו זאָגען, אָפיציעל ערקלערט דעם פּערמאַנענטען גלות, איז ביי אידען רייף געוואָרען דער גלות־באַוואוסטזיין.

און ירושלים, וואָס איז פריהער געווען אַ ווייטער, כמעט

מיסטישער באַגריף, איז געוואָרען אַ צענטער פון טראַכטען און פון שטרעבען.

געוויס, איך האָב ביי גרעצ'ן ניט געפונען קיין ענטפער אויף דער פראַגע, און זי איז פונקט אַזוי אומפאַרענטפערט ווי די קשיא, וואָס אחד־העם האָט געשטעלט. נאָך מעהר, גרעץ און די היס־טאָריקער נאָך איהם פיהלען גאָר ניט די פראַגע. זי געהט אַרי־בער די גרענעצען פון זייער היסטאָרישען אינטערעס און פאַר־שטענדניש. אָבער, ווי זאָגט מען דאָך: „די געשיכטע איז די לערערין פון דעם לעבען״ — אַ לערערין ניט אין דעם, וואָס זי לערענט, ווי צו לעבען, וואָס צו טאָן, נאָר ווי צו טראַכטען וועגען דעם לעבען.

און עס טראַכט זיך אַזוי פריש, אַזוי אינטים, מיט דער ברייטער היסטאָרישער פּאַנאָראַמע פאַר זיך, יעדער פאַקט, יעדע ערשיינונג רעגט־אָן, רעגט־אויף, רייצט צו פרעגען און צו פרעגען.

בפרט, ווען די פראַגען זיינען אַזוי וויכטיג, פון אַזאַ ווי־טאַלער באַדייטונג פאַר דעם היינטיגען טאָג, פאַר דעם היינט.

מיר שטעהען דאָך היינט, פונקט ווי מיט צוויי טויזענט יאָהר צוריק, אין דער צייט אַרום דעם חורבן — פאַר אַ קריזיס, ד. ה. פאַר אַן אַנטשיידונג און אַן אויפלייזונג. אויפלייזונג מיינט, אַז דאָס פאַרהאַרטעוועטע, פאַרביינערטע, וועט ווידער פליסיג, אַז איין פאָרם געהט־איבער אין אַן אַנדערער. און מיר האָבען זיך נאָך קיינמאָל ניט גענויטיגט אַזוי שטאַרק אין אַ פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע, ווי גראָד איצט.

נאָך מעהר, עס איז איצט דאָס ערשטע מאָל, ווען געשיכטע בכלל איז געוואָרען פאַר אונז אַקטועל.

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אידען האָבען זיך קיינמאָל ניט — אין די קלאַסישע צייטען פון דעם אידישען לעבען — אָפּגעגעבען מיט זייער אייגענער געשיכטע. דאָס ביסעל וואָס איז געווען, איז אויך פאַרלוירען־געגאַנגען, ערגעץ־וואו פאַרפאַלען, ווייל אידען האָבען עס ניט באַדאַרפט. פונקט ווי די אינדיער. זיי האָבען אויך ניט קיין געשיכטע. לעגענדעס, חקירות, הויכע, הימעל־שפּאַלטענדע מעטאַפיזיק, נאָר ניט קיין געשיכטע. עס פעהלט זיי אויך דער זין פאַר דער קאָנקרעטערווירקליכקייט. זייער ציל איז אויך — די וועלט, וואָס וועט קומען, און זי איז דערצו נאָך „נירוואַנאַ״, די וועלט פון גאָרנישט, אָהן פאָרמען,

אָהן אינהאַלט, ריינע אידייע. און דאָרט, וואו בלויז אידייע, דאָרט איז ניטאָ קיין געשעהן, ניט מעגליך קיין געשיכטע. געשיכטע הויבט־זיך אָן, ווען צוועקען בייטען זיך, ווען יעדע צייט, יעדער לעבען ווערט אַ ציל פאַר זיך; ווען יעדער דור איז — אין זיין אייגענעם זכות. און דערפאַר פאַר זיך אַליין אַ פראַגע.

און אַזאַ צייט איז געקומען פאַר אינדיע — אויף איהר אופן — די צייט פון פאָליטיק, פון יאָ, פון אָפּשטויסען די „ניר־וואַנאַ”. און אַזאַ צייט איז געקומען פאַר דעם אידישען קיבוץ.

די אידישע געשיכטע שטעהט פאַר צוויי וועגען: שלום אָדער אַנהויב. אויף דעם ביזאַהעריגען וועג פון צוויי וועלטען, צוויי צילען, פון חלום און ווירקליכקייט, קאָן מען ניט מעהר געהן. מיר מוזען זיך אַנטשליסען.

דעצעמבער 19־20, 1931.

ווען אברם איז יונג געווען

ער איז געווען גאָר יונג. און האָט נאָך געהייסען אברם. פשוט אברם, — דער זוהן פון תרח. דער אַלטער תרח — ווי אַלע מדרשים דערצעהלען — איז געווען אַ קרעמער, — אַ סוחר, אַ מין „מאַר־שאַן", מיט אַלערליי רעליגיעזע מכשירים. אַ פיינע און רייכע קראָם — איינע פון די בעסטע אין דער גרויסער שטאָדט אור־כשדים. וואָס האָט מען ניט געקאָנט קריגען אין תרח'ס געטער־קראָם? גרויסע געטער — עאַ, דער גרויסער גאָט פון דעם הימעל און מרודך זיין זוהן, גיביל, דער פייער־גאָט, און בינדאַר, דער ביי־זער, שלעכטער גאָט, פאַרשיידענע שדים, די ענונאַקים (אָדער „ענקים"), די גייסטער פון דער ערד, געטער אין אַלערליי גע־שטאַלטען: דער קאָפּ פון אַ מענשען און דער גוף פון אַ לייב, אָדער אַ ריזען־מענש מיט פליגלען, אָדער אַ מענש מיט דעם לייב פון אַ פיש — אַלצדינג איז געווען אין תרח'ס געשעפט.

און פרומע כשדים פלעגען אַריינקומען אַהין, פאַרנייגען זיך טיף פאַר די סטאַטועז וואָס זיינען געשטאַנען לעבען דער וואַנט, געוואָרפען זיך אויף דער ערד — און געזאָגט זייערע תפילות, לאַנגע אָדער קורצע — לויט דעם גאָט, וואָס זיי האָבען גראָד באַדאַרפט קויפען. זיך אויסגעקוקט אַ גאָט, אויסגעדונגען דעם פרייז, און דער בירגער אָדער בירגערין פון אור האָט גענומען דעם גאָט אונטער'ן אָרעם און פרעהליך געגאַנגען אַהיים מיט איהם — אַהיים, אָדער צו דעם גרויסען „זיגוראַט", דעם טורעם, וואָס איז געווען אויך דער צענטראַל־טעמפּעל פון דער שטאָדט.

און די אידישע לעגענדע דערציילט מיט אַן אייגענאַרטיגען הומאָר, ווי דער יונגער אברם איז אַמאָל געבליבען אַליין אין דעם געשעפט פון זיין פאָטער, — תרח איז אַוועקגעגאַנגען אין שטאָדט אַריין, ער האָט געהאַט מן הסתם גרויסע באַשטעלונגען — און האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ טעאָלאָגישען ויכוח וועגען גאָט און געטער, און האָט שיער ניט רואינירט דעם טאַטענ'ס מסחר. און דער רע־זולטאַט איז געווען אַ זעהר אייגענאַרטיגער. די בירגער פון אור האָבען, הפנים, ניט געהאַלטען פון פריידענקער און פילאָזאָפען,

און עס איז זיי גאָרנישט געפעלען וואָס אַ יונגער סוחר ערלויבט זיך צו זיין אַן אפּיקורוס — און תרח'ס געשעפטען זיינען באַלד געוואָרען אַזוי וואַקעלדיג, אַז ער האָט געמוזט עמיגרירען — אינ־איינעם מיט זיינע צוויי זיהן אברם און נחור.

און דאָס איבעריגע איז באַקאַנט. תרח איז געשטאָרבען אין דער פרעמד, ניט געקאַנט פאַרגעסען זיין אַלטע היים, פון נחור'ן איז אויך גאָרנישט געוואָרען — בלויז אברהם האָט זיך אַרויפ־געאַרבייט. ער האָט געביטען זיין נאָמען — פון אברם געוואָרען אברהם — אַן אַלטע אידישע טבע, — און געוואָרען — נו, וואָס ער איז געוואָרען ווייסען מיר אַלע און פיהלען עס אַלע אין די ביינער.

*
**

ערשט ניט לאַנג צוריק איז עס געווען כמעט „גוטער טאָן" צווישען היסטאָריקער און גלאַט געבילדעטע מענשען צו שמייכלען ביים נאָמען „אברהם". די גאַנצע ביבלישע געשיכטע — דער־צעהלט אַזוי קורץ, אין אַ פּאָר שורות — האָט זיך אויסגעוויזען אַזוי פאַנטאַסטיש, אַזוי אומהיסטאָריש, אַז עס איז גאָר „קיין ספק ניט געווען", אַז דאָס גאַנצע איז גלאַט אַ לעגענדע. היסטאָריקער מיט פאַנטאַזיע האָבען געזוכט ראיות פון אַלערליי ווינקלען, אַז אברהם איז געווען ניט מעהר ווי דער נאָמען פון אַן אַלטען גאָט. עס איז געווען ניט אינגאַנצען קלאָר, וואָס פאַר אַ גאָט — פון זון אָדער לבנה. און אַפילו אַזאַ געלערענטער ווי עדואַרד מייער, באמת אַ גרויסער פאָרשער, באַמיט זיך צו באַווייזען, אַז אברהם און שרה זיינען געווען נעמען פון צוויי לאָקאַל־געטער ערגעץ וואו אין כנען — און אַז די שפּעטערע לעגענדע האָט געמאַכט פון זיי די עלטערען פון דעם אידישען פאָלק.

דער ספק אין אברהמ'ס רעאַליטעט האָט זיך גענומען צום גרויסען טייל דערפון, וואָס מען האָט זיך ניט געקאַנט פאָרשטע־לען, אַז עס איז באמת געווען אַזאַ אור־כשדים, אַז די גאַנצע גע־שיכטע פון דעם מבול, פון דעם טורעם פון בבל א. אַז. וו. זיינען געווען אמת'ע פאַסירונגען. מען האָט די ביבעל אויסגעטייטשט — ווי די ביבעל האָט געוואָלט — אין אַ וועלט מאַסשטאַב — און דערפון די פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס, וואָס די היסטאָריקער האָבען געשפונען ארום דער ביבעל־לעגענדע. מבול? וועלט־מבול? ווען האָט דאָס פאַסירט? וואו זיינען פאַראַן געאָלאָגישע באַווייזען דערפאַר? מען האָט אַ צייט אפילו געמיינט, אַז די לע־

גענדע פון מבול — וואָס איז פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און געפינט זיך אין די מיטאָלאָגיעס פון די פאַרשיידענסטע וויטסטע פעלקער, איז אַ רמז אויף דער גרויסער געאָלאָגישער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אַמאָל, אין פאַרגעסענע צייטן, צעריסען די ערד, אָפּגעטיילט אַפריקע פון איראָפּע, אַזיע פון אַמעריקע, און צעשטערט אַ גאַנצען הויך־קולטיווירטען קאָנטינענט. וואָס טראָגט אין דער גריכישער לעגענדע דעם נאָמען „אַטלאַנטיס".

און ווען אַזוי ברייט גענומען, פאַרלירט באמת די גאַנצע ביבלישע געשיכטע — און ממילא אברהם און אור־כשדים אודאי — יעדען געשיכטליכען ווערט.

אָבער די נייסטע פאַרשונג האָט איינגעצוימט די פאַנטאַזיע. אויפ'ן אָרט פון וועלט־געשיכטע איז די ביבלישע כראָניק געוואָרען די געשיכטע פון אַ באַשטימטען לאַנד, פון אַ גאַנץ באַשרענקטען געביט — און טאַקע ווי עס שטעהט געשריבען — די געשיכטע פון מעסאָפּאָטאַמיע, פון דעם לאַנד צווישען צוויי טייכען — דעם טיגריס און דעם אייפראַט (פרת און חדקל), דעם לאַנד וואָס ציהט זיך פון דעם פערזישען גאָלף ביז צו דעם סירישען מדבר, צום מזרח־איראַן, די מלוכה פון מדי, וואָס געהט אַריבער אין צענטראַל־אַזיע און ציהט זיך ביז צום קאַספּישען ים, אין צפון — אַרמעניע, דאָס לאַנד וואָס האָט אַמאָל געהייסען אוראַרט (דער באַרג אררט) — און צום מערב צו דער וויג פון די סעמיטישע פעלקער — אַראַביע.

ביז צום נייַנצענטען יאָהרהונדערט האָט קיינער גאָר ניט געהאָט דעם מינדסטען ספק, אַז אָט דאָס לאַנד צווישען די צוויי טייכען — איז געווען אַ ריין סעמיטיש לאַנד, און אַז זיין געשיכטע איז אויסשליסליך די געשיכטע פון אשור און בבל. אמת, שוין אין דער ביבעל קומען פאָר אַזעלכע נעמען ווי „שנער" — מיר ווייסען פון שמיר און ארד, פון שטעדט — אָדער מלוכות — ווי אלסר. — אין בראשית ווערט דערצעהלט פון דער מלחמה וואָס עס האָבען געפיהרט די פיר מלכים אַקעגען די פינף: כדרלעומר מלך עילם, תדעל מלך גוים, אמרפל מלך שנער און אריוך מלך אלסר, — אָבער דאָס אַלץ זיינען געווען אַזעלכע אומפאַרשטענדליכע, פאַנטאַסטישע נעמען, נעמען וואָס האָבען ניט אפילו קיין סעמיטישען קלאַנג, און מען האָט זיי, אַזוי צו זאָגען, אַרויסקאָמפּלימענטירט פון דער געשיכטע.

אָבער זינט אַכצען הונדערט און צוויי און פערציג, ווען דער פראַנצויזישער קאָנסול אין מאָסול — באָטאַ — האָט אָנגעהויבען צו גראָבען אין קויאוזשיק און כאָרסאַבאַד, ד. ה. דאָרט וואו עס זיינען אַמאָל געשטאַנען די שטעדט נֵוֵה און כלח — האָט זיך אָנגע־הויבען אַ נייע עפּאָכע אין דער אָריענטאַלישער פאָרשונג, אין דער געשיכטע פון דעם אַלטען מזרח. די לעגענדעס פון אַמאָל זיינען געוואָרען ווירקליכקייט. נאָך באָטאַ זיינען געקומען דער ענגלענדער לעיאַרד, דער ענגלענדער ראָולינסאָן — מען האָט געגראָבען און געגראָבען אין די פּאַלאַצען פון סנחריב און שלמנאסר. די מאָנומענ־טען פון בבל און אשור זיינען אַרויס פון דער ערד צו זאָגען עדות פאַר זייער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער די פאָרשונג איז געגאַנגען טיפער. דזשאָרדזש סמיט האָט זיך גענומען די מיה צו שטודירען די „ביבליאָטעקען", וואָס מען האָט געפונען אין דעם פּאַלאַץ פון סנחריב, אַ ביבליאָטעק פון קליינע געבאַקענע ציגעל מיט סודות'דיגע צייכענס, די אַזוי־גע־רופענע „קייל־שריפט".

אומגעהויערע געדולד, ריזיגער פלייס און שאַרפזין האָבען גובר געווען די צייט — און פאַר דער וועלט איז אַרויסגעשוואומען פון דעם ים פון פאַרגעסענקייט אַן אַנדער קולטור, אַ נייע. אַן על־טערע, מיט אַ שפּראַך וואָס איז געווען שוין טויט — ווען אברהם איז נאָך געווען יונג. עס איז אויפגעשטאַנען פון איהר קבר די קולטור פון שמיר און ארד, די קולטור און די שפּראַך פון אור־כשדים, פון אלסר, פון אכד, פון קיש א. אַז. וו.

די דייטשע פילאָלאָגען האָמעל, פּאָול האָופּט און אַנדערע האָבען, אַזוי ווי עס איז געווען מעגליך, צונויפגעשטוקעוועט די איבערגעבליבענע שפּראַך־פראַגמענטען, סיסטעמאַטיזירט זיי, און מיט דער הילף פון די אַלטע ציגעל־גראַמאַטיקען און ווערטער־ביכער, וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין די אַמאָליגע ביבליאָטע־קען פון אשור און בבל — האָבען זיי געשאַפען אַ גראַמאַטיק פון דער סומערישער שפּראַך.

אַ שפּראַך, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות צו די סעמיטישע אָדער „אַרישע" שפּראַכען, אַ שפּראַך נאָהנט אין קלאַנג און סטרוק־טור צו די טורקאָ־טאַטאַרישע דיאַלעקטען. און די געלערענטע האָבען זי קלאַסיפיצירט אונטער די אַזוי־גערופענע „טוראַנישע" שפּראַכען. זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך איז, וואָס זיי האָבען

ניט קיין גראַמאַטיק אין אונזער זין פון דעם וואָרט. די ווערטער ווערן פשוט צונויפגעסילעט, צוזאַמענגעשטעלט ווי זיי זיינען. זיי בייטען זיך ניט, זיי בויגען זיך ניט, זיי ענדערען זיך ניט. עס איז אפשר מעהר פאַנטאַזיע ווי אמת'ע וויסענשאַפט אין די „גראַמאַטיקען" פון דער סומערישער שפּראַך, וואָס זיינען ביז אַהער פאַרפאַסט געוואָרען. און די פילאָלאָגען זיינען נאָך וויט פון מסכים צו זיין אין דער פראַגע פון דעם שורש און דעם מקור פון דער אַלטער סומערישער שפּראַך. און עס איז נאָך ניט מעגליך צו זאָגען, פון וואַנען די סומעריער זיינען געקומען און ווען. זיינען זיי געווען די ערשטע איינוואוינער פון מעסאָפּאָטאַמיע? זיינען די סעמיטען געווען די וואָס זיינען שפּעטער געקומען און איינגענומען דאָס לאַנד? אָדער פאַרקעהרט — זיינען די סומעריער געווען די וואָס זיינען געקומען פון ווייטע לענדער און אויף אַ געוויסער צייט באַקומען די מאַכט אין דער „מדינה פון די צוויי טייכען"? אַ פראַגע, וואָס די וויסענשאַפט קאָן נאָך ניט פאַרענטפערען.

און ניט נאָר די עלטערע פאָרשונג — ווי ראָולינסאָן, דער פּראָפעסאָר פון דעם באַרימטען ווערק „די פינף גרויסע מאָנאַרכיען פון דעם מזרח" — אָדער לענאָרמאַן, דער פאָרשער פון דער קולטור פון די כשדים, אָדער האָמעל און דעליטש — נאָר אויך דער נייסטער פאָרשער אויף דעם געביט, פּראָפ. ס. לענאַרד וואולי, דער אויסגראָבער פון דעם סין־טעמפּעל (דעם טעמפּעל פון דער לבנה־געטין) אין אור־כשדים, אפילו ער קאָן ניט געבען קיין קלאָרע תשובה.*).

מען דאַרף אפשר גראָבען נאָך טיפער, פאָרשען נאָך ווייטער — ביז מען וועט קאָנען קומען צו אַ רעזולטאַט וואָס קאָן מעהר אָדער ווייניגער באַפרידיגען.

אָבער אפילו אַזוי ווי עס איז, ביי דעם מצב פון אַרכעאָלאָגישער און היסטאָרישער פאָרשונג ווי ער איז איצט, עפענט זיך פאַר אונז אַ מערקווירדיגע פּאַנאָראַמע. אַן אַלט און פאַרשלאָסען בוך האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט און מיר לייענען די געשיכטע פון דורות, וואָס זיינען פאַרשוואונדען נאָך איידער די „געשיכטע" האָט זיך אָנגעהויבען.

דער אַלטער סיריש־גריכישער שרייבער בעראָזוס האָט מיט

*) C. Leonard Woolley: The Sumerians, a Civilization in 3500, B. C., Oxford University Press, Oxford, 1928.

קנאַפּע צוויי טויזענט יאָהר צוריק אָנגעשריבען אַ געשיכטע פון אשור און בבל — און דאָרט דערצעהלט ער אַזוי: „פּאַרצייטענס איז געקומען פון דעם ים איינער וואָס האָט געהייסען אָאַנעס. ער איז געווען אַ מענש און אַ פיש אין דער אייגענער צייט, האַלב־מענש האַלב־פיש. און אָאַנעס האָט מיט זיך געבראַכט קונסט און וויסענשאַפט, ער האָט אויסגעלערענט די מענשען די קונסט פון שרייבען און אַלע חכמות — און פון זינט איהם האָט קיינער גאָר־נישט אויסגעטראַכט.״

אַ לעכערלעכע לעגענדע — וואָס האָט באַקומען אַ געוויסע היסטאָרישע באַשטעטיגונג. „אָאַנעס״ — האַלב־מענש און האַלב־פיש, איז ניט קיין אַנדערער ווי „עאַ־אַן״ — „דער גאָט פון וואַ־סער״ — פון דער סומערישער מיטאָלאָגיע. און די גאַנצע לע־גענדע מיינט ניט מעהר, אַז די סומעריער האָבען מיט זיך געבראַכט קיין מעסאָפּאָטאַמיע אַ רייכע קולטור, און אַז זיי האָבען געלייגט דעם יסוד פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פון דער סומערישער און — דורך איהר — אויך דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע.

און זייער געשיכטע הויבט זיך אָן דאָרט — וואו די ביבעל פאַרשפּינט דעם פאַדים: מיט דעם מבול. צוערשט לעגענדאַריש, און פאַנטאַסטישע צאָהלען. די קעניג־ליסט איז צעטיילט אין צוויי חלקים: די קעניגען פאַר דעם מבול און די נאָך דעם מבול. און דער ערשטער קעניג פון דער ליסט הייסט: אלולים — פון דער שטאָדט נונק, — און האָט געקעניגט אַכט „סאַרס״ — ד. ה. אַכט און צוואַנציג טויזענט יאָהר. נאָך איהם אלאלגאר — געהערשט זעקס און דרייסיג טויזענט יאָהר, א. אַז. וו. — אינגאַנצען אַכט קע־ניגען, אין פינף שטעדט, און די צייט פון זייער הערשאַפט — צוויי הונדערט און איין און פערציג טויזענט יאָהר. „און דערנאָך איז געקומען דער מבול. און נאָך דעם מבול איז די מלוכה אַראָפּ־געשיקט געוואָרען פון אויבען אויף דער ערד״.

אַזוי הויבט זיך אָן די כראָניק פון דער סומערישער געשיכטע. און ווען מען שפּאַנט זי צונויף מיט דער באַרימטער מבול־דער־צעהלונג פון דעם באַבילאָנישען אַזוי־גערופענעם גילגאַמעש־עפּאָס — וואו דער מבול ווערט באַשריבען כמעט ווי אין בראשית, בלויז נח הייסט דאָרט אוטאַ־נאַפּישטים און די מאָטיווען פון דעם מבול זיינען ווייניגער עטישע ווי אין דער ביבעל, — ווען מען וועבט צונויף אַלע פעדים פון טראַדיציע און געשיכטע, קאָן מען זיך

מאַכען אַ קלאָרען בילד פון דעם „מבול”. פון אַ לעגענדע ווערט עס אַ היסטאָרישער פאַקט. מיט טויזענטער און טויזענטער יאָהרען צוריק — זעקס, אַכט אָדער צען טויזענט, איז אין דרום־מעסאָ־פּאָטאַמיע געווען אַ גרויסע נאַטור־קאַטאַסטראָפע. די טייכען זיינען אַרויסגעטראָטען פון זייערע ברעגען — דאָס וואַסער האָט פאַר־פלייצט דאָס לאַנד אַרום און אַרום — און די גאַנצע באַפעלקערונג איז צוגרונט געגאַנגען. בלויז די סומעריער, וואָס האָבען פון זייער אַלטער היים מיטגעבראַכט מיט זיך די געוואוינהייט צו בויען אויף „פלאַטפאָרמען” — אָדער אויף פלעקער — ווי מען פלעגט בויען אין דער אוראַלטער שווייץ — האָבען זיך געראַטעוועט פון דעם מבול און ווייטער געפיהרט די קולטער.

אַוועקגעגאַנגען טויזענטער יאָהרען. די סומעריער האָבען זיך איינגעפונדעוועט — זיי זיינען געוואָרען די האַרען פון מעסאָפּאָ־טאַמיע, זיי האָבען אויסגעשפּרייט זייער הערשאַפט אַרום און אַרום. אור איז געווען זייער ערשטער צענטער, די ערשטע גרויסע שטאָדט וואָס זיי האָבען געבויט. און דער ערשטער מלך פון אור — אָדער דער „פטיש” (דאָס וואָרט איז פאַרבליבען אין דער העברעאישער שפּראַך) — האָט געהייסען: מעשאַנניפּאַדאַ. די דינאַסטיע האָט געדויערט — לויט דער סומערישער כראָניק — הונדערט זיבען און צוואַנציג יאָהר.

אַ קורצער שפּאַן צייט פאַר אַזאַ אַלטער געשיכטע. אָבער ווייל אַזוי קורץ — שוין היסטאָריש, שוין אין דער ריכטיגער פּראָ־פּאָרציע.

שטעדט וואַקסען אויס. אין די שטעדט אָרגאַניזירט זיך אַ געזעלשאַפט. די אַלטע רעליגיע נעמט אָן פיינערע פאָרמען. דער „פטיש” איז קעניג און כהן גדול אין דער אייגענער צייט. די שטאָדט שטעהט אונטער דעם שוץ פון אַ באַשטימטען גאָט. און לכבוד דעם גאָט בויט מען „זיגוראַטס” — הויכע, פיעל־שטאָקיגע טעמפּלען — אומגעפעהר ווי די „פּאַגאָדאָס” אין אינדיע. מען בויט זיי אויף אַ הויכען פּלאַץ — און די גרויס און די הויך פון די בנינים מאַכט אַזאַ איינדרוק אויף דער פאַנטאַזיע פון די שכנים, פון די סעמיטען, אַז עס וואַקסט אויס אין שפּעטערע יאָהרען די וואונדערבאָרע לעגענדע פון דעם „טורעם פון בבל”. ווידער־אַמאָל ווירקליכקייט פאַרגרעסערט און אויסגעברייטערט, ביז זי נעמט אָן איבערמענשליכע פּראָפּאָרציעס.

דאָס איז אייגענטליך די גאַנצע אַרבייט פון דעם מענשליכען באַוואוסטזיין: די דערהויבונג פון דערווירקליכקייט צום סימבאָל פאַר אייביגקייט ווערטען.

צוויי טויזענט יאָהר — אָדער אפשר מעהר — פאַרגעהען. און אור־כשדים האַלט ביי איהר „דריטער דינאַסטיע". שוין איז דער צפון־אכד גאַנץ סעמיטיש. בלויז דער דרום בלייבט סומעריש. נינוה עקזיסטירט נאָך ניט. אָבער דאָס קליין שטעדטעלע וואָס די סומעריער האָבען געבויט און אָנגערופען „קאַ־דימירו" — דער טויער פון גאָט — האָט זיך סעמיטיזירט — געביטען דעם נאָמען אויף באב־אילו.

בבל וואַקסט אויס. נאָך ניט קיין קאָנקורענט, נאָך ווייט פון זיין גלייך אין מאַכט אָדער קולטור מיט אור, אָדער אלסר אָדער ערידו — אָבער שוין פאַרט אַ וואָלקען אויף דעם סומערישען הימעל.

אור־נאַמו און זיין זוהן בור־סין, די לעצטע גרויסע „פטישים" פון אור, קעמפען פאַר דער מאַכט איבער מעסאָפּאָטאַמיע. זיי בויען הויכע טעמפּלען, זיי רינגלען אַרום די שטאָדט מיט גרויסע ציגעל־מויערען, די סומערישע שרייבער פאַרשרייבען די אַלטע טראַדיציעס, די דינים, די תפילות, פאַרפיקסירען די קולטור וואָס האַלט אין שטאַרבען. אָבער דער סוף איז געקומען. דער לעצטער פון די סומערישע מלכים — בור־סין — האָט אומזיסט געקעמפט קעגן דער סעמיטישער כוואַליע. דער אמורי און עילם זיינען אויפגעשטאַנען אַקעגען אור, — און האָבען חרוב געמאַכט דאָס אַלטע פאָלק.

און דער לעצטער דאָקומענט פון דער סומערישער געשיכטע — די זייל פון אור־נאמו, וואָס איז געפונען געוואָרען אין די רואי־נען פון דער שטאָדט ניפור — באַוויינט דעם אומגליק און דעם חורבן פון סומער.

ווען זיי האָבען אומגעוואָרפען, ווען זיי האָבען די אָרדנונג
צעשטערט,
און ווען עילם האָט ווי אַ מבול אַלצדינג פאַרשלונגען,
ווי האָבען זיי דיך פאַרענדערט — שמיר!
זיי האָבען פאַרטריבען די הייליגע דינאַסטיע פון דעם טעמפּעל,
די שטאָדט האָבען זיי חרוב געמאַכט, דעם טעמפּעל צעשטערט.
זיי האָבען פאַרכאַפּט די הערשאַפט איבער דעם לאַנד —
א. אַז. וו.

מיט דער דאָזיגער קינה ווערט שמיר און אכד באַגראָבען, אָפּגעווישט פון דער ערד.

און דאָס איז געווען אומגעפעהר אין דער צייט, ווען אברהם איז יונג געווען. אין דער צייט פון אמרפל מלך שנער, ד. ה. האַמוראַבי — דער געזעצגעבער פון בבל.

געפאַלען די מלוכה, פאַרגעסען געוואָרען די שפּראַך, דאָס פאָלק אַליין געוואָרען אַ לעגענדע — אָבער זייער ירושה איז גע־בליבען.

סעמיטיזירט, באַדעקט מיט אַן אַנדער קולטור־שיכט, איבער־געטייטשט און איבערגעאַנדערשט, איז די אַרבייט פון די סומעריער געוואָרען דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דער ווייטערדיגער אַנטוויק־לונג.

האַמוראַבי'ס געזעצען, די ערשטע דינים פון דעם מזבח — און, אויב ניט דער פונדאַמענט, אָבער פאָרט אַ מוסטער פאַר דער אידישער געזעצגעבונג — זיינען ניט מעהר ווי די אַלטע געזעצען פון שמיר און אכד. די אַרכיטעקטור, דער גרונטשטיין פון דעם לעבען — און אויך דער ריטם פון דער פּאָעזיע — אַלצדינג האָט דער מזרח צו פאַרדאַנקען דעם פרעמדען, מיט פינף טויזענט יאָהר צוריק פאַרשוואונדענעם פאָלק.

אָקטאָבער 4, 1929.

משה

און קיינער ווייסט ניט וואו זיין קבר איז. ערגעץ צווישען בערג, צווישען פעלזען, אין דער הייסער מדבר. איינער אַליין. אַוועקגעצויגען זיין פאָלק אין דעם לאַנד, וואָס ער האָט אויסגעקליבען פאַר זיי — און ניט דערגאַנגען צו איהם. זיין פאָלק איז ווידער אַרויס פון דעם לאַנד — און קעהרט זיך ווידער צוריק צו איהם. איבער אַלע ימים, איבער אַלע לענדער, אויף דעם ווייטען, ברייטען ערד־שטח האָבען זיי זיין נאָמען פאַרשפרייט, זיין לויב געזונגען, מורא געהאַט פאַר איהם, געציטערט פאַר זיין שאָטען, געבונטעוועט זיך אַנטקעגען איהם, און ווידער געבוקט דעם קאָפּ פאַר איהם אין הכנעה. ווי אַ בוים שטעהט ער — און זיינע וואָרצלען דערגרייכען וויט, ווייט, פון איין עק וועלט צום צווייטען. דער שורש און דער קוואַל, דער יסוד און דער אָנהויב. אַלצדינג קומט פון איהם, אַלצדינג ענדיגט זיך ביי איהם. און ער אַליין — ווער איז ער?

אַ נביא? אָבער וואָס פאַר אַ נביא? ישעיהו איז געווען אַ נביא, יחזקאל איז געווען אַ נביא. מיט גרויסקייט, מיט פּאַטאָס, מיט ליידענשאַפט. געשטראָפט און גע׳מוסר׳ט און געבעטען זיך רחמים און געבייזערט זיך. יאוש איז געווען אין זייערע ווערטער, און העלער, קלינגענדיגער טרומפייטען־קלאַנג פון אַן אייביגקייטס־פרייד. אָבער ער — דער נביא פון די נביאים, דער פאָטער פון אַלע וואָס האָבען גערעדט און געפיהרט — ער איז געווען אָהן ליידענשאַפט — און אָהן פּאַטאָס. אַ שטילקייט אַרום איהם. אַ באַשיידענקייט. עניו — דער באַשיידענער. ווער בין איך — וואָס איך זאָל קומען און רעדען אין דעם נאָמען פון גאָט? ווער בין איך — וואָס זאָל נעמען אויף זיך וועלט־שליחות׳ן? איך קאָן ניט רעדען — איך בין אַ פשוט׳ער מענש, איך בין ניט קיין העלד — און בין אַ מענש וואָס איז אַנטלאָפען אין דער מדבר — און דאָרט אָפּגעבריהט זיך אַן דעם אייביגען דאָרן־פייער.

משה האָט אַזוי גע׳טענה׳ט — און וואָס ער האָט ניט געטאָן — האָט ער געטאָן ניט פון גאוה, נאָר פון עניוות, פון מוז. ער איז

געווען ניט קיין האַר — נאָר אַ קנעכט — דער קנעכט פון גאָט. און האָט ניט געַ'חלומ'ט פון הערשאַפט און ניט פון פיהרערשאַפט. ער איז בלויז פאַראויסגעגאַנגען — און דאָס פאָלק איז איהם נאָכגעגאַנגען. ער האָט געזאָגט, וואָס מען האָט איהם געהייסען — און ניט מעהר. אַ לערער, אַ שליח — און ניט קיין שטראָפער.

און ווי ער האָט מורא געהאַט צו דערגעהן דעם אייגענעם סוד — פרעגען מעהר ווי ער האָט געמאָגט, פאָרשען ווייטער ווי מען האָט איהם צוגעלאָזט — אַזוי איז דאָס פאָלק געווען צו איהם. משה — בן עמרם. ניט מעהר. מען האָט גענומען דעם פאַקט ווי ער איז, און זיך ניט געגריבעלט. זיך אָפּגעשטעלט — ווי פאַר אַ פאָרהאַנג, פאַר אַ שלייער, וואָס מען טאָר ניט אויפהויבען. אויף אַלע וועגען — אַ באַהאַלטענער. אין דער קינדהייט — אין פרעה'ס הויף. שפּעטער — אין דער מדבר. דערנאָך ווייטער אין דער מדבר — ביים פאַרנעפּעלטען, וואָלקען־באַדעקטען סיני. און צום סוף — אַ קבר און קיינער ווייסט ניט וואו.

און אַ ספק האָט זיך דערהויבען. איז ער געווען? ניט בלויז דער משה בן עמרם פון דער טראַדיציע, דער מופת־ווייזער פון מצרים, די לעגענדאַרע פיגור פון דעם סיני־באַרג. דאָס — דאָס איז פּאָעזיע. אָבער בכלל — איז געווען אַ היסטאָרישער קערן אונטער דעם דאָזיגען גאַנצען מיטישען און מיסטישען שלייער? איז משה געווען — ווי איוב — „לא היה ולא נברא אלא משל הוא" — אַ קאָלעקטיוו פאַנטאַזיע־בילד, אַן אָפּקלאַנג פון אוראַלטע דערצעהלונגען — אַן אָפּגלאַנץ פון אַמאָליגע געשיכטליכע שפּיגלונגען? אָדער אפשר האָט פאָרט אַמאָל געלעבט איינער, וואָס איז געווען משה —אַ פירער, אַ געזעצגעבער, אַן אויסלייזער און וועגווייזער? און אויב יאָ — ווען און וואו? און אויב ניט — פאַרוואָס איז אויסגעוואַקסען אָט די וועלט־געשיכטליכע פיגור משה?

דער אַלט־אידישער געדאַנק האָט זיך געשראָקען פאַר דער אונטערזוכונג. אויך די אַלטע קריסטליכע וועלט האָט ניט געוואָגט צו צווייפלען. אָבער די נייע האָט געוואָגט. די פּראָטעסטאַנטען האָבען צוערשט דורכגעבראָכען די וואַנט. און מיט אַ זעלבסטפאַר־שטענדליכער קאָנסעקווענץ. אויב די קריסטליכע דערצעהלונגען זיינען בלויז לעגענדעס — אויב דער צוויג איז בלויז אַ משל און אַ בילד — קאָן דער וואָרצעל זיין רעאַל? און די היסטאָרישע קריטיק פון דער ביבעל — וועלהאַוזען און די איבעריגע דייטשע

ביבעל־פאַרשער — האָבען מיט אַ שאַרפען אַנאַליז פון דעם ביבעל־טעקסט, מיט אַ סך חריפות און נאָך מעהר פאַנטאַזיע, צוביסלעכווייז צעשטערט די גאַנצע היסטאָרישע געשטאַלט פון משה און געמאַכט איהם בלויז פאַר אַ סימבאָל, פאַר אַ מין היסטאָרישען סינטעז פון דער אורגעשיכטע פון אַ פאָלק. דער גרעסטער פון זיי אַלע — און דער וואָס איז אַם מייסטען קריטיש צו אַלצדינג וואָס איז אידיש — דער היסטאָריקער עדוארד מאַיער, האָט מיט אַ געוואַלדיגער שאַרפקייט און דעטאַל־פאָרשונג זיך באַמיהט צו באַווייזען, אַז משה איז געווען ניט מעהר ווי די פאַרקערפערונג פון דעם אַלטען קולט פון דעם מדבר־גאָט ביי קדש (מריבה), ביי דער דרום־גרעניץ פון ארץ־ישראל.

דאָס מיינט, משה איז גאָרניט געווען אין מצרים, ער האָט גאָרניט געהאָט צו טאָן מיט דער אויסלייזונג, ער איז ניט געווען דער היסטאָרישער גרינדער פון דעם אידענטום. ער איז געווען — אויב ער איז בכלל געווען — אַ „פּריסטער״ פון דעם שבט לוי, וואָס האָט געדינט דעם מדבר־גאָט — דעם סיני־גאָט. די אידישע לעגענדע, אָדער ריכטיגער, די וואָס האָבען זי דערנאָך צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט, האָבען פאַרשמאָלצען די געשטאַלט פון משה און דעם סיני־קולט מיט דער אַנדערער טראַדיציע וועגען דעם אויסצוג פון מצרים.

אַזוי מאַיער — אַזוי מעהר אָדער ווייניגער כמעט אַלע פאָרשער און געלערענטע פון אונזער צייט. און צום צווייטען מאָל איז דער קבר פון משה באַהאַלטען געוואָרען, און קיינער ווייסט ניט ווער ער איז געווען.

אָבער פלוצלינג קומט אַ שטראַל פון דער אַלטער וועלט און באַלייכט די נאַכט. פון אונטער די פעלזען ביים סיני־באַרג קומען אַרויס עדות. לעבעדיגע עדות פון אַ טויטער צייט. עדות וואָס רעדען. שטיינער מיט צייכענס, מיט אותיות, לאַנג־פאַרגעסענע, זינט טויזענטער יאָהרען פאַרבאָרגענע. פלינדערס פעטרי, דער ענגלישער אַרכעאָלאָג, האָט זיי געפונען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. ער האָט דאָרט צווישען פאַרשיידענע פאַפּירוסען, באַשריבען מיט הערָאָגליפען אין דער שפּראַך פון מצרים — אויך געפונען אַ פּאָר מגילות, געשריבען אין אַ מערקווירדיגער, אומבאַקאַנטער שריפט. זי האָט אויסגעוויזען ווי די שפּעטערדיגע עגיפּטישע שריפט — די היעראַטישע — אָבער עגיפּטיש איז זי דאָך ניט געווען. און

קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ שפּראַך און וואָס פאַר אַ כתב דאָס איז.

ביז עס איז געקומען דער דייטשער פאָרשער, פּראָפעסאָר הור־בערט גרימע, און האָט געלייזט דאָס רעטעניש. ער האָט מיט צוויי יאָהר צוריק פאַרעפענטליכט אַ ווערק: „אַלטהעברעאישע אינשריפטען פאָם סינאַי", וואו ער האָט אויסגעטייטשט די מערק־ווירדיגע מגילות און זיי פאַרטייטשט. ער האָט אָנגעוויזען, אַז דאָס זיינען געווען ניט קיין עגיפּטישע, נאָר העברעאישע אינשריפטען. דער ערשטער העברעאישער אָריגינאַל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט. און איינע פון די אינשריפטען געהט אַזוי: „איך דער זוהן פון חיתשפשוחנמימן, דער הויפּט איבער די שטיין־אַרבייטער, דער האַר פון דעם טעמפּעל פון בעלת און יהו און סיני; דו, חיתשפשוחנמימן, געליבטע פון בעלת, האָסט גוט געטאָן מיט מיר, האָסט מיך אַרויס־געצויגען פון דעם טייך (ניל) און מיך אַוועקגעשטעלט אין דעם פאַרהויז צום טעמפּעל פון בעלת וואָס איז אין סיני".

מיר ווייסען פון דער עגיפּטישער געשיכטע, ווער די דאָמע מיט דעם לאַנגען נאָמען איז געווען. זי איז פאַרשריבען צווישען די קעניגען פון עגיפּטען. מיר ווייסען אויך, אַז דער עגיפּטישער קעניג טוטמעס דער דריטער האָט געהאַסט דעם נאָמען פון דער דאָזיגער קעניגין, האָט געהייסען צעשטערען אַלע איהרע מאָנומענ־טען, גע'רודפ'ט אַלע איהרע אָנהענגער און נאָהענטע און געוואָלט פאַרטיליגען איהר אָנדענקען. מיר ווייסען אויך, אַז די געטין „בעלת", וואָס איז דערמאָנט אין דער אינשריפט, איז אַ סעמיטישע איבערזעצונג פון דער עגיפּטישער גאָטהייט „שפדו" — וואָס האָט נאָך דער עגיפּטישער אויסשפּראַך געקלונגען ווי „שדי". מיר ווייסען אויך פון אַן אַנדער סיני־אינשריפט, אַז דער וואָס איז גע־ווען באַשטימט פון דער קעניגין פאַר אַן אויפזעהער איבער די סיני־בערגווערק און אַ היטער פון דעם טעמפּעל פון „בעלת ויהו" האָט געהייסען מנשה. מיר ווייסען אויך פון אַ רמז אין שופטים, אַז משה האָט אויך געהייסען מנשה: „ויהונתן בן גרשם בן מנשה" — און פון די דאָזיגע אַלע פּעדים קניפּט זיך מיט אַמאָל צונויף איין מערקווירדיגער, איבערראַשענדער היסטאָרישער פאַקט: משה־מנשה האָט עקזיסטירט. און די גאַנצע אַלטע טראַדיציע באַקומט אַ נייע באַלייכטונג און אַ באַשטעטיגונג. די טאָכטער פון פּרעה, דאָס אַרויסציהען פון דעם טייך — סיני — דער מדבר — דער

נאָמען שדי — וואָס איז פריהער געווען דער נאָמען פון גאָט — און דערנאָך דער איינציגער נאָמען, וואָס האָט באַזיגט די וועלט — דער נאָמען פון פיר אותיות. און די גאַנצע היסטאָרישע קריטיק פון וועלהאַוזען, פון מאַיער און די איבעריגע צעפאַלט. מען דאַרף אָנהויבען אויפ׳סניי. אַזוי זאָגט פּראָפעסאָר גרימע. אַזוי זאָגט — נאָך זיין אויסטייטשונג — דער עלטסטער אידישער געשיכטליכער דאָקומענט.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ זיך אַריינצולאָזען אין אַ וויטער קירה איבער פּראָפעסאָר גרימע׳ס ענטדעקונגען. דער ברייטער עולם איז געוואָר געוואָרען פון איהר ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק דורך די צייטונגען — פאַר דער געלערענטער וועלט איז דאָס שוין פאַר די לעצטע פאַר יאָהר אַ שווערער און ערנסטער ענין. דר. יוסף ריידער — אין זיין זעהר גוטער אָפּהאַנדלונג איבער דער דאָזיגער פראַגע (אין דעם סעפּטעמבער נומער פון „התורן") האָט פולשטענדיג רעכט ווען ער זאָגט, אַז מען דאַרף זיך נאָך דערוייל באַציהען מיט גרויסער פאָרזיכט צו די רעזולטאַטען פון גרימע׳ס אויסטייטשונגען. מען דאַרף נאָכאַמאָל אָנקוקען די אָריגינאַלען אין די סיני־רואינען, מען מוז נאָך ווייטער זוכען — ביז מען וועט קאָנען זאָגען מיט זיכערקייט וואָס דער לעצטער אמת איז — דער אמת איבער משה. אָבער אפילו שוין איצט — אַ ליכט געהט־אויף. די גראַנדיעזע געשטאַלט פון דעם וועלט־מחוקק שטעהט־אויף פון דער באַהאַלטענקייט, שטעהט־אויף אין איהר לעבעדיגקייט, אין איהר מענשליכקייט.

מען דאַרף ווייטער זוכען און פאָרשען. צו די אָנהויבען, צו די קוואַלען — און ווער ווייסט — אפשר וועט דאָס אידענטום צוקומען צו זיין מקור.

גראָבען — גראָבען — אַלץ טיפער, אין דער מדבר צווישען רואינען. אין דער טיף — דער אַמאָל, אין דער טיף — דער היינט. און דער מאָרגען.

אָקטאָבער 25, 1925.

משה׳ס צער

„והצרותי לאדם — זה משה,
והלכו כעורים — אלו ישראל״.
(מדרש רבה, שמות, מ״ב.)

צפניה דער נביא האָט געהאַט הארבע, ביטערע טענות צו ר׳ יצחק, דעם בעל־דרשן.

צפניה, דער זוהן פון כושי, דער זוהן פון גדליה, א. אַז. וו., וואָס האָט געלעבט אין די טעג פון יאשיהו דעם זוהן פון אמון, דעם מלך איבער יהודה, איז געווען בכלל אַ פאַרביטערטער מענש. ער איז געווען אין כעס, ברוגז אויף דער וועלט, אויף דער גאַנ־צער וועלט, און בפרט אויף זיינע אייגענע אידען. און ער האָט געשאָלטען, און ער האָט אָנגעיאָגט אַ פחד. „איך וועל פאַר־שניידען דעם מענשען פון דער ערד — זאָגט גאָט. און איך וועל אויסשטרעקען מיין האַנט אויף יהודה און אַלע איינוואוינער פון ירושלים... נאָענט איז דער גרויסער טאָג פון גאָט, נאָענט און זעהר גיך . . . אַ טאָג פון צאָרן וועט עס זיין, אַ טאָג פון פינסטערניש, פון וואָלקען און נעפעל. און איך וועל וועה־טאָן דעם מענשען און זיי וועלען אַרומגעהן ווי בלינדע, ווייל זיי האָבען געזינדיגט פאַר גאָט״, א. אַז. וו.

אָט אַזוי האָט זיך צפניה בן כושי, דער זעהר טונקעלער, זעהר היציגער, פלאַמענדיג אין זיין צאָרן, צערייצט און צעגאָסען.

אָבער דער אַלטער ר׳ יצחק, אַ מילדער און קלוגער מגיד פון בבל, האָט זיך ניט מעהר געקאָנט אויסמאָלען אַזאַ ברענענדיגען האָס, ניט געקאָנט נאָכפיהלען אַזאַ גליענדע ליידענשאַפט. אַלע מענשען? די גאַנצע וועלט? עט, עס רעדט זיך נאָר אַזוי! וועה־טאָן, צרות אָנטאָן, נשמה׳דיג פייניגען קאָן מען דאָך דעם מענשען, דעם בעסטען, דעם אויסגעקליבענסטען. די אַנדערע האָבען נאָך גאָר קיין יסורים ניט. זיי ווייסען, וואָס עס הייסט פיזישער שמערץ — אָבער מאָראַלישער? ווי קומען זיי דערצו? און ווער איז דער מענש, אויב ניט משה?

צפניה אָבער, דער נביא, איז געווען זעהר אומצופרידען מיט

אַזאַ אויסטייטשונג. „משה? — האָט ער גע׳טענה׳ט אין דעם אויבער־שטיבעל, וואו עס טרעפען זיך אַלע צדיקים מיט די קרוינען אויף די קעפּ און האָבען הנאה פון דער שכינה — פאַר־וואָס משה אַליין? מיט וואָס איז משה בעסער ווי יעדער איד? הייסט עס ניט: יעדער קאָן זיין ווי משה? שטעהט דען ניט געשריבען? אָבער צו וואָס לאַנגע באַווייזען און פּילפּולים? פרעגט ביי משה׳ן, וואָס וועט ער זאָגען?״

משה אָבער האָט געשוויגען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — „צרות בלויז פאַר מיר, מהיכי תיתי. איך האָב שוין איינ־מאָל געזאָגט: מעק מיך אויס פון דיין ספר, לאָז מיין נאָמען פאַרגעסען ווערען; אָבער קיין איין אידישער נפש זאָל ניט אונ־טערגעהן. צרות, ווי אַלצדינג, נעם איך אויף זיך, אָבער שילט ניט אַזוי, צפניה, אַלע מענשען! הער־אויף מיט דיינע קללות! אפשר איז ר׳ יצחק גערעכט: נאָר איין מענש זאָל האָבען צרות ווייל נאָר ער קאָן זיי האָבען. אַלע אַנדערע געהען דאָך אַרום ווי בלינדע. זיי זעהען ניט זייער וועג״.

לאַנג, לאַנג האָט זיך געצויגען דער ויכוח. ביי יעדער גע־לעגענהייט, וואו די דריי האָבען זיך נאָר געטראָפען, איז אויפ־געוואַקסען די פראַגע: משה און אידען, דאָס אָרט פון דעם „מענשען״ אין דער אידישער גייסטיגער וועלט. און משה איז געווען צופרידען מיט זיינע אידען. „פאַרט דאָס איינציגע פאָלק, וואָס דערהויבען אָט דעם מענשען צו אַ מדרגה, וואָס איז צו־הויך פאַר איהם״. אַ רבי, אַ לערער, אַ פאַסטוך — יאָ, אָבער בלויז אַ נאָמען, ניט קיין בילד. עס האָט איהם פאַרדראָסען, וואָס די „יורשים״ מאַכען אַזאַ וועזען פון איהם. מייקעל אַנזשעלאָ האָט אויסגעהאַקט אין שטיין אַ געוואַלטיגע פיגור — משה, מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט צוויי שטראַלען־הערנער אויפ׳ן קאָפּ; משה דער ריז. עס האָט איהם מצער געווען, ווען ער האָט געהערט, אַז אין ווענעדיג האָט מען אויסגעבויט אַ קירך, וואָס הייסט „דער הייליגער משה״ — סאַן מאָזע.

אַ הייליגער? עס איז דאָ נאָר איין הייליגער אין דער גאַנצער וועלט. ניט מעהר. אַ הייליג פאָלק — יאָ, באַדאַרפט זיין, געוואָלט זיין, דער חלום פון דער וועלט, דאָס אייביגע ראַנג־לען זיך פון דער נשמה; אָבער פון אַלע מענשען — איך? ניט ביי מיין פאָלק. זיי זיינען קליגער, טיפער. זיי שטעלען מיר ניט

קיין מאָנומענטען, זיי מאַכען ניט קיין יום־טובים אין מיין נאָמען און צו מיין כבוד. מיין ווערק — ניט איך. די תורה — ניט מיינע, נאָר זיינע, אָבער ניט דער שליח, וואָס האָט זי געבראַכט". און משה האָט געשמייכעלט.

אָבער עס איז געקומען אַ טאָג, ווען משה האָט זיך צום ערשטען מאָל פאַרשעהמט, טיף אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

„ביסט גערעכט, ר' יצחק: „הצרותי לאדם — והלכו כעורים" — דאָס בין איך, דאָס בין איך דער מענש משה, און זיי, די קינדער פון מיין נשמה, האָבען מיך מצער געווען".

און ער האָט דערצעהלט די מערקווירדיגע, די מאָדנע בשורה.

ערגעץ־וואו, אין אַמעריקע, אין דער שטאָדט אָמאַהאַ, נעבראַסקאַ, האָבען זיך אין אַ אידישען „קאָמיוניטי סענטער" צונויפגעזאַמעלט פינף הונדערט אידען, פאַרטרעטער פון צוויי און צוואַנציג אידישע אָרגאַניזאַציעס און מען האָט געמאַכט אַ יום־טוב: דעם דריי טויזענט פינף הונדערטסטען געבורטסטאָג פון משה רבנו.

צפניה, דער נביא, און ר' יצחק, דער דרשן, און ניט נאָר זיי, נאָר אַלע אַרום און אַרום, די „פּני" — די זיילען, נביאים און תנאים, גאונים און צדיקים, האָבען אויפגעשעטעלט מויל און אויערען — ווען ניט משה אַליין וואָלט עס דערצעהלט, ער, דער אמת'ער, וואָלטען זיי זיכ'ס גאָר ניט געגלויבט.

אויף אַלצדינג, אַלצדינג האָבען זיי געקאָנט זיך ריכטען, נאָר ניט אויף דעם. אידען וועלען זיך אינגאַנצען אָפּפרעמדען, פאַרגעסען, צעגעהן ווי זאַלץ אין וואַסער, פאַנאַנדערפאַלען. זיי האָבען דאָס פאָראויסגעזעהן, פאָראויסגעזאָגט. אָבער תמיד מיט איין געדאַנק: אַ קלוג פאָלק, אַ געהויבענער מענשען־טיפּ. אַלץ העכער און העכער וועט עס שטייגען, דערגעהן צו די גאָר הויכע מדרגות, צי פון אמונה, צי פון ספקות, אָבער תמיד געהויבען, מיט דעם גרויסען פּאַטאָס פון שכל. אָבער מיט אַמאָל אַ צעשטערטער חלום — זיי האָבען דערזעהן דעם אידען אין זיין קליינקייט; זיי האָבען דערפיהלט, ווי די אידישע נשמה ווערט מיטאַמאָל אַזוי פרעמד צו זיי.

און משה קלאָגט זיך: „גראַד מיך? מיט מיר דער אָנהויב? פאַרוואָס? מיין געבורטסטאָג, און דוקא אויסגערעכענט דריי טויזענט פינף הונדערט יאָהר? פון וואַנען וויסען זיי עס?

ווער האָט עס זיי געזאָגט, ווען איך בין געבוירען געוואָרען? ווי שעהן איז עס געווען אַמאָל, ווען מען האָט מיך אײַנגעאַנצען געלייקענט. שוין אין די אַלטע יאָהרען, דאָרט אַרום די הײַלען פון צפת און טבריה, אין די שטיבלעך פון די מקובלים — משה איז פאַר זיי געווען אַ סוד, אַ רמז, פאַרגעסען כמעט אינגאַנצען זיין ממשות׳דיגקייט. יאָ געבוירען, ניט געבוירען. אַ מענש געווען צי אַ משל, הויט און ביינער אָדער אַ רעיון; אָבער אָן אייביגער רעיון, פון דעם אורקוואַל, דער אמת אַליין. און אָן עניו, ווי איך בין, איך האָב דערפון הנאה געהאַט: דאָס האָב איך געוואָלט, דאָס האָב איך גע׳חלומ׳ט. „אוריתא״ — דאָס וואָרט, וואָס געהט פון דעם אין־סוף, דער געדאַנק פון דער וועלט, דער אָנהויב און דער סוף.

„און אַנדערע זיינען געקומען, וואָס האָבען מיך געלייקענט. ניט געווען, ניט געבוירען, ניט געשטאָרבען. קיינער פון די אבות ניט. אברהם — אַ סימבאָל פון זון, שרה — די לבנה, יצחק — א שבט, יעקב — אויך אַ שבט. אַלצדינג בלויז אַ דרש, אָן איינ־בילדונג, צוגעטראַכט פון כהנים, כדי צו פאַרפעסטיגען זייער מאַכט.

„עס האָט מיך ניט פאַרדראָסען, ניט מצער געווען. ווערט דאָס געוועזענע ווייניגערווירקליך, ווען מען לייקענט עס, און ווערט עס ממשות׳דיגער, ווען מען זאָגט יאָ צו דעם?

„געקומען גרעבער מיט שויפלען און אויסגעגראָבען אור־כשדים. און אברהם, דער זוהן פון תרח, שווימט אַרויס פון דעם נעפעל פון די צייטען און ווערט אויס שאָטען.

„זיי — זיינען געשיכטע. און אַפילו אויף זיי האָט דאָס קלוגע און טיפע אידישע פאָלק פון אַמאָל געלערענט און גע־דרש׳ענט. ניט אברהם און זיין קורץ, פאַרבייגעהענדיג לעבען; אָט דער הויך, וואָס אָט קומט ער און אָט פאַרגעהט ער; ניט יצחק און זיינע קעמלען, אָדער יעקב און זיין געטריישאַפט צו רחל — ניט דאָס איז פאַר זיי דער עצם. געשטאַלטען און געדאַנקען פון אייביגקייטען זיינען זיי פאַר דעם אידישען מענשען. און אַ ציגעל אין אור־כשדים אָדער אַ שטיין אין דעם לאַנד כנען — עס איז גוט פאַר די נייגעריגע. לאָזען זיי, זאָלען זיי. פון דעם ציגעל און דעם שטיין הענגט ניט אָפּ די תורה. ניט דער באַווייז אויף יאָ און אויך ניט אויף ניין.

„איך ווייס — מען וויזט אין מצרים דאָס אָרט, וואו די טאָכטער פון פרעה האָט מיך געפונען. קינדישע מענשען, קנעכ־טישע נשמות געהען אַרום און נאַרען זיך, נאַרען אַנדערע; גלוי־בען און האַנדלען מיט זייער גלויבען. די מצריים פון היינט, ווי די מצריים פון אַמאָל.

„אָבער מיין געבורטסטאָג? פאַרוואָס ניט אדמ׳ס געבורס־טאָג? פאַרוואָס ניט נח׳ס?

„און זיי זיינען דאָך שוין געווען אויף אַ וועג מיינע „צאן קדשים". יעדען אות פון דער תורה האָבען זיי גע׳דרש׳ענט, אַריינגעלייגט כוונות, טיפע, אָפּגרונטיגע אין יעדען וואָרט. ווי קלוג, ווי שעהן, און ווי שכל׳דיג ריין איז געווען זייער גאַנצע מחשבה! זיי האָבען געמאַכט פון דער תורה אַ קרוין פון געדאַנ־קען, געפלאָכטען און געוועבט, געפורעמט און ווידער איבערגע־שמאָלצען. אַלץ ריינער, אַלץ גייסטיגער; דערווייטערט זיך פון יעדער גשמיות. איך האָב גערעדט צו פאַסטוכער, צו מענשען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אין מצרים, און נאָך ניט געקאָנט אַלצ־דינג באַנעמען. און איך האָב צו זיי גערעדט אין בילדער, אין משלים. די פאַטערס האָבען אָנגעהויבען צו דערגעהן דעם סוד, אַלץ נעענטער, נעענטער. און איך האָב הנאה געהאַט פון זיי.

„ביז עס איז געקומען דער איבערברוך, דער טאָג פון „נעפּעל און שאָטען", ווי צפניה זאָגט, און אַלצדינג איז פאַרגעסען און פאַרנעפּעלט געוואָרען. פון אָרימקייט — אָרימקייט פון נשמה, פון בלינדקייט און פאַרטעמפּטקייט.

„ווידער אַ מדבר־דור, מיט דער גאַנצער פלייש־טעפּ בענק־שאַפט און דער עגל־הזהב׳דיגקייט.

„יפה דרשת — יצחק בני, האָסט גוט גע׳דרש׳ענט; זיי געהען ווי בלינדע און מיר איז וועה. ווידער בין איך אין דעם מיטעלפּונקט פון אַ קרייז, אָדער פון אַ כישוף־קרייז, ווי מדבר־נשמות מאַכען איהם — דעם קרייז פון מורא, פון גייסטיגער אָרימ־קייט".

משה האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איינגעוויקעלט איהם אין אַ טלית.

און צפניה האָט טראַגיש געשמייכעלט; זיין נביאות ווערט מקוים.

מערץ 23, 1929.

אַרום דעם „בוך פון ביכער״

מען גראַבט אין אור, מען גראַבט אין קיש. יעדער טאָג ברענגט נייע ענטדעקונגען, נייע אַנטפּלעקונגען. אין ליים, אין זאַמד, אין שטיין, אין אַלטע קברים, אויף בוידעמס, אין קעלערס ליגען אוצרות און וואַרטען, אוצרות פון אַ לעבען וואָס איז אַמאָל געווען און ווירקט נאָך עד היום, אַ פאַרגאַנגענהייט וואָס איז שטאַרקער פון דעם היינט. און ווער קאָן וויסען, וואָס די לאָפּעטע פון דעם אויס־גראַבער וועט געפינען?

האָט זיך אימיצער געריכט פריהער מיט פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק, אַז מען וועט געפינען אין סוזא — דער אַלטער שושן־הבירה, אַ שטיינערנעם מאָנומענט, וואו עס זיינען אריינגעקריצט די געזעצען פון האַמוראַבי, אָט דער „אמרפל מלך שנער״, אַ דאָקומענט וואָס פאַרשפּרייט אַ גאַנץ ניי ליכט אויף דער גאַנצער אַלטער געשיכטע, און דער עיקר אויף דער אידישער, דער אידיש־רעליגיעזער?

אין שטיין נאָך דעם צוויטען — און דאָס רעטעניש פון דער אידישער קולטור דערגעהט בעענטער צו דער לייזונג.

געוויס, זיי קוקען קרום דערויף — זיי, די „פונדאַמענטאַ־ליסטען״, די אָרטאָדאָקסען פוןביידע לאַגערען, פון דעם קריסטליכען און פון דעם אידישען. זיי ווילען ניט וויסען דעם אמת. זיי האָבען מורא. מען האָט מיר דערצעהלט אין ירושלים, אַז ווען די אַרכעאָ־לאָגען האָבען אָנגעהויבען אויסגראָבען די „דריטע חומה״, די דריי־טע וואַנט אַרום ירושלים — האָבען די גלחים תיכף פּראָטעסטירט און געווירקט ביי דער בריטישער רעגירונג, אַז מען זאָל אָפּשטע־לען די אויסגראָבונגען. עס האָט זיי ניט געפּאַסט צום רומעל. ווייל אויב די „דריטע חומה״ וואָלט אויסגעגראָבען געוואָרען וואָלט עס געמיינט, אַז די גאַנצע עוואַנגעלישע דערצעהלונג וועגען דער קרייציגונג — איז פאַלש. די גלגתה וואָלט קיין גלגתה ניט געווען, דערמיט וואָלט די „וויאַ דאָלאָראָזאַ״, דער וועג וואָס יעזוס איז, לויט דער לעגענדע, געגאַנגען צו דער תליה, געווען בלויז אַ פאַנ־טאַזיע. און אויב דאָס איז אויסגעטראַכט, פאַרוואָס ניט דאָס אי־בעריגע?

אָבער עס איז דאָך קינדיש. מען פאַרשטעלט די אויגען, כדי ניט צו זעהן דעם אמת, גלייך ווי דער אמת רעכענט זיך דער־מיט, צי מיר ווילען איהם צי ניט.

די פונדאַמענטאַליסטען פאַסט עס ניט, אַז מען זאָל זיך באַ־שעפטיגען מיט ביבעל־קריטיק. זיי איז אַלצדינג רעכט. אַלע ווי־דערשפּרוכען, אַלע היסטאָרישע אוממעגליכקייטען, אַלע לעגענדעס זיינען זיי גרייט אַנצונעמען פאַר וואָר, אַבי ניט צווייפלען, אַבי ניט פאַרטראַכטען זיך.

און זיי האָבען איין ענטפער אויף אַלע שאלות: „חוצפה!" „וואָס פאַר אַ חוצפה", שרייט און ליאַרמט ש. ד. לוצאַטו, „וואָס פאַר אַ חוצפה צו זאָגען, אַז די נביאות פון ישעיה אויף כורש איז געשריבען געוואָרען שפּעטער — אין בבל". ביי איהם איז אַלצדינג געווען אַ „חוצפה", אפילו ספּינאָזאָ'ס וואונדערבאַר קלאָרער אַנאַליז פון דער ביבעל. און אויב אַזאַ שד"ל — דער אייראָפּעאיש געביל־דעטער, דער געלערענטער, וואָס פאַר אַ וואונדער, ווען געוועהנ־ליכע אידען, אידען וואָס האָבען ניט געגאַשט פון דער וועלט־קולטור, ברעכען ממש די הענט און רייסען קריעה, ווען מען געהט צו מיט דעם היסטאָריש־קריטישען מעטאָד צו דער ביבעל.

און אפילו ניט נאָר אַזעלכע אידען. עס איז בכלל אָנגענומען געוואָרען ביי אונז, אַז ווייטער פון געוויסע גרעניצען טאָר מען ניט געהן. ביז אַהער און ניט ווייטער. דאָס גאַנצע אידישע דענקען איז געוואָרען איין איינציגער פּירוש, אַ גריבלען זיך אין געגעבענע טעקסטען, צונויפשפּאַנען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אַריינטייטשען, — נאָר ניט זעהן דעם אמת מיט פרייע אויגען, נאָר ניט באַזייטיגען די וואַנט און אַ קוק טאָן וואָס טוט זיך הינטער איהר.

אידען — אָט די שאַרפע מוחות און קריטיקער — זיינען גרייט אַלצדינג אָנעקצוליייגען אויף דער וואָגשאָל, אַלצדינג מעסטען און וועגען און צעגלידערען. קומט עס אָבער צום אידענטום, צום יסוד, דאָרט ווערען זיי אומפריי, און זיי דערשרעקן זיך. מען הערט אָפט די טענה — אפילו פון פריידענקענדע מענשען: גוט. לאָמיר זאָגען, אַז די ביבעל איז, ווי די ביבעל־פאָרשער זאָגען, אַ מין ענציקלאָפּעדיע פון אַלטער חכמה, פון מנהגים, פון לעגענדעס, — וואָס־זשע בלייבט אונז? נעמט מען ביי אונז אָוועק דעם „ספר", דעם בוך פון די ביכער, וואָס איז אונזער זין? פאַלט די אויס־שליסליכקייט פון דער ביבעל, פאַלט מיט איהר די אויסשליסליכ־

קייט פון דעם אידישען פאָלק. און דעמאָלט — בלייבען מיר אַליין אין דער וועלט — אפילו אָהן אבות.

עס קאָן זיין, עס איז אַ טענה. אָבער נאָר אַזוי לאַנג, ווי אַנ־דערע, ד. ה. די פעלקער אַרום אונז, גלויבען אין דער אויסשליס־ליכקייט, איבערנאַטירליכקייט פון דער ביבעל. דעמאָלט — זיינען מיר די יורשים פון דעם בוך.

אָבער ווען דער גלויבען ביי „זיי" ווערט צערונען? און ער ווערט עס פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר. עס איז שוין היינט ניט פאַראַן מעהר קיין איינציגער געבילדעטער מענש, וואָס זאָל באמת גלויבען, ווי מען האָט געגלויבט ביז הונדערט פופציג יאָהר צוריק, אַז דער „ספר" איז טאַקע אַראָפּ אַזוי ווי ער איז „מן השמים", פאַרטיג, גרייט, און אַז ער איז דיקטירט געוואָרען פון דעם הימעל צו משה'ן.

די ביבעל שטעהט שוין היינט — היסטאָריש — ניט אין דעם צענטער פון דער גייסטיגער וועלט. זי איז אַריינגענומען געוואָרען אין דעם קרייז פון דער געשיכטע. אַ רעזולטאַט — געוויס. אַ פאַרענדיגונג, אַן אויסגאַנגס־פונקט פון אַ נייער וועלט־קולטור — ריכטיג. אָבער ניט מעהר קיין רעטעניש.

און דאָס מוזען מיר אונז אויך זאָגען. די אַרבייט פון דער בי־בעל־קריטיק, וואָס האָט זיך ביי אידען אָנגעהויבען נאָך איידער די קריסטליכע וועלט האָט זיך דערוועגט דערצו, די אַרבייט וואָס דער תלמוד האָט אויפגענומען אויף זיין אופן מיט אָנצוהערענישען, מיט השערות. און וואָס דער אבן־עזרא און ספינאָזאַ האָבען צוגע־פיהרט צו אַ טיפער חקירה, אָט די דאָזיגע אַרבייט מוז ניט נאָר באַ־קאַנט און אָנערקענט ווערען פון און צווישען אידען אַליין — זי מוז אויך ווייטער געפיהרט ווערען.

און עס איז באמת אַ גרויסער פאַרדינסט פון די צוויי אידישע געלערענטע — דר. מ. סאָלאָווייטשיק און ז. רובאַשאָוו — וואָס זיי האָבען געהאַט דעם מוט אַריינצופיהרען אין דער אידישער ליטעראַטור די ביבעל־קריטיק, מיט אַלע איהרע רעזולטאַטען און דערגרייכונגען.*) זיי שפרייטען פאַנאַנדער פאַר אונז — אפשר צום

*) מ. סולוביטשיק וז. רובשוב: „תולדות בקרת המקרא", הוצאת דביר־מקרא, ברלין, תרפ"ה.

ערשטען מאָל אין דער ליטעראַטור, און ניט נאָר אין דער אידישער אָדער העברעאישער, נאָר בכלל — דאָס בילד פון דעם קאַמף אַרום דעם „בוך פון ביכער", פון די אַלטע צייטען — ווען מען האָט נאָך געקעמפט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון דער אידישער טראַדיציע, ביז צו די לעצטע פאַרשונגען, וואָס האָבען ניט קיין אַנדער צוועק אַ חוץ — וויסען און פאַרשטעהן דעם היסטאָרישען פּראָצעס פון דעם אידישען פאָלק.

אַ מערקווירדיג בילד. אַ וועלט אַנגעשפּאַרט אויף אַ בוך. אַ פאָלק וואָס האָט אין איהם געפונען זיין איינציגען עקזיסטענץ-זין, זיין טרייסט, זיין האָפענונג. אַ בוך וואָס איז געווען אַ שטענדיגער קוואַל פון באַגייסטערונג און אַ שליסעל צו אַלע סודות. אַ בוך — אַן אַקסיאָם.

קאָן מען צווייפלען אין די אַקסיאָמען פון דער מאַטעמאַטיק? און ווען מען צווייפעלט — וואָס קומט אַרויס דערפון? לאָז מען פּרוּאווען לייקענען די גרונט-כללים, און מיר פאַרלירען בכלל יעדע מעגליכקייט צו פאַרשטעהן די וועלט, אפילו די פּראַקטישע. מענ-שען זיינען תמיד גלייך. און מיט טויזענט יאָהר צוריק זיינען אויך געווען אומצופרידענע, אומבאַפרידיגטע, קריטיקער, זוכער. זיי האָ-בען אויך געפיהלט, אַז אין דער ביבעל זיינען דאָ עלעמענטען וואָס פּאַסען ניט צוזאַמען, זיי האָבען אויך פאַרשטאַנען, אַז ניט אַלצדינג וואָס איז פאַרשריבען אין דעם בוך שטעהט אויף דער אייגענער הויך, טראָגט דעם אייגענעם כאַראַקטער. היסטאָריע און לעגענדע, מאָראַל און היגיענע — ווי פּאַסט דאָס אַלצדינג אינאיינעם?

און שוין גאָר אַמאָל האָט מען זיך געגריבעלט. „די תורה רעדט ווי מענשען רעדען" — ד. ה. אַלעגאָריש, צוגעפּאַסט צו דעם געוועהנליכען פאַרשטאַנד, זי מיינט עפּעס אַנדערש. און אפשר זיינען די שאַרפסטע, די ראַדיקאַלסטע קריטיקער געווען די מיס-טיקער, די בעלי הקבלה, וואָס האָבען אויסגעטייטשט די גאַנצע תורה ווי איין איינציגע אַלעגאָריע, אַ מין פילאָזאָפיע אין בילדער און משלים.

מיר היינטיגע דאַרפען ניט מעהר דעם פּלפּול. מיר דאַרפען ניט „דרש'ענען" דעם „מבול". דער עפּאָס פון גילגאַמעש. די אַלטע לעגענדע פון בבל ערקלערט אונז מעהר ווי אַלע חקירות „לויט דעם שכל". מיר וויסען, אַז דאָס איז געווען אַן אַלטע אָריענ-טאַלישע לעגענדע, און צי הייסט דער הויפּט-העלד נח, אָדער אות-

נאפשתם, ווי אין בבל, דער טעקסט איז כמעט דער אייגענער. און ווען עס קומען פאַרשער, איינער נאָך דעם צווייטען, און אַנאַ־ליזירען די ביבעל — און צעלייגען זי אויף איהרע עלעמענטען: אויף דעם אלה׳יסטישען — דאָרט וואו דער באַגריף אלהים הערשט, און יהוה׳יסטישען — וואו יהוה האָט פאַרנומען דעם אָרט פון אלהים. און ווען מען שטעלט־אום און מען בייט־איבער דעם טעקסט און דעם סדר — שרעקען מיר זיך ניט.

עס איז געווען אַ צייט ווען די פאַרשונג האָט זיך פאַרמאָס־טען אַזוי ווייט, אַז זי האָט געלייקענט אינגאַנצען די היסטאָרישע ווירקליכקייט פון דער ביבעל. ניט נאָר די וועלט־שאַפונג־לעגענדע, נאָר אויך די פיגורען פון די אָבות, פון משה, יהושע א. אז. וו. אַלע זיינען זיי אויסגעטייטשט געוואָרען „סימבאָליסטיש". אברהם — די זון, שרה — די לבנה, א. אַז. וו. און אפילו היינט נאָך ערקלערט פּראָפעסאָר עדוואַרד מאַיער, אַז אברהם און שרה זיינען געווען צוויי אַלטע סעמיטישע גאָטהייטען, לאָקאַלע געטער, וואָס זיינען דערנאָך פאַרגעסען געוואָרען און האָבען אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון כלומרשט־היסטאָרישע פּערזאָנען. דאָס איז אפשר אַן עקסטרעם. און גראָד די אמת׳ע וויסענשאַפט פון דעם אַלטען מזרח, די אַרכעאָ־לאָגיע, די פילאָלאָגיע ברענגען אַלץ מעהר און מעהר באַווייזען, אַז דאָס וואָס די ביבעל דערצעהלט איז ניט קיין בלויז פאַנטאַזיע, נאָר אַן אָפּקלאַנג פון פּאַסירונגען, פון פאַקטען, וואָס זיינען דערנאָך אָפט גאַנץ אַנדערש אויסגעטייטשט געוואָרען. אָבער דאָך געווען. די ציגעל פון אשור, די שטיינער פון מצרים און פּערזיע — רעדען פון „ישראל", דערצעהלען פון „יעקב־אל". דערמאָנען די „חאַבירי" — ד. ה. די „עברים". און עס וועט קיינעם ניט וואונדערען, ווען ערגעץ־וואו זאָל אַרויסקומען פון אונטער דער ערד — די פיגור פון דעם אומפאַרשטענדליכסטען, דעם צענטראַלסטען פיהרער פון די אידען — משה.

די אַרבייט איז ערשט אָנגעהויבען געוואָרען. די אידישע גע־שיכטע דאַרף ערשט געשריבען ווערען. און עס מאָלט זיך אַ פּערספּעקטיווע: אַ אידענטום וואָס האָט עקזיסטירט אָהן און פאַר דעם „בוך". אַ פאָלק וואָס האָט געלעבט הונדערטער יאָהרען, אויב ניט טויזענטער, געשאַפען זיך אַ קולטור, געזונגען לידער, געבויט אַ געזעלשאַפט, געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ נייער רעליגיע. אין דער תורה אַליין זיינען דאָך דאָ וואונקען דערויף. שוין די

אַלטע האָבען געזעהן, אַז ערגעץ־וואו איז געווען באַהאַלטען אַן אוצר. ספרים, מגילות, טראַדיציעס. די תורה, די ביבעל איז געווען ניט קיין יסוד, נאָר אַ דאַך. דאָרט האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט נאָר איין טייל פון דער אידישער געשיכטע, סיי גייסטיג, סיי פּאָליטיש. די כהנים האָבען געזיגט, עזרא האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף דעם אידענטום און האָט געקליבען און האָט אויסגעשיידט. דער אידישער געדאַנק איז באַגרעניצט געוואָרען, ער האָט געמוזט זיך פאַרשמעלערען — אָדער זיך באַהאַלטען ערגעץ אין די היילען.

פון די היילען איז אַרויסגעקומען דערנאָך די אידישע מיסטיק — מיט אַלע איהרע אומגעהויערע וועלט־היסטאָרישע קאָנסעקווענצען. און אַדאָלף פראַנק — אין זיין באַרימטען בוך וועגען דער „קבלה״ — איז זיכער גערעכט, ווען ער רוקט צוריק די ענטשטעהונג פון דער קבלה אין די גאָר, גאָר אַלטע צייטען, אין די צייטען וואָס זיינען געווען — דער פעריאָד פון פאָרמירען די אידישע טראַדיציע בכלל. צוויי וועגען זיינען געווען און צוויי מעגליכקייטען: דער וועג פון די כהנים־תורה, אָדער פון דער מיסטישער, פילאָזאָפיש אָריענטירטער. די כהנים האָבען געזיגט — דערפאַר האָט דער אַנדערער שטראָם זיך געמוזט דורכברעכען אַ וועג פאַר זיך — און האָט סוף־כל־סוף געמוזט אַרויס פון דעם אידישען גדר — און פאַרפלייצען די וועלט.

די אויפגאַבע פון דעם היינטיגען דור איז — זיך קלאָר ווערען איבער דעם תוך פון דעם אידענטום, רעווידירען די פאַרגאַנגענהייט — כדי ווייטער צו בויען. און אפשר וועט זיך אויפ׳סניי פאַר אונז עפענען די „גניזה״ — דער אַלטער, פאַרשלאָסענער, פאַרשאָטענער וועג פון רעליגיעזען דענקען און שאַפען. דורך קריטיק צו מיסטיק, אַזוי געהט דער וועג.

מאַי 14, 1927.

לייענענדיג ספר רות

געבלעטערט אין דעם בוך רות. צווישען דעם פאַרביגען, זומערדיגען, הייסען ווייַנגאַרטען־ליד שיר השירים און דעם הילכיגען יאָמער־ און קלאָג־ליד „איכה״, איינגעפלאָכטען אַ ליכטיגער, אַ פרילינג־שטראַל. פעלדער און געצעלטען, און אַרבייטער, און פרויען, וואָס קלייבען זאַנגען, און די שטילע מואב־טאָכטער, רות, וואָס געהט געטריי נאָך דעם פאָלק, וואָס זי האָט אויסגעקליבען. דאָס בוך פון דעם איינציגען מענשען, וואָס האָט זיך באַהעפט מיט דעם אידישען פאָלק.

דער איינציגער מענש. ניט ליבע, ניט גלויבען, ניט גליק, נאָר ריינע, טיפע מענשליכקייט. די איינזאַמע, וואָס האָט געזוכט איהר וועג צו די איינזאַמע.

און פון דעם „בוך״ אַליין, פון דעם אַלטען, נאַאיווען „ספר״, צו דעם רעהמעל, צו דעם מדרש.

איך האָב ליב פון צייט צו צייט לייענען מדרשים. זיי זיינען איינציג. קיין שום פאָלק, און קיין שום שפראַך האָט ניט קיין גלייכען. און קיינער קאָן ניט פאַרשטעהן, וואָס איז באַהאַלטען, וואָס איז ניט דערזאָגט, וואָס איז צווישען די שורות און צווישען די דורות — קיינער קאָן ניט זעהן דעם אידישען גייסט אין זיין רעגענבויגיגקייט, ווער עס קען ניט דעם מדרש.

אַ פריזמא איז ער. דער שטראַל ברעכט זיך אין איהם און ווערט אַ גאַרב פון שטראַלען. אַלערליי קאָלירען, אַלערליי עפּאָכען. איבער צייטען און לענדער רעדען זיך אידען דורך. אויף די פעלדער פון מואב ציטערט אויף שטיל אַ טאָן, און ערגעץ־וואו ווייט, אין בבל, אין פערסיע, אין אַלעקסאַנדריע אָדער אין רוים עכאָ׳ט עס צוריק.

עס שפרינגט דער געדאַנקען־קנויל אויף קאַפּריזנע, אויף געפאַדימטע וועגען. אומגעריכט אַ וואָרט, אומדערוואַרט אַ געשטאַלט. עס בליצט אויף אַ געדאַנק — און אַלצדינג אַרום איין טעמע. זיי זיינען מייסטער פון וואַנדערען, די אַלטע חכמים; וואַנדערען, ווי אָהן אַ ציל, און תמיד מיט אַ כונה. אַרויף און אַראָפּ,

אַהין און אַהער, און פּלוצלינג ווידער ביים אָנהויב, ביים אויסגאַנגס־פּונקט.

און אָט אַזוי שלאַנגעלט זיך, וועבט זיך, כוואַליעט אַרום רות, דער זאַנגען־קלייבערין פון מואב, דער אידישער וועג. און ער דערפיהרט אייך אויף סודות׳דיגע וועגען צו אַ וואונדערבאַרער פיגור, דער רעטעניש־דיגסטער, דער טיפזיניגסטער אין דער אי־דישער געדאַנקען־וועלט: צו אלישע בן אבויה. דורך אַ וואָרט, דורך אַ וואונק, און דו שטעהסט אויף דעם מאַרק פון אַלט־טבריה. ר׳ מאיר זיצט און דרש׳ענט, און זיין רבי, אלישע בן אבויה, קומט — אום שבת — רייטענדיג אויף אַ פערד.

אלישע לערענט און מאיר הערט. דער תלמיד פרעגט און דער רבי ענטפערט. ווי אַזוי און פאַרוואָס — פרעגט דער גע־טרייער, דער טרויעריגער תלמיד — ווי אַזוי איז דער רבי געקומען דערצו?

און דער לערער ענטפערט: ער האָט געזעהן, ווי אַלצדינג, וואָס איז געשריבען און באַפוילען; אַלצדינג, וואָס איז גוט — ווערט באַצאָלט מיט ליידען און טויט; אַז דער גערעכטער און פרומער געהט אונטער און דער שלעכטער זיגט. און ווען ער האָט דאָס געזעהן, איז ער אַן „אַנדערער" געוואָרען.

עס וואַקסט אויס פאַר מיר די מערקווירדיגע געשטאַלט פון דעם אידען, אפשר דעם איינציגען, וואָס האָט עס געמיינט טויט־ערנסט; דעם אידען, וואָס האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט מאַכען קיין פשרות.

איהם אַנטקעגען זיין חבר, עקיבא בן יוסף, גלאַט און קלוג, גרייט אויף אַלע קרבנות פאַר זיין פאָלק, פאַר זיין וועלט־שיטה; גרייט צו שטאַרבען פאַר איהר, און דאָך ניט גרייט צו דעם לעצטען קרבן — צו דער איינזאַמקייט.

די צוויי זייטען פון דעם געשיכטליכען מעדאַל. די צוויי פּרצופים פון דעם אידענטום. און אלישע׳ס איז די האַרבערע, די טראַגישערע געשטאַלט.

עקיבא האָט געקעמפט קעגען דער וועלט, אָבער אלישע האָט געקעמפט מיט גאָט — פאַר גאָט׳ס אמת. „דו האָסט געזאָגט, דו האָסט פאַרלאַנגט, אַוועקגעשטעלט כללים פאַר דער וועלט — און זיי ווערען בטל!"

ער האָט געזעהן אויף יעדען טריט דעם ווידערשפּרוך צווישען

דער אידייע און דער ווירקליכקייט און האָט ניט געקאָנט מאַכען קיין שלום מיט דעם פאַקט. ער האָט געפאָדערט: אַלצדינג אָדער גאָרניט.

און אַנטקעגען איהם עקיבא דער רעדנער, עקיבא דער דרשן, דער קאָמפּראָמיסען־מאַכער. „יאָ, אמת, עס איז דאָ אַ שטענדיגער ווידערשפּרוך, אָבער עס ווייזט זיך באָר אויס אַזוי. דער ווידער־שפּרוך קומט דערפון, וואָס מען נעמט די וועלט בלויז אין איין שטח, אין איין דימענזיע: ערד, לעבען, פאַקט, פאַרלענגערט די ליניע, שאַפט אַ נייע דימענזיע. הימעל, צוקונפט, אַן אַנדער וועלט — און דער ווידערשפּרוך איז געלייזט און דאָס וואָרט איז אמת".

און עקיבא בן יוסף האָט אַריינגע׳דרש׳ענט, אַריינגע׳פּשרה׳ט דאָס אידישע פאָלק אין דער געשיכטע. אַליין באַצאָלט מיט דעם לעבען, אָבער פאַר די ווייטע דורות געשאַפען אַ מעגליכקייט צו לעבען און ניט פאַרצווייפלען. עקיבא׳ס פּשרה האָט פאַרטריבען און פאַרשטעלט אלישע׳ס העראָאישען זשעסט. עקיבא בן יוסף איז אַריין אין דער געשיכטע ווי דער איד, דער גייסטיגער און היסטאָרישער גבור, און אלישע איז געוואָרען דער זייטיגער, דער אַרויסגעשטוי־סענער, דער „אחר".

אָבער עס געהט צום סוף די צייט פון עקיבא. די פּשרה, דער אויסגלייך האָבען זיך אויסגעלעבט. מען קאָן דעם ווידער־שפּרוך ניט מעהר פאַרקלעפּען מיט ווערטער, פאַרשפּינען מיט משלים. פולקייט און אויסגעפילטקייט, גאַנצקייט וויל די צייט, פאַרלאַנגט די נשמה. „מצילין תיק הספר עם הספר, מצילין אלישע בשביל תורתו" — אלישע ווערט געראַטעוועט צוליב זיין תורה. און וואָס איז געווען זיין תורה, אויב ניט די, וואָס מיר אַלע זוכען היינט, ווילען איצט? די תורה פון אָהן קאָמפּראָמיסען, די תורה פון איין ליניע.

דער עקיבא׳יזם האָט מיד געמאַכט. דער קאָמפּראָמיס, דער מאָראַלישער, דער רעליגיעזער, דער גייסטיגער, דער אייביגער אויסגלייך צווישען דעם, וואָס איז, און דעם, וואָס דאַרף און זאָל זיין, די האַלבקייט, די טאָפּעלטע בוכהאַלטעריע — מיר האָבען זיי זאַט. מענשען, וואָס פּרעדיגען איינס איידער זיי האָבען מאַכט, און טוען דעם היפּוך, ווען זיי באַקומען זי; מענשען, וואָס פאַר־לייקענען ביי דער ערשטער געלעגענהייט זיך אַליין, דאָס בעסטע אין זיך, זייער אייגענעם עצם; מענשען האַלבע, געבראָכענע, מענ־

שען פון צווי וועלטען — הערבערט ספּענסער מענשען, וואָס זעהען תמיד דיביידע זייטען פון דעם שילד; רעאַליסטען, וואָס „פאַרשטעהען" דעם אידעאַליזם, אָבער — איהר ווייסט דאָך, מען מוז זיך רעכענען מיט די אומשטענדען, מען עסט ניט אַזוי הייס, ווי מען קאָכט — ווי קליין זיינען געוואָרען די מענשען!

אַ גאַנצע וועלט, וואָס דרש'ענט, אַ וועלט פון רעדעס, פון פראַזען, פון שאָטענדיגע געדאַנקען און ליידיגע ווערטער. און קיינער ווייסט ניט מעהר, וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכט, וואָס טאָר מען ניט און וואָס מעג מען, וואָס זאָל מען און וואָס ניט.

אָפט טראַכט זיך מיר: ווער ווייסט, אפשר זיינען זיי דאָרט, אין מאָסקווע, אָדער דאָרט, אין אינדיע, די פאַנאַטיקער, די עקסטאַ־טיקער, די ניט־קאָמפּראָמיסלער, די לייקענער פון אַלע פשרות, די צעשטערער פון אַלע אויסגלייכען — אפשר זיינען זיי נעהנטער צום שורש, צום אמת?

אויף אַ וויילע קומט מיר דער געדאַנק, אָבער איך דערזעה פאַר מיר די מענשען, אָט די פון אינדיע — זיי קען איך ניט, זיי קאָן איך זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, נאָר פון מאָסקווע. איך זעה זייערע האַרטע פּנים'ער, זייער קאַלטקייט צום מענשען, זייער „עקיבא'דיגקייט" אין דעם דענקען, די מורא צו זאָגען זיך אַליין דעם אמת, די אומפרייהייט בנוגע צו דעם אייגענעם געדאַנק, און איך ווייס: ניט ביי זיי איז דער נייער אמת, ניט דאָרט דער נייער מענש. דער נייער אלישע — האַרט צו זיך און מילד צו אַנדערע; דער מענש, וואָס שטעלט זיך פאַר גאָרניט אָפּ אין זיין געדאַנק און איז דערפאַר אַזוי געהיט מיט זיין טאָן; דער מענש, וואָס האָט דעם מוט צו זיין אַן „אַנדערער" און אַן איינזאַמער.

און איך האָב מורא — ווי אין מאָסקווע, אַזוי אין אינדיע, אַזוי אומעטום, וואו תורה'ס ווערען געפּרעדיגט, וואו מען איז מקריב זיך און אַנדערע פאַר „הייליגקייטען" — אַלטע אָדער נייע.

עקיבא בן יוסף, די וועלט־פיגור, געהט נאָך אַלץ אַרום איבער דער וועלט און שפּינט זיינע נעצען פון פשרות איבער דעם מענ־שען — און אלישע איז נאָך אַלץ דער „אחר".

***

אַ ווייטער שפּרונג — פון רות, דער שטילער שנור פון נעמי, ביז צו די פּאַטעטישע פיגורען פון עקיבא און אלישע. איך ווייס אַליין ניט ווי איך בין דערצו געקומען; ווייס ניט, וואָס האָט מיך

אַוועקגעצויגען פון די זוניגע פעלדער פון מואב צו די דאַרניגע, פאַרוואַקסענע סטעזשקעס פון דער געשיכטע.

די אַלטע האָבען מיך פאַרפיהרט. דאָס אידישע דענקען האָט מיך אַריינגעלאָקט. דער אַלטער וואַנדער־ און אומרוה־גייסט וואָס לאָזט ניט צו קיין אָפּשטעל און קיין אידילישע פאַרענדיגונג. נאָר ווייטער — צום אומבאַקאַנטען, צום פרעמדען, צום „אַנדערען".

און דערנאָך צוריק — מיט בענקעניש — צו דער רוהענדער, זיכערער און גרויסאַרטיגער גאַנצקייט, צו דער געטריישאַפט פון רות. „הייס מיר ניט דיך פאַרלאָזען, אַוועקגעהן פון דיר. וואו דו געהסט, געה איך; וואו דו נעכטיגסט, נעכטיג איך; דיין פאָלק איז מיין פאָלק און דיין גאָט איז מיין גאָט".

די איינציגע געטריישאַפט, וואָס געהט ביז צום אָפּגרונט. „דיין גאָט איז מיין גאָט". אפשר איז דאָס דער איינציגער וועג צו איהם, און אַלע אַנדערע פאַרשפאַרט. אָדער פאַר רות — און אין מואב — און ווען די וועלט איז נאָך יונג געווען, נאָך זעהר יונג געווען.

יוני 3, 1930.

דער בוך פון באַרג

צווישען אַ פּאָעמע פון טרויער און אַ ראָמאַן פון האָפענונג — אַ בוך פון רוהיגער מענשליכקייט. דאָס איינציגע אַלמענשליכע, פאַר אַלע צייטען גילטיגע, אייביג אמת'ע בוך פון דער ליטעראַטור בכלל: יעדען פאַרשטענדליך, יעדען צוגענגליך. די לעצטע פשטות — און דערפאַר אויך אַ טויזענטפאַך פאַרקניפּטער קנויט. פון איין זייט „איכה", — פון דער צווייטער „אסתר". און צווישען ביידע — „קהלת". „אַ נביא רעכטס, אַ נביא לינקס — דאָס וועלט־קינד אין דער מיט" — ווי געטהע האָט אַמאָל געזאָגט וועגען זיך. זכר ה' מה היה לנו... למה לנצח תשכחנו... השיבנו ה' אליך — חדש ימינו כקדם..." אַזוי איין פינאַל. אַזוי דער געבאָט: געדענק ווי עס איז אַמאָל געוועזן — באַניי, העלף, קעהר אום. אַ קלאָג פון דורות צו דורות — איבער דעם גאַנצען לאַנגען שטח פון דער געשיכטע. די טראַגיק פון אַ פאָלק.

און דערנאָך — „און די דאָזיגע טעג וועלען קיינמאָל ניט פאַרגעהן צווישען אידען און זייער געדעכעניש וועט ניט אָפּגעטאָן ווערען פון זייערע קינדער". אויך טראַגיק — פון מענשען וואָס האָבען זיך שוין איינגעשרענקט און איינגעצוימט, פון אַ פאָלק וואָס איז שוין גליקליך, וואָס מען באַגעהט זיך מיט איהם מענשליך. און אין ביידע — דער טרויים און די פרייד: ירידה. צו הויך דער געשריי, צו נישטיג די פרייד. און צווישען אָט די צוויי טאָלען אַ באַרג. רוהיג, קלאָר, קאָלט.

אַ בוך פון חכמה, וואָס האָט ניט מורא פאַר איהר אייגענעם מוט, — אַ מאָנומענט פון דעם געדאַנק וואָס שפּילט מיט אַלע מעגליכקייטען און קוקט אין די אויגען אַריין אַלע קאָנסעקווענצען. אַ בוך, וואו יאָ און ניין באַגעגענען זיך, דערקענען זיך און זעהען, אַז זיי זיינען ביידע בלויז אָפּשפּיגלונגען פון איין געשטאַלט — און די געשטאַלט איז אויך אַ פאַנטאַזיע.

קיינער ווייסט ניט ווער דער מחבר איז געוועזן. אַלע חקירות וועגען דער צייט און דער היסטאָרישער פאַרקניפּונג פון „קהלת" זיינען בויך־סברות, און מעהר אָדער ווייניגער פּאָעטישע השערות.

און עס איז גאַר אַ קליינער אונטערשייד ווי דער „קהלת" האָט געהייסען, און אויב ער האָט געלעבט מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר פריער אָדער שפּעטער — אין דער צייטלאָזיגקייט פון דעם קהלת־געדאַנק האָט דאָס היסטאָרישע, דאָס רוימליך־צייטליכע ניט קיין אָרט און ניט קיין ווערט.

עס איז דער אמת פון פאַרצייטענס און פון היינט — און אין די ווייטסטע טעג וואָס וועלען קומען — העט־העט — באחרית הימים, וועט עס אויך זיין דער איינציגער אמת פון דעם מענשען.

איך בין זיכער, אַז איך בין היסטאָריש ניט באַרעכטיגט צו אַזאַ השערה, אָבער זי לאָקט מיך פאָרט. און מיר ווייזט זיך אָפּט אויס דער גאַנצער קהלת ווי אַ מין געניאַלע פּאַראָדיע אויף דער גאַנצער פילאָזאָפיע, אויף דער גאַנצער רעליגיעזער וועלט־פאַר־שטעלונג, דער ענטפער פון דעם מענשען וואָס האָט פּלוצלינג דערזעהן, אַז דער „קעניג איז נאַקעט". דער פּראָדוקט פון אַ קול־טור, ווען זי ווערט רייף, איבער־רייף, ווען עס דערנעהנטערט זיך דער הערבסט.

איז עס אַ צופאַל, האָט עס אַ זין? איך ווייס ניט. אָבער עס איז דאָך באמת מערקווירדיג, אַז דאָס „זאָגען" פון קהלת פאַלט ביי אידען אויף דעם הערבסט־יום־טוב. „אסיף" — זאַמלונג, אַלצדינג שוין פאַרטיג — די פרוכט פון שווערער, הייסער אַרבייט, פון זייען אין טרערען און שניידען מיט געזאַנג — זי איז שוין איינגעזאַמעלט אין די שייערען. מען פרעהט זיך. מיט דער פרוכט פון דעם אי־דישען לאַנד — און פון דעם אידישען גייסט. מען פרעהט זיך מיט דער תורה — און אָט אין מיטען דער שמחה, דעם עקסטאַז — וואַכט־אויף דער בייסענדיגער, וואַגענדיגער, טיף־מענשליכער און איבער דעם לעבען־שטעהענדיגער ספק און פרעגט: וואָס איז די שמחה? רויך איז אַלצדינג — רויך פון רויכען — ניט מעהר.

אַקעגען אַלע עקסטאַטישע ענטפערס אויף דעם עצם פון דער וועלט — אידישע און ניט־אידישע, אַקעגען דער פאָרמולע פון די גריכען "אַלצדינג איז זיין" — זיין אין די פאַרשיידענסטע פאָרמען: וואַסער, פייער, מאַטעריע, גייסט — זיין אין דער אַב־סטראַקציע, אַקעגען דער אידישער פאָרמולע: אַלצדינג איז דער ווילען פון גאָט — ענטפערט דער אַנאָנימער מורד: „הכל הבל" — רויך, פאַרע, הבל הבלים — הכל הבל.

מערקט אויף: ניט „אַלצדינג איז גאָרנישט". ווייל „גאַר־

נישט" קאָן אויך זיין אַ מעטאַפיזישער יסוד, אַן אַנהויב. קאָן זיין — און איז אויך געווען. אין דער פילאָזאָפיע פון די גנאָסטיקער, פון דער מיסטיק — אין דער פילאָזאָפיע פון העגעל.

רויך, פאַרע איז אַן „עפּעס" — אָבער אַן עפּעס וואָס איז שוין בלויז אַ נישטיגער פּראָדוקט פון אַן אַמאָליגען לעבען. און דער צענטער פון דעם גאַנצען קהלת־דענקען איז אפילו ניט אין דעם פּעסימיזם פון „הבל" — נאָר אין דער קריטישער באַציהונג צו דעם וואָס איז. עס איז ניט פּעסימיזם, נאָר פאַרניינונג, ניט ביטערקייט, נאָר מאָס — און גרעניצען. ווייל „מה שהיה הוא שיהיה ומה שנעשה הוא שיעשה" — וואָס איז געווען וועט ווידער אַמאָל זיין, וואָס איז געשעהן וועט באַכאַמאָל געשעהן! און „כל הדברים יגעים" — אַלצדינג איז מיד, אַלע ווערטער האָבען ניט קיין זין און ניט קיין ווערט. ווייל אַלצדינג וואָס איז — איז בלויז אַ רויך — געוועזענער פייער —אַ פאַרע — וואַסער וואָס איז ניט געוואָרען — און אַלע געשטאַלטען זיינען רויך־קאָנטורען, ניט מעהר.

עס איז אַ בוך פון אַן איראָניקער. דעם גרעסטען, ווייל קילס־טען און מוטיגסטען, וואָס איז אונז געבליבען פון די אַלטע צייטען. איך זאָג איראָניקער — און ניט סאַטיריקער, ניט אָפּשפּעטער. די גריכען האָבען געשאַפען דאָס וואָרט, דעם באַגריף. סאָקראַט — דער איראָניקער. דער ערשטער, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע מיט דעם נאָמען און דעם טיטעל. אָבער ניט סאָקראַט, ניט די דענקער וואָס זיינען געווען נאָך איהם, און אויך ניט די פּאָעטען וואָס האָבען געקעמפט אַקעגען דער וועלט מיט זייער געלעכטער — זיי זיינען ניט געווען קיין אמת'ע איראָניקער. איראָ־ניע הויבט זיך אָן — פון דעם מענשען אַליין, פון זיך. אין דעם מאָמענט ווען סאָקראַט האָט ערקלערט, אַז זיין אויפגאַבע אין לעבען איז „זיך אַליין דערקענען" — האָט ער שוין אויפגעהערט צו זיין איראָניש. ער איז געוואָרען טראַגיש. ער האָט זיך — און די אַנדערע — גענומען ערנסט. דער איראָניקער זאָגט: „מ'שטיינס געזאָגט", נו, און ווען איך וועל זיך דערקענען, וואָס וועט זיין? און ווען איך וועל שוין וויסען, וואָס און ווען און פון וואַנען — וואָס קומט אַרויס דערפון? וועל איך וויסען, אַז איך בין אַ טראָפּען אין דעם אומענדליכען ים, וועל איך וויסען, אַז איך בין אַן אָטעם פון אַ ווינט. גוטס — שלעכטס, אויבען, אונטען — אַ קייט איז די וועלט, און מען קאָן פון איהר ניט אַנטרינען. וואָס איז

קאַליע געוואָרען — קאָן מען ניט פאַרריכטען. און דאָס וואָס פעהלט, קאָן מען ניט אויסצאָלען. קלוג — נאַריש, שטאַרק — שוואַך, — „הכל נשכח, ואיך ימות החכם עם הכסיל” — אַלצדינג ווערט פאַרגעסען, עס שטאַרבט דער קלוגער פונקט אַזוי ווי דער נאַר.

און נאָך ווייטער: טיף אַרונטער אין די לעבענסוועלטען — פון מענש ביז צו דער חיה — די סקאַלאַ איז די אייגענע, פאַר דער אייביגקייט וועגען זיי גלייך, ד. ה. גאָרנישט.

„קהלת” — אפשר איז דאָס אַ נאָמען, אפשר איז דאָס ניט מעהר ווי אַ וואָרט, וואָס באַטייט „דער זאַמלער”, ווי די גריכישע איבערזעצונג פון תנ”ך פאַרטייטשט: „עקלעזיאַסטעס”, אָדער זאַמלונג, אָדער אָריגינעלע שאַפונג; אימיצער האָט עס צונויפגעשטעלט, איינער האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף דעם ווערק. און דער איינער איז געווען — דער גרויסער איראָניקער, דער גרויסער פאַרקלענערער פון די מענשליכע ווערטען.

שוין דער אָנהויב: „דברי קהלת בן דוד, מלך בירושלים”. ניט מעהר „דוד מלך ישראל”, ווי אין „משלי”. ניט גלאַט „דוד” — פשוט, זעלבסטפאַרשטענדליך און דערפאַר אַזוי גרויסאַרטיג „מזמור לדוד”, „תפילה לדוד”, נאָר דוד, אַ מלך אין ירושלים. און די גאַנצע דוד־לעגענדע, דער שטראַל פון דעם נאָמען ווערט פאַרטונקעלט, פּראָזאַאיזירט.

און אָט די גאַנצע, אַזוי צו זאָגען, „כלאחר־יד’יגע”, פאַרבייגעהענדיגע, פון אויבען־אויפיגע באַציהונג צו דער גאַנצער געשיכטע פון ישראל און ירושלים, זי אַליין איז שוין אַ לייקענונג, אַ פאַרשמעלערונג, אַן איראָנישע פאַרשטילונג. „געוועזן אַ מלך איבער ישראל אין ירושלים”. נו, מילא, געווען — און גאָרניט. געפּרוווט עפּעס אויפצוטאָן, און עס האָט קיין ווערט ניט געהאַט. געוואָלט דערגעהן דעם אמת — און דער־גאַנצען איז עס ניט כדאי, ווייל אוממעגליך, ניט פאַר אונזערע כוחות, און ניט אין אונזער רשות.

דאָס איז דער גרונט־מאָטיוו. געקומען שפּעטערע הענט און האָבען געפיילט. געקומען גלויביגע, פייערדיגע און האָבען צוגעלייגט פרומקייט, מוסר, פילאָזאָפיע, געמיהט זיך צו פאַרגלעטען, פאַרזיסען די ביטערקייט. משלי־חכמה, נביאים־פּאַטאָס, רעליגיעזער וועלט־געפיל — אַלצדינג צוגעגעבען. אָבער דער גרונט־טראָפּען איז געווען צו־שטאַרק פאַר דעם איבעריגען וואַסער. ער דרינגט

דורך, ער פאַרבט די גאַנצע ריין־אידישע פילאָזאָפיע פון קהלת מיט זיין אייגנאַרטיגער, בין־השמשות׳דיגער פאַרב, וואו מיר־אַדען ניואַנסען שפּילען דעם געזאַנג פון אונטערגאַנג.

אָט, דאַכט זיך, ווערט ער אַן א״ב־מוסר: „זאָלען די רייד זיין ווייניג, באַצאָל דיין נדר צו גאָט, האָב מורא פאַר גאָט״, א. אַז. וו. און אָט פאַלט ער אריין אין אַן אַנדער טאָן: „עס מיט פרייד דיין ברויט, טרינק מיט אַ פרעהליך הארצען דיין וויין, ווייסע קליידער זאָלסטו טראָגען און דיין קאָפּ זאָל זיין מיט בוימעל באַנעצט. וואָס דו קאָנסט טאָן, טו״. עפּיקורוס וואָלט עס בעסער ניט געקאָנט זאָגען. די פילאָזאָפיע פון זאָרג־זיך־ניט, פון „מען לעבט נאָר איין מאָל״. אָבער אָט קלינגט־אַריין דער אור־קול פון דעם אמת׳ען קהלת: „בעסער צו געהן אין אַ הויז פון טרויער, ווי אין אַ הויז פון געטראַנק, ווייל דאָס איז דער סוף פון יעדען מענשען, און זאָל דער לעבעדיגער עס באַטראַכטען״. און בכלל, „מה יתרון לאדם?״ וואָס קומט־אַרויס דעם מענשען — אַזוי אָדער אַזוי? און ווער ווייס וואָס וועט זיין מיט איהם אונטער דער זון? ווער עס זאָגען דעם מענשען, וואָס וועט זיין מיט איהם אונטער דער זון?

קהלת לייקענט די פונדאַמענטען. ער איז כמעט אַ פרעמדער. ער באַלאַנגט ניט. ניט היסטאָריש. דער איינציגער אין דער אי־דישער וועלט אָהן אידישע באַציהונגען. די נביאים זיינען געווען היסטאָריש. פילון איז געווען ממש געפענטעט פון דער אידישער געשיכטע. אפילו די עוואַנגעליסטען קאָנען זיך ניט באַפרייען פון אידיש־געשיכטליכע אַסאָסיאַציעס. אָבער קהלת שטעהט — אַ חוץ דעם פסעוודאָנים און די פּאָר באַמערקונגען וועגען דעם קי־ניגען אין ירושלים — אויסער דער מחיצה, דער ענגער מחיצה, וואָס הייסט געשיכטע.

אָדער אפשר איז דאָס געווען די אמת׳ע מחיצה? אפשר איז דאָס געווען דאָס אמת׳ע, עכטע אידענטום, וואָס איז פאַרלוירען געגאַנגען? עס האָט ניט קיין סך געפעלט, אַז די חכמים זאָלען אויך „גונז״ זיין, באַהאַלטען קהלת. זיין גורל האָט געהאַנגען אויף אַ האָר. ווייל ער האָט ניט אַריינגעפּאַסט, דער איראָנישער, טיף־מעטאַפיזישער, אַנטי־געשיכטליכער קהלת אין דער נאַציאָ־נאַלער שיטה פון די, וואָס האָבען געוואָלט איבערבויען דאָס אי־דישע לעבען אויף גאַנץ נייע יסודות; שאַפען אַ פאָלק, וואָס זיין לאַנד הייסט: זכרון.

איז דאָס געווען דער פסעוודאָנים, אָדער אַ צופאַל, אָדער דער ווילען פון די זאַמלער צו קאָנסערווירען אין איין־איינציגען עקזעמפּלאַר אויך אַזאַ וואַריאַנט פון דעם אידישען גייסט — קהלת איז געבליבען. דער לעצטער אויסדרוק. ווייל דער איינציגער, פון אַ רייכען, פילפאַרביגען, רייפען גייסטיגען לעבען — אַ לעבען, וואָס האָט שוין געזעהן אַלע „אַרויפס" און „אַראָפּס"; אַ לעבען, וואָס האָט שוין דערגרייכט דעם באַרג.

עס קאָן זיין — זיי זיינען געווען גערעכט. אַ פאָלק מיט קהלת־שטימונג האָט זיך ניט געקאָנט האַלטען, ניט געקאָנט קעמפען און ליידען. קהלת איז ניט געווען פעהיג צו ווערען אַ סעקטאַנט און אַ מאַרטירער. מיט אַזאַ וועלט־אויפפאַסונג פאַרלירט מען ניט קיין ירושלים פון שטיין און גאָלד, כדי צו געווינען אַ ירושלים פון לויטער גייסט. מיט אַזאַ שטימונג שאַפט מען ניט קיין געשיכטע. מען האָט „קהלת" ניט באַהאַלטען, מען האָט איהם בלויז פאַרדעקט. מיט מדרשים, מיט אויסטייטשונגען, מיט אַ טלית פון לויטער תכלת.

אָבער דער אַלטער איראָניקער פון ירושלים קוקט דורך דעם פרום־יום־טוב׳דיגען, תנ"ך־טאַוועלדיגען וועגטעל, שמייכעלט אַרויס פון דעם אַלטען ספר — צווישען איהם און אסתר — און וואונדערט זיך ניט: אַלצדינג איז שוין געווען, און אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט. אַ צייט אויך פאַר זיין גרויסצוגיגען, הויך־באַרגיגען אמת. און מיר דאַכט זיך — זיין צייט איז געקומען, דאַרף קומען. ווייל אויך האַרבסט, ווייל דער שניט איז פאַרביי. ווייל מען שניידט מיט טרערען, וואָס מען האָט פאַרזייט מיט געזאַנג.

און אין דער צייט פון לויטער געשיכטע איז דער איבער יעדער געשיכטע שטעהענדער קהלת דער היטער פון דעם שליסעל.

אָקטאָבער 3, 1931.

דער באַהאַלטענער „עזרא"

אויף די פּאָליצעס פון די ביבליאָטעקען, הויפּטזעכליך טעאָ־לאָגישע, קריסטליך־טעאָלאָגישע — שטעהט אַ דיקער באַנד. גרי־כיש און לאַטייניש די שפּראַך, אָבער דער מקור, דער גייסט, דער אינהאַלט — אידיש. דאָס זיינען די „אַפּאָקריפען", די „באַהאַל־טענע" ספרים, אַ טייל פון דער רייכער אַלט־אידישער ליטעראַטור, וואָס איז פאַר'משפּט געוואָרען פון די אַמאָליקע חכמים צו „גניזה". ווען דאָס האָט פּאַסירט — ווער האָט עס אזוי באַשלאָסען, פאַרוואָס און צוליב וואָס — איז איינער פון די סודות פון דער אידישער געשיכטע. איינער פון די אידישע פּאַראַדאָקסען.

אַ פאָלק, וואָס האָט זיך שטענדיג געגרויסט מיט דעם „גייסט", מיט דעם „בוך", אַ פאָלק וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלצדינג, פון יעדער שעהנקייט, פון יעדען וואוילטאָג צוליב רוחניות — גראָד דאָס פאָלק האָט געהאָט דעם מערקווירדיגסטען איינפאַל — צו אַנולירען דעם גאַנצען עצם ליטעראַטור. אַלט און אויסגע־פּרואווט, ווען אַנדערע פעלקער זיינען נאָך געווען אַזוי צו זאָגען „אין דער וויג", פול מיט דערפאַרונג און מיט טיפער חכמה — האָט זיך דאָס פאָלק אָפּגעזאָגט פון זיינע אייגענע שאַפונגען.

לידער, דערצעהלונגען, דראַמען, וויסענשאַפטליכע פאָרשונג, רייזע־באַשרייבונגען — בבל האָט זיי געהאַט, אשור האָט זיי פאַר־מאָגט, מצרים האָט געזאַמעלט אַלע אוצרות און גריכענלאַנד האָט זיך געשפּיגעלט אין זיי — בלויז אידען האָבען זיך פאַרשפּאַרט און פאַרשלאָסען, אויסגעמעקט פון דעם פאָלקס־זכרון אַלצדינג, וואָס האָט ניט געטראָגען אויף זיך דעם חותם פון „הייליגקייט", אַלצדינג וואָס האָט צוליב אַזאַ טעם אָדער אַן אַנדערען ניט געקאָנט אריינ־פּאַסען זיך אין דער קאַטעגאָריע „כתבי הקודש". און פאַרוואָס ניט? עס איז באמת שווער צו פאַרשטעהן פאַרוואָס „משלי", אָדער „שיר השירים", אָדער „איוב" זיינען אריינגענומען געוואָרען — און די פאַרשיידענע אַנדערע ספרים ניט. וואו איז דער קרי־טעריום? ווען מען וואָלט זיי געלאָזט — וואָלטען זיי אייגענטליך נאָך מעהר באַהאַלטען. ר' עקיבא האָט געוואָלט „גונז" זיין „קהלת"

און נאָך — בלויז די אויטאָריטעט פון דעם לעגענדאַרישען פּראָ־פעסער האָט איהם אָפּגעהאַלטען.

און אַט אַזוי זיינען פאַרלוירען געגאַנגען פאַר דעם אידישען פאָלק כמעט ניין און ניינציג פּראָצענט פון דעם וואָס עס האָט גע־שאַפען—עס זיינען געבליבען בלויז די „פיר און צוואַנציק ספרים", און בלויז עטליכע פראַגמענטען, וואָס די קריסטליכע טעאָלאָגען פון סיריע האָבען אַרויסגעראַטעוועט. און צווישען זיי איינער פון די קוריאָזסטע דאָקומענטען פון דעם אַלטען אידענטום, דאָס בוך פון „עזרא" — דאָס פערטע בוך.

מיר פאַרמאָגען אַלערליי איבערזעצונגען — אַ גריכישע, אַ לאַטיינישע, אַ סירישע, אַן עטיאָפּישע און אַן אַרמענישע. אָבער דער אור־טעקסט איז געווען אומבאַקאַנט. השערות אויף השערות זיינען אויפגעבויט געוואָרען, און די הויפּט־השערה איז געווען, אַז אַ העלעניסטישער איד, אַ איד פון גריכישער קולטור, האָט אָנ־געשריבען דעם ספר נאָך דעם חורבן בית שני, אין דער רוימישער צייט, און האָט, לויט דעם אַלטען, קאָנספּיראַטיווען מנהג, אַרויפ־געשטעלט אויף איהם אַן אַלטען פסעוודאָנים : עזרא.

אָבער מיט דעם „פערטען עזרא" האָט פּאַסירט דאָס אייגענע ווי מיט בן־סירא. ער איז באַפרייט געוואָרען פון דער „גניזה", ער איז אויסגעלייזט געוואָרען און געבראַכט געוואָרען — ווי זאָל איך דאָס זאָגען ? — „צו קבר ישראל", אָדער פאַרקעהרט, צו אַ נייעם לעבען, צו אַן אָרגאַנישער פאַרבונדענקייט מיט דעם אידי־שען גייסט. בלויז מיט בן־סירא איז געשעהן אַ נס. מען האָט איהם ממש „געפונען". פּראָפעסאָר שעכטער האָט אַנטדעקט דעם העברעאישען אָריגינאַל אין דער קאַאירער „גניזה", אויף דעם בוידעם פון דער אַלטער שול אין קאַאירא, צווישען שמות און פאַרפוילטע בלעטלעך.

„עזרא דער פערטער" האָט ניט געהאַט אַזאַ דראַמאַטישען פינאַל. אַ אידישער געלערענטער האָט זיך דערבאַרימט איבער איהם און האָט איהם באַפרייט פון דער אַפּאָקריפישער, קריסטליך־טעאָלאָגישער תפיסה. דער געלערענטער הייסט דר. אהרן קאַמינקאַ, פון וויען.*)

*) ספר חזיונות אסיר שאַלתיאל, מאת א. קמינקא, „דביר", תל־אָביב, 1936.

אויסגעלייזט ניט בלויז דעם טעקסט, נאָר אויך דעם פאַר־פאַסער. עס איז אייגענטליך תמיד געווען קלאָר, אַז ניט עזרא, אונזער עזרא, דער „סופר", דער אויפבויער פון דעם „דת", דער אייגענטליכער גרינדער פון דעם אידענטום אין זיין היסטאָרישער געשטאַלט, אַז ניט דער פּאָליטיקער און געזעצגעבער, דער רעאַ־ליסט און ראַציאָנאַליסט, איז אָדער קאָן זיין דער פאַרפאַסער פון דער מיסטישער פּאָעמע, וואָס געהט אויף זיין נאָמען. אין דעם ספר אַליין איז געווען אַ וואונק און אַן אָנדייטונג. אין די אַלטע טעקס־טען, צ. ב. אין דעם סירישען, שטעהט „כתבא דעזרא ספרא דמתקרא שאלתיאל", — די שריפט פון עזרא דעם סופר וואָס ווערט אָנגערופען שאלתיאל. און וויטער — אין די ערשטע שורות פון דעם ספר: „אנא שאלתיאל דאיתי עזרא" — „איך שאלתיאל, וואָס איז אויך עזרא". און אַזוי אויך אין די טעקסטען פון אַלע אַנדערע איבערזעצונגען. אָבער פאַרוואָס הייסט עזרא — „שאלתיאל"? די מדרשים האָבען זיך פאַרנומען מיט דער פראַ־גע. און עס איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנצע לעגענדע וועגען עזרא'ן, וואָס האָט אייגענטליך געהייסען שאלתיאל, געווען אַן אַריסטאָקראַט פון דעם גלות בבל און איז דערנאָך אַוועק קיין ירושלים — מיט זיין נייעם נאָמען עזרא — און מיט זיין מיסיע.

אָבער די לעגענדע האָט זיך ניט געקלעפּט צו דער היסטאָרישער ווירקליכקייט, ניט צו דער פּערזענליכקייט פון עזרא דעם סופר. דר. קאַמינקאַ אָבער האָט געפּרואווט צו לייזען די פראַגע אויף אַ גאַנץ אָריגינעלען אופן. ער האָט אויפגעשטעלט די היפּאָטעזע — פון אַ טעות. דער נאָמען „עזרא" איז פּשוט אַ פאַרגרייזטער. עס איז אייגענטליך געשטאַנען „אסיר שאלתיאל". דער נאָמען אסיר האָט אין דעם סירישען און אַראַבישען טעקסט באַקומען די געשטאַלט פון „אסרא" — און דער איבערזעצער האָט זיך געמאַכט גרינג די אַרבייט און אויסגעטייטשט — „אסרא" מיט „עזרא". ווער איז אָבער דער „אסיר שאלתיאל"? און דר. קאַמינקאַ האָט איהם אויך „אַנטדעקט". עס איז ניט קיין אַנדערער ווי פרינץ אסיר שאלתיאל, דער זוהן פון יכניה, דעם לעצטען מלך פון יהודה, דעם פרינץ וואָס איז געבוירען געוואָרען אין גלות, אין בבל, דער בן־מלך אין געפאַנגענשאַפט.

און דרייסיג יאָהר נאָך דעם ערשטען חורבן, נאָך דרייסיג יאָהר פון גלות, שרייבט דער פּאָעטישער פרינץ אַ פּאָעמע פון יאוש

און טיפען פעסימיזם, א ליד פון געוואלדיגען פאטאס און פון גע־הויבענער מענשליכקייט.

אט אזוי די השערה פון דר. קאמינקא. און איך וויל האפען, אז זי איז א ריכטיגע. זי האט דעם גאנצען היסטארישען כישוף פון אויפדעקען און אויפוועקען, אויפוועקען דעם „שלאפענדיגען פרינץ", דעם לעגענדארישען פרינץ פון יהודה. עס געהט אראפ דער טעאלאגישער שימעל — און דאס אלטע, פארגעסענע בילד באקומט פארב און לעבען.

זיצט „אויף די טייכען פון בבל" א יונגער פרינץ מיט פאר־חלומ'טע און פארבענקטע אויגען און זינגט דאס ליד פון ציון. אבער ניט בלויז א פאליטיש ליד. דער אידישער היסטארישער גורל צעוואקסט זיך אונטער זיינע הענט אין א וועלט־דראמע, אין א טראגעדיע פון גאט. אלע פראגען פון דעם לעבען, אלע מאטיוען פון דער קולטור זיינען דארט קאנצענטרירט ארום דעם היסטא־רישען פראבלעם וואס הייסט — אידענטום.

עס איז ניט מעהר א קליין פאלק אין די בערג פון יהודה, וואס האט פארלוירען זיין אומאפהענגיגקייט, עס איז ניט מעהר א פרינץ וואס איז געפאנגען — אזעלכע פאסירונגען זיינען דעמאלט געווען גאר ניט אזוי זעלטען, בבל איז פול געווען פון „גולים" און פון פארטריבענע פרינצען — עס איז דער מענש, וואס האט פארלוירען דעם זין פון זיין לעבען און זוכט איהם — מיט ליידענ־שאפט, מיט בענקשאפט, זוכט און פאדערט דין וחשבון פון דעם וועלט־סוד. עס איז דער מענש וואס האט פארלוירען דאס וואס ער האט אזוי ליב געהאט, און קאן ניט שלום מאכען מיט זיין שיקזאל, קאן ניט און וויל ניט זיך אונטערגעבען. עס איז דער ערשטער אויסגעשריי פון — רעוואלט.

איך לייען קאפיטעל נאך קאפיטעל פון דער פראכטפולער העברעאישער איבערזעצונג — דר. קאמינקא האט באוויזען די זעלטענע קונסט צו געבען דעם פארטריבענעם בן־מלך זיין הייל־מישען, שפראכליכען מלבוש — און איך הויב אן צו פארשטעהן, פארוואס די אמאליגע חכמים האבען פאר'משפט דעם ספר צו „גניזה". אסיר שאלתיאל, דער פרינץ פון יהודה, פרעגט צו פיל — און גיט ניט קיין ענטפער. ער קנייטשט דעם שטערען און וויל איהם ניט ווידער אויסגלעטען. ער לאזט זיך ניט בארוהיגען פון די אלט־באקאנטע, אויסגעדראשענע ענטפערס פון דער אי־

דישער טעאָלאָגיע אָדער מעטאַפיזיק. עס איז אַן איוב וואָס לאָזט זיך ניט טרייסטען. איהם אימפּאָנירט אפילו ניט דער „קאָסמאָגאָנישער אַרגומענט": „וואו ביזטו געווען ווען די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען". ער פרעגט: „פאַרוואָס האָסטו, גאָט, פיינט דעם אידישען פאָלק? פאַרוואָס האָסטו איבערגעגעבען דעם איינעם אין די הענט פון די פיל?" און ווען דער „מלאך" פרעגט איהם: „האָסטו דען דאָס פאָלק מעהר ליב ווי זיין שעפער?" ענטפערט ער — מיט אַ האַלבען קול: „ניין — אָבער מיין שמערץ רעדט אַרויס פון מיר" — און ער קאָן ניט פאַרשטעלען זיין יאוש: „צו וואָס בין איך געבוירען געוואָרען — פאַרוואָס איז דער מוטער'ס טראַכט ניט געווען מיין קבר — כדי איך זאָל ניט זעהן די ליידען פון יעקב און דעם וועהטאָג פון ישראל?"

און ער וויל ווייטער פאַרשען: „וואָס איז דער סוף פון דעם אידישען צער? און ווען?" — דער ענטפער — אַזוי מיסטיש, אַזוי גרויסאַרטיג דראַמאַטיש, „דער סוף פון איין וועלט איז — עשו, דער אָנהויב פון דער צווייטער איז — יעקב. און צווישען דעם קנעכעל און דער האַנט, פרעג ניט מעהר".

און דער זעהער, דער פרעגער, איז אומצופרידען מיט דער אומקלאָרקייט פון דעם ענטפער. ער פאָרשט ווייטער, טיפער. און דער נאַציאָנאַלער פּראָבלעם ווערט אַן עטישער. גוט — וועלטען קומען און פאַרגעהען, זינד ווערען באַשטראָפט — אָבער פאַרוואָס? מיט וואָס איז דער מענש בכלל שולדיג?

„אַלע מענשען טרויערען — אָבער די חיה פון דעם פעלד איז אין פרייד. אַלע קינדער פון מענשען זיפצען — בהמות און שאָף זיינען צופרידען. איז דאָך זיי בעסער פון אונז. זיי וואַרטען ניט אויף אַ משפּט, זיי ווייסען ניט פון ליידען — און וואָס קומט אונז אַרויס וואָס מיר וועלען אַמאָל געהאָלפען ווערען, ווען מיר ווערען איצט אַזוי געפּייניגט?"

אייזערנע קשיות, און דער „מלאך" גיט אַלערליי הינקענדיגע תשובות, אויבער־תירוצים. און אַלע זיינען צוזאַמענגעפּאַסט אין צוויי גרונט־אידייען: „ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפען די וועלט און דעם מענשען — האָט ער שוין דעמאָלט אַרויסגעגעבען זיין אורטייל און געשאַפען זיין געזעץ". און דאָס איז דער מאַטער־מאַטישער, דער פאַרבאָרגענער, מיט דעם פּנים צום תהום'דיגען

אַרגומענט. און דער צווייטער — מיט דעם פּנים צו דעם מענשען, צו דעם צייטליך באַשרענקטען — דער מאָראַלישער: „אהיה עם אשר יהיו לי — אבוא אל הבאים אלי" — איך וועל קומען צו די וואָס קומען צו מיר. אַן אור־אַלטער אידישער געדאַנק — וואָס האָט געפונען זיין שעהנסטע און קירצסטע פאָרמולע אין הלל דעם אַלטענ'ס וואָרט: „קומסטו צו מיר אין הויז — קום איך צו דיר אין הויז". דער מאָטיוו פון דעם טראַקטאַט, דעם בונד צווישען מענש און גאָט. „איך גיב — דו גיסט" — מיר זיינען שותפים.

און פון דעם שותפות־געפיל דערהויבט ער זיך צו דעם אַריסטאָקראַטישען, איך וואָלט שיער ניט געזאָגט — ניצשעאַנישען מאָטיוו פון דעם „איבערמענשען". דער „מלאך" אַנטפּלעקט פאַר דעם זעהער דעם סוד: די וועלט איז געגעבען געוואָרען צו די פילע, די קומענדיגע וועלט צו די ווייניגע". אין אַנדערע ווערטער: דער היסטאָרישער פּראָצעס איז אַ פּראָצעס פון — אויסקלייבען, פון אָפּקלייבען. ניט אַלצדינג וואָס איז דאָ, איז ווערט צו זיין. לעבען מוז פאַרדינט ווערען.

אָט אַזוי האָט געטראַכט — דרייסיג יאָהר נאָך דעם ערשטען חורבן, אויף די טייכען פון בבל — דער פּרינץ פון יהודה, דער זעהער פון ירושלים, דער „אסיר", דער אייביג געפאַנגענער פון דער וועלט.

ער האָט געטראַכט — און איז דערגאַנגען צו איבערוועלט־ליכע, איבערהיסטאָרישע וויזיעס. ער האָט געפרעגט — און דער ענטפער האָט איהם ניט באַפרידיגט.

און דערפאַר האָבען איהם די געלערנטע, די „חכמים" פון דער שפּעטערער צייט, „באַהאַלטען". זיי האָבען זיך דערשראָקען פאַר זיין ברייטקייט. עס האָט זיי געשווינדעלט פאַר דער אידישער טיפקייט.

זיי האָבען געוואוסט: ניט קיין מענש און ניט קיין פאָלק קאָן לעבען אויף באַרג־שפּיצען אָדער אין אָפּגרונטען, ניט אין יאוש און ניט אין עקזאַלטאַציע. און זיי האָבען געוואָלט ראַטעווען דעם אידישען מענשען. באַשרענקט, געפּענטעט, מויערן פון אַלע זייטען — אָבער לעבען.

שטעהט אָבער אויף דער פּרינץ פון יהודה פון זיין ביבלישען קבר און פרעגט: צו וואָס? ווייטער פרעגט זיין קול פון די

תהומות: „האָט זיך שוין עשו'ס וועלט פאַרענדיגט — האָט זיך שוין יעקב'ס אָנגעהויבען?" און היינט ווי מיט דריי טויזענט יאָהר צוריק קלינגט דער ענטפער: צווישען קנעכעל און האַנט — פרעג ניט ווייטער, אסיר — פרעג ניט, דו געפאַנגענער — ווייל קיין ענטפער איז נאָך ניט געגעבען.

און דער פרינץ ווערט ווידער אַנטשלאָפען און חלומ'ט זיין טיפען, איבערמענשליכען חלום פון דער קומענדיגער וועלט וואָס איז באַהאַלטען אין די פאַלבען פון די צייטען...

אָקטאָבער 11, 1936.

אַרום דער זייל פון גזר

אין דער אַלטער פּאַלעסטינע־שטאָדט גזר — דערצעהלט אונז דער באַוואוסטער אויסגראָבער און פאָרשער מעקאַליסטער אין זיין בוך „סיידלייטס אָן דהי בייבל״ — האָט מען געפונען אַ זעהר אינטערעסאַנטען מאָנומענט. עס איז געווען אַ זייל, פון אַ הויז אָדער פון אַ טעמפּעל, אַ זייל אין דעם גריכישען סטיל — און גריכישע אותיות אויסגעקריצט אויף איהר.

ביידע זייטען פון דער זייל זיינען געווען באַשריבען מיט צייכענס. פון איין זייט אַ ווידמונג — אָדער אַ תּפילה — צו דעם גריכישען האַלב־גאָט העראַקלעס. אויף דער צווייטער — מיט גריכישע אותיות — דער „שם״, דער העברעאישער נאָמען פון גאָט.

איין זייט — מערב, די צווייטע — מזרח. העלענעטום און אידענטום אין שלום און אין האַרמאָניע אויף איין שטיק מירמעל־שטיין.

אַ שאָד, וואָס עס איז מעהר ניט געבליבען ווי די דאָזיגע אויפשריפט. ניט דער נאָמען פון דער פרומער נשמה, וואָס האָט זיך אויף אַזאַ אופן פאַרזאָרגט מיט „ביידע וועלטען״, וואָס האָט זיך באַרוהיגט און געפונען די לעצטע איינהייט.

ער האָט עס זיכער גוט געמיינט, זעהר גוט, אָט דער בירגער פון גזר, וואָס האָט געוואָלט זיין אַ מענש פון זיין צייט און דאָך ניט אַוועקגעהן פון זיין אייגענעם קוואַל. ער האָט זיכער געטראָגען צוויי נעמען — געהייסען שלחיהו און אויך טעאָפאָמפאָס אָדער גבריאל־ניקאָס, געטראָגען אַ גריכישען מאַנטעל — אַ געלען אָדער בלייך כיטאָן — און צוגעשטוקעוועט צו איהם אַ פּראָנז פון „תכלת״, בלויע פּעדים; אויפ׳ן קאָפּ דעם גריכישען הוט — דעם „פּעטאַ־סאָס״, אָבער אונטער׳ן הוט תּפילין, גאַנץ קליינינקע, קוים וואָס מען האָט זיי געזעהן — אָבער פאָרט — דאָס אויג וואָס זעהט אַלצדינג האָט אויך דאָס געזעהן. און עס איז געווען גענוג.

ניט ווייט פון גזר, אַ פּאָר שעה רייטען אויף אַן אייזעל — איז געווען דאָס דאָרף מודיעין, אַן אומרוהיג דאָרף, אַלט־פרענקיש,

פויערים, קאָנסערוואַטיוו. און דאָס דאָרף האָט פיינט געהאַט גזר, פיינט געהאַט די גריכען און זייער גאַנצע שעהנקייט.

זיי פלעגען זיך פאַרזאַמלען אין זייער פאָלקס־הויז, אָדער גאָט־הויז, יעדע וואָך — און איין פויער האָט דערצעהלט דעם צוויטען פון דער זינדיגער שטאָדט.

„די גריכען, די סיריער, די גוים — מילא, זאָלען זיי טאָן וואָס זיי ווילען — זיי האָבען זייערע וועגען און ניט מיר דאַרפען זיי אָרויפפיהרען אויף אונזערע דרכים. דאָס איז זיין דאגה. לאָז ער זיך אָנגעמען פאַר זיין נאָמען. און ווען ער האָט זיי באַשאַפען און לאָזט זיי זיין ווי זיי זיינען, און מאַכט זיי נאָך אַזוי שטאַרק און רייך און גיט זיי די מאַכט איבער אונז — מוז עס אַזוי זיין, האָט עס אַ כונה — און מיר טאָרען איהם ניט פרעגען: פאַר־וואָס? אויך צו די אידען וואָס זיינען אינגאַנצען אַוועק — אויך צו זיי קאָן קיינער קיין טענה ניט האָבען. זאָלען זיי. זיינען דאָ אַזויפיל גריכען, וועלען זיין נאָך עטליכע. האָט מען דען ניט אונז צוגעזאָגט, אַז די קינדער פון אברהם וועלען זיין אַזוי ווי זאַמד ביים ברעג ים? אַ פאַר זאַמד־קערענדלעך מעהר אָדער ווייניגער — וואָס מאַכט דאָס אויס? האָט ער אַמאָל געהייסען שמעון דער זוהן פון לוי און רופט זיך היינט סאָקראַטעס דער זוהן פון לאַיאָס — מהיכי־תיתי. אויב ער קאָן דערמיט אָפּנאַרען דעם גריך פון אַטען אָדער אפילו פון אנטיוכיה, לאָז איהם וואויל באַקומען.

„אָבער ניט צו דערליידען, ניט אַריבערצוטראָגען, — ווייל דאָס איז די גרעסטע סכנה, — איז אָט דער טעאָפּאָמפּאָס, וואָס וויל נאָך אַלץ הייסען שלחיהו, און דער גבריאל וואָס לייגט זיך צו אַ ניקאָס צו זיין נאָמען. ניט דער טעמפעל פון זעווס אָדער פון העראַקלעס איז מחלל און מטמא, פאַרשוועכט און פאַראומרייניגט — נאָר אָט די זייל, וואָס שטעהט אין גזר, די זייל, וואָס וויל יוצא זיין פאַרביידע — אי פאַר גאָט פון אָלימפּ אי פאַר דעם גאָט פון סיני".

אַזוי האָט גע'טענה'ט דער „חכם" פון דעם דאָרף און געהעצט און צעפלאַמט דיליידענשאַפטען, ביז עס האָט זיך אין אַ שעהנעם טאָג אַראָפּגעלאָזט אַ מחנה שטאַרקע, הייסע פויערים מיט מתתיהו אין שפּיץ — קיין גזר און די איבעריגע שטעדט אַרום, און מיט זייערע העק און אַקעראייזענס צעקלאַפּט און צעשטויסען אַלע זיילען מיט טאָפּעלטע אויפשריפטען, אַלע צווייזייטיגע מזבחות, אַלע

צווייפראַנטיגע טעמפּלען — און געמאַכט אַ סוף, אַ פּלעצליכען און זיכערען, צו דעם גאַנצען „סינטעז" צווישען די צוויי וועלטען: דער גריכישער און דער אידישער.

אַלימפּ און סיני זיינען זיך ווידער צעגאַנגען.

⁂

אָבער די זייל פון גזר איז ניצול געוואָרען. זי איז געבליבען. האָט איבערגעלעבט די מכבים און דעם בית שני, האָט זיך איינגעהויקערט ערגעץ טיף אין דער ערד. פּיס האָבען זי געטראָטען, גאַלאָפּירענדע פון פאַנאַטישע יאָגערס און לויפענדע, ציטערענדע טריט פון די געיאָגטע. אַוועק פון דעם לאַנד די אידען — אַנדערע זיינען געקומען — מען האָט געיאָגט און מען איז געלאָפען אויף דער דאָזיגער ערד — אָבער די זייל מיט די צוויי אויפשריפטען איז זיך געלעגען רוהיג אונטער דער ערד און האָט געוואַרט. האָט זיך דערוואַרט. געקומען דער טאָג — מען האָט זי געפונען. און ווידער צוויי זייטען, ווידער אַ „סינטעז" — העראַקלעס אויף איין זייט קאַלאַניע — דער „שם" אויף דער אַנדערער.

אייגענטליך, וואָס איז די נפקא־מינה צי מען הייסט שלחיהו אָדער טעאָפּאָמפּאָס, צי מען רופט זיך חיים אהרן כהן אָדער אַל־דזשערנאָן קראָמוועל קאָוען? קינדער־שפּיל, אָדער ערנסט פון לעבען, מוט צום נייעם אָדער מורא פאַר דער סביבה, שמעטערלינג־טאַקטיק, וואָס נעמט־אָן די פאַרב פון דער בלום וואָס זי האָט זיך אויסגעקליבען. אַ גרעסערע, אַ קלענערע קאָמעדיע, און איך פאַרגין יעדען זיין גליק און זיין נאַרישקייט.

מיך אַרט אויך זעהר ווייניג דער „העראַקלעס" אויף דער זייל. אַ קינד וויל גלויבען אין ריזען, אין ניסים, אין לעגענדעס, פאַר־וואָס צעשטערען זיין נאַאיוויטעט? און ווער דאַרף עס האָבען אַלע „יוצאי מצרים"? אויפ׳ן וועג איז דאָס אַ שווערער באַלאַסט. און ניט איין מלחמה איז שוין פאַרשפּילט געוואָרען, ווייל עס זיינען געווען צופיל סאָלדאַטען. ווייניגער איז אין דער גייסטיגער פינאַנץ — אָפט, אויב ניט תמיד, מעהר.

איינס אָבער באַריהרט מיך פונקט אַזוי גלייך, ווי איך וואָלט אויך געווען איינער פון די וואָס זיינען געשטאַנען אַרום דעם קנאי אין מודיעין; אין איין פּרט בין איך איינגאַנצען מיט די פאַנאַטיקער וואָס האָבען אַראָפּגענידערט קיין גזר:

מיך שאַקירט דער אַזוי־גערופענער „סינטעז".

איך פאַרשטעה וואָס דאָס הייסט „סינטעטישע פילען" — איך קאָן מיר פאָרשטעלען די מעגליכקייט פון „סינטעטישע שפייז" — אָבער איך פאַרשטעה ניט וואָס דאָס מיינט „סינטעטישע רעליגיע" אָדער סינטעטיש אידענטום.

אפילו אויף אַ סינטעטישער שפייז איז נאָך אַ גרויסע שאלה. פון יאָהרען און יאָהרען — זינט די באַרימטע עקספּערימענטען פון דעם דייטשען כעמיקער בערטה, אין די דרייסיגער יאָהרען פון דעם ניינצענטען יאָהרהונדערט — מיהט זיך די וויסענשאַפט צו באַשאַפען אין דער לאַבאָראַטאָריע סינטעטישע, ד. ה. קינסטליכע, שפייז. טעאָרעטיש גאַנץ מעגליך. די פאָרמולע איז דאָ — אָבער קומט צום שאַפען, צום באַשאַפען, צו ווערען במקום-נאַטור, ריהרט זיך ניט די אַרבייט.

און אפילו ווען עס זאָל געראָטען, איך וויס ניט — דאָס לעבען וואָלט זיכער געוואָרען גרינגער — מען וואָלט ניט באַדאַרפט אַקערען און זייען, די גאַנצע געזעלשאַפטס-סטרוקטור וואָלט זיך געביטען — אָבער דער מענש וואָלט עס אפשר ניט געקאָנט אויסהאַלטען, ער וואָלט אויסגעגאַנגען פון לויטער וואוילטאָג.

דאַכט זיך — וואָס איז דער חילוק? — די אייגענע נאַטור, אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערען — אָבער הפנים — דער „אופן" איז דער עיקר.

און ווען דער דאָקטאָר פאַוסט וואָלט טאַקע דערגרייכט זיין ציל און באַשאַפען דעם „האָמונקולוס", דעם קינסטליכען וויסענשאַפטליכען, סינטעטישען מענשען — עס וואָלט אפשר געווען אַ ניי באַשעפעניש, קיין מענש וואָלט פון דער כעמישער רעטאָרטע ניט אַרויסגעקומען.

עס איז זיכער איינע פון די געוועהנליכע היסטאָרישע רכילות'ן און איבערטרייבונגען, ווען מען דערצעהלט אונז אין די אַלטע כראָניקען וועגען דעם כהן-גדול יאַזאָן, וואָס האָט געוואָלט מאַכען פון דעם בית-המקדש אַ טעמפּעל פון עבודה-זרה. זיגער זיינען תמיד אומדערבאַרעמדיג צו די באַזיגטע, און בפרט זיגער אין רעליגיעזע מלחמות. די העלעניסטען פון דער פאַר-חשמונאים צייט, די אידען פון גריכישער קולטור, האָבען זיכער אויך ניט געוואָלט ממש איינפיהרען דעם גריכישען פּאָליטעאיזם אין ירושלים, אַוועקשמד'ן דאָס אידישע פאָלק. עס איז ניט לאָגיש, עס איז ניט פסיכאָלאָגיש מעגליך, אַז אַ כהן-גדול אפילו ווען זעהר פריי, ווען

זעהר אפיקורסיש, זאָל וועלען אַפּלייקענען די גאַנצע יסודות פון זיין כהונה, צעשטערען די פונדאַמענטען און אָפּמעקען די גאַנצע אַלטע טראַדיציע. דערצו דאַרף מען האָבען אַ רעליגיעזען זשעני — אַ רעוואָלוציאָנער — פון דער העכסטער מדרגה. און ווי עס ווייזט אויס זיינען יאָזאָן און זיינע פריינט געווען ווייט פון געניאַ־ליטעט און פון רעוואָלוציאָנערען אימפּעט.

זיי האָבען עס גאָר ניט אַזוי בייז געמיינט, ווי די באַרג־אידען, ווי די הייסבלוטיגע פּויערים האָבען עס אויסגעטייטשט. זיי זיינען בלויז געגאַנגען מיט דער צייט — אין די וועגען פון דער צייט — און דאָס מיינט אין די וועגען פון דעם „סינטעז". דאָס גאַנצע לעבען אין דעם מזרח איז דעמאָלט געווען אַ קינסטליך־סינטעטיש. מען האָט צונויפגעשפּאַנט — ניט אַריבערגעשפּאַנט. מען האָט צונויפגעשטעלט, ניט אויפגעשטעלט.

גריכישע פילאָזאָפיע, אָריענטאַלישע מיסטיק, הויכע אַטענישע קולטור, קונסט, וויסענשאַפט אינאיינעם מיט סירישע און עגיפּטישע פאָלקס־לעגענדעס, פּלאַטאָן און בעל־פּעור, סאָקראַטעס און מולך — זיי האָבען געטאַנצט אַ מערקווירדיגען, אַ קונציגען טאַנץ — אַ קאַרניוואַל. דער גריכישער סיריער, דער גריכיש געוואָרענער ירושלמי האָט פאַרלוירען די ליידענשאַפט פאַר גאַנצקייט — און דערפאַר אויך די גאַנצקייט פון ליידענשאַפט.

ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ באַקוועמע וועלט, וואו אַלע סטילען זיינען פאַרטראַטען, וואו אַלע, וואָלף און שעפּעלע, לעבען בשלום און שמייכלען איינער צום צווייטען איבער אַ גלאָז וויין. אַ מין נח'ס תיבה — אין אַ ים פון ווערטער.

אָבער דער ים איז זיך פאַרלאָפען, די תיבה איז געבליבען אויף טרוקענער ערד — און די חיות האָבען זיך אַריינגעביסען איי־נער אין דעם צווייטען מיט די שאַרפע ציין.

אַ הויך — און די גאַנצע „סינטעטישע" קולטור איז צעפאַלען, כמעט אָהן אַ שפּור, אָבער דער שטיין פון גזר איז געבליבען.

עס בייט זיך די אויפשריפט. ניט מעהר „הערַאקלעס", אַנ־דערע נעמען שטעהען אויף דער גריכישער זייט. אויף דער אידיי־שער — אַלץ דער אייגענער נאָמען מיט די פיר אותיות אַלץ דער אייגענער תהום, דער ניט־צו־דערגרונטעוועוועדער.

מען „יאָזאָנירט", מען זוכט „אויסגלייכען". פאַרגלעטען און סינטעטיזירען. איינער מיט קאַנט'ן אָדער אַן אַנדער דענקער,

דער צווייטער מיט דער מאָדערנער וויסענשאַפט, און דער דריטער — מיט דעם גרויסען גאָרנישט, מיט דעם גייסטיגען נול, וואָס הייסט: קולטור אָהן ליידענשאַפט, אָהן ווילען צום אַנדערש, אַ קולטור פון גרינג.

אויף דעם מאַרק פון אַטען איז געשטאַנען אַ מזבח מיט דער אויפשריפט: „צום אומבאַקאַנטען גאָט". ער שטעהט נאָך היינט — אויף אַלע מערק פון אַטענס — אָבער מיט דער שפּעטערער — רוימישער — צושריפט: „נאָך דעם אומבאַקאַנטען טראָג איך ניט קיין פאַרלאַנג".

אומבאַקאַנט? און זאָל ער בלייבען. זאָל דער סוד זיין אַ סוד — מיר קאָנען זיך באַגעהן אָהן איהם.

און אָט דאָס איז די נייע אויפשריפט אויף דער גריכישער זייט פון אונזער גזר-שטיין.

אויף דער צווייטער אָבער איז איינגעקריצט אויף אייביג פיר אותיות.

נו, קאָן מען דאָ סינטעטיזירען? צעשפּאַלטען — יאָ, אָפּמעקען איין אויפשריפט — אַרויסהאַקען זי פון דעם שטיין — דאָס קאָן מען. דערצו דאַרף מען האָבען בלויז אַ האַק אָדער אַ האַמער. אָבער פאַרבינדען, צונויפשפּאַגען, שלום-מאַכען?

דער אָרימער יאַזאָן האָט געפּרואווט און איז אומגעקומען דערביי.

ער איז געבליבען — מיט אַ פאַרפלעקטען נאָמען אין אַ בוך: דער שטיין פון גזר. און נאָך אַלץ שטעהט דער אַלטער פון מודיעין, דער שטרענגער „זקן" און היט זיינע געמאַרקען...

דעצעמבער 24, 1927.

יוסף און שמעון

אין די ערשטע יאָהרען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אין וויען, אויף דער טירקענשטראַסע נומער ניין — אין דער רעדאַקציע פון דער „וועלט" — קיין שום נאָמען ניט געווען אַזוי אָפט געברויכט, און פאַרהאַסט, ווי דער נאָמען פון יאָזעפוס פלאַ־וויוס. עס איז געווען אַ מין שם הכולל — פאַר אַלע אַנטי־ציוניס־טען, פאַר אַלע אַסימילאַנטען, פאַר אַלע קולטוס־געמיינדע פרע־זידענטען און ליבעראַל־דייטש־נאַציאָנאַלע זשורנאַליסטען.

דער הויפּט־קעגנער פון יאָזעפוס איז געווען איינער אַ בעה־מישער איד — גרויס ווי אַ בער, און ווי אַ בער אומגעלומפּערט, אַ הייסער ציוניסט, אָבער אַ פולשטענדיגער עם־הארץ, אַן אמת'ער „בור דאוריתא". ער האָט אפילו ניט געקאָנט לייענען קיין אידישען אות — ער האָט פון אידען און אידענטום גאָרנישט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען. נאָכמעהר, ער האָט פיינט געהאַט — ווי אַן אַמאָליגער עם־הארץ — יעדען אידישען תלמיד־חכם. ער איז קאַפּאַבעל געווען איהם צו צורייסען ווי אַ הערינג — ווען מען וואָלט איהם נאָר געלאָזט. אָבער דערפאַר — ווי גוט האָט ער זיך געשלאָגען מיט די אַנטיסעמיטישע סטודענטען אין דער וויענער אוניווערזיטעט! יעדען שבת פלעגט ער אָנטאָן דאָס היטעלע, די לאַנגע לאַקירטע שטיוועל מיט שפּאָרען, אַ בלוי־ווייסען ברייטען באַנד אויף דער ברוסט — און פלעגט אינאיינעם מיט די אַנ־דערע אידיש־נאַציאָנאַלע סטודענטען קעמפען ווי אַ לייב, אָדער ווי אַ בער, אַקעגען די דייטש־נאַציאָנאַלען. עס איז געווען ממש אַ פאַרגעניגען איהם אַנצוקוקען.

און פון דעם געשלעג, אַ שטראַלענדער, אַ גליקליכער, אָפט אויך מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפּ, פלעגט ער אַוועקגעהן אין דער רעדאַקציע און אָנשרייבען זיין אַרטיקעל — פאַר דער „וועלט". ער איז געווען איינער פון איהרע נאָהנטסטע מיטאַרבייטער — אַ פלאַמענדיגען אַרטיקעל — אַקעגען יוסף פלאַוויוס.

***

אַ פּאָר יאָהר שפּעטער האָב איך געטראָפען אַן אַנדער אי־דישען שרייבער, שוין ניט קיין בעהמישער שוין ניט קיין בערען־

שטאַרקער, און שוין גאָר ניט קיין עם־הארץ. פאַרקעהרט — אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, אַ שוואַכינקער, אַן אמת׳ער פּרוש. גרויס ווי אַ גרוגרת דר׳ צדוק און אַליין ווי אַ גלגול פון ר׳ צדוק. א רב׳ס אַ זוהן. דער טאַטע — אַן אַלטמאָדישער, קליינשטעדטעלדי־גער, פאַרצייטיגער רב אין דובאָווע — אַ איד וואָס האָט ממש ניט געוואוסט קיין צורת מטבע, וואָס האָט ניט געוואוסט, אַז אַ חוץ דובאָווע און ירושלים זיינען נאָך דאָ אַנדערע שטעדט אויף דער וועלט, אַ איד וואָס האָט געלעבט ניט אין דעם „אומאַנער אויעזד״, אין קיעווער גובערניע — נאָר ערגעץ אין בבל, אָדער אפשר גאָר טאַקע אין ירושלים — צווישען די פּרושים.

און זיין זוהן איז דאָס געווען — וואָס האָט זיך פאַרליבט אין יוסף פלאַוויוס — אַזוי פאַרליבט, אַז ער האָט זיך אפילו אַ נאָמען געגעבען נאָך איהם, אַז ער האָט אַלס שרייבער זיך אָנגערופען מיט דעם אידיש־פאַרגרייזטען נאָמען פון יוסף בן מתתיהו הכהן, — „בן גוריון״, אַזוי ווי די אידען האָבען גערופען דעם מחבר פון דעם „יוסיפון״.

און עס איז אויך ניט קיין וואונדער. דר. מ. י. בערדיטשעווסקי — אָט דער זוהן פון דובאָוער רב און דער יאָזעפוס־חסיד — איז געווען אפשר אַליין דער יאָזעפוס צווישען די מאָדערנע אידען — איינער פון די ווייניגע, וואָס האָבען — נאָך אַלץ גע׳חלומ׳ט פון אַ אידענטום, פריי פון אַלע ערדישע קייטען, פריי פון חומרות, פון שטאַט, פון וועלט — אַ גייסטיגע קראַפט און ניט מעהר.

פון דובאָווע האָט איהם זיין וועג געפיהרט קיין ווייטאַר — פון דעם בית־המדרש צו פרידריך ניעטצשע. און ער האָט פיינט געהאָט די „קנאים״ פון דער היינטיגער צייט, אָט די פאַרשיידענע שמעון בן גיורא׳ס — די אידען וואָס זיינען כמעט האַלב־אידען, אַליין „גרים״ אָדער קינדער פון גרים, אידען אָהן וואָרצלען אין דער אידישער קולטור, אידען אָהן טראַדיציעס, אַזוי אַז זיי האָבען אפילו ניט קיין קריטישע באַציהונג צום אידענטום, אפילו ניט קיין קעגנערשאַפט צו איהם, אפילו ניט קיין ווילען איהם צו באַנייען.

צווישען ניעטצשע און דער תורה פון די פּרושים איז געווען — פאַר איהם אַ בריק; צווישען דעם אַלטען אידענטום, דעם אידענטום פון שמעון בן גיורא — איז ניט געווען קיין וועג.

און מ. י. בערדיטשעווסקי האָט גע׳חלומ׳ט דערפון, אַז יאָזעפוס זאָל ווידער אַריין אין דעם גייסטיגען אוצר פון דער אידישער

קולטור, אַז ער זאָל צוריק אַריינגענומען ווערן צווישן אידען, אויסגעלייזט ווערן פון זיין גריכישער געפאַנגענשאַפט. מיר האָבן דאָך ביז אַהער געקענט יאָזעפוס'ן בלויז אין זיין גריכישער פאַרקליידונג. ער אַליין — דער פּרושי, דער כהן פון ירושלים, האָט געשריבן זיינע ספרים: די „אַלטערטימער" און „די מלחמות פון די אידען" — „אין דער שפּראַך פון זיין פאָלק" — ווי ער האָט געזאָגט — ד. ה. אויף העברעאיש אָדער אַראַמעאיש. אָבער דער אָריגינאַל איז פאַרלוירען געגאַנגען, פּונקט ווי עס זיינען פאַרלוירען געגאַנגען כמעט אַלע אַלטע אידישע ספרים איבער דעם לעבן און דער געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. אידען האָבן, הפנים, פיינט געהאַט געשיכטע. זיי, דאָס פאָלק פון דער מערקווירדיגסטער געשיכטע, זיי, דאָס וועלט־געשיכטליכע פאָלק, האָבן זיך ניט געגעבן די מינדסטע מיה צו באַשיצען און באַהאַלטען זייערע געשיכטליכע דאָקומענטען. געשיכטע איז דאָך — טעטיגקייט און נאָך דעם חורבן, נאָכדעם ווי דער אידישער גייסט האָט געזיגט איבער דעם חומר פון דעם אידענטום, האָט זיך די אידישע אינטעליגענץ אָפּגעזאָגט פון יעדער אַקטיוויטעט. פאַרגאַנגענהייט —יאָ, אָבער בלויז אַזוי לאַנג ווי זי איז „געטליך", אַזוי לאַנג ווי זי איז אַ משל, ווי זי קאָן גע'דרש'ענט ווערן. און די צוקונפט — משיח'ס צייטען, ווידער אַמאָל גאָט — און ווידער אַמאָל אַ מדרש. אָבער די געגענוואַרט, די לעבעדיגע, צאַפּלדיגע, די טאָג־טעגליכע — זי האָט די אידען ניט אינטערעסירט.

און דאָס איינציגע וואָס איז געבליבען פון דער אַלטער — טראַדיציאָנעל אָנערקענטער — געשיכטע, איז געוועזן אָדער מדרש, אָדער קינות — אָדער פּאָעזיע, אָדער קלאָגען.

עס איז געוועזן אַמאָל אַ רייכע ליטעראַטור וועגען אידען און אידישען לעבען אין דער מערקווירדיגער, רוישיגער און רעש'דיגער צייט פון דעם בית־שני. יאָזעפוס פלאַוויוס דערמאָנט אַליין אַ צאָל ספרים — דעם בוך פון ניקאָלאוס פון דמשק, דעם פון יוליאַנוס און נאָך אַנדערע — ביכער געשריבען אויף „אידיש" און אויך אויף גריכיש. מען האָט געשריבען אין ירושלים, מען האָט געשריבען אין אנטיוכיה, מען האָט געשריבען אין אלכסנדריה — אָבער פאַרבליבען איז בלויז איין ספר — איין מאָנומענט — און דאָס איז יאָזעפוס.

ס'איז שוין באמת צייט, אַז אידען זאָלען צוריק באַקומען די

אידישע געשיכטע, מיט יעדען נייעם דאָקומענט וואָס ווערט גע־פונען, עפענט זיך פאַר אונז אַ נייער אויסבליק אויף דעם אידישען לעבען און דעם אידישען גייסט. און עס איז אויך נויטיג, אַז אידען זאָלען זיך באַקענען מיט דער היסטאָרישער ליטעראַטור וואָס עס איז פאַרבליבען.

דר. בערדיטשעווסקי'ס חלום — צוריקצוגעבען יאָזעפוס דעם אידישען פאָלק — מאַכען פון יאָזעפוס פלאַוויוס ווידער אַמאָל יוסף בן מתתיהו הכהן — איז מקוים געוואָרען.

דר. י. נ. שמחוני האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן די אַרבייט — און האָט צוערשט אַרויסגעבראַכט די „תולדות מלחמות היהודים עם הרומאים,*) די געשיכטע פון דעם טראַגישען סוף פון דער אידישער אומאָפּהענגיקייט.

***

עס איז דאָ ניט מיין כונה אריינצוגעהן אין אַ קריטיק פון דער איבערזעצונג, פאַרגלייכען טעקסטען — אָדער אפילו געבען אַן אָפּשעצונג פון יוסף פלאַוויוס. וואָס איז ער געווען: אַ פאַר־רעטער — אַ גריכישער אַסימילאַנט, אַ חונף, אַ טינטען־מענש וואָס האָט ניט קיין בלוט אין זיינע אָדערן, — אָדער אַ טיף־זעהענ־דער פאָליטיקער, וואָס האָט געהאַט אַ העכערען בליק אויף דער אידישער געשיכטע, אַ מין נביא, וואָס האָט פאָראויסגעזעהן דעם גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע?

פאַרענטפערען געשיכטליכע אַקטען און די מענשען וואָס באַ־געהען זיי — איז ווערטלאָז. געשיכטע איז — אָפּשאַצונג, אָבער ניט מאָראַל. מוסר זאָגען האָט קיין ווערט ניט דאָרט, וואו עס איז סיי־ווי־סיי פאַרפאַלען. מיר מוזען נעמען פאַקטען און מענשען ווי זיי זיינען — און אַריינשטעלען זיי אין דעם אַלגעמיינעם בילד.

אָבער לייענענדיג אויפ'סניי — אין אַ גוטער און קלאָרער העברעאישער איבערזעצונג — די געשיכטע פון דער צעשטערונג, פון דעם סוף פון ירושלים — האָט זיך ביי מיר דערוועקט אַן אַנ־דער פראַגע: האָבען מיר וואָס צו באַדויערען וואָס עס איז אַזוי אַרויסגעקומען? און אַז די געשיכטע וואָלט זיך אַביסעל אַ דרעה געטאָן, ווען טיטוס וואָלט ניט געווען אַזאַ גוטער סטראַטעג — ווי יוסף וויל איהם אויסמאָלען, אָדער עס וואָלט זיך געטראָפען אַזאַ

---

*) כתבי יוסף בן מתתיהו: תולדות מלחמת היהודים עם הרומאים, א', ב' — פאַרלאַג שטיבעל, וואַרשע, תרפ"ג.

נס — ווי למשל ביי דעם אַנפאַל פון וועספּאַסיאַנוס: עס האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבען טומלען אין אַנדערע רוימישע פּראָווינצען און וועספּאַסיאַנוס האָט געמוזט פאַרקירצען זיין אידישע מלחמה — ווען מען וואָלט אין ירושלים זיך צוגעהערט צו די קלוגע רייד פון יוסף בן מתתיהו און זיך אונטערגעגעבען אויף אַ ווילע צו די רוימישע הערשער, כדי צו ראַטעווען דעם בית־המקדש און די גאַנצע אַלטע אָרדנונג — וואָלט עס געווען בעסער, וואָלט דאָס אידענטום דערפון מעהר געוואונען?

ווער איז געווען גערעכט — פאַר דער געשיכטע — יוסף דער כהן, דער פּרושי און מיוחס פון ירושלים, דער למדן, דער בעל־דרשן, אָדער דער גראָבער האַלב־איד פון גשר אין דעם עבר־הירדן — שמעון בן גיורא, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט פאַר דעם אי־דישען מענשען, פאַר דער אידישער פרייהייט?

מיר קאָנען איצט — מיט די היסטאָרישע מיטלען וואָס מיר האָבען — ניט פאַרשטעהן, וואָס האָבען אייגענטליך געוואָלט די „קנאים", אָדער די „גזלנים" — ווי יוסף רופט זיי — די וואָס יוחנן גוש־חלב און שמעון בן גיורא האָבען אָנגעפיהרט? פאַר־וואָס האָבען זיי אַזוי געבושעוועט? פאַרוואָס האָבען זיי געשאָכטען אַזויפיל מענשען, בפרט נאָך כהנים און מיוחסים? האָבען זיי דען אויך ניט געוואוסט דאָס וואָס יעדערער האָט דעמאָלט פאַר־שטאַנען — אַז די קליינע, פּיצינקע יהודה קאָן זיך ניט אָוועק־שטעלען אַקעגען דעם רוימישען קאָלאָס, אַז עס איז אַ האָפענונגס־לאָזער קאַמף?

יוסף דערצעהלט אונז ניט די טעמים — אָבער פון דעם וואָס ער דערצעהלט, אפילו פון די זידלערייען וואָס ער שיט אויף די קעפּ פון די „רויבער" — קאָן מען זעהן, אַז דאָס איז געווען אַ קאַמף פון דער אידישער דעמאָקראַטיע אַקעגען דער אַלטער קאַסטע, אַ קאַמף פאַר פרייהייט ניט בלויז פון דעם פּאָליטישען נאָר אויך פון דעם סאָציאַלען אידענטום, אַ קאַמף פאַר דער עכטקייט פון דעם אידענטום.

אין איינעם פון די לעצטע, טראַגישסטע קאַפּיטלען פון יוסף'ס היסטאָריע איז דאָ — כלאחר־יד אויפגעצייכענט — אַ וואונדער־באַר מאָמענט־בילד. יוסף און אַ פּאָר אַנדערע אידען, וואָס האָבען זיך אַרויסגעראַטעוועט פון ירושלים צו טיטוס'ן — געהען אַרום, אונטער די ווענט פון ירושלים — און בעטען זיך ביי זייערע

ברידער אין דער באַלאַגערטער שטאָדט: „הערט אויף, גיט זיך אונטער, איהר זייט מקריב אומזיסט די הייליגע שטאָדט — איהר מאַכט חרוב דעם בית־המקדש".

די שטאָט ברענט — די טורעמס האַלטען ביים פאַלען.

אין דעם בית־המקדש זיינען פאַרבאַריקאַדירט די פאַרצווייפעלטע קעמפער — זיי ווייסען אַליין שוין, אַז זיי האָבען פאַרשפּילט, זיי ווייסען און ווילען זיך ניט אונטערגעבען. און זיי ענטפערען:

„וואָס דערצעהלט איהר אַלץ פון בית־המקדש? וועמעס הויז איז דאָס, אויב ניט גאָט'ס? און האָט גאָט ניט קיין אַנדער הויז — האָבען מיר ניט קיין אַנדער בית־המקדש — דאָס איז די גאַנצע וועלט. לאָז ער ברענען, אויב עס מוז זיין; וועלען מיר לעבען און זיין פריי, וועלען מיר אויסבויען אַ נייעם, און אויב ניט, אויב מיר געהען אונטער, וואָס אַרט אונז דער בית־המקדש?"

יוסף דערצעהלט עס ווי פאַרבייגעהענדיג. פאַר איהם זיינען זיינע און חנן דעם כהן גדול'ס לאַנגע רעדעס פיל וויכטיגער. אָבער פאַר אונז — וואָס זעהען די רעזולטאַטען פון דעם קאַמף, וואָס טראָגען נאָך אַלץ אויף זיך די סימנים פון יענער קאַטאַסטראָפע — פאַר אונז קלינגען די ווערטער גאָר אַנדערש. זיי גיבען אונז דעם שליסעל צו דער אידישער געשיכטע — זיי באַלייכטען אונז דעם זין פון אונזער לעבען.

דאָס אידענטום — אַלס אַ פאַרגליווערטע אינסטיטוציע, אָדער אַלס אַ לעבענדיגע, טרייבענדיגע קראַפט; דער איד וואָס לעבט פאַר דעם בית־המקדש — אין וואָס פאַר אַ פאָרם עס זאָל ניט זיין, אָדער דער בית־המקדש וואָס ווערט צעשטערט און ווידער אויפגעבויט, פאַרברענט און נאָכאַמאָל געוואָלט — אַ בית־המקדש וואָס איז ווייטער ווי אַ געביי, ברייטער ווי אַ הויז — אַ בית־המקדש וואָס איז די גאַנצע וועלט? — אָט דאָס איז דער דואַליזם פון דער אידישער נשמה, אַ געשפּאַלטענקייט וואָס איז פאַרבליבען ביז אויף דעם היינטיגען טאָג.

יוסף בן מתתיהו און שמעון בן גיורא — די צוויי זייטען פון דעם אידישען מעדאַל, די צוויי געשטאַלטען פון דער אידישער וועלט.

יוסף איז פאַרבליבען אַ געפאַנגענער פון טיטוס און געשריבען ספרים, — שמעון איז געפאַנגען געוואָרען פון טיטוס'ן און פאַרשלעפּט געוואָרען אין רוים אַלס אַ געפאַנגענער, און זיין קאָפּ

איז צעשלאָגען געוואָרען פון די רוימישע תליונים אויף דעם טאַר־פּעאישען שטיין ביי דעם קאַפּיטאָל!

יוסף — דער פאַרטיידיגער פון דער אינסטיטוציע אידענטום איז געבליבען אַ ליטעראַרישע פיגור — שמעון, דער עם־הארץ, שמעון דער „האַלב־איד" וואָס האָט געוואָלט זיין אַ גאַנצער איד, וואָס האָט מיט זיין גאַנצער נאַאיוויטעט און זיין פּאַטאָס געגלויבט אין דער מעגליכקייט פון אַ אידענטום מיט אַ בית־המקדש וואָס זאָל זיין די גאַנצע וועלט — שמעון האָט איבערגעלעבט רוים און דעם קאַפּיטאָל און דעם טאַרפּעאישען שטיין. — פון דעם ברענענ־דיגען טורעם פון ירושלים איז ער אַריינגעשפּרונגען אין די טיפע־נישען פון דער אידישער נשמה — און דאָרט לעבט ער.

מיר אַלע — מיר לעבען נאָכאַמאָל דאָס לעבען פון שמעון בן גיורא און קעמפען נאָכאַמאָל אַקעגען יוסף בן מתתיהו, ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג, ויסענדיג אָדער ניט.

נאָוועמבער 3, 1923.

„צוזאַמען“

מיט אַ פּאָר טעג צוריק רופט מיך אָפּ אַ „שטימע“ אויפ'ן טעלעפאָן. און איך הער: „איהר ווייסט, עס געהט דאָך באַלד עפּעס אַ שעהנע וואָך — פאַרשטעהט איהר, אַ וואָך פון שטימונג, פון געהויבענקייט — איהר ווייסט, מען דערצעהלט וועגען דעם בערדיטשעווער... און ווי זאָגט פּראַנץ ווערפעל... און דיואי האָט ערקלערט... אָט אַזוי ווי עס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט ר' אהרעלע קאַרלינער“ א. אַז. וו.

איך קען די שטימע. איך דאַרף גאָר ניט פרעגען ווער עס רעדט — און נאָך מעהר, איך ווייס, אַז זי רופט־אָפּ עטליכע געצעהלטע מאָל אַ יאָהר, און תמיד ווען זי האָט „עלית נשמה“, געהויבענקייט, און דאָס איז תמיד פאַרבונדען מיט אַ יום־טוב, אַ אידישען יום־טוב.

זי איז שטענדיג געהויבען. זי פרעהט זיך שטענדיג. פּסח — „איהר ווייסט דאָך, אַ באַפרייאונג — חומש און נשמה, שיר השירים“; שבועות — וואָס פאַר אַ שעהנערע מתנה האָט מען געקאָנט געבען אַ פּאָלק, אַ וועלט, ווי אַזאַ וועלט־רעוואָלוציאָנערען דאָקומענט? סוכות, פּורים, צום־גדליה — ניטאָ קיין איין יום־טוב אָדער תענית, ווען זי דערמאָנט זיך ניט, באַגייסטערט זיך ניט, געפינט ניט קיין שעהנקייט און קיין מתיקות.

און אָהן ווייטערע ערקלערונגען האָב איך פאַרשטאַנען — אַז דאָס איז די „שטימע“ אַזוי געהויבען און געשטימט, ווייל — חנוכה.

עס איז געוועזען אַביסעל שווערלעך אָנצופיהרען אַ שמועס וועגען דער געהויבענקייט פון חנוכה ביים טעלעפאָן — און איך האָב פּאָרט געוואָלט ווייטער פיהרען דעם שמועס. עס האָט מיך פּאָר־אינטערעסירט — ווי אַזוי אַ מענש, אַ מאָדערנער, אַ געבילדעטער, אַ דערפאַרענער, אַ „שטודירטער“, מיט אַן אייראָפּעאישען הינ־טערגרונט און אפילו ניט קיין הייסער אידישער נאַציאָנאַליסט, וואָס באַנוצט זיך מיט דעם חנוכה־מאָטיוו צוליב פּאָליטישער אַגיטאַציע, — ווי אַזוי ווערט ער אַזוי באַגייסטערט דאָ אין ניו יאָרק וועגען

אַ היסטאָרישע פּאַסירונג, וואָס איז — אַפילו ווען דאָס אַלץ וואָס ווערט דערצעהלט אין די „חשמונאים" איז געשיכטליכע כראָניק — ניט מעהר ווי אַ היסטאָרישער ראָמאַן אַרום אַ גאַנץ קליינעם פאַקט.

און איך האָב די „שטימע" געבעטען קומען צו מיר. „מיר וועלען זיך דורכרעדען וועגען דעם ענין".

און מיין יום־טוב־גאָרענדער פריינט איז געקומען. ער האָט גערעדט און זיינע אויגען האָבען געשטראַלט. איך האָב ממש געזעהן, ווי ער האָט אַ טיפען גייסטיגען פאַרגעניגען, ווי עס לעבט און וועבט אין איהם בשעת ער „דערמאָנט זיך" וועגען חנוכה, וועגען דער פּאָעזיע פון די „הנרות הללו", די פּאָעזיע פון ליכטלעך, וואָס ער האָט אויף זיין אייגענאַרטיגען, אַפּט אומגעריכ־טען וועג צוגעפיהרט צו דעם ענין פון „בהעלותך את הנרות" און דערמאָנט אָן דעם מיסטישען טייטש: „אמר הקב"ה לישראל — נמשלו נפשותיכם כנר, שנאמר נר ה' נשמת אדם" — אידישע נשמות זיינען געגליכען צו אַ ליכט — ליכט פון דער וועלט, פאַר־אייניגונג פון אַלע עולמות, א. אַז. וו.

אויסגעהערט זיין עקסטאַטישע דרשה — פול מיט מערקוויר־דיגע איבערגאַנגען, אַנציהענישען, אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, מדרש, חסידות, אַנטראָפּאָלאָגיע, דאָסטאָיעווסקי און ווער ניט — און ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי איבערצוכאַפּען דעם אָטעם, האָב איך איהם געשטעלט — צום ערשטען מאָל זינט איך קען איהם — אַ דירעקטע פראַגע: „זאָגט מיר, מיין ליבער, גלויבט איהר דען אין אַלצדינג וואָס איהר זאָגט? זעהט — מיר זיינען דאָך ביידע געקנאָטען פון איין טייג — איין שולע דורכגעמאַכט, איב־אייבעם דורכגעגאַנגען אַלע נסיונות און פורעניות, פון דעם איי־גענעם קוואַל געטרונקען — און איך בין איבערצייגט, אַז אין תוך דענקט איהר ווי איך, — פאַרוואָס לאָזט איהר זיך אַריין אין אָט דעם טייך פון ווערטער און לירישע שטימונגען, פאַרוואָס דערלאָזט איהר, אַז די אַלטע בילדער און שטימונגען זאָלען באַ־קומען מאַכט איבער אייך? מען דערצעהלט מיר וועגען אייך, אַז איהר ווערט פון טאָג צו טאָג אַלטמאָדישער, אַז אפילו דער קאַפּעליוש איז אויך געוואָרען אַן ענין ביי אייך, אַז איהר היט־אָפּ „מצוה קלה כחמורה" — וויניגסטענס מאַכט איהר דעם איינדרוק,

אַז איהר געהט אין די דרכים פון דר. נתן בירנבוים, וואָס האָט עוואָלוציאָנירט פון אַ ראַדיקאַלען אייראָפּעער צו אַ סעקרעטאַר פון דער „אגודת ישראל" און איז געוואָרען אַ פאַנאַטישער אָר־טאָדאָקס.

„ערקלערט מיר, גראַף ערינגור, דיזען צווייטשפּאַלט דער נאַ־טור". אַט האָט איהר מיר שוין טעלעפאָניש דערצעהלט וועגען אייער געהויבענקייט צוליב דעם וואָס עס דערנעהנטערט זיך חנוכה. מילא, ווען שוהל־אידען רעדען אַזוי — פאַרשטעה איך: געוואוינהייט, נאַאיוויטעט. און ווען ציוניסטען, וואָס וויסען נעבעך ניט וועגען דעם גאַנצען חנוכה־ענין, אַ חוץ אפשר דעם נאָמען „מאַקאַבעער", ווען זיי גרייטען זיך צו אַ גראַנדיעזען חנוכה־יום־טוב, איז דאָס פאַר זיי ניט מעהר ווי אַ פּאַהן און אַ לאָזונג. אָבער איהר, וואָס שטעהט אָן אַ זייט, מיידט־אויס די קהל'שע ענינים, דערוויטערט פון פּאָליטיק, איהר וואָס ווילט געהן אייער אייגענעם וועג אין דעם לעבען ווי אין דעם טראַכטען — פון וואַנען צו אייך די שמחה?

„לאָמיר לאָזען אָן אַ זייט די מיסטיק פון די ווערטער און די פאַרגלייכען. טאַקע אַ שעהנער מדרש, אַ פיינער געדאַנק, דער מיט די ליכט — אָבער איהר ווייסט דאָך אַליין, אַז צו דער היס־טאָרישער ווירקליכקייט האָט דאָס ניט קיין שום שייכות. איהר ווייסט ניט ווייניגער ווי איך, אַז דער גאַנצער חנוכה־הינטערגרונט איז געווען אַ קאַמף פון אַ רעליגיעזער סעקטע אַקעגען דעם העלע־ניסטישען געדאַנק, דער נייער און ברייטער קולטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען צו פאַרשפּרייטען איבער אַזיע. מתתיהו און זיינע זיהן האָבען אָפּגעשטעלט דעם גאַנג פון דעם גריכישען, ד. ה. אַלגעמיין־קולטורעלען געדאַנק. און דערנאָך האָבען זיי, ווי עס פיהרט זיך, אויסגעמאָלט זייערע געגנער, די „מתיונים", די העלע־ניסטען, אין די שוואַרצסטע פאַרבען, צוגעהעפט זיי אויף אייביג צו דער „טיר" ווי אַן עבד נרצע — ווי פאַררעטער און פאַר־דאַרבער פון זייער פאָלק. נאַטירליך, עס איז ניט וויכטיג, ווי עס איז געווען און וואָס עס האָט באמת פּאַסירט. וויכטיג איז, וואָס דאָס פאָלק האָט דערפון געמאַכט. יעדע געשיכטע האָט אַ ווערט — פון לעגענדע און סימבאָל, ניט מעהר, ווייל אָהן אַזאַ איבערשמעלצונג זיינען דאָס בלויז ביינער, שטיינער און נעמען,

וואָס בלייבען. אָבער אויך לעגענדע האָט אַ ווערט, כל זמן זי גיט אינהאַלט. אַ סימבאָל לעבט נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער קאָן דינען צו מאַכען פאַרשטענדליכער און נעהנטער דאָס לעבען פון היינט. איז פאַר אייך דער סימבאָל נאָך אַזוי לעבעדיג און ענערגיע־שאַפענד?"

מיין פריינט האָט לאַנג געטראַכט — לענגער ווי ער איז געוואוינט — און האָט געענטפערט. און איך שפּרינג־איבער אַלע זיינע משלים, גיב־איבער בלויז דעם סקעלעט פון זיינע ווערטער.

„איהר זייט אפשר גערעכט אין תּמצית. איך בין מיט אייך מסכים, ניט דאָס איז געשיכטע וואָס מיר לייענען אין די ספרים, און דאָס וואָס ווערט דערצעהלט האָט גאָר ניט געמוזט זיין אַזוי. און ווען איהר פרעגט מיך אַזוי, ווי זאָל איך זאָגען, ברוטאַל: גלויבסטו? זאָג איך, אויך אַזוי ברוטאַל: ניין. ווייל איך ווייס — מיר האָבען דאָך געלייענט די אייגענע ביכער — אַז חנוכה איז אַ לעגענדע אַרום אַ לעגענדע. ריכטיגער — אַ נעץ פון לעגענדעס, וואָס שטעהען גאָר ניט אין קיין שום פאַרבינדונג צווישען זיך. אפשר איז אַרום דעם מנורה־סימבאָל, אַלט ווי דאָס אידענטום, אוז זיכער נאָך עלטער — געשפּונען געוואָרען דער גאַנצער חנוכה־ציקעל. מתתיהו, די מכבים, דאָס קריגעל מיט בוימעל, די מלחמה מיט אַנטיוכוס, א. אַז. וו. — דאָס זיינען עפּי־זאָדען פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע. אָדער אפשר „ראָמאַנצען", פונקט ווי די פראַנצויזישע לעגענדע פון ראָלאַן, די שפּאַנישע פון סיד קאַמפּעאַדאָר א. אַז. וו.

„אַלצדינג איז מעגליך. אָבער צום ענין חנוכה, מיין חנוכה, האָט עס ניט קיין שום שייכות, פונקט ווי עס אַרט מיך גאָר ניט פון װאַנען די פסח־לעגענדע איז אויסגעוואַקסען, און צי פּורים איז אַן אַלט־פּערזישער קאַרניוואַל, אָדער וואָס עס זאָל דאָרט ניט זיין.

„היסטאָרישע אַנהויבען און פּסיכישע ווירקליכקייט זיינען צוויי גרונט־פאַרשידענע זאַכען. צוויי פאַרשיידענע ווערטען.

„אַט ווילט איהר וויסען, פאַרוואָס איך ווער אַזוי באַגייסטערט, ווען עס קומט אַ יום־טוב. פאַרוואָס עס האָט זיך ביי מיר אָנגעצונדען דאָס „נשמה־ליכט", ווי נאָר עס האָט פון דער ווייטענס אַ שיין געטאָן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטעל.

„פאַרוואָס? איך וועל אייך זאָגען: עס איז דאָ אַ „סוד"

אין דעם. עס איז דער סוד — אָדער מאָדערן אויסגעדריקט — דער פּרינציפּ פון „צוזאַמען". איהר קלאָגט זיך דאָך אָפּט אַליין — און די גאַנצע אינטעליגענץ פון דער צייט קלאָגט זיך — אַז איהר, אַז מיר אַלע זיינען „איינזאַם". דער פּראָבלעם פון איינזאַמקייט, אָפּגעזונדערטקייט, איז שוין אַן אַלטער. אַזוי אַלט ווי די קולטור, ווי דער באַוואוסטזיין פון דעם מענשען. ער איז געוואָרען „אַקטועל", שאַרף פאַר די לעצטע דרייסיג־פערציג יאָהר. געדענקט איהר גערהאַרט הויפּטמאַנ'ס דראַמע „איינזאַמע מענשען"? די דראַמע וואָס איז געווען, אַזוי צו זאָגען, דער ערשטער טאַקט, די פּרעלודע צו דעם נאַטוראַליזם, אָדער פּסיכאָלאָגיזם אין דער דייטשער ליטעראַטור. דער אינטעליגענט האָט זיך געלאָזט הערען, ער האָט אַרויסגעזיפצט: איך בין איינזאַם. דאָס פאָלק — אָרגאַניזירט, קלעריקאַל, מיליטעריש, סאָציאַליסטיש — בלויז דער אינטעליגענט איז פאַר זיך אַליין. און וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער די איינזאַמקייט. ווייסט איהר, אַז אַ טייל פון דער אינטעליגענץ האָט דערפאַר סימפּאַטיען פאַר די עקסטרעמסטע באַוועגונגען, קאָמוניזם און פאַשיזם, נאָר דערפאַר ווייל דאָס זיינען מאַסען־באַוועגונגען, דערפאַר וואָס זיי פּרעדיגען און פאָדערען: פאַרשווינדען אין דער מאַסע, און דאָס מיינט — אַנטרינען פון זיך אַליין?

„און אָט נעמט די לעצטע, די נייעסטע פילאָזאָפישע סיסטעמען — צ. ב. דעם איצט אַזוי פּאָפּולערען — וויניגסטענס אין די העכסטע אינטעליגענטע קרייזען — דענקער מאַרטין היידעגער. וואָס איז זיין גרונט־מאָטיוו: פילאָזאָפיע, ד. ה. דענקען, ד. ה. באַוואוסטזיניג פּסיכיש לעבען — איז די מורא פאַר דעם „גאָרנישט". דער מענש אַנטלויפט פאַר דעם „ניין", זוכט זיין „יאָ", וויל, מוז בויען, וויל זיך באַהעפטען. וואָס איז דאָס אין עצם, אויב ניט אַנטלויפען פון דער איינזאַמקייט?

„און פון אַלע איינזאַמע איז דער אידישער אינטעליגענט אפשר דער איינזאַמסטער. ער האָט גאָרניט — ניט קיין אמת'ע היים און ניט קיין אייגענע סביבה. ער קאָן ניט אונטערטונקען זיך אין דער מאַסע און דאָרט צערונען ווערען. מען לאָזט איהם ניט.

„און איך פיהל די איינזאַמקייט. קאָן ניט צושטעהן צו קיין שום גרופּע, ווייל ניטאָ קיין איינציגע וואָס זאָל זיין עכט.

ניטאָ קיין איינציגע וואָס זאָל זיין היסטאָריש־פונדירט, און דער־פאַר עכט. אָדער היסטעריע און יאָ, ווי ביי די עקסטרעמע נאַציאָ־נאַליסטען, און ספּעציעל ביי די אידיש־שפּראַכליכע, אָדער היס־טעריע און ניין, ווי ביי די קאָמוניסטען.

„און אין דער מיט — די „בינונים", די מיטעלערע, גרוי, לוי, אָהן שטימונג און אָהן קאָליר. לאַנגווייליג איז עס אויף דער אידישער גאַס. און ווען ניט פון צייט צו צייט אַן אויפשטורם פון אידישע צרות — וואָלט אונזער שטעהענדער וואַסער באַדעקט געוואָרען מיט אַ גרינעם צודעק פון פוילעניש.

„איך קאָן אָבער ניט זיין אַליין. איך זוך דעם „צוזאַמען" — אָט דאָס וואָס די רוסען רופען־אָן אַזוי שעהן „סאָבאָרנאָיע נאַ־טשאַלאָ" — און „סאָבאָר" איז מעהר ווי קאָלעקטיוו, מעהר ווי כלל, עס איז אויך דערביי פאַראַן דער באַגריף פון „כנוסיא", „עקלעזיאַ" — קירך — און אין דעם לעצטען זין: צוזאַמען, אין זיין רעליגיעזער באַפאַרבונג.

„אָט דאָס איז עס וואָס איך זוך — אין די לעגענדעס, ימים־טובים און סימבאָלען. און ווען איך צינד אָן דאָס ערשטע ליכ־טעל, ווייס איך — דאָ, אָט דאָ צום ווייניגסטען בין איך צוזאַמען. איך ווייס — מען צינדט איהם אָן אין דער אייגענער שעה — סימבאָליש גערעדט, דעם צייט־אונטערשייד לאָז איך אייך אַליין באַרעכענען — דאָס ליכטעל אין די פינסטערע, בלאָטיגע געסלעך פון פוילען און ליטע, אין מאַראָקאָ, אין תימן, אין ירושלים, אין אויסטראַליע — אומעטום, וואו עס זיינען פאַראַן אידען. איבער דער וועלט דער פלאַטער פון אַ ליכטעל. און מאָרגען וועלען עס זיין צוויי, און דריי, און אַזוי ווייטער — ביז צום לעצטען טאָג חנוכה.

„און דערפאַר נאָכאַמאָל: אמר הקב"ה לישראל — נמשלו נפשותיכם לנר — און דערפון מיין גרויסאַרטיגער, דערהויבענ־דיגער, דערוואָרימענדיגער סימבאָל. יאָ, דערוואָרימענדיגער — ווייל קאַלט איז אונזער לעבען געוואָרען, קאַלט ווי אַ טויטער גוף. זאָל איך נאָך ווייטער קלערען? ווייטער זיך אַנאַליזירען? ביטע — איך בין גרייט".

אָבער איך בין ניט געווען גרייט. איך האָב דערזעהן פאַר זיך אַ נייע ערשיינונג — אַ אידישען מאָדערנעם מענשען, וואָס

לעבט־דורך די טראַגעדיע פון דער צייט אויף זיין אייגענעם, אידי־שען, טאָפּעל־ליידענשאַפטליכען אופן. געזעהן פאַר מיר דאָס אויס־וואַקסען פון אַ נייעם סימבאָל: צוזאַמען. און דאָס אַליין איז געוועזן פאַר מיר גענוג. דאָס ווייטערע — דער יחיד, אין זיינע איבערלעבונגען — דאָס איז דערוייל צופיל פאַר מיר, צו טיף און צו שווער.

און איך בין אַוועקגעגאַנגען, רייכער געוואָרען — און שווע־רער געוואָרען — מיט אַ געדאַנק. ער איז אַוועקגעגאַנגען, גרינגער געוואָרען — מיט אַ ווידוי.

דעצעמבער 6, 1931.

די צוויי וועגט

מיט יאָהרען צוריק האָט מיך אַ צייטונג — איך גלויב, עס איז געווען דער „העולם״, אין לאָנדאָן — איינגעלאַדען צו שרייבען אַ חנוכה־אַרטיקעל. מען איז געווען דעמאָלט אינגער, היציגער, אייליגער אַרויסצוזאָגען אַלץ וואָס מען טראַכט, אַלצדינג וואָס עס ווייזט זיך אויס אַזוי וויכטיג. און איך האָב דעמאָלט געשריבען אַ מין „אַנטי־מאַקאַבעער״־אַרטיקעל. ניט פון ליבע צום פּאַראַדאָקס, צום „טאָמער פאַרקעהרט״, נאָר דערפאַר וואָס איך האָב באמת געגלויבט, אַז די מאַקאַבעער האָבען געטאָן אַ היסטאָרישען אומרעכט. זיי האָבען פאַרשפּאַרט דעם וועג פאַר דעם העלעניזם, זיי האָבען דורך זייער קאַמף פאַראייביגט דעם קאַמף. זיי האָבען געשאַפען אַ מין פאַרשפּיל צו דעם גרויסען היסטאָרישען פּאַסיאָנס־שפּיל, וואָס הייסט אידענטום. און איך האָב דעמאָלט געפרעגט: צוליב וואָס האָבען זיי עס געטאָן? און איך האָב פאַרענדיגט דעם אַרטיקעל מיט דער האָפענונג, אַז מען וועט מיך קיינמאָל מעהר ניט איינלאַדען צו שרייבען איבער חנוכה.

יאָהרען זיינען פאַרגאַנגען. און איך שרייב ווידער איבער חנוכה. ניט געבעטען, ניט אויפגעפאָדערט, נאָר פון אייגענעם ווילען. ווייל זי צווינגט מיך נאָכאַמאָל — און אויפ׳סניי — אָט די אַלטע, די אייביגע פראַגע: וואָס איז דער זין פון דער אידישער געשיכטע? לאָז זיין, אַז עס איז אַ פראַגע פאַר „יחידים״, ווי מען ענטפערט מיר אָפט, לאָז זיין אַז עס איז גלאַט אַ חקירה אין דער וועלט אַריין, אַז עס איז ניט מעהר ווי אַ קשיא אויף אַ רמב״ם, ווי ה׳ ש. ראָזענפעלד האָט כאַראַקטעריזירט ערשט ניט לאַנג מיין גאַנצע פּראָבלעם־שטעלונג — לאָז זיין אַזוי. דער „יחיד״ האָט פּונקט אַזאַ רעכט ווי דער כלל. און וואָס איז דער כלל — אויב ניט אַ גרופּע פון יחידים?

איך פרעג ביי יעדער געלעגענהייט נאָך דעם זין פון דער אידישער געשיכטע. זין איז ניט עפּעס מיסטישעס, וואָס איז באַשטימט געוואָרען פון אַ מין אויבערשטער השגחה; זין הייסט ניט צוועק. „זין״ מיינט אינהאַלט, תוך. ווען מיר רעדען היינט

פון דעם זין פון דער רוימישער געשיכטע אָדער פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, ד. ה. פון פאַקטען וואָס זיינען שוין פאַרביי, וואָס האָבען שוין קיין ווערט ניט פאַר דעם לעבענדען — מיינט דאָס ניט מעהר ווי וועלען פאַרשטעהן די גרונט־מאָטיווען און דעם תוך פון די פאַקטען, אַרויסנעמען פון דער מאַסע פון איינצעלנע פאַסירונגען — אין ליכט פון די רעזולטאַטען, פון דערפאָלגען און פיאַסקאָס — דעם עצם, די עסענץ, דעם קערן. און אויב עס איז אפילו ניט אמת, אַז די געשיכטע איז אַ לערערין, אַז מען קאָן פון דעם נעכטען לערנען פשט אויף היינט, ווייל ניט דער שכל, נאָר דער ווילען, נאָר די ליידענשאַפט און דער אויגענבליקליכער אינטערעס רעגירען די מענשען, — איז עס פונדעסטוועגען וויכטיג צו וויסען, אין וואָס עס באַשטעהט דער דאָזיגער, דער אונזעריגער היינט.

און אפשר איז דאָס אויך די סיבה, פאַרוואָס איך קעהר זיך אום אויף פאַרשיידענע וועגען, און זעהר אָפט אויף פאַר־שלאָסענע, אין ערגעץ ניט פיהרענדיגע, צו דער אייגענער אַלטער וואַנט, צו דער וואַנט וואָס איז אויך אַ טויער, און קלאַפּ אין איהר אָן, און בעט — „פתחו שערים" — עפענט די טויערען. און מען עפענט ניט. דערווייל נאָך ניט.

וואַנט. עס איז געוויס ניט מעהר ווי אַ בילד, אָדער אויב איהר ווילט — אַ וואָרט. אָבער מיר דוכט זיך, אַז איבער היסטאָריע קאָן מען ניט דענקען אַנדערש ווי אין בילדער. אַנדערש האָט מען צו איהר גאָר ניט קיין באַציהונג. און מיר דוכט זיך, אַז איך זעה פאַר מיר אָן אייביג בילד: צוויי ווענט, וואָס שטעהען איינע אַנט־קעגען דער צווייטער, קוקען זיך אָן, פיינדליך און דאָך אינאיינעם. יעדע פאַר זיך איז גאַרנישט, איין וואַנט אַליין — איז אַ חורבה, אָדער אַ מצבה.ביידע אינאיינעם — און אַ דאַך איבער ביידע, זיינען אַ געביי. און דער עצם פון אַ הויז איז — אַז ביידע ווענט זאָלען קיינמאָל ניט צוזאַמענקומען, זאָלען תמיד זיין איינע אַנט־קעגענגעשטעלט דער צווייטער. פאַלען זיי צוזאַמען, ווערען זיי איינס — איז דאָס הויז צעשטערט.

צוויי ווענט. אויף איינער — דער שם המפורש, אויף דער צווייטער אַ ציערליכע פיגור, וואונדערבאַר אויסגעמאָלט, שעהן באַפּוצט, מיט אַ חנ'עוודיגען שמייכעל, מיט אַ קלוגען, באַצויבערענ־דען קוק — דאָס בילד פון דער אייביגער אַפראָדיטאַ, פון ווענוס,

וואָס קומט אַרויס אַ ווייסע, אַ שטראַלענדע, אַ לאַכענדע פון די ים־כוואַליעס. אַרום דעם שם — לאַנגע „למד'ן" — „לאָ'ס", „ניט". אין יעדען „ל" אַ באַגרעניצונג. יעדער פאַרבאָט אַ ליניע, אַ ריכטונג. „זאָלסט ניט טאָן דאָס" — הייסט: „דו מוזט טאָן עפּעס אַנדערש". אַזוי און אַזוי זאָלסטו לעבען — אַזוי זאָלסטו געהן — דאָס איז דיין וועג. דער אידישער וועג.

אויף דער צוויטער וואַנט: אַ וועלט פון מעגליכקייטען. אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַנדערש. מען מעג אַלץ — מען טאָר אַלצדינג. און טאָר מען ניט אפילו — איז עס מיט אַ באַדויערען. ווענוס־אַפראָדיטאַ, ווענוס די שוים־געבוירענע איז אַזוי מילד צו זינד, זי לאָזט אפילו ניט אַרויפקומען דעם באַגריף זינד. דער גריכישער מענש האָט זיך אויך געמאַטערט מיט דעם געפיהל — אויב ניט מיט דעם געדאַנק — אַז עס איז פאַראַן אין דער וועלט אַזאַ זאַך ווי „זינד". „היבריס", ווי ער האָט זי גערופען, איז געווען דער מאָטיוו פון דער גריכישער טראַגעדיע. אָבער ניט פאַר דעם גריכישען דענקען, אָבער ניט פאַר דעם גריכישען לעבען.

אויף דער שוועל פון דעם גריכישען הויז, אונטער דער גריכישער וואַנט האָט זיך געשפּילט אַפראָדיטאַ'ס געליבטער בן־יחיד „עראָס" — די ליבע, מיט פאַרבונדענע אויגען און אַ פייל אין די הענט. אָבער אויף דער שוועל פון דעם אידישען הויז — אַקעגען דער אידישער וואַנט — איז געלעגען, ווי אַ ספּינקס — „חטאת". „על פתח חטאת רובץ". געלויערט מיט גרימצאָרן און געוואַרט ווי אַ ווילדע חיה, ווי אַ טרייער הונט וואָס וואַרפט זיך אויף דעם אומפאַרזיכטיגען, אויף דעם פרעמדען. עראָס האָט זיך גערייצט מיט חטאת — און חטאת האָט געשאַרפט די ציין. און פריינדליך זיינען זיי געשטאַנען איינע אַקעגען דער אַנדערער דיביידע ווענט — ביידע אונטער איין דאַך. קיינמאָל ניט אויס־איינאַנדער — קיינמאָל ניט איינס.

מען דאַרף בלויז לייענען די געשיכטע פון דעם מאַקאַבעער־קאַמף און פאַרגלייכען איהם מיט דעם גראַנדיעזען רוימער־קאַמף. דאָ און דאָרט נאַציאָנאַלער העראָאיזם, דאָ און דאָרט נאַציאָנאַלע עקשנות, דאָ און דאָרט רעליגיעזע פּאָליטיק, אָבער אַן אַנדער טאָן. די מכבים האָבען געקעמפט ניט בלויז אַקעגען די גריכען — זיי האָבען געקעמפט אַקעגען זיך אַליין. זיי האָבען אויך ליב געהאַט דעם זיסען, שעהנעם, גרינגען, און אין זיין גרינגקייט

אַזוי טיפֿען גריכענטום. זיי האָבען געקעמפּט פֿאַר זייער גייסט און ניט פֿאַר דעם חומר — זייער קאַמף איז ניט געווען קיין ענג־נאַציאָנאַלער. זיי האָבען דאָך סוף־כל־סוף פֿאַרביטען איין אָפּהענ־גיגקייט מיט אַ צווייטער, געזוכט שוץ ביי רוים — אַקעגען די סעלעווקידען, ביי רוים אַקעגען דעם גריכישען גייסט. און עס האָט זיי ניט געאַרט. ווייל זיי זיינען ניט אויסען געווען — פּאָ־ליטיק, נאָר וועלט. די איינציגע מענשען וואָס האָבען באמת גע־מאַכט וועלט־געשיכטע.

קאָן מען דען זיך אויסמאָלען וואָס עס וואָלט געווען — ווען די מכבים וואָלטען זיך אָנגעטאָן ווי יאַזאָן און זיינע חברים, ווי די העלעניסטען פֿון ירושלים — אין גריכישע כיטאָנען, באַ־קרענצט זייערע האָר מיט ווייַנטרויב־קראַנצען און געזונגען די שעהנע גריכישע לידער צום קלאַנג פֿון דער האַרפֿע? גריכיש וואָלט געוואָרען די וועלט — אין שפּראַך, אין קלאַנג, אין מידות און אין אויפּפאַסונג. און ווענוס מיט איהר זוהן וואָלטען געהערשט. איין וואַנט. פֿאַרביג — וואונדער־שעהן — אָבער פֿאַרט איין וואַנט. אַ רייכע, אַ גאָלדענע מצבה — פֿאַרט אַ מצבה.

די מכבים האָבען עס ניט צוגעלאָזט. זיי האָבען ניט געוואָלט מחזיר למוטב זיין די גריכישע וועלט — זיי האָבען ניט געוואָלט צעשטערען די צווייטע וואַנט. אַ פֿאָלק מיט געשיכטליכען זין, האָבען די אידען תמיד פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נויטיג אַ צווייקייט פֿון וועלט־צוגאַנגען, אַז דער מענש מוז האָבען אַ בחירה. אמת: אַהין אָדער אַהער, אָבער כדי מען זאָל האָבען דעם „אָדער" — מוז מען דאָך אויך האָבען דעם „אַהין" און דעם „אַהער".

געקעמפּט — און געזיגט. ווייל אין גייסטיגע שלאַכטען איז ניטאָ קיין מפּלה. דאָרט קאָן מען ניט באַזיגט ווערען. און די אידען האָבען אויף דעם דאָזיגען שלאַכטפֿעלד תמיד געהאַלטען זיך שטאַרק. אויב זיי האָבען אויך ניט גובר געווען — זיי האָבען דערגרייכט זייער ציל: געראַטעוועט דעם צוויי־וואַנטיגען בנין. און ווען אפילו רוים האָט דערנאָך איבערגעשפּאַנט אַ דאַך איבער זייביידען — און צוגעבויט נאָך צוויי ווענט און געמאַכט פֿוןביידע וועלטען — דער גריכישער און דער אידישער — אַ נייע, אַ רוימישע, אַ פּאָליטישע, אויף מאַכט געגרינדעטע, — דער גרונט־פּלאַן האָט ניט געקאָנט געענ־דערט ווערען. עראָס שטעהט נאָך אַלץ אַקעגען חטאת — און

זיינען זיך נויטיג איינער פאַר דעם צווייטען און שפּילען אינ־איינעם דעם גרויסען, אייביגען שפּיל — די מיסטעריע פון מענש און גאָט.

⁂

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ „טענה״ צו די מכבים: פאַרוואָס האָבען זיי ניט געלאָזט אונטערגעהן מיט גראַציע די אידישע וועלט — פאַרוואָס האָבען זיי ניט געלאָזט צוזאַמענשמעלצען אי־דענטום און גריכענטום. אָבער די יאָהרען האָבען מיך געלערענט: וואָס איז איז, און קאָן ניט זיין אַנדערש. ניט וואַסערען קאָנען צוזאַמענפליסען, ניט נשמות צוזאַמענגעגאָסען ווערען. יעדער פאַר זיך. יעדער אַקעגען דעם צווייטען, וואַנט אַקעגען וואַנט. „זכה: עזר, לא זכה, כנגדו״ — אַמאָל איז מען זוכה, אַמאָל העלפט דאָס ליכט, העלפט די אַטמאָספערע, העלפט אַ קינסטלער־האַנט, און די צווייקייט מאַכט דעם עפעקט פון האַרמאָניע. און אַמאָל שטעהען די קאָנטראַסטען אין זייער גאַנצער שאַרפקייט: מיט די גרימיגע ציין — און רייצען זיך — און האָבען זיך פיינט.

אוןביידע אינאיינעם שאַפען די וועלט. היינט ווי אַמאָל, און מאָרגען מן הסתם — ווי נעכטען, ווי אין דער צייט פון יוחנן און מתתיהו, פון אנטיוכוס און יהודה המכבי.

קיינער האָט ניט אומזיסט געלעבט. אַלצדינג האָט אַ זין.

דעצעמבער 21, 1924.

אַ צעשטערטע לעגענדע

עס איז צעשטערט געוואָרען נאָך אַן אילוזיע. און דער צעשטערער איז — ווי תמיד, אָדער וויניגסטענס ווי אָפט — דער אמת־זוכער, דער גריבלער, וואָס גיט זיך ניט צופרידען מיט וויניגער ווי דעם וואָרצן, גאָרען, גיין־גאָלדענעם אמת.

איך האָב געהאַט אַן אילוזיע, אַז פורים, די גאַנצע געשיכטע, דער יום־טוב, דער „נס" א. אַז. וו. איז ניט מעהר ווי אַ ראָמאַן, אָדער אַ לעגענדע. אַ ראָמאַן, געשפּונען אַרום אַן אַלטען אָריענטאַלישען מיטוס: אַן אַלט־פּערזישער יום־טוב, דער יום־טוב פון פארוואַרדיגאַן, דער יום־טוב פון גורל־וואַרפען, אָדער פון דער לבנה־געטין אנאַריטא, וואָס האָט זיך אַריינגעגנב'עט אין דעם אידישען קולט און איז פון איהם אַסימילירט געוואָרען. און טאָקע דאָס איז פאר מיר געווען אַ סימן פון דער אידישער אייגענאַרט, פון דעם איינציגאַרטיגען אידישען היסטאָרישען זשעניע: היסטאָריזירען די נאַטור, אַריינלייגען אין דער וועלט, אין יעדער ערשיינונג אַ מאָראַלישען זין.

און אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, איז דער גאַנצער אידישער וועלט־קוק. ער שפּינט פון נאַטור־געשיכטע, ער טייטשט־אויס דאָס ברוטאַלע, דאָס פאַקטישע, דאָס וואָס האָט גאָר ניט קיין זין און קיין שייכות צו אונז — אויף אַ מענשליכען, עטישען אופן. אַזוי פּסח. אַן אַלטער פרילינגס־יום־טוב ווערט מיטאַמאָל אַ סימבאָל פון פרייהייט און באַפרייאונג. דער אויפבלי־מאָמענט, די ערוואַכונג פון דער ערד, ווערט פאַרוואַנדעלט אין דעם אויפבלי, אין דעם אַנהויב פון אַ היסטאָרישער פּעריאָדע, אין אַ געשיכטליכען פרילינג.

און בפרט פורים. דאָ איז דער ספק געווען אַזוי גרינג, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדליך. עפּעס אַ מעשה אין פּערזיע, אין שושן הבירה, אונטער אַ מלך, וואָס האָט געטראָגען אַ נאָמען, וואָס איז גאָר ניט קיין נאָמען, נאָר אַ מין צונעמעניש. און די גאַנצע מעשה איז אַזוי פאַנטאַסטיש, אַזוי ניט וואַרשיינליך, אַזוי ניט פאַרשטענדליך, אַז אחשורוש האָט שוין אין די אַלטע צייטען, ביי

די תּלמודיסטען, באַקומען דעם שטאַמפּ פון אַ „מלך טיפּש", אַ נאַר, ווייל אַזוי אומפּאָליטיש, אַזוי ווייניג אין דער ליניע פון מלוכה־פיהרערס. און טאַקע, ווייל אַזוי אומגלויבליך, האָט דער יום־טוב געהאַט אַ רייץ. וואָרים עס איז ניטאָ קיין גרעסערע פרייד, ווי די שמחה מיט דעם, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען; די פרייד פון אומווירקליכקייט; דאָס איינציגע אין לעבען, וואָס קאָן ניט צעשטערט ווערען — ניט געמינערט אָדער געמעהרט, פאַרגרעסערט, איבערטריבען. דאָס איז דאָס איינציג־שעפערישע, קינסטלערישע אין אונזער נשמה.

אָבער די היסטאָריקער, די דאָקומענטען־נישטערער און די ביכער־ווערים האָלטען פון אייביג אָן אַ קאַמף מיט דער קונסט. זיי ווילען דאָס אומווירקליכע צוריקפיהרען צום חומר, צו די פיר איילען פון לעבען, צו דעם וואָס האָט טאַקע אַמאָל געהאַט גע־שטאַלט, הויט און ביין, צו דעם וואָס איז געווען, און האָט דער־פאַר דעם ווערט פון דעם בלויז אַמאָל געוועזענעם.

קומט אַ דייטשער היסטאָריקער און שרייבט אָן אַ בוך וועגען פורים און באַווייזט, אַז די גאַנצע פורים־געשיכטע איז טאַקע אַן אמת. געווען טאַקע אַן אחשורוש, און דוקא גאָר ניט קיין „טיפּש", נאָר אַ גרויסער קעניג, וואָס האָט געהערשט אויף אַן אמת פון הודו ביז כוש — פון אינדיע ביז עטיאָפּיע — איבער הונדערט און זיבען און צוואַנציג מדינות, און דער מלך האָט געהייסען ארטאקסערקס דער צווייטער, אָדער אַרטאַקשאַשטאַ אויף פּערזיש. און המן בן המדתא איז טאַקע געווען אַ פּערזישער סאַטראַפּ, און אַז זיי נאָמען האָט שרשים אין דער פּערזישער שפּראַך — און אַז מרדכי איז געווען אַ רייכער אַסימילירטער באַבילאָני־שער אידישער אימיגראַנט, וואָס האָט געטראָגען זיין עכט באַ־בילאָנישען נאָמען מורדוך בעלישנו (דערפאַר הייסט ער אויך בלשן אין דער מגילה) און אסתר הדסה האָט געהייסען מיט איהר אמת'ן באַבילאָנישען נאָמען איסטאַרא־הודאַשאַ, דער נאָמען פון אַ באַ־בילאָנישער געטין א. אַז. וו. אַלע געשטאַלטען פון דער מגילה ווערען לעבעדיג, היסטאָריש, אפילו חרבונה — זכור לטוב — שטעהט אויך אויף פאַר אונז ווי אַ מענש פון פלייש און בלוט. אמת אַ סריס, אָבער פאָרט אַ מענש, און דערצו נאָך אַ איד, וואָס האָט אויסגענוצט זיין לאַגע ביים הויף און אין דעם האַרעם פאַר דער טובה פון זיינע ברידער.

אַזוי דערצעהלט אונז דר. האָשאַנדער *) און באַווייזט עס אונז מיט אותות און מופתים, מיט אַן איינדרינגענדער, טיף־פאָר־שענדער קריטיק פון דעם טעקסט און נאָך מעהר פון די קרי־טיקער און געלערענטע, וואָס האָבען ביז אַהער געפאָרשט און פאַרטייטשט דעם טעקסט.

און מיר באַקומען אַט וואָס פאַר אַ בילד: די אידען פון פערזיע זיינען געווען אין דער צייט פון אַרטאַקסערקס דעם צווייטען אומגעפעהר אין דער לאַגע ווי צום ביישפּיל די אידען פון ענגלאַנד אין אונזער צייט. די רעליגיע פון דעם הויף איז געווען אַ זאַראַאַסטרישע, די מאַגישע, ד. ה. כמעט די רעליגיע פון איין גאָט. אמת, דער גאָט האָט געהייסען אַהוראַמאַזדו — און געהאַט אַ צד שכנגד דעם אַנגרימאַניאַ, די פינסטערע זייט פון דער וועלט, אָבער די אידען פון פערזיע זיינע נאָך ניט געווען אַזעלכע געניטע טעאָלאָגען, כדי אריינצולאָזען זיך אין טיפע חקירות. אָבי ניט קיין עבודה־זרה, אָבי דער געדאַנק פון איין גאָט — און זיי זיינען געווען צופרידען. אַזוי ווייט, אַז די פער־זער האָבען גאָר ניט געוואוסט צי עס זיינען דאָ אידען אין פערזיע. און אויב מען האָט יאָ געוואוסט פון „יהודים", איז דאָס געווען בלויז פון אַ רעליגיעזער סעקטע, ניט פון אַ פאָלק.

די אידען האָבען גערעדט די שפּראַך פון דעם לאַנד, געווען אַנגעטאָן ווי די תושבים, געהאַט באַבילאָנישע און פערזישע נעמען — און זיינען געווען בכלל אינגאַנצען אַסימילירט. אומ־געפעהר ווי אין ענגלאַנד אָדער אין אַמעריקע איידער עס האָט נאָך אָנגעהויבען דער אַלטער פּראָטעסטאַנטיזם זיך צו שאָקלען און איידער די אידען־פראַגע האָט אָנגענומען אַ נאַציאָנאַלען, אַ ראַסען־כאַראַקטער.

אָבער פּלוצלינג האָט זיך די פּאָליטיק פון פערזיע געביטען. המן איז געווען אַ מין מעהרער פון דעם רייך, אַ קאָנסילידירער און פאַרפעסטיגער פון דער אימפעריע. ער האָט געוואָלט אויפ־בויען די פערזישע מאַכט אויף ברייטערע, דעמאָקראַטישע יסודות. די זאַראַאַסטרישע רעליגיע איז געווען בלויז די אמונה פון דער אַריסטאָקראַטיע. דאָס פאָלק אָבער איז געווען „קאַטוילישער" — האָט ליב געהאַט איקאָנעס און געטער־סטאַטועס, מיט דעם וויי־רויך און די קרבנות און די שעהנע פּראָצעסיעס. דאָס פאָלק האָט

*) The Book of Esther in the Light of History, by Jacob Hoschander, Philadelphia, Dropsie College, 1923.

געקוקט קיין בבל — פונקט ווי דאָס פאָלק אין די פּראָטעסטאַנטישע לענדער האָט נאָך היינט אויך אַ בענקשאַפט נאָך רוים און דער רוימיש־קאַטוילישער גרויסאַרטיקייט.

המן האָט געמאַכט אַ פּשרה מיט דער דעמאָקראַטיע און גע־וואָלט מאַכן די הויף־רעליגיע פּאָפּולערער. די פּערזער אַליין האָבן גאָרנישט געהאַט אַקעגן דעם. זיי וואָלטן אפשר מסכים געווען דערמיט. אָבער די פּוריטאַנישע גרופּע, און צו איהר האָט באַלאַנגט דער פּערזיפיצירטער באַבילאָנישער איד מאָרדוך־בעלשינו, וואָס האָט פאַרבאָרגען זיין אידישקייט, האָט אויפגע־הויבען אַ פּראָטעסט. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז געווען ניט בלויז אַ רעליגיעזער פּראָטעסט, נאָר אויך אַ מין קאַמף פון דער אַריס־טאָקראַטיע קעגען דער דעמאָקראַטיע. מיר האָבען דאָך געזעהן אַזעלכע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון דער רעפאָרמאַציע אין די פאַרשיידענע לענדער. אָבער אַזוי צי אַנדערש, באַלד האָט זיך דער גאַנצער קאַמף פון המן מיט זיינע געגנער קאָנצענטרירט אַרום דער פיגור פון מרדכי. און המן האָט גובר געווען. אין פערזיע פלעגט מען ניט מאַכען קיין לאַנגע טענות. מרדכי וואָלט געווען אויפגעהאַנגען געוואָרען — ווען ניט דער האַרעם. אסתר המלכה איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם קאָנפליקט. זי האָט געמוזט — מרדכי האָט איהר געסטראַשעט מיט אַנטפּלעקען איהר סוד — ד. ה. איהר אידישקייט — צום מלך. און די פּרוי האָט, ווי תמיד, געזיגט. דער אָרימער המן איז דורכגעפאַלען מיט זיין גאַנצען פּאָליטישען פּראָגראַם — מען האָט איהם אויפגע־האַנגען, איהם און אפילו דעם גאַנץ אומשולדיגען ויזתא, וואָס האָט גאָר קיין שייכות ניט געהאַט צו דער פּאָליטיק. און שושן הבירה האָט זיך געפרעהט. און פון ירושלים ביז ניו יאָרק עסט מען המן־טאַשען און מען קלאַפּט מיט דעם גראַגער. אָט אַזוי איז אומגעפעהר דער איינדרוק, וואָס אַ לעזער טראָגט אַרויס פון דער היסטאָרישער אויסטייטשונג וואָס דער געלערענטער דר. האָשאַנדער גיט פון דער מגילה און פון פּורים בכלל.

און מיט אַמאָל פאַלט אַראָפּ דער גאַנצער רייץ, דער גאַנצער חן פון דער לעגענדע. וואָרים אין אַ לעגענדע — און נאָר דאָרט — איז אַ צדיק און אַ רשע אַ רשע. נאָר דאָרט איז שטראַ־לענד ליכט און שאָטען שוואַרץ ווי פּעך. אין דער לעגענדע איז אַלצדינג געווען אַזוי גוט און שעהן: מרדכי אַ צדיק, אַ נסתר,

אַ מין ל״ו׳ניק, אַ פרומער איד, וואָס האָט מן־הסתם געלייגט צוויי פּאָר תפילין אַ טאָג און איז דערנאָך דערהויבען געוואָרען צו דעם העכסטען פון פּרס ומדי. אסתר — אַ פרומע און כשר׳ע אידישע טאָכטער, אמת ניט קיין גרויסע פּאַרשוין — זי איז געווען גרינלעך, ווי די גמרא האָט זיך זי אויסגעמאָלט — אָבער דערפאַר אַ צנועה און אַ קלוגע.

און המן — דער רשע פון רשע־לאַנד. דער טיפּ פון אַ רשע. בלוטדורשטיג, גרויזאַם. איהם איז געווען ווייניג אויסצו׳הרג׳ענען די אידען — ער האָט זיך ממש געבאַדען אין אכזריות: „להשמיד, להרג ולאבד״ — פאַרטיליגען, הרג׳ענען, פאַרדאַרבען — ער האָט זיך ניט געקאָנט אָנזעטיגען.

און דערצו איז נאָך געקומען דער יחוס זיינער. „האגגי״ — רופט איהם די מגילה. ער שטאַמט אָפּ פון אגג, פון עמלק, און מרדכי פון קיש און בנימין. צוויי אַלטע שונאים — בנימין און עמלק האָבען זיך ווידער געטראָפען. צוויי היסטאָרישע געגנער האָבען אויפ׳סניי מלחמה געהאַלטען — און נאָכאַמאָל האָט דער צדיק געזיגט איבער דעם רשע, ווידעראַמאָל איז עמלק געשלאָגען געוואָרען.

און בכלל די עמלק־לעגענדע. עס איז דאָך איינע פון די מערקווירדיגסטע דועלען פון דער וועלט־געשיכטע. אַ מין אור־אַלטער שולד־באַוואוסטזיין, וואָס לאָזט דיביידע געגנער ניט רוען, וואָס העצט זיי און יאָגט זיי איינעם אויף דעם צווייטען, אַ שנאה וואָס הויבט זיך אָן מיט עשו — דעם געקריוודעטען. די אידישע געשיכטע הויבט זיך אָן מיט אַ שנאה. און דוקא דער שטאַרקע־רער, דער רודף, ווערט לכתחילה גענאַרט. סוף־כל־סוף האָט פאָרט עשו געליטען אַן אומרעכט. יעקב האָט דאָך איהם געקריוודעט. און די אידישע געשיכטס־פאַנטאַזיע מאָלט אויס די פאָלגען פון דער אור־אומגערעכטיגקייט. דער געקריוודעטער ווערט דער שטאַרקערער. ער ווערט דער אייביגער שונא — אַמאָל איז דאָס עמלק, אַן אַנדערש מאָל אדום אָדער רוים אָדער אַן אַנדער פאָלק — שטענדיג אָבער דער אייגענער מאָטיוו. דער שונא האָט אויך זיין מאָראַלישע מאָטיווירונג. ער וויל פאַרריכטען אַן אומרעכט. ער וויל זיך נוקם זיין פאַר דער פאַרלוירענער בכורה, פאַר זיין גייסטיגקייט, וואָס יעקב האָט ביי איהם צוגענומען. און יעקב פאַר־טיידיגט זיך, ביז צום לעצטען אויסגלייך אין דעם וועלט־שלום.

אין אַזאַ צוזאַמענהאַנג האָט דער „האגגי״ געהאַט אַ פּלאַץ און אַ ווערט און אַ זין. אָבער ווידער קומט דער געלערענטער און צעשטערט די שעהנקייט פון דער לעגענדע. ער ווייזט אָן, אַז דאָס איז פּשוט אַ טעות פון דעם אָפּשרייבער. עס דאַרף איינפאַך שטעהן ניט „האגגי״ — נאָר באַגאַי — און דאָס איז אַ געוועהנלי־כער פּערזישער נאָמען. המנ׳ס פאַמיליע איז געווען באַגאַי — דער אידישער פאַרפאַסער פון דער מגילת פּורים האָט עס גע־וואוסט און אַזוי אויך פאַרשריבען. אָבער אין די שפּעטערע יאָה־רען, ווען מען האָט פאַרלוירען דעם צוזאַמענהאַנג מיט פּערזיע און איהר שפּראַך — האָט מען ניט מעהר פאַרשטאַנען וואָס אַזאַ נאָמען באַטייט און מען האָט איהם פאַראידישט, פאַר׳דרש׳ענט.

די לעגענדע ווערט געשיכטע. די דיכטונג ווערט אַ פּראָזאַ־אישע כראָניק. די פאַנטאַזיע אַ טרוקענע און ווייניג אינטערעסאַנ־טע, ווייניג באַלערענדע ווירקליכקייט. המן ווערט אויס רשע, בלויז אַ דעמאָקראַטישער שטאַטסמאַן. מרדכי ווערט אויס צדיק, נאָר אַ רייכער אַסימילאַטאָרישער בורזשוי. אסתר אויס צנועה, בלויז אַ שעהנע האָרעם־פרוי, און אחשורוש אויס טיפּש. דאָס איז שוין גאָר אַ שאָד. אַן עבירה וואָס עס איז דאָ איין נאָר ווייניגער אין דער קעניג־גאַלעריע.

און בכלל — דער גאַנצער „נס״ פאַרלירט זיין רייץ און זיין איינציגקייט. וואָרים — אויב אין אַזאַ היסטאָרישער ראַהם, האָ־בען זיך דאָך אַזעלכע מעשיות און פיל וויכטיגערע געטראָפען ניט איין מאָל אין דער געשיכטע, פרימערע, לעגענדאַריש קלינ־גענדערע, וואונדערליכערע, און ניט דוקא בלויז ביי אידען — נאָר ביי יעדען פאָלק.

די אַלטע האָבען, הפנים, געפיהלט, אַז דער אסתר־ראָמאַן, אָדער ווירקליכקייט, איז ניט גאַנץ אידישלעך, פאַסט זיך ניט אַריין אין דעם גרויסען וועלט־בילד וואָס זיי האָבען אויסגעמאָלט. זיי האָבען, ווי דער מדרש דערצעהלט, ניט געוואָלט פאַרשרייבען די געשיכטע און בלויז מסכים געווען דערצו ווען אסתר המלכה האָט זיי מודיע געווען, אַז זי איז סיי־ווי־סיי פאַרשריבען אין די ספרים פון פּרס ומדי. אָבער אויך שפּעטער האָבען זיי געהאַט ספיקות: „די אסתר־געשיכטע מעג מען לייענען, מען דאַרף זי ניט שרייבען״. (אסתר נאמרה לקרות ולא נאמרה לכתוב) זאָגט די גמרא.

פאַר אַ משל, פאַר אַ לעגענדע, פאַר אַ ראָמאַן איז זי גוט — אַלס געשיכטע פאַרלירט זי איהר ווערט. זי „דערוועקט קנאה צווישען די פעלקער", זי פּאַסט ניט צום אידישען געדאַנקענגאַנג.

די געשיכטע האָט געמאַכט אַ פּשרה. אסתר איז פאַרבליבען אַלס אַ לעגענדע ביז דער געשיכט־שרייבער איז געקומען און האָט זי אַריינגעשטעלט אין דער געשיכטע און צוגענומען ביי איהר דאָס לעצטע ביסעל שעהנקייט. איך וויל האָפען, אַז דער היסטאָ־ריקער האָט אַ טעות געהאַט. זיי האָבען דאָך געוועהנליך די גרעסטע טעות'ן — אָט די מענשען פון פאַקטען און טעקסטען. דאָס אידענטום האָט אַזוי וויניג ראָמאַנען — עס וואָלט געווען אַ שאָד אָוועקצונעמען ביי איהם אפילו דאָס וואָס איז איהם פאַר־בליבען.

פעברואַר 28, 1926.

וואָס זיי האָבן דערצעהלט
אַ גאַנצע נאַכט

„מעשה ברבי" — אַט אַזוי זיינען זיי געזעסען אַ גאַנצע נאַכט, אַ פרילינג־נאַכט, און האָבן דערצעהלט די געשיכטע פון „יציאת מצרים".

„וואָס האָבען זיי דערצעהלט?" — אַ קינד האָט עס ביי מיר געפרעגט. קינד גענוג, כדי אָפּצושטעלען זיך מיט נייגיר און פרעגען דאָרט, וואו אַנדערע, עלטערע, נעמען אָן דעם פאַר־טיגען פאַקט און באַנוגענען זיך מיט דעם שאַבלאָן; אַלט גענוג צו פאַרשטעהן אָן ענטפער, אפילו ווען ניט אין האַרמאָניע מיט דעם אָנגענומענעם נוסח.

„וואָס האָבען זיי געהאַט צו דערצעהלען אַ גאַנצע נאַכט? זיי האָבען דאָך ניט איבערדערצעהלט וואָרט פאַר וואָרט דאָס וואָס איז פאַרשריבען אין חומש, דאָס וואָס עס דערצעהלען „שמות" און „במדבר". און אפילו אויב אַזוי — אַ גאַנצע נאַכט?"

„זיי האָבען דערצעהלט די מעשה פון דעם צווייטען צד — מיין קינד — אַט די געשיכטע, וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרשריבען געוואָרען, וואָס די כהנים און סופרים האָבען באַהאַלטען און אויס־געמעקט פון זכרון. זיי האָבען זיך דערצעהלט דעם סוד פון דעם ווי עס ווערט געמאַכט געשיכטע".

„דערצעהל מיר — דערצעהל".

„אפילו ווען אַ גאַנצע נאַכט?"

„איך בין גרייט" — זאָגט דאָס קינד מיט לויכטענדע אויגען.

און איך האָב אָנגעהויבען צו דערצעהלען, זיכער אין דעם, אַז מיינע ווערטער וועלען ניט דערגעהן צו די אויערען פון דעם קינד. איך האָב געוואוסט — אין אַ זעהר קורצער ווייל אַרום וועט דאָס קינד צומאַכען די מידע אויגען און אַנטשלאָפען ווערען, פאַרוויגט פון דעם כמעט זינגענדיגען טאָן פון דער דערצעהלונג; וויל יעדער דערצעהלען — אויב נאָר מיט אַ סדר — האָט אַ ריטם, און ריטם ווערט געזאַנג.

און ווייל איך האָב עס געוואוסט — האָב איך געקאָנט אָפּלאָ־זען דעם צוים פון דער פאַנטאַזיע — אַט דער מיטאָס־שאַפּענדער, היסטאָריש־וועבענדיגער פאַנטאַזיע און דערצעהלען...

אין דער שטאָדט פון „ווייסע ווענט” — דער שטאָדט מען־פי, און אַלע קלענערע און גרעסערע שטעדט פוןביידע מצרים׳ס, דער „אויבערשטער” און דער „אונטערשטער”, האָט דאָס לעבען געקאָכט און געזאָטען. די אַלטע רו און אָרדנונג פון אַמאָל זיינען פאַרגאַנגען ווי אין אַ רויך. רעוואָלוציע, דער צעפאַל פון די קליינע פעאָדאַלע פירשטען־באַזיצער, דער אונטערגאַנג פון דעם אַלטען פעאָדאַליזם, האָט פאַרשטאַרקט די מאַכט פון דעם קעניג, דעם „פּעראָ”, דעם „הויכען הויז”, אָדער דער מאַיעסטעט. דער אַלטער, נאַאיווער, אַפריקאַנישער אַרט לעבען, דענקען און גלויבען, איז פאַרגאַנגען. נייע מאָטיווען זיינען צוגעקומען צו דעם אור־אַלטען געוועב. מאָטיווען פון אַזיע, פון די „אינזלען”, גרייז־גרויע, פאַר־געסענע קולטורען האָבען געפונען אַ נייעם אויפבלי אויף דער היי־סער עגיפּטישער ערד. אין דעם זאַמד פון דער סאַהאַראָ איז גע־שטאַנען שוין האַלב־פאַרשאָטען די „האַרמאַכיס”, די ספינקס — האַלב־חיה האַלב־מענש — און געהאַלטען וואַך איבער דעם גורל פון די מענשען, און געשמייכעלט איהר רעטענישדיגען, איבער־געשיכטליכען, נאָך־ניט־מענשליכען שמייכעל.

אין די שולען פון מען־פי זיצען די „שרייבער” און קריצען בילדער אויף שטיינער, מאָלען צייכענס אויף פּאַפּירוס. דאָרט באַ־האַלטען זיי די אוצרות פון וויסען, וואָס זיינען אויפגעשפּייכלערט געוואָרען פאַר דורות, וויסען וועגען דעם ווי מען מעסט און ווי מען רעכענט, ווי מען צאַמט איין דאָס וואַסער פון דעם וואַקסענדען ניל, און ווי מען רעגולירט זיין פאַלען. אַלצדינג וואָס איז געווען — און וואָס וואָלט באַדאַרפט זיין — האָבען זיי פאַרשריבען. און טיפע, הויכע, וואָגעדיגע און וואָגענדיגע געדאַנקען און ווערטער זיינען איינגעקריצט געוואָרען אין שטיין, איינגעמאָלט געוואָרען אין די דינע פּאַפּירוס־בלעטער. איינער האָט דערצעהלט וועגען מנהגים פון פרעמדע פעלקער און אומבאַקאַנטע לענדער. וועגען די „פענכי”, די אַזיאַטען, און בפרט וועגען דעם מערקווירדיגען שבט „האַבירי”, דעם נאַמאַדען־שבט, וואָס האָט בלויז איין אַרבייט אין לעבען — וואַנדערען און קעמפען, שלאָגען זיך אַקעגען יעדען

וואָס וויל נאָר, שטענדיג די האַנט אויפגעהויבען, און אין דער האַנט די שווערד.

אָבער ניט בלויז וועגען מענשען און לענדער האָבען די „שריי־בער" דערצעהלט — נאָר אויך וועגען די סודות'דיגע געטער, די „געטרו" — די טויזענט־געשטאַלטיגע, די אַלערלייאיגע, די געטער מיט דעם קאָפּ פון אַ פויגעל אָדער מיט דעם גוף פון אַ שלאַנג, געטער וואָס זיינען די מאַסקע פון דער אייביג זיך בייטענ־דיגער וועלט.

אָבער איינער פון די שרייבער האָט איינגעקריצט — און פאַר זיך געברומט — דאָס ליד פון „אַטאָן", דעם הלל־ליד צו דעם איינציגען גאָט פון דער וועלט: „דו דערהויבסט זיך אין דיין פּראַכט אויף דעם ראַנד פון דעם הימעל, אַ אַטאָן, דו קוואַל פון לעבען. ווען דו באַווייזט זיך אויף דעם הימעל, דערפילסטו די ערד מיט דיין שעהנקייט. דו ביזט גרויס, דו ביזט שעהן, דו באַ־שטראַלסט די ערד... דו ביזט ווייט, אָבער דיינע שטראַלען זיינען איבער דער ערד". און די וואונדערבאַרע הימנע פאַרענדיגט זיך מיט דער סטראָפע: „דו ציסט אַרויס צענדליגער, הונדערטער, טויזענטער געשטאַלטען פון זיך אַליין — לענדער און שטעדט, פעלדער און וועגען. דו ביזט אין מיין האַרץ — קיינער פאַרשטעהט דיך ניט, קיינער אַ חוץ מיר — דיין זוהן, פלייש פון דיין פלייש, איכנאַטאָן"...

אָבער פרעה און די כהנים האָבען ניט געדרימעלט. זיי האָ־בען געוואוסט וואָס פאַר אַ סכנה עס שטעקט אין די דאָזיגע אַלע לידער און חקירות. זיי האָבען געדענקט די צייטען פון איכנאַטאָן — דעם „אפיקורוס", דעם לייקענער פון אמון־ראַ און דער גאַנצער איינגעפונדעוועטער וועלט־אָרדנונג, וואו דער קעניג אַבסאָלוט אויף דער ערד — און אמון־ראַ אויפ'ן הימעל. זיי האָבען ניט פאַרגעסען אָן די רעוואָלוציעס וואָס האָבען אויפגעטרייסעלט דאָס לאַנד מצרים, דאָס לאַנד פון דער „ווייסער און רויטער קרוין". און די היטער פון דער אָרדנונג האָבען נאָכגעשפּיאָנירט דעם וואָס האָט געפרע־דיגט און ווייטער־געפיהרט די אפיקורסות פון איכנאַטאָן, דעם „פאַרדאַמטען". שווער זיינען געוואָרען די קייטען פון פרעה פאַר דעם לעבעדיגען גייסט, און טיף די קעלערען אין זיינע געפענ־גענישען.

די רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ איז זיך צעלאָפען פון דער הויפּט־שטאָדט — ווייט אַוועק פון דעם צענטער — צו די גרעניץ־שטעדט פון דעם לאַנד, דאָרט וואו עס האָבען געלעבט אַזיאַטישע שבטים, אַמאָליגע אימיגראַנטען פון כנען און פון מיטאַני און פון דעם חתים־לאַנד. א וועלט פאַר זיך — מיט פרעמדע מנהגים, מיט אַ פאַרשיידענעם לעבענס־שטייגער. ניטאָ מעהר די ראַפינירטקייט פון מצרים, די איראָנישע חכמה פון די „נעביס", די נביאים און די „חרטומים" — נאָר די הייסע מדבר־ליידענשאַפט פון פעלקער וואָס האָבען נאָך ניט אויסגעלעבט זייער שפאַן, ניט דורכגעמאַכט דעם קרייז פון זייער עקזיסטענץ. אַ וואולקאַן אין טעטיגקייט און נאָך ניט אָפּגעקילט.

אין דער דאָזיגער מענשען־מחנה האָבען זיי זיך באַהאַלטען, די רעוואָלוציאָנערען פון גייסט, די זוכער פון אַ בייעם אמת, די ליידענשאַפטליכע אינטעליגענטען פון מצרים. אָבער צו־ליטעראַ־ריש, צו־גייסטרייך, צו־סודות'דיג זיינען געווען זייערע געדאַנקען. און די מאַסע האָט זיי ניט פאַרשטאַנען. זיי האָבען בלויז אַרויס־געהערט: דעם געזאַנג פון דער פרייהייט, דעם ליד פון דער וואַנדערנוג.

און צווישען די אַלע פעלקער און שבטים זיינען די נייגעריג־סטע און די אומרוהיגסטע געווען די קליינע גרופּע פון די „האָבירי". ווייל אַלצדינג, וואָס דער פּרינץ משה, דער „מצרי", האָט זיי דער־צעהלט, אַלע לידער וואָס ער האָט זיי געזונגען, אַלע סודות וואָס ער האָט געעפענט פאַר זיי — האָבען זיי דערמאָנט אָן זייערע אייגענע אַלטע טראַדיציעס און לעגענדעס, וואָס איין דור האָט דערצעהלט און איבערגעגעבען דעם צווייטען — און אין יעדער נייער וואַריאַציע אַלץ שעהנער, אַלץ הערלאַישער, — די לעגענדעס פון די „פאַטערס", וואָס האָבען רעבעלירט אַקעגען דער אַלטער וועלט, געבראַכט דאָס וואָרט פון דעם איינציגען גאָט, און נאָר איהם געדינט, איהם און ניט קיין מענשען, איהם און ניט קיין מלך, אפילו ווען ער האָטביידע קרוינען אויפ'ן קאָפּ, די ווייסע און די רויטע, די טאָפּעל־קרוין פון מצרים.

ביז די היטער פון דער אָרדנונג, די באַאַמטע פון פרעה און זייערע סאָלדאַטען זיינען געוואויר געוואָרען פון דער נייער אומרו וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט ביי דער גרעניץ פון מצרים — און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שטראָפען: „זאָלען זיי אַרבייטען שווער,

זאָלען זיי שוויצען אין דער זון, טראָגען ציגעל, בויען און שאַפען, וועלען זיי אויפהערען צו טראַכטען און צו חלומ'ען" — אַזוי איז געוואָרען דער לאָזונג פון דער „מאַכט". מען האָט געקאָטעוועט די אומצופרידענע, מען האָט זיך געיאָגט נאָך די אָנפיהרער, איין מרידה נאָך דער צווייטער איז אונטערדריקט געוואָרען אין בלוט. ביז זיי — די געפּלאָגטע — האָבן דערפיהלט די אוממעגליכקייט פון יעדען ווייטערען קאַמף — און זייערע רייען האָבן זיך געשפּאָלטען.

די עלטערע — די רייכערע, די איינגעזעסענע — האָבן געזיפצט: „וואָס ווילען זיי פון אונז, די פאַרפיהרער? גאַנץ מצרים איז רוהיג, אַלע זיינען צופרידען. אמת, פרעה מאָנט, פרעה אונטערדריקט, אָבער אַזוי איז דער מנהג פון דער וועלט — אַזוי איז דער געזעץ פון דער ערד — און מען מוז פאָלגען. עס לעבט זיך דאָך אַזוי גוט אין מצרים — צו וואָס רייצען דעם לייב פון דער מדבר?" אַזוי האָבן די אַלטע און די רייכע גערעדט צווישען זיך — און האָבן באַשלאָסען אַרויסצוגעבען משה'ן און די גרופּע עגיפּטיש־אַסימילירטע אינטעליגענטען, וואָס האָבן זיך באַהעפט מיט די האַביריס. „מיר וועלען ניט צולאָזען אַז מען זאָל אונז אויסנוצען פאַר פרעמדע. מיר זיינען ניט קיין שוועל פאַר דער וועלט — מיר ווילען לעבען ווי אַלע" — האָבן זיי געטענה'ט.

אָבער משה איז געוואויר געוואָרען פון דער פאַרשווערונג. און ער מיט אַ צאָל פון זיינע אָנהענגער זיינען אין דער נאַכט אַוועק פון דעם ישוב און אַנטלאָפען אין דער מדבר. „ווער עס וויל וואַנדערען צו דעם אומבאַקאַנטען גאָט — צו דעם גאָט אָהן אַ נאָמען, ווייטער און העכער ווי אַטאָן, שטרענגער ווי ער, פאָדערישער און שטאָלצער ווי מצרים האָט זיך ווען עס איז אויסגעמאָלט — מיט אונז". פון אויער צו אויער איז געגאַנגען דער רוף, און איינער נאָך דעם צווייטען זיינען אַנטלאָפען פון דעם ישוב — יונגע, דאָרשטיגע, קעמפער פאַר דעם וואָס איז ווייטער פון יעדען וואָרט, ברייטער פון יעדען פאַרנעם — די דאָרשטיגע נאָך וואַנדערונג.

אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבען די גרעסטע, די פאַנטאַסטישסטע פּאָעמע פון דער וועלט־געשיכטע. די פּאָעמע מיט אָנהויבען

אין דער גרייז־גרויער פאַרגאַנגענהייט — און דער סוף — אין דעם סוף פון די צייטען.

סטראָפע צו סטראָפע, געזאַנג נאָך געזאַנג — און שטענדיג צוריק צו דעם אָנהויב — דעם הייסען קוואַל פון אַטאָן אין דעם זאַמד פון דער מדבר...

ווייסטו שוין, מיין קינד, וואָס זיי האָבען דערצעהלט די גאַנצע נאַכט וועגען „יציאת מצרים". אונז דערצעהלט מען דאָך בלויז דאָס פאַרטיגע, דאָס פאָלקיש־געשיכטליכע. אָבער דאָס קוואַליגע, דאָס אור־מאָטיווישע — דאָס וואָס איז איבער פאָלק און שפּראַך און לאַנד, ברייטער ווי דער מענש און העכער ווי יעדער „אַטאָן" — דאָס דערצעהלט מען אין דער נאַכט פון „אָרדנונג", אין דער סדר־נאַכט. און בלויז דער אויער, וואָס קאָן אויסהערען די טיפסטע טענער, קאָן איהם אַרויסהערען, אַט דעם אַלטען און פאַרבאָרגענעם, דעם פאַרשלונגענעם און פאַרשאָטענעם מאָטיוו פון דער אייביגער אומרו, פון דער שטענדיגער גרייטשאַפט — צום וועג.

„הערסטו, מיין קינד?" — אָבער דאָס קינד האָט ניט געהערט — עס איז זיס געשלאָפען, אָנגעשפּאַרט אויף מיין פּלייצע. איך האָב עס שוין פריהער געוואוסט: קינדער קאָנען נאָר פרע־גען — אָבער האָבען ניט קיין גערולד פאַר דעם ענטפער. גרויסע אָבער — וואָלטען אפשר שוין דערוואַרט זיך ביז צום ענטפער — ווען זיי וואָלטען נאָר געקאָנט פרעגען.

אַפּריל 5, 1936.

אונזער „פרייהייט"

איך בין אַמאָל אַרומגעגאַנגען איבער מצרים מיט מיין פריינט — דעם בעסטען פריינט וואָס איך האָב — פער גינט. איהר האָט דאָך מן־הסתם געהערט פון איהם. ער איז אַמאָל געווען זעהר באַרימט. אַמאָל האָט די וועלט געקלונגען מיט איהם. הענריק איבסען׳ס אַ זוהן, זיינער און פרוי אַסאַ׳ס, אַ ווילדער, אַ טומלען־דיגער, אַ זוכער אויף קרומע וועגען, אַ וועלט־וואַנדערער און אַן אַוואַנטוריסט. וואָס איז ער שוין ניט געווען — וואָס האָט ער שוין ניט אָפּגעטאָן? אַלע געטער געדינט — און אַלע אַוועקגע־וואָרפען, אַלע תאוות אויסגעשעפּט און נאָך ניט זאַט געוואָרען.

טרעפען מיר זיך מיט איהם אין מצרים — ביי די פּיראַמידען סאַקהאַראַ. געהען פאַרביי דעם ניל־ברעג. און מיט אַ שמייכעל וויזט מיר אָן פער גינט דעם אָרט — צווישען די אַטשערעטען: „דו זעהסט — דאָ האָט מען געפונען משה׳ס קאָשיקעל, וואו זיין טרייע מאַמע יוכבד האָט איהם אַוועקגעלייגט און וואו בתיה, די טאָכטער פון פרעה, האָט איהם געפונען. און דאָ הויבט זיך אָן די וועלט־געשיכטע".

איך קוק זיך איין אין דעם ניל אַטשערעט — און שמייכעל צוריק.

„זיכער, אַזוי האָט מיר האַסאַן געזאָגט, ער אַליין — דו קענסט איהם דאָך, דעם אַראַבישען פרעמדען־פיהרער מיט דעם בלויען מאַנטעל — אַ סימן אַז ער איז אַ מולאַ, אָדער אַ געלערענטער. ער ווייסט אַלצדינג. און ער דערצעהלט עס אַלע טוריסטען, ענג־לישע גלחים, אַמעריקאַנער סוחרים און זייערע פרויען — און אַלע שטעלען זיי אויס גרויסע אויגען און זאָגען: „אָ, ריעלי, האַו וואָנדערפול". — האַסאַן שווערט זיך ביי דער באָרד פון מחמד, אַז אָט דאָ — טאַקע אָט דאָ — איז דאָס געווען, אַז אָט דאָ האָט משה, דער זוהן פון עמרם, געוואָרט אויף דעם נס — און דער נס איז געשעהן. דו ווייסט — עס איז אַ וואונדער־שעהנע לעגענ־דע. אַזוי שעהן, אַז עס וואָלט מיך פאַרדראָסען, ווען זי וואָלט געווען טאַקע אַ געשיכטליכער פאַקט. ווייל געשיכטע איז — פּראָזאַ,

איז אַ קייט פון קליינע רינגעלעך. און משה איז געשיכטליך אויך אפשר ניט מעהר ווי אַ רינגעלע. אָבער לעגענדאַריש, ד. ה. סימבאַליש, אידעאיש, איז משה און אַלצדינג וואָס איז מיט איהם פאַרבונדען — דער גרעסטער עפּאָס, וואָס איז ווען עס איז גע־שאַפען געוואָרען. דער עפּאָס פון פרייהייט.

„פון פרייהייט? עך — מיין פריינט, וואָס איז פרייהייט? און לוינט עס זיך? זי פּיקט מיין מוח, אַט די אייביגע פראַגע. איך בין אין איינער פון די פרילינג־נעכט אין מצרים — דו קענסט זיי דאָך, דו ווייסט דאָך ווי וואונדערליך, ווי שעהן, איבער יעדען וואָרט און באַשרייבונג, זיינען די לבנה־נעכט פון אַ מצרים־פרילינג, ווען די לופט איז אַזוי קיל, ווען די לבנה זילבערט דעם ניל און ווען איבער די געלע זאַמדען פון דעם מדבר גיסט זיך אַ ווייסע ליכט — אַט אין אַזאַ נאַכט בין איך אַוועקגעגאַנגען קיין גיזעה — צו די פּיראַמידען, צו דעם ספינקס. טונקעל און איינזאַם, מורא'דיג איינזאַם, זיינען זיי געשטאַנען, אַט די שטיין־סילועטען, אויף דעם פאַרזיגעלטען זאַמד. שווייגען אַרום און אַרום. שוויי־גען וואָס רעדט העכער ווי דער ברויזענדסטער שטורעם. איך האָב דעמאָלט אויך געטראַכט וועגען אידען און זייער גורל. אין מצרים, אין דעם מזרח ווערט די ביבעל לעבעדיג, נעמט געשיכטע אָן דעם טראַגישען כאַראַקטער פון אומענדליכער בענקעניש און ניט־דערגרייכונג. ערשט דאָרט זעהט מען דאָס מדבר'שע, דאָס נאָמאַדישע פון דעם לעבען, און דער איד ווערט אַ צענטער — ווייל דער מדבריות'דיגסטער פון אַלע מענשען.

„טויזענטער פראַגען האָט מען שוין געשטעלט דעם ספינקס, בין איך געקומען צו איהם מיט דער טויזענט און ערשטער: האָט זיך עס געלוינט? אַט די פּיראַמידען — זיי זיינען דאָך אידישע אַרבייט. מיט טויזענטער יאָהרען צוריק — געשטאַנען איינגעבוי־גענע, איינגעמאַטערטע און געטריקענט ציגעל, ליים געמישט — און געבויט. הונגער, נויט, פּיין, דערנידערונג. די בייטש פון דעם אויפזעהער איבער זייערע רוקענס. אָבער אין די נעכט, די קילע נעכט פון מצרים, האָבען זיי זיך פאַרזאַמעלט, געזינט צו געזינט, שבט צו שבט — און האָבען געזונגען זייערע אַלטע לידער און גע'חלומ'ט זייערע אַלטע חלומות. ערגעץ־וואו אין זייער האַרצען איז געווען אַ האָפענונג: עס וועט באַלד פאַרבייגעהן. אויסגעבויט די פּיראַמידען, איינגעשטילט די אומרו אין דעם לאַנד — פרעה

שטאַרבט, אָן אַנדערער קומט אויף זיין אָרט — די לאַגע בייט זיך, די אידען ווערען באַפרייט פון דער לעבענס־צעשטערענדער אַרבייט — קעהרען זיך אום אין די שטעדט, אין די דערפער — און הויבען אָן אויפ׳סניי אַ רוהיג לעבען. די שכנים זיינען גוט צו זיי — באַלד הערען זיי אויף צו זיין שכנים, זיי ווערען איי־גענע.

„ווי לאַנג איז מען דאָס אַ פרעמדער ? איין דור, צוויי, דריי — אָבער עס קומט דאָך אַ צייט, ווען מען ווערט אָן איינגעוואָר־צעלטער, אָן אַריינגעוואָקסענער, אַן אייגענער. און אָט אַזוי האָבען זיי געהאַפּט — די יונגע צווישען די אידען פון מצרים, נאָך אַ ווייל, נאָך אַ צייט — און עס וועט קומען זייער צייט — זיי וועלען אונטערטויכען אין דעם הייליגען טייך ניל — און ווי אין דעם זאַמד פון דעם מדבר וועלען אַלע קערנדלעך אויסגעמישט ווערען — ניט צו דערקענען פון וואַנען דער ווינט האָט זיי פאַרטראָגען.

„קומט אָבער די טאָכטער פון פרעה און געפינט ביים היי־ליגען טייך אַ קערבעלע — און אין דעם קערבעל אַ קינד. און דאָס קינד וואַקסט אויס — זאַפּט אין זיך איין אַלע בענקענישען פון דער וועלט, דעם גאַנצען שטאָלץ פון דער ערד, אַ מענש מיט אַ דאָרשטיגער, הונגעריגער, קיינמאָל ניט געזעטיגטער נשמה. אַ ברענגער פון אומרו אין דער וועלט.

„און ער רייסט אַרויס די אַרבייטער ביי די פּיראַמידען פון אַלע זייערע היימישע, באַטירליכע, קליינמענשליכע האָפענונגען. ער צווינגט זיי צו ווערען, וואָס קיין מענש איז נאָך ניט געוועזען, קיינמאָל ניט געוועזען: פריי. ער זינגט זיי אַ ליד, וואָס די וועלט האָט נאָך ביז דעמאָלט ניט געהערט — דאָס ליד פון פרייהייט. און צווינגט זיי, רייסט זיי אַרויס פון זייער זאַמד־לעבען, פון זייער ווינקעל־עקזיסטענץ, פון זייער שאָטענדיגקייט, און שטעלט זיי אַריין אין דעם וועלט־צענטער.

„פרעג איך ביי דעם ספינקס: האָט עס זיך געלוינט ? האָט עס געמוזט זיין אַזוי ? צו וואָס האָט די וועלט באַדאַרפט האָבען דעם גאָט־שטורעם.

„אָבער, אויף דער פראַגע האָט דער ספינקס אויך ניט גע־ענטפערט״.

***

שוין לאַנג ניט געזעהן מיין פריינט, פער גינט. זיין פאָטער,

העגריק איבסען, האָט דערצעהלט, אַז זיין אומגעראָטענער און אַזוי הייס־געליבטער זוהן איז צוריקגעקומען פון זיין וועלט־וואַנדערען אהיים, צו דער געליבטער פון זיין יוגענט, דער גאָלדען־האָריגער סאָלווייג און געשטאָרבען ביי איהר אויף דעם שויס.

אפשר. מעגליך, אַז עס איז ניטאָ מעהר קיין טרוימער און קיין זוכער, קיין בענקער און קיין וועלט־פרעגער אויף דער ערד. אָבער איך גלויב פאָרט ניט אין זיין טויט. פער גינט האָט אפילו זיין פאָטער אָפּגעגאָרט. ערגעץ־וואו לעבט ער. אין די בערג פון נאָרוועגען, אָדער אין די סטעפּען פון רוסלאַנד — ווער ווייסט? און איך האָף איהם נאָך אַמאָל צו באַגעגענען אין מיין לעבען, אין מיין וואַנדערען איבער דער ערד, און מיט איהם אינאיינעם נאָך אַמאָל פרעגען דעם ספינקס: האָט עס זיך געלוינט? האָט זיך געלוינט די „פרייהייט", ווען אַזויפיל קרבנות פאַר איהר? און וואָס איז דאָס „אונזער פרייהייט", האָט די „חרותנו", וואָס אידען באַזינגען און באַ'יום־טוב'ען אַזויפיל דורות נאָכאַנאַנד? איז עס מעגליך, אַז געשיכטע זאָל ניט זיין מעהר ווי אַ שפּאַס? ווייל אַ שפּאַס אַ ביטערער, אַ צינישער איז עס, ווען מיר, דוקא מיר, אידען, זינגען הימנען און מאַכען אַ יום־טוב — צום זכר פון „אונזער פרייהייט". פרייהייט פון וואָס? פרייהייט — ווען און וואו?

דאָס איינציגע פאָלק אין דער וועלט, וואָס איז קיינמאָל ניט געוועזען פריי, און גראָד דאָס פאָלק האָט אַ יום־טוב פון פרייהייט. די איינציגע מענשען־גרופּע, וואָס איז קיינמאָל ניט געוועזן אויסגע־לייזט, און גראָד זי האָט אַריינגעבראַכט אין דעם ווערטער־שאַף פון די מענשען דאָס וואָרט: „גאולה" — אויסלייזונג, דערלייזונג.

פון וואָס זיינען מיר אויסגעלייזט?

פון יאָהר צו יאָהר ווערט דער „חרות"־באַגריף אינהאַלט־אָרי־מער. ווען אחד־העם האָט געשריבען זיין „עבדות בתוך חרות", האָט ער געהאָט פאַר זיך אַ בילד פון אַן אידענטום פריי פּאָליטיש און עקאָנאָמיש, סאָציאַל אומגעפּענטעט, אָבער קולטורעל, גייסטיג פאַר־קנעכט.

עטליכע יאָהרען פאַרגאַנגען, און אפילו דאָס אחד־העמ'שע בילד פאַרטונקעלט. בלויז עבדות — חרות ניט מעהר פאַראַן. איין צי־טאַדעל פאַלט נאָך דער צווייטער. דערמאָנט זיך אַן אחד־העמ'ס ציט: אידען פריי אומעטום, אַ חוץ אין רוסלאַנד און אין די ווייטע,

פאַרוואָרפענע, אַזיאַטישע לענדער, און אפילו אין רוסלאַנד איז די „עבדות" געווען ניט אַזוי דריקענד, ווייל מען האָט זיך צוגעוואוינט, ווייל דער לעבען־שטייגער אַן אַלגעמיינער. גאַנץ רוסלאַנד פאַר־שקלאַפט; אידען אַביסעל מעהר. דער איד האָט זיך ניט געפיהלט, ווי אַן אַרויסגעוואָרפענער, ווי אַ הונגעריגער צווישען זאַטע. און ער האָט געהאָפט.

אין אחד־העמ'ס צייט — און עס איז דאָך געווען אַט נאָר־וואָס — אין גאַנץ אייראָפּע פרייע לופט פאַר אידען. אין עסטרייך־אונגאַרן — ווי ביים טאַטען אין ווייגאַרטען; אין דייטשלאַנד — מיוחסים; אין אַמעריקע — פרייע בירגער. אומעטום מאָרגען־רויט און פריי־לינג־האָפענונג.

אָבער איינער נאָך דעם צווייטען האָבען זיך די שטיינער פון דעם נייעם אידישען בנין אָנגעהויבען אָפּצוברעקלען. אידען אומפריי צוערשט אין פוילען, אין אונגאַרן, פאַרביטערט און פאַר־יאָמערט אין עסטרייך, לעבען דאָרט אין אַ געטאָ — דער געטאָ, וואָס הייסט וויען. איצט, מיט אַמאָל, אַ צוזאַמענברוך —דייטש־לאַנד. ערגער, ווי דער שוואַרצסטער פעסימיסט האָט עס זיך גע־קאָנט מאָלען; ערגער ווי שקלאַפען — מענשען אָהן האָפענונגען.

און די וואָנט האַלט אין פאַלען. האָט איהר געהערט די וואָר־נונג פון ענגלאַנד? סער אָסוואַלד מאָזלי, דער פריהערער ראַדיקאַל, פּרוואוט שוין אַ פּאָגראָם אין מאַנטשעסטער. מר. דאַרען, דער קאָנ־סערוואַטיווער מיטגליד פון פאַרלאַמענט פאַר טאָטענהעם (לאָנדאָן), סטראַשעט אין דעם פאַרלאַמענט, אַז עס וועט באַלד זיין אין ענג־לאַנד אויך — היטלער, אויב מען וועט אַריינלאָזען צופיל אידען.

און אין אַמעריקע? ווער ווייסט עס ניט, אַז אַ גרויסער, זעהר גרויסער פּראָצענט פון די „עכט־אַמעריקאַנער" האַלט מיט היט־לער'ן, באַוואונדערט איהם. זיי האָבען דערוויילע נאָך ניט דעם מוט צו רעדען אָפען, אָבער זיי שושקען זיך, זיי רעדען צווישען זיך, און ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגען וועט ברענגען. היטלער האָט אַריינגוואָרפען אַ גיפט־באָמבע אין דער וועלט: ראַסע. און אַלע אומצופרידענע, אַלע שטעלענלאָזע, אַלע ניט־צוגעפּאַסטע אָדער אַלע קליינקעפּיגע זיינען פאַרגיפטעט, פאַר'שיכור'ט. זייער אָרגאַניזם האָט געוואַרט אויף דעם דאָזיגען גיפט, אויף דעם האַשיש פון דער צייט.

און מיר שטעהען אַליין. ארום אונז — „זיי האָבען אונז

אַרומגערינגעלט ווי בינען" — אַרום אונז אַ פּאַרקען מיט שטע־כעלקעס, און מיר זינגען: פרייהייט!

וויל די וועלט בכלל פרייהייט? דאַרף זי זי האָבען? ברויט וויל זי, ווייך וויל זי, אַ סיגאַר פאַר פינף סענט וויל זי, תאוות, אינסטינקט — אָבער, פרייהייט?

צו וואָס האָבען מיר אַריינגעוואָרפען דעם אומגליקליכען לאָ־זונג אין דער וועלט אַריין? אָדער אפשר אויך אין דעם אַ זין און אַ נויטווענדיגקייט? פרייהייט פון דעם מענשען קעגען דעם תהום? פון דעם העכערען מענשען קעגען דעם כאַאָס, דעם אומבאַשרענק־טען אינסטינקט? מענשען קעגען חיה — איז דאָס דער קאַמף, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אויף די ברעגען פון ניל, און געהט־אָן אָהן אָפּשטעל?

זיינען מיר נאָך אַלץ די איינציגע, וואָס טראָגען די משא, וואָס פאַלען אונטער איהר? נאָך אַלץ די וואָס מוזען צאָלען מיט אונזער האַרצבלוט פאַר די „זינד פון דער וועלט"?

חרותנו — אונזער פרייהייט? זייער פרייהייט, די וועלט־פרייהייט איז אונזער וועלט־מאָטיוו. און ער קלינגט אַריבער אין אומענדליכקייטען, און וועט דערקלינגען „באחרית הימים". אַזוי אונזער גורל, און מיר מוזען איהם טראָגען.

אַפּריל 11, 1933.

אַרום דעם אַלטען באַרג

פרעגט מיך די טעג אַ קאָלעגע, אַ שרייבער פון די „אַלטע משכילים", האַלב-איראָניש האַלב-ערנסט: „אפשר וועט איהר דאָסמאָל אָנשרייבען עפּעס יום-טוב'דיגס? אַזאַ פיינער ענין — אָט אין דעם טאָן, וואָס איהר האָט ליב: בארג, רויך, בליצען און דונערען, אַ ציטערענדיגע מאַסע, וואָס נעמט אַלצדינג אָן, ווייל איבערגעשראָקען אויף טויט — די שעהנסטע לעגענדע פון מאַכט, מאַכט פון גייסט, פון וואָרט איבער מענשען".

ער שמייכעלט. איך ענטפער מיט אַ שמייכעל און מיר צע-געהען זיך.

לכתחילה איז עס מיר אויסגעקומען ווי עפּעס אַן אומפריינט-ליכער וויץ — כמעט ווי אַ שפּאַט, יעדענפאַלס אַן אָנצוהערעניש. מיין ראַציאָנאַליסטישער קאָלעגע איראָניזירט אָפּט איבער מיין נייגונג צו דעם אַזוי-גערופענעם מיסטיציזם.

אָבער באַלד האָט די טעמע, דער ענין באַקומען מאַכט אי-בער מיר. פאַרוואָס טאַקע ניט? פאַרוואָס טאַקע ניט זיך אַריינ-טראַכטען, זיך אַריינפיהלען אין דעם מערקווירדיגסטען יום-טוב, וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, דעם יום-טוב פון אַן אידעע?

עס מאַכט ניט אויס, וואָס טויזענטער יאָהרען האָבען איהם אַרומגעשפּונען מיט אַ געוועב פון מנהגים, וואָס האָבען אַזוי ווייניג גרויסקייט און געהויבענקייט אין זיך. עס מאַכט אויך ניט אויס, וואָס דער גרעסטער רוב פון די יום-טוב-אָפּהיטענדע, פרומע אָדער מנהג-געטרייע אידען האָבען גאָר אַזאַ ווייטע, אַזאַ פאַרנעפּעלטע פאַרשטעלונג וועגען דעם גרונט-מאָטיוו פון דעם יום-טוב. פאַר-דעקט מיט שבועות-גרינס, מיט מילכיגע קנישעס, פאַרהילכט פון דער נעזעלדיגער אקדמות מעלאָדיע, פאַרלירישט מיט רות-ראָ-מאַנטיק. אָבער הינטער די אַלע היסטאָרישע שיכטען פון מנהגים און לעגענדעס, הינטער דער גאַנצער היימישקייט און אידיליש-קייט שטעהט אַ שוואַרצער, אַ רויכיגער באַרג, ווייט, ווייט אין דער מדבר; שטעהט דער מעכטיגער, באַרגיגער, פעלזיגער באַ-גריף: געזעץ. און דערנאָך נאָך העכער: פאָלגען.

זיי זיינען געווען וואונדערבאַרע, גרויסאַרטיגע דראַמאַטיקער, די וואָס האָבען איבערגעשמאָלצען און געפורעמט פון די אוראַלטע לעגענדעס, פון כראָניקעס און אַלטע זכרונות, זכרונות פון פאַר-

שיידענע פעלקער אָדער שבטים — אַט די גראַנדיעזע בילדער, וואָס האָבען געמאַכט פון דער אַלט־אידישער כראָניק אַ וועלט־בוך, דעם „בוך פון די ביכער״.

די קונסט פון דעם דראַמאַטורג באַשטעהט דאָך אין דעם אַרויסשיילען דעם עיקר, די הויפּט־פיגורען און די גרונט־מאָטיוען פון דעם אומענדליכען פּלאָנטער, וואָס הייסטווירקליכקייט. און וואָס ווייניגער די צאָל פון די פיגורען און וואָס איינהייטליכער דער מאָטיוו, אַלץ גרעסער די דראַמאַטישע ווירקונג.

און אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור איז, דאַכט זיך, ניט פאַראַן קיין איינציגע סצענע, וואָס זאָל זיין אַזוי אומגעהויער דראַמאַטיש, אַזוי קונסטפול אויפגעבויט, ווי די סצענע אַרום דעם אַלטען באַרג סיני, דעם רויכיגען באַרג אין דער מדבר.

וואָלקענס אַרום דעם באַרג. עס דונערט און עס בליצט. פייער שפּריצט פון דער באַרג־עפענונג. אַרום דעם באַרג אַ פאָלק, צוגעטוליעט מענש צו מענש, אין ציטער און אין פריד. און ווערטער — פייערדיגע, לאַוואַ־הייסע, רינען פון דעם באַרג אין דעם טאָל אַריין. דאָס פאָלק זאַמעלט זיי און באַהאַלט זיי ביי זיך אין האַרצען — פאַר אַלע צייטען, פאַר אַלע דורות. שטעהט הינטער דעם באַרג אַ מחנה פאַסטוכער, מדבר־געהער, אַנטלאָפען פון דער־נידעריגענדער קנעכטשאַפט, אָהן אַ נעכטען, אָהן אַ היינט, מיט אַ זעהר אומזיכערען מאָרגען, — און עס נעמט אויף זיך אַט די אָרימע מחנה אַ לאַסט פאַר דער גאַנצער וועלט. לאָדען אָן אויף זייערע פּלייצעס אַ משא, וואָס קיינער קאָן ניט טראָגען און קיינער קאָן ניט אָוועקוואַרפען.

אַ טאָג פריהער — פרייע מענשען, פריי ווי אַלע די אומגעצעהלטע דורות פאַר זיי, ווי דער זאַמד פון דער מדבר. אַ טאָג פאַר דעם באַרג. און אין אַ טאָג אַרום — באַלאָדענע און געפענטעטע מיט קייטען פון — פון וואָס?

אַט דאָס איז אפשר דער אינטערעסאַנטסטער פּראָבלעם פון דעם אידענטום, דער אַנטשיידענער בכלל: די ווענדונג פון דער אַבסאָלוטער פרייהייט צו דער געבונדענקייט און נויטווענדיגקייט.

פרייהייט? עס איז דאָך בלויז אַ וואָרט און אַ בענקשאַפט. זי איז קיינמאָל ניט געווען, זי וועט קיינמאָל ניט זיין. קיין שום באַשעפעניש פון דער וועלט איז ניט פריי. אומעטום אייזערנע טויערען, גרעניצען און ראַגאַטקעס אויף יעדער טריט — פאַר

דעם גרעזעלע אויף דעם פעלד און פאַר דער כוואַליע אין ים, און אפילו פאַר דעם ווינט אין דער מדבר.

און מענשען — איז דען איינמאָל געווען אַזאַ מאָמענט, ווען עס איז געווען פרייהייט צווישען זיי? דאָרט וואו צוויי איז שוין דאָ מאַכט און דרוק, און באַהערשען. דאָרט וואו צוזאַמען — איז תמיד העכער און נידעריגער. קיינמאָל ניט גלייך. נאָר אין דער איינזאַמקייט איז מעגליך פרייהייט. און דער מענש איז קיינמאָל ניט געווען אַליין, קאָן עס גאָר ניט זיין. און אפילו ווען אַליין, ווען שוין ראָבינזאָן קרוזאָ — איז ער דען פריי? דאָס הייסט, קאָן ער דען טאָן וואָס ער וויל? איז ער ניט קיין געפאַנגענער פון זיין אינזעל? און מוז ער ניט סוף־כל־סוף אָנקומען צו זיין „מענש פרייטאָג”?

אָבער דער מענש רעוואָלטירט. ער מוז עס, כדי צו געפינען אַ זין אין דעם לעבען, פון זיין לעבען, כדי צו געפינען זיך אַליין. ער וויל זיך איינרעדען, אַז, ווי דער אַלטער, גרויסאַרטיגער, גריכישער פערז געהט: „דער מענש איז דאָס מעכטיגסטע פון דער וועלט”. יעדענפאַלס, דאָס וויכטיגסטע, דער צענטער, דער אויסגאַנגס־פונקט און דער ציל.

יעדער פאַר זיך — אַ וועלט־צענטער. וויכטיגער פאַר זיך, ווי די זונען און די שטערן. אַרום איהם דרעהט זיך דער גאַנצער קאָסמאָס. מיט איהם הויבט ער זיך אָן; אָהן איהם פאַרלירט ער זיין גאַנצען ווערט. „מעק מיך אויס פון דיין בוך!” — רופט אַנטקעגען די גרויסע, רעוואָלטירענדע שטימע. און אָהן איהם, אָהן דעם מענשען, וואָס איז דאָס „בוך” — דאָס בוך־וועלט?

עס הויבט זיך אָן די ירידה פון דעם מענשען. און ווער קאָן זי פאַרשטילען? ווער האָט די מאַכט דערצו? יאָ, אויסערע מאַכט, אייזען און פייער, בייטשען און שווערדען. דאָס איז אין די הענט פון דעם מענשען. אָבער דאָס איז ניט גענוג. ניט טורמע און ניט טויט קאָנען ניט פאַרטיליגען די רעוואָלטע פון דער נשמה; קאָנען ניט שטילען די בענקשאַפט. און אַלע געזעצגעבונגען פון די פעלקער האָבען ניט געקאָנט בייקומען דעם מענשען. ווייל ער האָט ניט מסכים געווען, מחמת ער האָט ניט מיטגעבויט די גרעניץ־טויערען און ניט געגעבען צו דעם קיין סאַנקציע.

און דאָס איז דער גרעסטער אויפטו, די אייגענטליכע קאָנ־

צעפּציע פון דעם אידענטום — אַז דאָ איז צום ערשטען און צום איינציגסטען מאָל געווען פריהייט אין דער באַשרענקונג. אונטער דעם אַלטען באַרג האָט זיך צום ערשטען מאָל דער מענש אַנט־שלאָסען זיך אָפּצוזאָגען פון זיינע „רעכט". אַזוי אין דער אָרי־גינעלער, טיף־דראַמאַטישער, גרויסאַרטיגער אויפפאַסונג פון דעם אַלטען אָריגינאַל.

און ערשט די שפּעטערע, די אָפּגעשוואַכטע, די צעריסענע האָבען זיך געקאָנט דערטראַכטען צו דער אידעע פון צוואַנג און נויטיגונג. זיי האָבען גאַר ניט געפיהלט, די דרשנים און אויס־טייטשער פון דער ביבעל, אַז זיי האָבען פאַרקלענערט דעם ווערט פון דעם גאַנצען אידענטום, זיין וועלט־היסטאָרישען כאַראַקטער — דורך דעם, וואָס זיי האָבען אַריינגעבראַכט די אידעע פון מאַכט. אַנבויגען דעם באַרג איבער אַ מחנה הילפלאָזע מענשען, מענער, ווייבער און קינדער, און זאָגען זיי: „אָדער איהר נעמט אָן מיין געבאָט, אָדער „פּה תהי קבורתכם" — דאָ וועט זיין אייער טויט — אָט דאָס בילד, ווי דער מדרש פאַרברייטערט די סיני־דראַמע — דאָס איז אַן אָפּשוואַכונג, דאָס איז ניט מעהר ווי רעדוצירען אַ גרויסען פּסיכישען פראַצעס צו אַ פּשוט'ען פיזישען פאַקט. גע־וויס, אַ ברירה האָבען זיי געהאַט, די אָרימע מדבר־וואַנדערער, ווי ניט אַנצונעמען? אָדער פאַלגען, אָדער שטאַרבען, און זיי האָבען אַנגעבויגען די קעפּ. און דאָס גאַנצע אידענטום ווערט אַריינגע־שטעלט אין דער ריי פון אַלגעמיינער, מענשליכער געשיכטע, אַ געשיכטע פון צוואַנג און פון מורא.

היסטאָריש זיינען די מדרש־שאַפער געווען זיכער גערעכט; גערעכט אויף זייער אופן. היסטאָריש איז דאָס אידענטום אויסגע־וואַקסען אין נויט און פיין דורך דורות פון דרוק און צוואַנג. היס־טאָריש איז די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דעם אידישען געדאַנק געווען איין לאַנגער, שווערער קאַמף פון דעם מענשען קעגען דער אָרדנונג, וואָס איז ממש אויסגעקאָוועט געוואָרען אין ליידען און וועהטאָג.

וואָס אַ יאָהר דערוויסען מיר זיך אַלץ מעהר, ווי די אידישע געשיכטע איז געוואָרען, ווי שבטים האָבען זיך פאַרשמאָלצען, ווי אַלערליי פעלקער־פראַגמענטען האָבען זיך צונויפגעגאָסען, ווי אַלערליי אַלטע ראַסען האָבען זיך פאַראייניגט, כדי צו שאַפען איין פאָלק — דאָס אידישע. נעמען, וואָס ווערען דערמאָנט אין

דעם חומש; נעמען פון פעלקער, וואָס זיינען שוין געווען פאַר־טיליגט איידער אברהם איז אַוועק פון אור־כשדים; נעמען, וואָס מען האָט ביז אַהער געהאַלטען פאַר פיקציעס, פאַר פאַנטאַזיעס, האָבען איצט באַקומען ווערט און אינהאַלט. די פילאָלאָגיע, די אויסגראָבונגען אין קליין־אַזיע, די היסטאָרישע וויסענשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרטיפט, ווי קיינמאָל ניט ביז אַהער — זיי האָבען ממש ווידעראויפגעלעבט די טויטע, די באַגראָבענע און פאַר־געסענע. און אין דעם גאַנג פון דער פאַרשמעלצונג זיינען אויך אויסגעפורעמט געווען די אידעען פון דעם אידענטום, האַמוראַבי'ס געזעצען, אַלט־אַרישע אָרדנונג, סומערישע חכמה, סודות און לעגענדעס פון פאַרצייטענס — דאָס אַלץ איז אַריין אין דעם איינציגען בוך, וואָס די אַלטע וועלט האָט אונז איבערגעלאָזט. אָבער די קינסטלער, וואָס האָבען דעם בוך געשאַפען, האָבען געהאַט אַ גרונט־געדאַנק, אַן אור־מאָטיוו, אַ צענטראַל־אידעע, און דאָס איז געווען — די אידעע פון דעם ווילען.

און אין ריזען־סצענע, וואָס גרופּירט אַרום זיך אַלע איבע־ריגע — די סצענע פון סיני.

די אידייע איז געווען — מענשען, וואָס אונטערוואַרפען זיך פרייוויליג און מיט עקסטאַז; מענשען, וואָס סאַנקציאָנירען דעם אָפּזאָג פון דער פערזענליכער פרייהייט.

און דערמיט איז צום ערשטען מאָל אַריינגעפיהרט געוואָרען אין דער מענשען־קולטור דער באַגריף „געזעץ", דאָס וואָרט „מען טאָר ניט". ניט נאָר ווייל מען לאָזט ניט; ניט בלויז ווייל אימיצער, אַ מענש מיט אַ שווערד שטעהט און באַוואַכט, נאָר ווייל דער אינערער קול לאָזט ניט, ווייל מען האָט צוגעזאָגט און מען מוז האַלטען דאָס וואָרט.

און דאָרט, אונטער דעם רויכיגען באַרג, איז געבוירען גע־וואָרען — דער געוויסען.

דאָס איז אייגענטליך דער צענטראַל־פּונקט פון דער אי־דישער געשיכטע. און גראַד איהם האָבען די מייסטע אידישע דענקער — סיי אין דער אַלטער, סיי אין דער נייער צייט — אינגאַנצען פאַרגעסען. מען נעמט דאָס אידענטום געוועהנליך רעליגיעז, אָדער היסטאָריש. און דאָס איז ניט גענוג. רעליגיע איז פילאָזאָפיע, פאַרוויקעלט אין מנהגים, און פילאָזאָפיע בייט זיך,

מנהגים ווערען אַ לאַסט. ווייל עפּעס איז געווען — מוז עס ניט זיין אויך ווייטער. פאַרגאַנגענהייט אַליין היילִיגט נאָך ניט.

און דערפאַר זיינען זיי אַזוי אומבאַהאָלפען, די אַלע מאָדער־ניזירער און באַנייער פון דעם אידענטום — אַט די אַלע, וואָס ווילען איהם „צופּאַסען" אויף אַזאַ אופן אָדער אַן אַנדערען צו דעם מאָמענט, צו דעם פליסענדען, פאַרגעהענדען מאָמענט. זיי ווילען ראַטעווען די טעאָלאָגיע דורך סאָציאַל־רעפאָרם, און ביידע ווערען אַזוי פאַרטונקעלט און באַנאַליזירט.

און אויב דאָס אידענטום וואָלט געווען ניט מעהר, ווי דאָס — טעאָלאָגיע פון דעם אַלטען מזרח און מנהגים פון גרייז־גרוי־צייטען — וואָלט ער גאָר ניט געהאַט די קראַפט צו לעבען אַזוי לאַנג, וואָלט עס שוין פון לאַנג געשטאָרבען אַ נאַטירליכען טויט.

אָבער די רעטעניש פון דעם אידענטום איז טיפער. עס איז די פּסיכישע באַפרייאונג, דאָס הייסט, דער וועג צו דער פרייהייט דורך אונטערוואַרפונג. און בלויז איינער האָט איהם פאַרשטאַנען אין זיין גאַנצער תהום־טיפקייט, און דעם איינציגען האָט דאָס אידענטום פון זיך אָפּגעשטויסען — דעם איינציגען, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם וועג פון פרייהייט און נויטווענדיג־קייט: ספּינאָזאַ.

און אויך דאָס — דאָס צעגעהן זיך פון ספּינאָזאַ און דעם אידענטום, איז אַ פאַרטזעצונג פון דער סיני־דראַמע, אויפ'סניי די רעוואָלטע פון דעם מענשען קעגען דער אידעע, דעם אידי־שען מענשען קעגען דער סיני־אידעע.

און דער קאַמף געהט ווייטער. די סיני־דראַמע איז נאָך ניט פאַרענדיגט. דער לעצטער אַקט איז נאָך ניט געשריבען. ווידעראַמאָל — אין נויט און אין פּיין, דורך ימים פון בלוט, געהט דער מענש אַנטקעגען זיין לעצטער מרידה — און זיין לעצטען שלום: דעם שלום מיט זיך און מיט דער סיני־נויטווענדיג־קייט. עס געהט דער איבערמענשליכער קאַמף פאַר דעם געוויסען און דער וועלט. און ווי אין דעם ערשטען אַקט פון דער גראַנ־דיעזער דראַמע, אַזוי אין דעם לעצטען, שטעהט אַ מחנה דער־שראָקענע, שטעהט אַ וואַנדער־פאָלק אונטער דעם באַרג און נעמט זיך די הויפּט־ראָלע — אַ פאָלק, וואָס פיהלט אויף זיך די אחריות פאַר דער וועלט, אַ שווערע אחריות, אָבער מען מוז זי טראָגען — עס איז אונזער גורל.

יוני 10, 1932.

„ועל חטא"

וואו נעמט מען אביסעל נאאיוויטעט? וואו באהאלט מען זיך אויס פון דעם ליץ, וואס זוכט נאר צו שפאטען, חוזק צו מאכען, וואס לאזט ניט צו קיין ברעקעלע סענטימענטאליטעט?

ווען איך וואלט געקאנט, וואלט איך זיך אויסבאהאלטן, מחמת עס בייסט די האנט, עס גלוסט זיך צו האלטען א מין דרשה. איינמאל אין יאהר. דעמאלט, ווען דרשה איז אין סטיל.

אבער איך דערמאן זיך אן די טויזענטער ראבאיס, וואס געהען איצט ארום איבער זייערע קאבינעטען, קוקען־דורך שאפעס מיט ספרים — שעקספיר, עמערסאן אדער אמאל אויך די „סט. דזשיימס בייבעל", און זוכען מיט פארקנייטשטע שטערענס א „פסוק" — א טעקסט, וואס זיי זאלען קאנען באארבייטען אין דעם טאג פון אלע טעג, אין „דהי דעי או עטאונמענט".

און איך זעה, ווי זיי שטעהען פאר די שפיגלען און שטור־דירען־איין די זשעסטען, די מינעס. אט דא — פאטעטיש, א טרער מוז פארגלעזערען דאס אויג. דעמאלט רעדט מען וועגען „איזראעל" און זיינע צרות. און דארט — רויט דאס פנים, און פויסט אויף פויסט, אדער האנט אויף האנט געפאטשט און א טופ מיט דעם רעכטען פוס — דאס רעדט מען פון איזראעל'ס טענות צו דער „וועלט־גערעכטיגקייט" און צו דעם „בונד", וואס די וועלט האט אונטערגעשריבען מיט אונז, גע'חתמ'עט און גע־בראכען דעם בונד. און דערנאך ווידער א שמייכעל — ברייטער מוז דאס מויל זיך צוגעהן, ווייסער די ציין זיך צעגלאנצען. דער ראבאי מוז דא ווערען ליריש. עס איז געקומען די צייט צו רעדען וועגען דער צוקונפט פון „איזראעל".

און ווען איך דערזעה דאס בילד, געהט מיר א גרויל איבער דער פען. און זי וויל כמעט מיר ניט פאלגען. זי פראטעסטירט אויף קעגען דעם דרשה־טאן. אבער, פארט, ענויים, פייניגען זיך, איינמאל א יאהר — מעג מען, מוז מען.

אבער, ווער שמייכעלט דארט? וואס, עס איז ניט דאס ערשטע מאל? איך האלט שטענדיג אין האלטען „סוירמאנס" אויף מיין

נוסח, דרשות אָהן אַ ניגון? אַזוי גאָר? מעגליך. איך וויל זיך ניט שפּאַרען. וואָס זאָל מען טאָן? קיינער קאָן ניט אַוועק פון זיין גורל.

און אַ דרשה וואָלט איך געהאַלטען אויף דעם טעקסט פון „ועל חטא", דעם איינציגען אויספירליכען רעגיסטער פון זינד, וואָס איז פאַראַן אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור פון דער גאַנצער וועלט.

אַ פּאַלק פון לאַנגען אָטעם ,פון אויספירליכקייט, און אפילו זיין אינטימסטע תפילה, זיין האַרצלייד און זיין טיפסטע חרטה איז אויך אַזוי לאַנג, אַזוי דעטאַלירט, ממש ווי אַ ריכטיגער קאָנטאָ. יעדער פּאָסטען באַזונדער, און צום שלוס דער סך־הכל, שטענדיג אַ דעפיציט. מען ווייסט עס לכתחילה; מען ווייסט אַז עס וועט קיינמאָל ניט זיין אַנדערש, אַז אָהן דעם דעפיציט האָט דער גאַנצער בודזשעט ניט קיין זין. און וויל אַזוי, צעהלט מען אויף שולדען, וואָס זיינען גאָר ניט געמאַכט געוואָרען; באַשולדיגט זיך אַ אינגעלע פון דרייצען יאָהר אָדער אַ זקן פון אַכציג אין עבירות, וואָס ער קאָן גאָר ניט טאָן. וואָס אַרט עס איהם? נאָך אַ זינד, נאָך אַ לאַסט — סיי־ווי־סיי באַנקראָט! איז דאָך בעסער מעהר שולדיג צו זיין, ווי ווייניגער. בלויז איין זינד האָט מען אויס־געלאָזט אין דעם לאַנגען צעטעל — די זינד, וואָס וועגט אָפּט איבער אַלע אַנדערע, בפרט די וואָס ווערען באַגאַנגען, אַזוי צו זאָגען, טעאָרעטיש און בלויז צוליב מליצה. אַ זינד פון יעדען מענשען און פון יעדען דור, „ביודעים ולא יודעים"; אָבער נאָך מעהר, נאָך שווערער פון די „יודעים", פון די וואָס ווייסען, דאַרפען, מוזען וויסען, פון די וואָס שטעהען אין די פאָדערשטע רייען.

איך האָב אייגענטליך ניט קיין נאָמען פאַר דער זינד, און איך שטעל זיך, ווי די מגידים, אויף אַ פסוק, און ווי די ראַבאַיס, דוקא אויף אַ פסוק פון דאַנטע. אויף זיין וואַנדערונג דורך דעם גיהנום זעהט דאַנטע נשמות, וואָס בלאָנדזשען, שווער באַלאַסטענע, אָבער אָהן אַ זינד, וואָס זאָל האָבען אַ נאָמען. ער זעהט זי, „צונויפגעמישט מיט יענע כיתות פון שלעכטע מלאכים, וואָס זיינען ניט געווען קיין מורדים, אָבער אויך קיין געטרייע ניט געווען, נאָר בלויז פאַר זיך".

געווען אַמאָל אין די צייטען אידער די וועלט האָט זיך אָנ־

געהויבען, אַ בונט קעגען גאָט. די מלאכים האָבען מורד געווען. אַ טייל פון זיי. די אַנדערע זיינען געבליבען געטריי. קאַמף אויף ביידע זייטען און די געטרייע האָבען גובר געווען. די רעוואָל־טירענדע מלאכים זיינען אַראָפּגעוואָרפען געוואָרען אין דער „שאול תחתיה", אין די טיפסטע טיפענישען. די געטרייע זיינען געבליבען לעבען דעם כסא הכבוד און דעם אייביגען ליכט. און צווישען די ביידע מחנות, פון אויבען און פון אונטען, געהט־אָן אַ שטענדיגער קאַמף — דער זיג איז נאָך ניט פולקאָממען. עס דאַרף נאָך קומען אַ לעצטער חשבון. און צווישען ביידע איז די וועלט.

אָבער צווישען די קעמפענדע מחנות — אַ גרופּע פון מלאכים און דערצו דער רוב, וואָס האָבען ניט גענומען קיין אָנטייל אין דער מלחמה. עס האָט זיי ניט געאַרט. זיי זיינען געווען נייטראַל. ניט פאַר און ניט אַנטקעגען, ניט הייס און ניט קאַלט, נאָר גרוי, נאָר לוי, נאָר „פאַר זיך".

מלאכ׳ישע קליינבירגער, קאָסמישע בעביטס. און אין די אויגען פון גאָט זיינען אָט די „פאַר־זיך מלאכים" געווען נאָך ערגערע, ווייל אומפאַרבעסערליכע זינדיגע, און פאַר זיי איז אפילו אין דעם גיהנום ניט געווען קיין בכבוד׳יגער פּלאַץ. אויך דאָרט — גלאַט אַזוי.

און פון יאָהר צו יאָהר ווערט די מחנה פון די „פאַר זיך", פון די „גלאַט אַזוי" גרעסער אין צאָל און שווערער אין געוויכט. ביז אַהער געווען זעהר שטאַרק עקסקלוזיוו. אַ פּראָצענט־נאָרם אויף אידען. אַ זעהר קליינער פּראָצענט. צוויי־דריי אויף אַ הונ־דערט. און ניט ווייל אידען זיינען באמת אַזעלכע פלאַמפייערדיגע, אַזוי שרפים׳דיג אין זייער מהות, נאָר ווייל מען האָט זיי גע־צוואונגען צו נעמען אַ שטעלונג צו אַ יאָ און צו אַ ניין, פאַר אָדער אַנטקעגען.

אָבער עמאַנסיפּאַציע אויף אַלע געביטען. קאַמף קעגען דער פּראָצענט־נאָרם. זי איז געפאַלען. אויב ניט ממשות׳דיג, אָבער פאָרט געזעצליך, אויף׳ן פּאַפּיר. און אידען האָבען אויסגענוצט די געלעגענהייט. ווי אַ שטורעמווינט פון הייערשריקען האָבען זיי זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער מחנה פון די „אַזוי זיך", פון די „גלאַט אַזוי", און מען הויבט שוין דאָרט אָן צו ברומען: אידען אומעטום, אידען פאַרפלייצען אפילו דעם גיהנום, אָדער וויניגסטענס אין

די קאַלטע, נאַסע, פאַרשטיקטע קאָרידאָרען, וואָס פיהרען צום אמת'ען, פלאַמפייערדיגען, פרעהליך־גליענדען גיהנום.

געווען אַמאָל אַ פאָלק פון אומצופרידענע. „זויערטייג" איז געווען זיין נאָמען. זויערטייג פאַר אַלע אומרוען, און דער עיקר פאַר דער אומרו פון דעם גייסט. אַ פאָלק פון זוכען און בלאָנדזשען, פון צילען. האָט ניט רעכאָן אין זיין אידעאַליזירונג פון אידען געמיינט, אַז אפילו דער אידישער נאָמען פאַר גאָט — „אל", קומט פון „אל" — צו, אַ ציל, אַ שטרעבען, אַ וועגיגקייט?

געווען אַ פאָלק פון פאַנטאַזיעס. איינגעשפונען אין הגדות, אין חלומות. „איך שלאָף און מיין האַרץ איז וואַך". ניט אומזיסט האָבען די אַלטע מדרש־אידען אויסגעטייטשט שיר השירים ווי אַ סימבאָל פון דעם אידישען פאָלק. עפּעס פרויענהאַפט־פאַרטרוימטעס, טונקעלע, פרוכטבאַרע אַפּגרונטיגקייט איז געווען אין דעם אידען.

לונאַטיקער — אויב מען וויל. געהען־אַרום שלאָפענדע מענשען מיט אָפענע אויגען, און ווי לונאַטיקער — כמעט שטענדיג אויף דעם ברעג פון אַן אַפּגרונט. אַ וואַכענדיגער וואָלט אַראָפּגעפאַלען, ניזוק געוואָרען, פאַרשוואונדען אין דעם תהום. דעם שלאָפענדען האָט עס ניט געשאַדט. מען האָט זיך געוואונדערט — פאַרוואָס אַלע אַלטע פעלקער זיינען געשטאָרבען, אַ חוץ דעם אידישען, און מען האָט ניט געזעהן, אַז אַלע אַנדערע זיינען געווען וואַכענדע, בלויז די אידען האָבען געשלאָפען. זיי האָבען פאַרשלאָפען דאָס לעבען, אָבער אויך דעם טויט.

און אַט, ווייזט־אויס, איז געקומען די גרויע מאָרגען־שעה, דאָס אויפוואַכען. די ווירקליקייט. ניט מעהר קיין לונאַטיקער, אויסגערונען איז דער חלום — אידען זיינען געוואָרען וואַך און וואַכעדיג. ניט מעהר קיין גאַנג איבער די אַפּגרונטען, נאָר געהען אויף דער האַרטער ערד, טריט ביי טריט, און אפילו ווען אין גאַלאָפּ — אויך באַלד אַן אָפּשטעל, ווייל דער אָטעם געהט אויס.

זעלטען איז אַ פאָלק אַזוי גרוי, אַזוי אומאינטערעסאַנט געוואָרען — אין איין דור — ווי דאָס אידישע. ווען רענאַן און די אַנדערע אידען־גריבלער, אידען־אָפּשעצער, וואָלט היינט באַדאַרפט שרייבען, איצט זיך צוגעקוקט צו דעם אידישען מענשען, צו דעם נייעם, דעם היינטיגען, און מעהר פון אַלץ צו דעם

אַמעריקאַנער, וואָלט די גאַנצע אַל־טעאָריע בטל געוואָרען, און זיי וואָלטען גאָר ניט געקאָנט געפינען קיין שום פאָרמולע פאַר דעם אידישען מהות. ווייל עס איז שוין באַלד ניטאָ קיין מהות.

עס איז — גלאַט אַזוי. אדם — אַ מענש, ווי אַלע, און אַפּט ערגער, ווייל מיט אַ פרישען הונגער נאָך לעבען און אַ נאָך ניט־געזעטיגטער גלוסטעניש. ער רעבעלירט ניט, ער איז ניט גע־טריי, עס אַרט איהם ניט — ער איז „פאַר זיך", ער איז — גלאַט אַזוי.

און ווען ניט די כוליגאַנעס, וואָס פאַרטשעפען פון צייט צו צייט אַ אידען און פאַראומערען אַנדערע דאָס לעבען — ווי גלאַט, ווי פשוט און ווי באַנאַל וואָלט דאָס אידישע לעבען גע־וואָרען! אַזוי צוגעפּאַסט צו דעם „זשוסט מיליע", דעם „פונקט־אַזוי", ניט צופיל און ניט צו־ווייניג, ניט אַריבער דער מאָס און ניט זעהר טיף אַרונטער, נאָר מיטעלמאָס און מיטעלמעסיגקייט.

אפילו ווען זיי ווערען, מ'שטיינס געזאָגט, רעבעלען, זיינען זיי די מיטעלמעסיגקייט אַליין. איך קוק זיך אַריין אין אַלע אי־דישע באַוועגונגען, אין דעם אידישען לעבען, אין זיין פילשיכטיגק־קייט. און אומעטום בלויז אַ קאַנעצל — עלעקטריש, אָבער פאַרט אָהן שטראַל — ניט קיין ליכט, ניט קיין פונק. די וואָס גלויבען און די וואָס זיינען ווידערשפעניג — אַלע אַ גראָשענדיג ליכטעל. ציטערענדיגע קליינע נשמה'לעך, תמיד אין פּאַניק, אָט־אָט פאַלט־איין דער הימעל, אָט־אָט ווערען זיי אָן דעם גרונט אונטער די פיס, אָט־אָט איז דער סוף.

וואו מען געהט און וואו מען שטעהט: סוף־שטימונג, נעילה־אַטמאָספערע.

„איהר וויסט" — רופט אַריבער פון זיין גאַניקעל איין איד אין כאַלאַט און פּאַנטאָפעל צו דעם צווייטען — „איהר ווייסט, מיר שטאַרבען דאָך שוין! שפּראַך, קולטור, רעליגיע, האָפענונג אויף גאולה, משיח־אידעע — אַלצדינג!" — „יע, יע" — געניצט איהם אַנטקעגען דער צווייטער, און זיי געהען, יעדער פון זיי, אַריין אין זיין חדר'ל, אָנזאָגען דער ווייב די בשורה. די קינדער האָבען זיי שוין ניט וואָס אָנצוזאָגען. זיי געהט עס אָן ווי דער פאַראַ־יאָהריגער שניי. זיי ווייסען שוין גאָר ניט, אַז אידען האָבען אַמאָל באמת געלעבט.

און אַזוי צעגעניצט זיך דאָס אידענטום פון ים ביז ים,

און אַן אומעטיגע לאַנגווייל פאַרשפרייט זיך איבער די אידישע גאַסען פון דער וועלט.

און אַלע זשאַנרען זיינען ערלויבט, מיינע הערן, אַלע, אַחוץ דעם לאַנגווייליגען.

אַלע לעבענסשטייגערס האָבען אַ ווערט — אַלע, אַחוץ דעם „פאַר־זיך״. זיי זיינען אפילו פאַר דעם גיהנום ניט סאַלאַן־פעהיג. עס איז דער לעבענסשטייגער פון דעם פּאַליש, דער נוסח פון דורכגאַנג, און פון ערב־רב, וואָס איז אויך בלויז אַ מענשען־דורכגאַנג, ניט קיין מענשען־ציל און וייט.

אָבער „מיינע שעהנסטע לידער האָב איך ניט געזונגען״ — און די שווערסטע „על־חטא׳ס״ האָט נאָך קיינער ניט געזאָגט. קיינער איז זיך ניט מודה אין זיין אמת׳ער שולד — פון זיך אַליין. ווייל דאָס מודה־זיין זיך איז שוין אַליין אַ וועג צוריק, אַ וועג צו אַ באַנייאונג.

און דער „על־חטא״ פון דעם „פאַר־זיך״ וועט ניט געזאָגט ווערען. אַ קלאַפּ ווייניגער אין דער ברוסט.

אָבער איך זעה, דער רבנישער נעץ האָט מיך שוין פאַרכאַפּט. נאָך אַביסעל, און עס ווערט, חלילה, באמת אַ דרשה. און פאַר דעם דאָזיגען ביסעלע היט איך זיך. ניט תמיד מיט דערפאָלג.

סעפּטעמבער 20, 1931.

אָהן אַ ניגון

איך זיץ — אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה — און „קוק אַריין" אין א גמרא. לייען זי, ווי מען לייענט אַן אַנדער בוך, מיט די אויגען. די ליפּען ריהרען זיך ניט. דאָס מויל איז פאַרשלאָסען, און איך לייען: „אָמר רבא, השתא דאמרת, אמרינן מגו חרש ופקח שהגביהו מציאה מתוך שקנה חרש, קנה פקח. בשלמא חרש קנה, דקא מגבה ליה בן דעת, אלא פקח במאי קנה? אלא אימא, חרש קנה, פקח לא קנה, ומאי מיגו..." א. אַז. וו. און עס געהט ווייטער אַוועק — (בבא מציעא, פּרק ראשון) אַ גאַנץ פאַרפּלאָנ־טערטע סוגיא, ניט אַזוי שווער, אַז מען זאָל ניט קאָנען פאַנאַנדער־קניפּען אָהן גרויסער טרחה — מען דאַרף זיך בלויז ווערען קלאָר וועגען דעם, וואָס דאָס איז דער מערקווירדיגער תלמוד׳ישער רעכט־באַגריף „מיגו".

און אויך דערפאַר איז שוין געזאָרגט. ניט נאָר רש"י, ניט נאָר די אַלטע, קלאַסישע ספרים, נאָר אַ נייער פירוש, אין אַ לעבע־דיגער, קלאָרער, מאָדערנער שפּראַך — פּרעציז, יוריסטיש שאַרף. עס ליגט פאַר מיר די אויסגאַבע פון בבא מציעא — דערווייל בלויז איין פּרק, „שנים אוחזין" — מיט אַן ענגלישער ערקלערונג, ווערטליכער איבערזעצונג פון די שווערע ערטער — סיי פון דעם טעקסט, סיי פון רש"י — אַ גוטע, זעהר גוטע אַרבייט פון די דריי שטיינבאַכס (אברהם, דר. ראובן און אַלעקס עלען).

עס איז דער אָנהויב פון אַ סעריע תלמוד־אויסגאַבען. און עס איז כדאי, אַז די אַרבייט זאָל ווייטער געפיהרט ווערען. זי איז נויטיג ניט בלויז פאַר דעם צוועק, וואָס די הערען שטיינבאַך האָבען זיך דירעקט געשטעלט — אַ הילפס־בוך פאַר די ראַבינער־סעמינאַרען און ישיבות — נאָר אפילו פאַר גלאַט אַ ליבהאָבער פון גמרא, פון אידישער חריפות, אָדער פאַר איינעם, וואָס וויל זיך אַמאָל דערמאָנען אין „גירסא דינקותא" — וויל אַריינקוקען אין די „קליינע אותיות׳לעך" און דאַרף שוין אַ פּאָר ברילען, וויל נאָך אַ פּרואוו טאָן שווימען אין דעם ים פון תלמוד און מוז זיך אונטער־בינדען אַ שווים־גאַרטעל.

אַט זיץ איך און קוק אַריין. און בין דאַנקבאַר די הערען שטיינבאַכס. בין זיך מודה — דאָ און דאָרט, אַ טייטש, אַ באַגריף, פרעמד געוואָרען, פאַרלעגען זיך ערגעץ, מוז איך ווידער אָנשטרענ־גען אַרויסצונעמען פון אַ שופלאָד דאָס באַהאַלטענע שטיקעל תורה — און כ׳לעבען קיין סך איז קיינמאָל אין דעם שופלאָד ניט געלעגען, כ׳וויס, אַ רעשטעל, אַ פּאָר שטיקלעך און ברעקלעך.

דאַנקבאַר — און דאָך! און דאָך הער איך באַלד אויף אַריינ־צוקוקען אין דעם ענגלישען מפורש, — עס הויבט מיך גאָר אָן צו שטערען, וואָס ער איז דאָ. און ווען די סוגיא ווערט שווערער — עפענען זיך די ליפּען ווי פון זיך — און כמעט אָהן מיין וויסען, דערהערט זיך אין דער שפּעטער, שטילער נאַכט־שעה, אַן אייגענ־אַרטיגע מעלאָדיע: „אמר רבא״, האָט ראַ־אַ־באַ געזאָגט. און ווייטער: „נאַי, נאַי, נאַינאַ — נאַי־אַי־אַי״ — איך הער זיך צו, ווער זינגט דאָ? וועמעס זיפצעדיגער, חלומ׳דיגער, אוראַלטער ניגון דערהערט זיך אין מיין חדר? בין איך דאָס — איך? בין איך דאָס דער, וואָס שאָקעלט זיך שטיל איבער דער בלאַט גמרא און זינגט אויס דעם „מיגו״, וויגט אַריין זיך אין אַלטער לאָגיק, אין דער יוריספּרודענץ פון פאַרצייטענס, אין אַ וועלט וואָס איז אויף אייביג אַוועק?

מיין קול — אָדער דער קול פון דורות און דורות? פון בבל און פּערזיע, פון טאָלעדאָ און פון קאַאיראָ, פון פירטה און פון וואָ־לאָזשין? ווער זינגט עס אין דער שטילער נאַכט?

אויף אַ וויילע איז דער ניגון אויפגעוואַכט. דער ניגון פון דעם אידענטום!

איך וויס, עס איז סענטימענטאַל. איך וויס — עס איז אַן איינרעדעניש. און אַ געוואוינהייט. און פאַרט.

איך דערמאָן זיך: מיט יאָהרען צוריק אין פלאָרענץ. איך לייען פאַר תלמוד אין דעם פלאָרענטינער ראַבינער־סעמינאַר. פאַר מיר — מיינע „תלמידים״, ריכטיגער, חברים — איטאַליענישע יונגע סטודענטען, וואָס גרייטען זיך צום ראַבינאַט אָדער צו „חכמת ישראל״. איך לייען איהם אין דעם גע־וועהנליכען, פּראָזאַאישען, טרוקענעם, אוממעלאָדישען נוסח פון אונזער געוועהנליכער שפּראַך, און אויך די שפּראַך פון דער איבערזעצונג איז אַזוי אומ׳גמרא׳דיג. עפּעס קלעפּט זיך ניט. מאַלט איך אויס: „קאַזי דיטשע ראַבאַ״ — און דאָס מיינט: „אמר

רבא". און ניט דערפאַר, וואָס די איטאַליענישע שפּראַך איז ווײַ־ניגער מסוגל ווי אַן אַנדערע. פאַרקעהרט, נאָך אַלץ נעענטער און סטילפולער ווי למשל ענגליש.

אָבער ניט אין די ווערטער, ניט אין דעם טײַטש, ניט אין דער לאָגישער צונויפבינדונג פון די באַגריפען — אפילו ניט אין דער מעטאָדע פון לערנען — ניט אין דעם איז דער חילוק. דער ניגון, די מעלאָדיע, די אַטמאָספערע, וואָס ווערט געשאַפען אַרום דעם וואָרט. די מעלאָדיע — וואָס איז אפשר דער עיקר און דער זין. זי האָט באַגלייט דעם „בוך" אויף אַלע זײַנע וואַנדערונגען. געדענקט איהר, ווי מיר, קינדער, האָבען געלערענט חומש אין חדר? דעם ניגון פון „ואני". איהר לייענט עס היינט, מיט דעם געוועהנליכען קול, און עס איז אַזוי פּראָזאַאיש.

אָבער ווען דער רבי האָט זיך צעזונגען: „ואני — און איך —דײַן פאָטער יעקב — האָב מיט דײַן מוטער רחל ניט אַזוי געטאָן. וואָס דען: בעוד כברת ארץ — אַז עס איז געווען נאָך אַן אַקער לאַנד — מתה — איז געשטאָרבען"... א. אַז. וו. און פאַר אונז, קינדער, איז אויסגעוואַקסען פון די פשוט'ע ווערטער אַ געוואַלדיג בילד. יעקב אויף אַ פוהר — אײַנגעשפּאַנט מיט אָקסען — אָדער אַ קעמעל — דער כישוף פון ווײַטקייט. טײַטעל־בוימער, מאַנדלען — רחל אויף דעם וואָגען אין ווייס — אומעט פון אַ זומער־נאָכמיטאָג — די שטילקייט פון פעלד און אַ תפילה־דיגער געוויין. און דער חומש איז געוואָרען אַזוי פּלאַסטיש, אַזוי היימיש־נאָהנט.

און געדענקט איהר דעם טרומייטען־טאָן פון „נחמו, נחמו עמי" — דעם קלאָגעדיגען, מאַל־טאָן פון ירמיהו? דעם גע־זעצטען, בעל־הבית'שען שטייגער פון די משנה־ווערטער, די פאַר־דרעהטע, פאַרציקעלטע, האַרציגע זינג־מעלאָדיע פון דער גמרא — און די מרה־שחורה, די פאַרטראַכטקייט און תהומ'עוודיגקייט פון דעם זוהר־ניגון? אַ גאַנצע סימפאָניע איז דאָס געווען. מיט איהרע „אַלעגראָס", און „וויוואַטשע", מיט איהר „סקערצאָ", און „אַדאַ־זשיאָ" — צונויפגעוואַקסען, צונויפגעשמאָלצען מיט דעם אַלטען טעקסט. די נשמה־מוזיק פון דעם אידענטום.

און קאָן עס אַנדערש זײַן? יעדע קולטור האָט איהר ניגון. געוויס, דער פיזיקער וועט ניט לייענען אַן אָפּהאַנדלונג וועגען דער אַטאָמען־טעאָריע מיט אַ ניגון. און מען קאָן ניט אויסזינגען איינ־

שטיינ'ס מאַטעמאַטישע פאָרמולעס. אָבער איין שפּאַן אַרויס פון דער ריינער וויסענשאַפט — און די קולטור באַקומט איהר קאָלאָ־ריט, איהר אייגענאַרטיגע פאָרם, איהר מעלאָדיע.

אַנדערש לייענט אַן איטאַליענער זיין פּאָעזיע און אַנדערש אַן ענגלענדער. אַנדערש שפּילט אַ פראַנצויז טעאַטער און אַנדערש דער רוס. דעם אַנגלאָ־סאַקס ווייזט זיך אויס, אַז די פראַנצויזען דעקלאַמירען, זינגען, פּאַזירען — און זיי פאַרשטעהען גאָר ניט, אַז דאָס איז דער טאָן, דער ריטם פון דער פראַנצויזישער קולטור. נייַן, מען קאָן איהם ניט ענדערען. דער אייגענער ריטם אומעטום אין יעדער אויסערונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. לעבעדיג און באַוועגליך אין דעם וואָרט. פאַרגליווערט, סטאַטיש אין דער סקולפּטור, אין דער אַרכיטעקטור. און ווייטער — ביז צו דער פּאָליטיק, דעם סאָציאַלען לעבען.

און וויל מען פאַרשטעהן אַ פאָלק, זיין לעבען און זיין געשיכטע — מוז מען זיך צוהערען צו דעם ריטם פון זיין וואָרט, צו דעם פאַלען און הויבען זיך פון דעם טאָן, צו זיין לאָגישען און מוזי־קאַלישען אַקצענט. פּושקין לעבען אַנדרע שעניע — און גאָגאָל לעבען וואָלטער. און איהר זעהט די רוסישע רעוואָלוציע און די פראַנצויזישע, לענין און ראָבעספּיער.

און אָט דאָס איז דאָס טראַגישסטע אין דעם היינטיגען אי־דישען לעבען: עס האָט פאַרלוירען דעם ריטם און דעם ניגון.

אמת — „הער אין וואָס פאַר אַ שפּראַך דו פאַרשטעהסט" — אָבער וואָס קאָן מען הערען — אַ חוץ דעם „שמע", אַ חוץ דער גאַנץ אַבסטראַקטער, באַרג־שפּיציגער פאָרמולע, דער גלויבענס דאָגמע פון דעם אידענטום? קאָן זי אַליין אויספילען דעם אידענ־טום? קאָן זי אַליין איהם באַלעבען?

געוויס — „שמע" בלייבט זיך גלייך, צי מען זאָגט איהם אויף העברעאיש אָדער אויף גריכיש, אויף ענגליש אָדער אויף כינעזיש, אָבער די וועלט אַרום דעם „שמע" — די סודות'דיגע, שאָטענדיגע, שטימונגספולע איבערלעבונגען וואָס שפּינען זיך אַרום איהם? און הויבט זיך דאָס אייגענטליך ניט אָן דוקא דאָרט, פון יענער זייט שוועל? פון דעם רמב"ם ביז אחד־העם, ביז צו די פאַרבעסערער אין דייטשלאַנד, און די אידענטום־פאַרדאַרער אין אַמעריקע, אומעטום שטעלען זיי דעם טראָפּ אויף דעם „לאָגאָס" — דעם שכל, דעם ראַציאָנאַלען יסוד פון דעם אידענטום, זיי

זוכען דעם „זין", ד. ה. די לאָגישע אויסטייטשונג און פאַרבינדונג. לאָגיש — און זיי זוכען דעם „שלוס", דעם „וואָס קומט אונז אַרויס", ציהען אונטער סך־הכל'ס.

אָבער קולטור איז ניט לאָגאָס. יעדענפאַלס ניט אויסשליסליך. מען קאָן ניט, מען דאַרף גאָר ניט זוכען איהר זין און מיין, זי איז דאָ, זי איז פאַר זיך. ווייל — און כל זמן, זי האָט איהר „מעלאָס" — איהר מעלאָדיע, טאָן און אינערען ריטם.

און ווערט דער מעלאָס אַנטשוויגען — בלייבט דער לאָגאָס פאַר'יתומ'ט. אַ טרוקען בלאַט, — אַ פאַרוויאַנעטע בלום — אַ וואָרט וואָס פאַרקלינגט, ווייל אָהן אַן עכאָ.

און איך הער, ווי ער פאַרגעהט זיך, דער אידישער טאָן, דער ניגון פון דער אידישער נשמה, מיט מתיקות, מיט צער, מיט דעם אומעט פון געזעגענען זיך. איך הער איהם שוין ווייט, ווייט — ווי אַ מוזיק פון „ספערען", די מוזיק פון ספירות. און שטילער, אַלץ שטילער ווערט דער קול און פאַרלירט זיך אין דעם תהום, וואו דאָס גאַנצע אידישע לעבען פאַלט אַריין — שריט נאָך שריט, טאָג נאָך טאָג — טיפער, טיפער.

סעפּטעמבער 14, 1928.

אַרום דעם סיני

צווישען די וויסענשאַפטען, וואָס וואַרטען נאָך אויף זייער תיקון, ווייל נאָך גאַנץ אונטער דעם איינפלוס פון אַלטמאָדישע אידייען און פאַרעלטערטע מעטאָדען, פאַרנעמט דעם ערשטען פלאַץ די געשיכטע. זי איז נאָך אייגענטליך גאָר ניט קיין וויסענשאַפט. געווען אַמאָל ניט מעהר ווי אַ נאַאיווע כראָניק, אָפט באַוואוסטזיניג און אָפען געפעלשט; געוואָרען דערנאָך, אין דעם נייינצעטען יאָהרהונדערט, אַ מין קונסט פון דערצעהלען און ניט פון געפינען. די דייטשע היסטאָריקער פון דעם נייינצעטען יאָהרהונדערט האָבען עס אויף זייער געוויסען. עס איז שווער צו געפינען, צום ביישפיל, אַ מעהר אומהיסטאָרישע געשיכטע, ווי מאמזען'ס באַרימטע „געשיכטע פון רוים". דאָרט איז אַלצדינג פאַרטיי, פאַראורטייל, שטימונג; די פאַקטען ווערען אויסגעטייטשט און דער צוגאַנג איז ניט פון אַ היסטאָריקער, דאָס הייסט, פון אַן אָביעקטיווען פאָרשער, נאָר פון אַ פאָליטיקער. ער האָט געשריבען וועגען רוים און האָט געהאַט אין זינען די דייטשע אימפעריע. און וואָס אַ יאָהר אַלץ ערגער. די מאָדערנע היסטאָריקער האָבען זיך אַזוי פאַרוויקעלט אין די נעצען פון זייערע אייגענע טעאָריעס, אַז די פאַקטען זיינען אינגאַנצען פאַרלאָרען געגאַנגען. אין דעם היי־וואָגען פון חקירות און היפּאָטעזען איז פאַרפאַלען געוואָרען די שפּיציגע נאָדעל פון דער ווירקליכקייט.

און צווישען די אַלע געשיכטליכע ראָמאַנען אָדער געשיכטליכע פילאָזאָפיעס איז די מערקווירדיגסטע, די אומזאַכליכסטע די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק. אָט אַזוי ווי די היסטאָריקער באַאַרבייטען זי, בפרט די קריסטליכע. איך זאָג בפרט, הגם דאָס קליינע וואָרט איז כמעט איבעריג. די אידישע געשיכטע, אַזוי ווייט ווי זי האָט צו טאָן מיט דעם אַלטען אידענטום ביז צום חורבן בית שני, איז געוואָרען דער מאָנאָפּאָל פון פּראָטעסטאַנטישע פאָרשער, און דער עיקר פון דייטשען. זיי האָבען אָוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט און אַלע אַנדערע געהען זיי נאָך. די ביכער פון וועלהאַוזען, שירער, עדואַרד מאיער זיינען נאָך אַלץ

י גרונטווערק וועגען דער אַלט־אידישער געשיכטע. פּראָטעס־טאַנטען, דייטשען, טעאָלאָגען מיט אַ באַשטימטער טענדענץ און דערצו נאָך מיט אַ טיפער געגנערשאַפט צו דעם לעבעדיגען אידען, אַן אַנטיפּאַטיע, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגען אויף צוריק און גיט דעם גרונט־טאָן צו דער באַהאַנדלונג פון דער אידישער געשיכטע. ביי וועלהאַוזען איז די טענדענץ פאַרדעקט, ביי עדוארד מאַיער איז זי אָפען און קלאָר אַנטיסעמיטיש. ער פאַרלייקענט עס גאָר ניט. זיין גאַנצער אויפטו איז צו פאַרקלענערען דעם ווערט פון דעם אַלטען אידענטום און דערמיט צו פאַרענטפערען די היסטאָרישע טראַגעדיע פון דעם אידישען פאָלק. און נאָך אַ זאַך, עס פיהלט זיך אין די אַלע ביכער אַ טאָן פון פאַראַכטונג. בשעת די היסטאָריקער פון גריכענלאַנד אָדער פון רוים געהען צו מיט יראת־הכבוד, מיט ליבע און באַוואונדערונג צו זייער אָביעקט, איז דער צוגאַנג פון די געשיכט־שרייבער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט דעם אידישען פּראָבלעם, אַ פון אויבען־אַראָפּיגער; זיי מיהען זיך גאָר אפילו ניט צו פאַרטיפען, זיי ווילען אפילו ניט לערנען. וואָלט עס מעגליך געווען, צום ביישפּיל, אַז אַ געלערענטער, וואָס שטודירט די גריכישע געשיכטע, זאָל זיך אָפּשטעלען ביי פּעריק־לעס'ן און וויטער ניט געהן און ניט קענען די גריכישע געשיכטע און די גריכישע ליטעראַטור ביז עט אַרונטער, ביז צו דער בי־זאַנטישער עפּאָכע? אָדער איז דאָס מעגליך, אַז די געשיכט־שרייבער פון רוים זאָל ניט קענען די לאַטיינישע שפּראַך און אַלע איהרע דיאַלעקטען און די געשיכטע פון רוים אין אַלע איהרע פאַרצווייגונגען? אָבער וועלהאַוזען און מאַיער און אַ סך אַנ־דערע האָבען באַוויזען דעם קונץ צו ווערען די געשיכט־שרייבער פון דעם אידענטום און ניט האָבען דעם מינדסטען באַגריף פון דעם אידענטום. זיי האָבען פאַר זיך איין בוך, דעם תנ"ך. זעלטען ווען זיי דערקלעטערען צו דער משנה, און אַרום דעם אָרימען מאַטעריאַל דרעהט זיך זייער גאַנצע אַרבייט, און אויף דעם פראַגמענט פון דער געשיכטע באַזירען זיי אַלע זייערע חקירות. אָט, צום ביישפּיל, קומט אַ דייטשער געלערענטער, מאַקס וועבער, און שרייבט אַ גאַנצען בוך וועגען דער „רעליגיאָנס־סאָציאָלאָגיע פון דעם אידענטום" און שטעלט אויף אַ קוריאָזע טעאָריע, אַז אידען זיינען „סאָציאָלאָגיש געזעהן, געווען שטענדיג אַ פּאַריאַ פאָלק", און פּאַריאַ מיינט איזאָלירט, אָפּגעשיידט און פאַראַכטעט.

און ווען איהר זוכט די מאָטיווען און באַגרינדונגען פון אזאַ מערק־ווירדיגען און אַבסורדען אויסגאַנגס־פונקט, געפינט איהר ניט מעהר ווי נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל אַן אַנאַליז פון דברים אָדער ויקרא, פון די נביאים, און אַ פּאָר איבערפלעכליכע באַמערקונ־גען וועגען די פּרושים און די „רבנים", באַמערקונגען, וואָס באַ־ווייזען נאָר איינס, אַז מאַקס וועבער האָט ניט געהאַט די מינדסטע ידיעה פון דעם, וואָס ער האָט געשריבען, ניט פאַרשטאַנען קיין העברייאיש, ניט געלייענט די ספרים אין אָריגינאַל און בכלל זיך באַשרענקט, און באַוואוסטזיניג עס געטאָן, אויף בויך־סברות.

און עס איז שוין באמת געקומען די צייט, ווען מיר דאַרפען אויסלייזען די אידישע געשיכטע פון גלות; און ווען די אידישע פאָרשער, באַלאָדען מיט דעם גאַנצען וויסען פון און וועגען דעם אידענטום; געלערענטע, פאַר וועמען אַלע טויערען פון דער אידישער קולטור זיינען אָפען, זאָלען ווערען די געשיכט־שרייבער פון דעם אידענטום און ניט בלויז ווי ביז אַהער, די איבערדער־צעהלער און די נאָכזאָגער פון דעם, וואָס די דייטשע היסטאָריקער און ביבעל־קריטיקער האָבען אויספּאַנטאַזירט. דערצו איז נויטיג אַן אומגעהויער וויסען פון און אַרום דעם אידענטום, פילאָלאָגיש, אַרכעאָלאָגיש און אויך ריין זאַכליך. מען קאָן ניט שרייבען וועגען דער פּאָליטישער אָדער גייסטיגער געשיכטע פון דעם אידענטום און ניט זיין באַהאַווענט אין משנה און גמרא, אין ספרי, ספרא און תוספתא, אין אַלע פוסקים, שווימען ברייט און זיכער אין דעם ים התלמוד, קענען די אַלע זאַכען ניט בלויז ווי אַ היסטאָריקער, נאָר פון אינעווייניג אַרויס, ווי אַ היימישער, ווי אַ למדן, און דערצו אויך האָבען אַ רייכען און אַ קריטישען וויסען אין דער היימישער יוריספּרודענץ, אין דער אַלטער געשיכטע בכלל, אין דער קולטור פון די היסטאָריש־צוגענגליכע צייטען. און דער עיקר, אַ נייעם צוגאַנג.

האָבען די פּראָטעסטאַנטישע טעאָלאָגען באַטראַכט דעם אי־דענטום בלויז ווי אַ רעליגיעזע סעקטע און די גאַנצע אַלט־אידישע ליטעראַטור ניט מעהר ווי, ווי דער אַלטער קירכען־פּאָטער עוסעביאוס האָט זי גערופען „פּרעפּאַראַציאָ עוואַנגעליקאַ", די צוגרייטונג צום עוואַנגעליום; דאַרף און מוז דער צוגאַנג פון דעם אידישען פאָרשער זיין אַן אמת־היסטאָרישער, אַ וויסענ־שאַפטליכער ווי די געשיכטע פון אַ פאָלק און ניט פון קיין

סעקטע. מען דאַרף זיך ניט אויסמאָלען, אַז די אידען פון אַלט־ירושלים אָדער פון „איזראַעל" זיינען געווען בלויז סעקטאַנטען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין אַנדער לעבענס־אינטערעס ווי צו שאַפען רעליגיעזע געזעצען. מענשען ווי אַלע אַנדערע, מיט אַלע תאוות, מיט אַלע פעהלערען, מיט דער גאַנצער פיל־פאַרביגקייט פון דעם לעבען — אַט אַזוי דאַרף מען זיך אויסמאָלען די אידען פון אַמאָל. און נאָר אַזאַ צוגאַנג איז אַ וויסענשאַפטליכער. און מען דאַרף הערען דעם קלאַנג, די מעלאָדיע פון די צייטען, וואָס ציהט זיך איבער דורות ביז צו דעם היינטיגען טאָג.

מען זעהט שוין די אָנהויבען. אידישע געלערענטע האָבען זיך גענומען צו דער אַרבייט, די אַרבייט פון דער גאולה פון דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און פון דעם אידישען גייסט. און די וויניגע פאַרזוכען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען, ווייזען שוין איצט, וואָס מיר קאָנען דערוואַרטען פון דער נייער, דער באַנייטער אידישער וויסנשאַפט. איך זאָג באַגייטער, ווייל די עלטערע אַרבייטען פון נחמן קראָכמאַל („מורה נבוכי הזמן"), פון אייזיק הירש וויס („דור דור ודורשיו"), פון זכריה פראַנקעל, אברהם גייגער א. אַז. וו., ביי דעם גאַנצען ווערט, וואָס זיי האָבען, דאָך שוין פאַרעלטערט, בפרט אין זייערע מעטאָדען. אָבער אַט די נייע ווערק, די פאָרשונגען פון פראָפעסאָר לוי גינזבערג, די זעהר סאָלידע און ניצליכע אַרבייט פון דאָקטאָר אשר גולאַק „המשפט העברי", און איצט דאָס נייסטע ווערק פון דעם אַלט־מייסטער פון דער תלמודישער וויסענשאַפט, פראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ „תולדות ההלכה" (ערשטער באַנד, ערשטער חלק, ניו יאָרק, 1935).

פראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ איז באַקאַנט אין דער אידישער וועלט אונטער דעם נאָמען „רב צעיר". אונטער דעם דאָזיגען נאָמען האָט ער נאָך אין דעם „השלח", אונטער דער רעדאַקציע פון אחד־העם, אָנגעהויבען זיינע פאָרשונגען וועגען דער געשיכטע און דער מעטאָדאָלאָגיע פון דעם תלמוד. ווייל געשיכטע אַליין איז ניט גענוג. דער תלמוד איז אַ גאַנץ אייגענאַרטיגע קולטור־דערשיינונג. עס איז ניט ווי די אינדישע „סוטראס", אָדער ווי די אַראַבישע קאָמענטאַרען אויפ'ן „קאָראַן", אַ זאַמלונג פון אָפּ־געשלאָסענע טראַקטאַטען, אַ מין קאָמפענדיאום, אָדער אפילו ווי מען רופט איהם אָפט אָן, אַן ענציקלאָפּעדיע. עס איז דאָס אַלצדינג

און נאָך, און מעהר. עס איז דער לעבעדיגער אידישער גייסט אין זיין וועבען, און זיין לאַבאָראַטאָריע אין זיין ווערען. לאַנגע דורות האָבען געאַרבייט אויף איהם. יעדער מיט זיין שטאַמפּ, מיט זיין אָריגינאַליטעט און מיט זיינע ווידערשפּרוכען. און אַלע אַרום איין צענטראַלען פּונקט. אידענטום. און אידענטום מיינט דאָ ניט בלויז דת, גלויבען, רעליגיע. עס איז אויך און הויפּט־זעכליך מנהג, לעבענסשטייגער, די לאַנג־געצויגענע לעבענס־קייט. אין מיטעלפּונקט איז סיני. אָבער פון סיני, דעם מדבר־באַרג, ביז פּומבדיתא, און נאָך ווייטער, ביז קאַירא, וואו דער רמב"ם האָט געלעבט, און לונעל, וואו דער תוספות האָט זיך אָנגעהויבען, ציהט זיך אַ ליניע, אַ זיגזאַגיגע, געאָמעטריש כמעט ניט צו באַשטימען, די גייסטיגע לופט־ליניע פון דעם אידענטום. און דאָס איז די געשיכטע פון דער הלכה, דאָס הייסט, ווי דר. טשערנאָוויץ ערקלערט עס פילאָלאָגיש, דער וועג, דער גאַנג, דער שטייגער פון דעם אידישען פאָלק.

איך וויל און קאָן זיך ניט אָפּשטעלען דאָ אויף דעם רייכען מאַטעריאַל, וואָס איז קאָנדענסירט מיט אַזאַ קנאַפּקייט און גע־דיכטקייט אין דעם בוך פון רב צעיר. עס פעהלט מיר ניט נאָר דער פּלאַץ, נאָר אויך די קאָמפּעטענץ. איך וויל נאָר אַרויסהויבען איין פּונקט, — נאָך מיין מיינונג, דער צענטראַל־פּונקט פון דער גאַנצער אַרבייט, וואָס איז דאָך בלויז נאָר אַן אָנהויב פון אַ גרעסערען ווערק, דעם פּונקט וועגען דער סאַנקציע פון דעם אי־דישען געזעץ. וואָס שטעהט אין דעם מיטעלפּונקט פון דעם אי־דישען לעבען, דאָס וואָרט אָדער דאָס פאָלק? אין אַן אַנדער אויסדרוק, די תורה שבכתב, דאָס געשריבענע געזעץ, אָדער די תורה שבעל־פּה, דאָס הייסט, די טראַדיציע. אַן אַלטע מחלוקת, נאָך צווישען דעם רמב"ם און דעם רמב"ן. פאַר דעם רמב"ם איז די סאַנקציע געווען אין דעם געשריבענעם וואָרט, פאַר דעם רמב"ן איז סיני געווען ניט קיין אָנהויב, בלויז די קריסטאַליזאַציע פון אַ לאַנגער פאַר־היסטאָרישער טראַדיציע. עס דערקלערט זיך דורך דעם דער אונטערשייד אין דער וועלט־אַנשויאונג. דער רמב"ם איז געווען דער ראַציאָנאַליסט, דער מענש מיט אַ קלאָרער ליניע און אָפּגעשלאָסענעם געדאַנק; דער רמב"ן האָט געהאַט מיסטישע נייגונגען, און דאָס אידענטום איז פאַר איהם געווען ניט בלויז אַ קאָדעקס פון דינים, נאָר אַ לעבעדיגע דערפאַרונג,

אַ שפּרודעלדיגער קוואַל. דער רמב״ם האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם געזעץ, דער רמב״ן — אויף דער געשיכטע.

און רב צעיר האַלט מיט דעם רמב״ן. און דערפאַר מיט דער מאָדערנער וועלט־אַנשויאונג. פאַר איהם איז דאָס אידענטום אויך ניט בלויז קיין אינטעלעקטועלער פּראָצעס, נאָר אַן עמאָציאָנעלער, אַ דערפאַרונג, אַ לעבענס־וועג, און דערפאַר איז אויך די געשיכטע פון דער הלכה, נאָך זיין אויסטייטשונג, די געשיכטע פון אַ פאָלק, אָדער נאָך ריכטיגער, די פּסיכאָלאָגיע פון דעם פאָלק. פאַרצייטיגע טראַדיציעס, אוראַלטע מנהגים, פּאָליטישע, סאָציאַלע, רעליגיעזע ווערטען, פילאָזאָפישע מאָטיווען, היסטאָרישע איבערלעבונגען — אָט דאָס אַלץ איז די אַטמאָספערע, וואָס נעמט אַרום די הלכה. און אין דעם גרויסען ים אַן אינזעל, דאָס איז דאָס געשריבענע וואָרט, דאָס איז די תורה. בלויז אַ טייל, און ניט די גאַנצע, און אויך ניט שטענדיג דאָס וויכטיגסטע. ניט אַזוי ווי אַנדערע געלערענטע האָבען געמיינט, אַז די תורה איז דער כלל און די גאַנצע ווייטערע אַנטוויקלונג פון דער הלכה איז דער פרט, די אויסטייטשונג, די דעטאַלען, נאָר פאַרקערט, דוקא אין דער תורה פעהלען די כללים, שפּילען די דעטאַלען די הויפּט־ראָלע, ווייל אייגענטליך ניט מעהר ווי אַ פראַגמענט פון דער גרויסער געשיכטע פון דעם אידישען גייסט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר סיני און האָט זיך ווייטער געצויגען נאָך איהם. מיט איין וואָרט, די מסורה, די טראַדיציע, דאָס לעבעדיגע וואָרט, די תורה שבעל־פּה איז עלטער ווי די תורה שבכתב. סיני איז ניט קיין אָנהויב, נאָר אַ המשך.

און די געשיכטליכע פאָרשונג גיט איהם רעכט. מען האָט אין די לעצטע עטליכע יאָהר געפונען נייע פראַגמענטען פון דעם אַלט־אָריענטאַלישען לעבען, די פראַגמענטען פון ראש־שמרה, פאַר־סיני׳איטישע דאָקומענטען, און דאָרט געפינען מיר אָנווייזונגען, רמזים אויף אַלטע דינים און מנהגים, וואָס האָבען געלעבט נאָך איידער דאָס אידישע פאָלק האָט פאַרפיקסירט זיין געזעץ. אָט האָט מען זיך, צום ביישפּיל, געשפּאַרט הונדערטער יאָהרען לאַנג וועגען דעם זין פון דעם דין „לא תבשל גדי בחלב אמו״, און דאָ געפינען מיר אין דעם ראש־שמרה פראַגמענט דעם מאָטיוו פון דעם דין. עס איז אַזאַ מנהג געווען ביי דעם אַלטען מזרח־שבט, וואָס האָט זיך דערנאָך פאַרשמאָלצען מיט אַנדערע

שבטים אַרום איין גאַנצקייט — דעם אידענטום. און וואָס ווייטער און טיפער די פאָרשונג דרינגט אַריין, אַלץ קלאָרער ווערט עס, אַז דאָס אידענטום איז געווען ניט קיין מעטעאָר, וואָס איז געקומען פאַרטיג אויף דער ערד, נאָר אַן אָרגאַנישער פלאַנץ, וואָס איז אויסגעוואַקסען לאַנגזאַם, זיך אַנטוויקעלט לויט זיינע אייגענע געזעצען, פאַרוואָרצעלט זיך און פאַרצווייגט. און ווי לעכערליך קומען איצט פאָר אַלע די דאָזיגע וועלהאַוזענ׳ישע, מאַיער׳שע אָדער וועבער׳שע שמועסען וועגען „אלהיסטען״ און „יאַהוויסטען״, וועגען דעם „פאַריאַ-פאָלק״, אָט די דאָזיגע פאַנטאַסטישע, אומ־געשיכטליכע, זאַמדיגע קאָנסטרוקציעס פון האַלב-געלערענטקייט. האַלב־וויסען איז שעדליכער, ווי ניט וויסען, ווייל האַלב־וויסען צעטיילט און צעשפאַלט. און אין זייער האַלב־וויסען האָבען די פּראָטעסטאַנטיש־טעאָלאָגישע און אידען־פיינטליכע היסטאָריקער צעשפאָלטען דעם לעבעדיגען אידישען אָרגאַניזם און געפעלשט דעם זין פון דער אידישער געשיכטע.

פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ, דער אידישער געלערענטער, דער גאַנץ־וויסענדער, גיט צוריק דער געשיכטע פון דעם אידישען גייסט איהר גאַנצקייט.

פעברואַר 10, 1935.

דער דריטער טראָפּען ליכט

אָפט — אין די שווערע טעג, אין מאָמענטען, ווען עס קלייבט זיך אָן אַזאַ געדיכטע כמאַרע פון צער, אַז מען קאָן זי ממש שניידען מיט אַ מעסער, צער פאַר דעם אידישען מענשען, וואָס איז געוואָרען אַ שוועל פאַר יעדען שווערען, געקאָוועטען שטיוועל — בין איך מקנא די וואָס קאָנען זיך אַוועקזעצען אין אַ ווינקעלע — „אין אנגולאַ קום ביבעללאַ" — אין אַ ווינקעלע מיט אַ ספר׳ל — און דאָרט שעפּען טרייסט און מוט.

איך ווייס ניט, צי דאָס איז אָן אמת אָדער בלויז אַ צוגע־טראַכטער סימבאָל, אָבער מען האָט מיר דערצעהלט פון עטליכע זעהר באַקאַנטע, זעהר הויכע אינטעלעקטועלען אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער, וואָס האָבען זיך מתיאש געווען פון דער גאַנצער וועלט און האָבען זיך אַוועקגעלאָזט פּראַווען התבודדות, אין דעם ווינקעלע פון אַ בית־המדרש, און „לערנען". און עס איז גאַנץ אומוויכטיג, וואָס זיי לערנען — צי דאָס איז סדר טהרות אָדער זוהר — אָדער וואָס עס זאָל ניט זיין. דער עיקר איז — דאָס לערנען, דאָס אַוועקגעהן, דאָס אָפּזונדערען זיך. ווען מען דערקענט די פּרוכטלאָזיגקייט פון דער „מעשה", פון יעדער טאָט — ווערט דער „מדרש" דער עיקר.

אייגענטליך איז דאָך דאָס דער גאַנצער צוועק און די גאַנצע טיפקייט פון דעם אידענטום. עס באַקומט זיין אמת׳ע דערהויבענ־קייט ערשט ווען עס פאַרלירט דעם כאַראַקטער פון פּשטות און זעלבסטפאַרשטענדליכקייט — נאָר ווען עס ווערט אַ סימבאָל. ערשט די פרייהייט פון דעם גלויבען מאַכט די אידישע ווערטען פאַר ריינער פּאָעזיע.

אָט אַזויפיל ביטערקייט אַרום אונז — אין אונז. ביטערקייט פון הילפלאָזיגקייט, פון דערנידערונגען, פון איינזאַמקייט. אַלע אַקעגען אונז — מזרח און מערב, צפון און דרום — פון אַלע זייטען צונגען פון פלאַמען, צונגען פול גיפט. און קיינער ניטאָ וואָס זאָל אונז פאַרשטעהן — און קיינער ניט וואָס זאָל אונז דערהויבען. אפילו די פריינט זיינען אויך פון־אויבען־אַראָפּיגע,

טוען אונז אויך אַ „טובה״, שעמען זיך אויך מיט אונז. און קאָן מען זיך אפילו ניט איינטונקען אין דעם שטראָם פון „נעכטען״ — דעם שטראָם פון אַמאָליגען ליכט — וואָס בלייבט?

איך ווייס — יעדער נעכטען איז שוין קינסטליך — איז שוין פּאָעזיע, סימבאָל. אָבער — וואו די ווירקליכקייט איז אַזאַ נאַקעטע — מוז זי זיך צודעקען מיט דעם מאַנטעל פון סימ־באָלען.

און אָט קומט מיר אַנטקעגען אַזאַ ריינע כוואַליע פון דעם אַמאָליגען שטראָם, אַ כוואַליע פון פאַרכאַפּענדער, ריינער פּאָעזיע, פון אַן אַלטען מדרש (מדרש כונן): „האָט ער (גאָט) געעפּענט די תורה און האָט אַרויסגענומען פון איהר דריי טראָפּענס פון ליכט. איין טראָפּען פאַר דער וועלט, איין טראָפּען פאַר יענער וועלט, און איין טראָפּען פאַר דעם ליכט פון דער תורה״.

אפשר ביי יעדער אַנדערער געלעגענהייט, אין אַן אַנדערער צייט — וואָלט אָט די כוואַליע זיך פאַרבייגעקייקעלט און איך וואָלט זי אפילו ניט באַמערקט. וואָלט זי ניט געפּיהלט — אין איהר קילענדער פרישקייט, אין איהר מאַיעסטעטישער רוהיגקייט. אָבער טעג קומען — ווען אַלע ליכט־קוואַלען ווערען פאַרטונקעלט — און ווילענדיג־ניט־ווילענדיג מוז מען זיך באָדען אין דעם לעצטען „ליכט־טראָפּען״, אין דעם דריטען.

איז מען אַליין — דאַרף מען זיין מיט זיך, דאַרף מען זיך קאָנצענטרירען אויף זיך; און קאָן מען זיך ניט דערהויבען — מוז מען זיך פאַרטיפען. און איז די וועלט פאַרנעפּעלט — און יענע וועלט אפילו ניט מעהר קיין חלום — בלייבט „דאָס ליכט פון דער תורה״ דער איינציגער לעבענס־עלעמענט.

און וואָס פאַר אַ זין מען זאָל ניט אַריינלייגען אין דעם וואָרט — און באַגריף — „תורה״, פון וואָסער זייט מען זאָל ניט צו איהר צוגעהן, איהר לעצטער עלעמענט — איהר פונדאַמענטאַל־סטער — איז דער טרוים פון „אייביגקייט״, פון וועלט־פאַרבונדענ־קייט, פון אָפּגרונטיגקייט.

דאָס, אייגענטליך, איז דער איינציג מעגליכער צוגאַנג צו איהר, צו דעם אידענטום בכלל. אָדער „פון אינעווייניג אַרויס״ — אָדער דער גאַנצער ענין פאַרלירט זיין ווערט. אָדער מען באַהאַנדעלט דאָס אידענטום „סוב ספּעציע עטערניטאַטיס״, אונטער דעם אַספּעקט פון אייביגקייט, ד. ה. ווי אַ וועלט־היסטאָרישען מאָ־

טיוו, וואָס האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיגט — אָדער עס ווערט די געשיכטע, אָדער דער לעבענס־שטייגער, אָדער — אָ, ווי באַנאַל דאָס וואָרט איז! — די „ציוויליזאַציע" פון אַ קליינעם, אומפּאַר־שטענדליכען און אומגויטיגען פעלקער־אָפּשניצעל, אָדער ווי קאָנ־סטאַנטין ברונער, אין זיין אַסימילאַטאָרישער מאַניע, רופט איהם: „פאָלק — ניט פאָלק", און נאָך ערגער — „מענש — ניט מענש".

איך ווייס ניט, וואָס די געשיכטע פון אַנדערע קולטורען, פון דער גריכישער אָדער רוימישער, איז ווערט. איך גלויב ניט, אַז אַ פּראָפעסאָר פון אַ דייטשער אוניווערזיטעט, ווי מאָמזען אָדער קורציוס, אָדער אַן ענגלישער באַנקיר ווי גראָוט, זאָלען באמת זיין פעהיג צו זעהן, צו פאַרגעשטאַלטיגען, צו „וויזואַליזירען" די גע־שיכטע פון אַטען און קאָרינט, אַריינדרינגען אין דער נשמה פון פלאַטאָן אָדער עסכיל — אָדער אפילו יוליוס צעזאַר און ווערגיל.

און פאַרט — איז דאָס ממש אלף־בית אין פאַרגלייך צו דער וואונדערליכער און פאַרפלאָנטערטער, אומקלאָרער און אין מיס־טישע וואָלקענס פאַרוויקעלטער אידישער געשיכטע.

ווי האָט צ. ב. רענאַן געקאָנט פאַרשטעהן די „געשיכטע פון איזראַעל"? ער איז צוגעגאַנגען צו איהר ווי אַן אַרכעאָלאָג צו אַ פראַגמענט. ער קאָן אפשר באַשטימען דעם דאַטום, ווען דער דאָ־זיגער שטיין־פראַגמענט איז געשאַפען געוואָרען, ער קאָן — און דאָס איז שוין אויך אַ ספק — דעשיפרירען די אויפשריפט, „אַנטדעקען" דעם נאָמען פון דעם מייסטער — אָבער איז דאָס דען דער עיקר? דער פראַגמענט איז געווען אַמאָל אַ קונסט־ווערק, אַ לעבעדיגער מענש האָט איהם פאַרטראַכט, הינטער איהם אַ וועלט פון איבערלעבונגען. שטיינערנע לוחות זיינען בלויז שטיין, ווען מען דערפיהלט ניט דעם פייער אין זיי, דעם שוואַרצען פייער אויף דעם ווייסען פייער.

און רענאַן איז נאָך געווען אַ קינסטלערישער מענש, ער האָט נאָך געהאַט אינטואיציע און אויך אַ געוויסע סימפּאַטיע צו זיין אָביעקט.

אָבער ווי אַזוי קאָן אַ פאַרשער ווי וועלהויזען, אָדער דעליטש אָדער עדואַרד מייער, אָט די דייטשע פּראָפעסאָרען, וואָס גילטען אין דער וועלט פאַר די גרויסע כהנים פון דער „חכמת ישראל", פאַר די היסטאָריקער פון אידענטום „פאַר עקסעלאַנס" — ווי קאָנען זיי דערפיהלען, פאַרשטעהן דעם זין פון דעם אידענטום? זיי

האָבען איהם דאָך פיינט געהאַט, זייער לעבענס־אויפגאַבע איז גע־וועזען — צעשטערען דעם ווערט פון דעם אידענטום. און פאַר־שטעהן הייסט — בויען און ניט צעשטערען.

פאַר זיי איז די „תורה״ — בלויז אַ טויטער מאַטעריאַל — ניט קיין ליכט־טראָפּען און ניט קיין קוואַל. און פון טויט קומט בלויז טויט.

נאָר אידישע פאָרשער קאָנען דערגעהן צום שורש, און בלויז אַזעלכע, וואָס האָבען זיך עמאַנציפירט פון דער דייטשער „חכמה״ און ווערען ניט נתפעל פאַר דער אַקאַדעמישער, פּראָפעסאָריאַלער געלערענטקייט. פאָרשער פון אינעווייניג אַרויס — ניט פון דרויסען. אַזאַ פאָרשער איז געווען אין זיין צייט א. ה. ווייס, און אין אונזער צייט — פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ, דער „רב צעיר״.

איך בין ניט קיין היסטאָריקער פון פאַך און פון צעך — און קוים־קוים אַ דילעטאַנט אין „חכמת ישראל״ — אָבער יעדעס מאָל ווען עס קומט מיר פאַר די אויגען אַ נייער ספר פון פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ — דערפיהל איך אַ מין נייע וואַרימקייט צו דעם אי־דענטום, דערשפיר איך אַז איך בין צוגעפיהרט געוואָרען נעענטער צו דעם „קוואַל״ — און די אַלטע ספרים באַקומען אַ נייעם זין און פרישע וויטאַליטעט.

איך האָב געהאַט אַזאַ געפיהל ביים ערשטען באַנד פון פּראָ־פעסאָר טשערנאָוויץ׳עס „תולדות ההלכה״ — און דאָס געפיהל איז געוואָרען נאָך שטאַרקער, ווען איך האָב געבלעטערט דעם צווייטען, נאָר־וואָס דערשינענעם באַנד.*)

אויפ׳ן ערשטען בליק — פראַגען און ענינים וואָס האָבען אַ זעהר קנאַפּע שייכות צו אונז: וועגען כהנים און לויים, וועגען נביאים און מלכים, וועגען צדוקים און פרושים, וועגען אַלטע דינים, פראַגען פון רעליגיעזען קולט אָדער אַלטער יוריספּרודענץ. אָבער דער סטיל אַליין פאַרכאַפּט אייך. אַן אייגענאַרטיגער סטיל, ווי מען שרייבט איהם שוין כמעט ניט מעהר אין אונזער צייט. אַזוי דורכגעווייקט מיט לומדות. אַזוי דורכגעפלאָכטען איז ניי און אַלט — אַזוי דורכגעווייט איז אַלצדינג דאָ מיט דעם גייסט פון פאַרצייטענס — אַז איהר פאַרגעסט אָפּט אָן דער צייט — און מאַלט זיך אויס, אַז דאָס איז אַ דירעקטער המשך פון דעם פאַדים,

*) דר. חיים טשערנאָוויץ: „תולדות ההלכה״, כרך ראשון, חלק שני. ניו יאָרק, 1936.

וואָס ציהט זיך פון אור־צייטען, מיט דעם „חוט־השני" פון דער אידישער אידעע.

זיי לעבען־אויף די פּסוקים און די מאמרים, די הלכות און די אגדות אונטער דער פּיגמאַליאָן־האַנט פון דעם אידישען היס־טאָריקער. אַ פּסוק פון דעם חומש פאַרוועבט זיך מיט אַ מאמר פון דער גמרא, מיט אַ דין, מיט אַ פּירוש פון דעם רמב'ן. עס איז אַ גאַנצע אָרקעסטראַציע פון לומדות — און עס קומט אַרויס ניט קיין טויטע קאָמפּילאַציע, נאָר אַ לעבעדיגע און פאַרכאַפּענ־דיגע סימפאָניע.

און דאָס קומט דערפון, וואָס פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ האָט אַ גרונט־אידייע — און דאָס איז: „עם ישראל חי" — דאָס אידישע פאָלק איז אַן אָרגאַניזם, וואָס האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט פונק־ציאָנירען — ביאָלאָגיש און גייסטיג. און דערפאַר איז זיין גאַנצע טראַדיציע — דער גאַנצער סכום פון אידייען, ניט קיין פאַרשטיי־נערטע, פאַרטאָוועלטע שריפט, נאָר אַ שטענדיג זיך באַנייענדיגער שטראָם. אַ טראָפּען ליכט, וואָס שטראַלט אויף דורות.

און געהט מען אַזוי צו — באַקומט דער גאַנצער אידישער היסטאָרישער פּראָבלעם אַן אַנדער זין, ווערען אַלע פאַרפּלאָנטערטע פראַגען, אויב ניט געלייזט, אָבער יעדענפאַלס אַריינגעשטעלט אין אַ וועלט־רעמעל, באַקומען זיי אַ וועלט־פּערספּעקטיווע.

עס האָבען געקעמפּט די כהנים און די נביאים, די צדוקים מיט די פּרושים, די תורה שבכתב מיט דער תורה שבעל־פּה, אַ קאַמף פון דורות. פאַרוואָס? דאָס וואָס ביי אונזערע — בפרט ביי קריסטליכע, פּראָטעסטאַנטישע — היסטאָריקער איז געוועזן בלויז אַ מין טעאָלאָגישער און אומפּרוכטבאַרער דיספּוט, ווערט ביי פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ אַ קאַפּיטעל אַלמענשליכע געשיכטע. עס איז געווען אַ קאַמף צווישען — טעאָלאָגיע און לעבען, צווישען דעם „אות" און דעם גייסט, צווישען דער קאַסטע און דעם פאָלק.

ווען מען לייענט צ. ב. דעם „שער הכתות", די קאַפּיטלען וועגען צדוקים און פּרושים, דערזעהט מען דאָס גאַנצע אַלטע אידישע לעבען אין אַ נייער געשטאַלט. אַ קאַמף צווישען יחזקאל און ירמיהו, צווישען דעם נביא פון די כהנים, פון דער געשריבענער טעאָלאָגיע — און דעם נביא פון דעם פאָלק, וואָס האָט זיך געריסען — צו ווערען וועלט. פון איין זייט — היסטאָרישע נאַציע; פון דער צווייטער — וועלט היסטאָריש פאָלק. ריכטיגער,

אַ פאָלק וואָס האָט — צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע — פאָרטראַכט דעם באַגריף „מענשהייט", געשאַפען דעם פּראָבלעם „וועלט־געשיכטע". די צדוקים — די אַלט־רעליגיעזע אידען — בלויז רעליגיע, און דערפאַר אַסימילירט אין זייער „ציוויליזאַציע"; די פּרושים — די טרעגער פון דער אוראַלטער טראַדיציע, וואָס נעמט אַריין אין זיך אַלע־אַלע מענשען, דעם פאַר־אידישען, דעם אור־אָריענטאַלישען — דעם מדבר'דיגען, דעם געצעלטיגען, דעם דאָרפישען, דעם שטאָדטישען — און אַזוי ביז צום סוף פון די דורות. „פּרושים" — די „וויטע" — די כהנים פון דער וויט־קייט, די כהנים וואָס קומען פון די וועלט־היסטאָרישע מרחקים און געהען — אין די אומענדליכקייטען פון דער צייט.

אָט אין אַזאַ פּערספּעקטיווע מוז מען אַריינשטעלען דאָס אידענטום — און נאָר אַזוי קאָן עס ווערען נאָכאַמאָל — אַ טראָפּען ליכט פאַר אונז.

און ווער ווייסט — מיר זיינען ביי זיך געפאַלען, מיר זיינען געזונקען אין די אויגען פון דער וועלט — און אויך אונזער טראָ־פּען ליכט ווערט פאַרטונקעלט פון די אומגעהויערע וואָלטאַזשען פון דער וועלט־אילומינאַציע.

אָבער מאַשינען קאָנען זיך אָפּשטעלען — ליכט־קוואַלען ווע־רען פאַרשטאָפּט, טונקעלקייט קאָן איינטרעטען — איז אפשר שוין איינגעטראָטען — און דער טראָפּען „ליכט" קאָן נאָך אויפ'סניי ווערען אַ וועלט־היסטאָרישער פאַקטאָר.

אין די צייטען פון דערנידערונג איז גוט צו זיין שטאָלץ. אונזערע עלטערען און אור־עלטערען האָבען זיך געראַטעוועט דערמיט — זיך און זייער נשמה. אפשר — מיר אויך.

יולי 4, 1936.

דער פֿאַרשטיינערטער צווייג

אין אונזער קליינעם סטודענטען־קרייז אין קיעוו — אין דער „אוניווערזיטעט פון דעם הייליגען וולאַדימיר" — זיינען געווען פאַרטראָטען כמעט אַלע נאַציאָנאַליטעטען פון רוסלאַנד: רוסען, אידען, פּאָליאַקען, דייטשען, גרוזינער — און אויך „קרימטשאַקעס". און צווישען די סטודענטען פון קרים אויך פאַרשיידענע טיפּען — אַן אַרמעניער פון קערטש, אַ טאָטער — און עפּעס איינער וואָס האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו קיין איינציגער פון די דאָזיגע אַלע נאַציאָנאַליטעטען. ניט קיין אַרמעניער, ניט קיין טאָטער — און קיין רוס אודאי ניט. און דאָך מיט אַלע רעכט, און פּאָרט אַ „היימישער". אויך אין זיין נאָמען עפּעס אַ מאָדנע קאָמבינאַציע, אַ אידישער נאָמען און עפּעס אַ טאָטערשע פאַמיליע. איך האָב אַ פּאָר מאָל געפּרוואווט ביי איהם געוואויר ווערען — ווער ער איז, וואָס איז זיין „גלויבען". אָבער ער האָט זיך תמיד אַרויסגעדרעהט מיט אַ וויץ.

„וואָס גלויבען, ווער גלויבען? צו וואָס דאַרף מען האָבען אַ גלויבען אין רוסלאַנד?" — האָט ער מיך איבערגעפרעגט מיט אַן איראָנישען קוק, ווי איינער זאָגט: „נו, און ווען דו ביזט שוין פון דעם באַוואוסטען גלויבען, וואָס האָסטו פון דעם אַ חוץ צרות?" איך האָב איהם אַ לאַנגע צייט געהאַלטען פאַר אַ משומד. מחמת ער האָט צו־אָפּט און צו־ביטער גערעדט וועגען אידען. און דאָס איז געווען אין אונזער קרייז אַ דיסאָנאַנץ.

„זאָג מיר, סאַרקיס" — בין איך איינמאָל צוגעשטאַנען צו מיין חבר דעם אַרמעניער סאַרקיס פּאַזאָוועטאָוויטש טאָפּאַליאַנץ — „וואָס מיינט דאָס — ווי קאָן דאָס אַן עס־ער זיין אַן אַנטיסעמיט, און בכלל, דו ביזט זיין לאַנדסמאַן — ווער איז ער אייגענטליך?"

„וואָס דו ווייסט ניט?" — האָט מיר סאַרקיס געענטפערט — „ער איז דאָך אַ קאַראַאים".

דאָס איז געווען דער ערשטער קראַי, וועמען איך האָב געטראָפען. דער ערשטער לעבעדיגער עקזעמפּליאַר פון דער משונה־דיגער אידישער סעקטע, פון דעם סודות׳דיגען קליינעם קיבוץ, וואָס לעבט זייט ביי זייט מיט אידען און איז אָפּגעשיידט פון זיי, אַ מין פאַרשטיינערטער וואַלד אין מיטען אַ רייכער און בליענדיגער סביבה.

איך האָב זעהר אָפט געפּרואווט פאַרפיהרען מיט מיין קאַראַ־אימישען קאָלעגע שמועסען וועגען זיין רעליגיע, זיינע מנהגים, די געשיכטע און טראַדיציע פון די קראים, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אַריינלאָזען אין אַזאַ מין שמועס. „לאָז מיך צורוה מיט דער פאַרשימעלטער טעאָלאָגיע" — האָט ער זיך געבייזערט. „איך האָב זיי אַלע פיינט, די אידען און די קאַראַאימען און אַלע די אַלטע זאַכען. איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז מיינע זיידעס האָבען זיך געקריגט מיט דיינע זיידעס — און איצט ליגען די אייניקלעך פון דיינע זיידעס טיף אין דער ערד — און אונז איז גאַנץ גוט".

און אַזוי איז דאָס געווען. אונז, די אייניקלעך פון די „זיגער", פון די שטאַרקע, פון די „רבנים" — ווי די קראים רופען אָן אידען — האָט מען גע'רודפ'ט, מיר האָבען ניט געהאַט קיין רעכט. אונז האָט מען איינגעשפּאַרט אין געטאָס, ניט צוגעלאָזט אין די אוניווערזיטעטען. מיר האָבען געמוזט עמיגרירען, מיר האָבען געמוזט זיין די ערשטע און די בעסטע כדי בכלל צו האָבען אַ שטיקעל מצב אין לעבען — זיי אָבער, די „אַרויסגעוואָרפענע", די „אָפּגעריסענע", האָבען געהאַט אַלע בירגער־רעכט, האָבען געקאָנט ווערען וואָס זיי האָבען געוואָלט. די רעגירונג האָט אויף זיי געקוקט מיט לייטזעליגע אויגען, די געזעלשאַפט האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. זיי זיינען געווען די „מיוחסים" פון דעם אידענטום.

יאָהרען זיינען פאַרגאַנגען. איך האָב מיין חבר פון דער אוניווערזיטעט פון קיעוו פאַרלוירען פון אויג און פאַרגעסען. און קיין שום קראי איז מיר ניט געקומען אין וועג — ביז פּאַריז, ביים שוואַרצבאַרד־פּראָצעס.

איינער פון די עדות ביים פּראָצעס, דער פאָטער פון אַ פּאָגראָם־קרבן, זיין זוהן האָט זיך באַטייליגט אין דעם קיעווער זעלבסטשוץ און איז דערשאָסען געוואָרען פון פּעטליורא'ס סאָלדאַטען.

דער פאָטער — אַ מענש אין די מיטעלערע יאָהרען, אַ סוחר, האָט זיך אַריבערגעקליבען קיין וויען און זיך דאָרט באַזעצט. אַן אָריענטאַלישער טיפּ. ברענענדיגע שוואַרצע אויגען, אַ קיילעכדיגער קאָפּ. עס איז, נאַטירליך, קיינעם פון אונז ניט איינגעפאַלען צו פרעגען ווער ער איז. וואָס קאָן זיין דער פאָטער פון אַ פּאָגראָם־

קרבן, אויב ניט קיין איד? אין וועמען נאָך קאָן פלאַמען אַזאַ פייער, אַזאַ שנאה צו די מערדער? אָבער איך האָב באַלד באַמערקט, אַז צווישן זיין באַציהונג צו פעטליורא׳ן און דער באַציהונג פון די איבעריגע עדות איז געווען עפּעס אַ חילוק. אַן אַנדער האַס, אַ ברענענדיגערע שנאה — און אַזוי צו זאָגן אַן אַנדער אַטמאָספערע.

ביי די אַנדערע עדות — שוואַכער די שנאה ווי דער צער, שטאַרקער דער שטאָלץ, פעסטער די פעדים וואָס פאַרבינדען אידען מיט אידען. ביי איהם — בלויז האַס, נאָר שנאה, און קיין שום אַטמאָספערע.

און עס איז מיר באַלד געוואָרען קלאָר פאַרוואָס: דער פאָטער פון דעם פּאָגראָם־קרבן איז געווען גאָר ניט קיין איד, נאָר אַ קראי. און ער איז געווען אַ טאָפּעל געקריוודעטער. ער האָט פאַרלוירען אַ זוהן — צוליב אַ טעות, צוליב דעם וואָס די באַנדיטען האָבען זיך ניט געקאָנט פאַנאַנדערקלייבען אין די דעטאַלען פון אידישער טעאָלאָגיע, ניט געוואוסט דעם אונטערשייד צווישען „רבנים" און „קראים", ניט געהערט אפילו פון ענן און זיין סעקטע.

און, הפנים, דער יונגערמאַן, דער קראי, וואָס האָט אַוועקגעגעבען זיין לעבען פאַר דעם אידישען פאָלק, האָט אויך פאַרגעסען אַן דער געשיכטע פון זיין קרייז, אויך אָפּגעווישט די גרעניצען. די אידישע סכנה האָט פאַרבונדען די צוויי טיילען פון דעם אידענטום, וואָס די געשיכטע האָט צעשיידט.

אָבער פאַרוואָס האָט זי זיי צעשיידט? וואָס איז געווען דער היסטאָרישער מאָטיוו פון דער שפּאַלטונג? און וואָס האָט אָפּגעהאַלטען די קראים זיך ווידער אומצוקעהרען צום שורש, זיך ווידער צונויפמישען מיט דעם „בית ישראל"?

עס איז דאָך ניט די איינציגע סעקטע ביי אידען. אַן אַראַבישער שריפטשטעלער פון דעם צענטען יאָהרהונדערט דערצעהלט אַז עס זיינען אין זיין צייט געווען — אין בבל און אין פערזיע — זיבעציג פאַרשיידענע אידישע סעקטעס. עס איז אפשר אַ גוזמא. אָבער דער אמת איז, אַז דאָס מזרח־אידענטום האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט צו ענדערען זיך, זיך צו אַנטוויקלען. ווי אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם מיט אַלערליי אָפּצווייגונגען און אָפּנייגען, אפילו מיט אַלערליי אַנאָמאַליעס. מיסטישע סעקטען און ראַציאָנאַליסטישע, סעקטען וואָס האָבען זיך געצויגען פון די גאָר

אַלטע צייטען, געפּיהרט צווישען זיך אַלטע חשבונות, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען נאָך אין ארץ־ישראל, נאָך פאַר דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

דאָס אידענטום פון בבל און פערזיע איז געווען נאָך צו נאָענט צום מקור. עס איז געווען אַ דירעקטער המשך פון דעם ארץ־ישראל־אידענטום. דער אידישער געדאַנק האָט נאָך געלעבט פריי, ער האָט נאָך ניט באַקומען זיין לעצטע פאָרם. די אידישע קול־טור איז געווען נאָך פּלאַסטיש און געקאָנט זיך נאָך בויגען נאָך אַלע זייטען, אָננעמען פאַרשיידענע געשטאַלטען.

איין סעקטע נאָך אַ צווייטער איז אויפגעשטאַנען — און געפאַ־לען. פּאָליטישע פּאַרטייען, מיט רעליגיעזער פאַרבונג — אין יענע צייטען זיינען פּאָליטיק און רעליגיע געגאַנגען האַנט אין האַנט — משיח'ישע סעקטען, ווי די פון אבו אסא, פון יודגאַן און שאדגאַן, פון דוד על רואי, דעם „פאַלשען משיח", און נאָך אַ סך אַנדערע. עס זיינען געווען אָפּקלאַנגען פון די אַלט־אידישע, פּאַלעסטינישע סעקטען, אַן עכאָ פון דעם קאַמף צווישען די פּרושים און די צדוקים, צווישען שמאי און הלל, אַ נאָכוועהעניש פון די שטורעמס, וואָס האָבען סוף־כל־סוף צעשפּאָלטען דאָס אידענטום אין צוויי טיילען: אידענטום און קריסטענטום.

אָבער נאָך דער גרויסער און אַנטשיידענער שפּאַלטונג האָבען אַלע די אַנדערע סעקטען פאַרלוירען יעדען היסטאָרישען ווערט. עס איז געווען אַ שטרוי־פייער, אַן אויפפלאַקערען, אָבער עס איז מעהר ניט געקומען צו קיין שרפה. דער אידישער אינסטינקט האָט ניט צוגעלאָזט, אַז דאָס לעצטע וואָס דאָס פאָלק האָט געראַ־טעוועט פון דער קאַטאַסטראָפע, דאָס גייסטיגע אייגענטום, זאָל צעריסען און צעפליקט ווערען. און די גייסטיגע פיהרער פונ'ם פאָלק — די אמוראים, די רבני סבוראי, די גאונים און די „רישי גלותא" — די אָפיציעלע פאַרטרעטער פון דעם אידענטום, האָבען געהיט דאָס גייסטיגע פאַרמעגען.

אַרום דעם אידישען פאָלק איז געוואַקסען אַ וואַנט, וואָס האָט איהם באַשיצט. און די וואַנט איז געווען — דער תלמוד.

אַ שווערע, אַ גיגאַנטישע אַרבייט: איינצוצוימען די לעבע־דיגע קראַפט פון אַ פאָלק, און דאָ און דאָרט — איז זי צעבראָכען געוואָרען. דער זיג פון די „רבנים" איז געווען ניט אַזוי גרינג, ווי נאַאיווע היסטאָריקער מאָלען עס זיך אויס. און ווען צ. ב.

ראובן פאַהן,*) איינער פון די פאַרשער פון דער קראים־סעקטע, מיינט, אַז דער „יקום פורקן", אַט די תפילה וואָס גיט אָפּ כבוד צו די „מרנן ורבנן . . . די רישי כלה רישי גלותא ורישי מתיבתא", ד. ה. צו די גייסטיגע און פּאָליטישע הערשער פון דעם אידענטום, צו די פיהרער פון דער אידישער קולטורעלער אויטאָנאָמיע — אַז די דאָזיגע תפילה איז אַ ספּאָנטאַנער אויסדרוק פון דעם פאָלק — האָט ער אַ טעות. אַזעלכע תפילות און אַזעלכע לויב־הימנען וואַקסען קיינמאָל ניט אַרויס פון דעם פאָלק, זיי ווערען דיקטירט פון אויבען, זיי ווערען אַרויפגעצוואונגען אויף דעם פאָלק.

די רבנים האָבען סוף־כל־סוף געזיגט. און גראָד דעמאָלט, ערב דער אנטשיידונג—איז אויפגעשטאַנען איינער פון די מיוחסים, איינער פון די גרויסע, ענן בן דוד, „פון מלכות בית דוד", און האָט אויפגעהויבען אַ רעוואָלט אַקעגען דעם תלמוד און די רבנים.

אַ לעגענדאַרע פיגור, ווי אַלע אין דער אידישער געשיכטע וואָס האָבען רעוואָלטירט. נאָאיוו אין זיין אויפפאַסונג פון דעם היסטאָרישען פּראָצעס — האָט דאָס אַלטע אידענטום זיך ניט געגעבען די מינדסטע מיה צו פאַרפיקסירען זיינע קעגנער, צו געבען אַ רעאַליסטיש בילד פון דעם קאַמף וואָס זיי האָבען געפיהרט. זיי האָבען געוואָלט אָפּשטופען, אויסמעקען, פארגעסען. אַזוי אין דער געשיכטע פון דעם אור־קריסטענטום, אַזוי אויך אין דער געשיכטע פון די קראים.

ענן האָט געפיהרט אַ לאַנגען און ביטערען קאַמף. ניט דער ערשטער, ניט דער איינציגער. ער האָט ניט געשאַפען די שיטה פון די קראים, ד. ה. די „בעלי מקרא", די וואָס האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי „תורה שבכתב", ביי דעם געשריבענעם וואָרט. זיין קאַמף איז אייגענטליך געווען ניט אַזויפיל אַקעגען דעם פּרינציפּ פון תלמוד בכלל, נאָר אַקעגען דעם תלמוד, ווי די „רבנים" האָבען איהם באַשאַפען און פאַרפיקסירט. ער האָט געוואָלט אַנטקעגענשטעלען דעם רבנישען תלמוד, דער גמרא, זיין אייגענעם „ספר המצוות".

מען האָט שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט, אַז אין עצם איז צווישען דעם „ספר המצוות" פון ענן און דער רבנישער גמרא ניט אַזאַ גרויסער חילוק ווי מען מיינט. און דער נייסטער פאָרשער פון דער קראַי'שער הלכה, דר. צבי כהן, האָט

*) ראובן פאַהן, „ספר הקראים", וואַרשע, הוצאַת ועד היובל, תרפ"ט.

באוויזען, אַז צווישען די קראים און רבנים, ד. ה. די אידען, שטעהען בלויז אַן ערך פון פופציג הלכות. די אַלע אַנדערע דינים און מנהגים זיינען בייביידע די אייגענע.

און דאָס וואָס ענן האָט דערוויטערט, האָבען זיינע תלמידים דערנעהנטערט. די וויטערע פיהרער פון דער קראי׳שער תורה, ווי למשל בנימין נאַהאַוועדי א. אַ., האָבען נאָך מעהר צוגעפּאַסט די הלכות פון די קראים צו די פון די אידען.

אַ קליינע מחיצה צווישען ביידע. און דאָך — שוין באַלד צוועלף הונדערט יאָהר לעבען די צוויי טיילען פון דעם אידישען פאָלק איינער לעבען דעם צווייטען און מישען זיך ניט צונויף. און „הקרעים אינם מתאחים לעולם" — אָט דער וויץ פון דעם רב אין דעם „ועד ארבע ארצות", אין דער גרויסער קערפּערשאַפט וואָס האָט געפיהרט דאָס אידישע לעבען אין דעם אַכצענטען יאָהר-הונדערט — דאָס דאָזיגע גלייכווערטעל, איז געוואָרען דער אויס-דרוק פון דער אידישער שטעלונג צו די קראים. דאָס וואָס איז אָפּגעריסען קאָן זיך ניט פאַראייניגען.

און די קראים זיינען אַלץ מעהר און מעהר דערוויטערט געוואָרען. אָפּגעריסען פון דעם גרויסען אידישען בוים, אָהן קוואַלען, אָהן אַנטוויקלונגס-מעגליכקייט — האָט זיך דאָס קליינע הייפעלע קראים נאָך מעהר צוריקגעצויגען אין זיך, פאַרשפּאַרט זיך אין דער ענגער געטאָ — אַ געטאָ אין אַ געטאָ — און איז פאַרשטיינערט געוואָרען.

איך וויים ניט צי דר. צבי כהן איז גערעכט, ווען ער מיינט אַז די קראים זיינען לכתחילה געווען די „ליבעראַלע", די „פּראָגרע-סיווע", אַקעגען די רבנישע פונדאַמענטאַליסטען. איך גלויב אויך ניט, אַז ראובן פאַהן איז גערעכט צו די קראים, ווען ער באַ-שולדיגט זיי אין באַוואוסטזיניגער רעאַקציע, מאָלט זיי אויס ווי די „פונדאַמענטאַליסטען פון דעם אידענטום". די געשיכטע פון די קראים קאָן גאָר ניט אויסגעטייטשט ווערען אין טעאָלאָגישע טערמינען. מען קאָן גאָר ניט ראַציאָנאַליזירען זייער געשיכטע, ווי מען קאָן ניט זוכען קיין זין אין געשיכטע בכלל. עס איז ניט מעהר ווי איינער פון די מערקווירדיגע היסטאָרישע צופאַלען, אַ מין געשיכטליכע אַנאָמאַליע, ווי זי קומט זעלטען פאָר. אידישע עקשנות דערהויבען צו דער העכסטער פּאָטענץ — דאָס איז די געשיכטע פון די קראים.

***

אָבער נאָך אינטערעסאַנטער, נאָך שפּאַנענדער, ווי די געשיכטע פון די קראים, איז זייער געגענוואַרט. אַט דאָס לעבען פון די עטליכע קהלות אין ליטע — טראָקי ביי ווילנע, אין גאַליציע האַליטש, — אין דער קרים, אין ירושלים און אין קאַאירא. אַ קליין הייפעלע מענשען, אידען און ניט־אידען, איינזאַמע, פאַרלוירענע. אַ פּאָר משפחות דאָ און דאָרט, באַלד־באַלד שטאַרבט אויס דער לעצטער רעשט, ווערט אויסגעלאָשען דער פונק.

און עס קומט באמת אַ דאַנק ה' פאַהן, וואָס ער האָט געראַטעוועט פאַר די קומענדיגע דורות דאָס בילד פון די קראים — פון אַ טייל פון אידענטום וואָס ליגט שוין אין גסיסה.

געשטאַלט נאָך געשטאַלט געהט פאַרביי. דער אַלטער „קראי אדוק”, דער פרומער לוי שלומוביץ, וואָס היט אָפּ דעם „דין” מיט זיינע לעצטע כוחות, דער קראי שמואל, וואָס בענקט נאָך דעם „גרויסען בית ישראל” און וויל זיך דערנעהנטערען צום אידענטום, פאַרשמעלצען זיך מיט איהם, — קראים שטאָדטישע, דאָרפישע, טאָטערען אין דער שפּראַך, פאַרצווייפעלטע אין זייער נשמה.

עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפען. ניט זייער שמייכלען זיך צו די קריסטען — זיי גיבען אָפּ כבוד צו יעזוס'ן הגם זיי גלויבען ניט אין איהם, ממש ווי אונזערע אולטראַ־רעפאָרמער, — ניט די פעלשונגען פון זייער „חכם” אברהם פירקאָוויץ, וואָס האָט דורך פאַלסיפיצירטע מאַנוסקריפּטען און מצבות „באַוויזען” — אין דער מיט פון ניינצעטען יאָהרהונדערט — אַז די „קראים” וואוינען אין דעם קרים שוין כמעט אַכצען הונדערט יאָהר (און דאָס מיינט, אַז זיי זיינען אומשולדיג אין דער קרייציגונג), — עס האָט זיי גאָרניט געהאָלפען.

„פון טאָג צו טאָג לעשט זיך דער פונק אויס אַלץ מעהר און מעהר — אַט באַלד וועלען מיר אַלע צעשפּרייט ווערען — און ניט מעהר עקזיסטירען” — אַזוי האָט געשריבען איינער פון זייערע לעצטע משכילים, שמואל פּיגיט, אין זיין „אגרת נדחי שמואל” — און דער „באַלד” איז שוין כמעט געקומען.

אַ פאַרשטיינערטער צווייג פון דעם אידישען בוים. און דער שטיין איז צעריבען געוואָרען.

סעפּטעמבער 29, 1929.

װעגן דער „צװײטער אומה״

עס איז זעהר שװער זיך פאָרצושטעלען, אַז עס זאָלען זיך געפינען היינט צו טאָג — אָדער װען עס זאָל ניט זיין פאַר די לעצטע פאַר טויזענט יאָהר — אַ גרופּע מענשען, װאָס זאָל אַרי־בערקוקען מיט קנאה איבער דעם אידישען פּאַרקען — אָבער מען זאָגט, אַז אַזאַ מין קוריאָזע גרופּע איז אויך נאָך פאַראַן אין דער װעלט. אידען — די „כשר׳סטע״ פון אַלע, געטרייע נשמות, אָהן שום פּניות, מיינען עס אַזוי ערליך, זיינען זיך מקריב פאַר זייער איבערצייגונג, לעבען אָפּגעזונדערט פון דער װעלט — לעבען אין דער פינסטער פון דער געשיכטע שוין עלף הונדערט יאָהר — און בענקען נאָך דעם רוב, נאָך דעם אַלטען שטאַם.

קיינמאָל ניט געװען קיין צו גרויסע צאָל — זיינען זיי היינט נאָך מעהר איינגעשרומפּען. אַ זשמענקעלע אין ירושלים, אַ קליינע גרופּע אין מצרים — דער רוב אָבער אין דעם סלאַװישען און טאַטערשען מזרח — אין טראָקי, ביי װילנע, אין דער גאַליצישער שטאָדט האַליטש, און דער עיקר—אין דער קרים. אָפּגעפרעמדעטע אידען, רעדען צװישען זיך — יעדענפאַלס דער רוב פון זיי — טאַטעריש, לעבען פאַר זיך, אין זייער אייגענער פאַרגאַנגענהייט און אין זייער אייגענעם שטאָלץ. דער שטאָלץ, אַז זיי — די קראים — זיינען די „אמת׳ע״, די ריינע אידען; אַז זיי זיינען די איינציגע, װאָס טראָגען װייטער אומבאַפלעקט די אידישע טראַדיציע פון דור צו דור. זיי, דער מיעוט — אַנטקעגען דעם פאַרבלאָנדזשעטען, פאַרפיהרטען, „רבנ׳ישען״ רוב.

אַ מינאָריטעט אין אַ מינאָריטעט. און די אידישע „מאַיאָרי־טעט״ האָט זיי געװיזען, װי מען באַגעהט זיך מיט אַ מינדערהייט. געהט אַרום צװישען די קראים (ראובן פאַהן: „מאגדת הקראים״) אַ מעשה, װאָס קלינגט אַזוי מענשליך־אמת׳דיג. עס איז געװען אין פּרעסבורג, אין דער פרומער, אידישער שטאָדט פּרעסבורג, װען עס האָט דאָרט „געקיניגט״ דער באַרימטער ״חתם סופר״, װאָס האָט געפיהרט אַזאַ ביטערען קאַמף אַנטקעגען דער גאַנצער השכלה און אַנטקעגען יעדען פרייען געדאַנק, װאָס זאָל, חלילה,

אויפרודערען דאָס אידישע וועלטעל. קומען איין שעהנעם טאָג קיין פּרעסבורג צוויי פרעמדע. מען ווערט געוואָר, אַז דאָס זיינען משולחים פון די קראים, וואָס זיינען געקומען אויסקוקען דאָס אידענלאַנד. אָדער אפשר האָבען זיי גאָרניט געוואָלט — גלאַט אַ פּאָר סוחרים אָדער רייזענדע, אָבער די „קהלה קדושה" פּרעס־בורג איז אַרויס פון די כלים. ווי קאָן מען דאָס צולאָזען, אַז עס זאָלען אַרומגעהן אויף דער בורג־שטראָסע, אין דער אידישער געטאָ, מענשען וואָס זיינען אי אידען — און האָבען דערצו באַן די העזה צו האָבען אַן אייגענע שיטה אין דעם אידענטום — ווי קאָן מען עס אויסהאַלטען, אַז קראים זאָלען מטמא זיין די פּרעסבורגער בלאָטע ?

זיינען זיי נאָכגעגאַנגען אידישע בחורים און — האָבען געהאַלטען אין איין גיסען וואַסער אויף זיי. די קראים׳שע געסט האָבען סוף־כל־סוף פאַרלוירען די געדולד און זיינען זיך געגאַנגען קלאָגען — ניט צו דער פּאָליציי, חלילה, נאָר צום חתם סופר. האָט זיי דער רב אויסגעהערט און האָט אַ שמייכעל געטאָן: „איך ווייס אייגענטליך ניט וואָס איהר באַקלאָגט זיך" — האָט ער זיי געענטפערט, „זיי גיסען אויף אייך וואַסער, בלויז כדי אייך צו רייניגען... און וואָס קאָן איך טאָן, ווען עס איז דאָך אַ בפירוש׳ער פסוק: „והקרב והכרעים ירחצו במים" — און איהר האַלט דאָך פון פשט".

און אָט אַזוי האָט זיך דער חתם סופר אויסגעדרעהט מיט אַ וויץ — אַ וויץ איבער דער תורה — און די אָרימע קראים האָבען זיך אָפּגעטראָגען פון דער שטאָדט.

אַזוי דערצעהלען, פאַרשטעהט זיך, די קאַראַאימער, און עס איז מן הסתם מעהר „דיכטונג" ווי „וואַרהייט" אין דער דערצעהלונג. מינאַריטעטען, בפרט גע׳רודפ׳טע, האָבען תמיד ליב צו דערצעהלען סענטימענטאַלע מעשיות, וואו זיי זיינען די ריינע שעפּעלעך, און די אַנדערע די בייזע וועלף. אָבער אפילו אין דער איבערטרייבונג איז דאָ דער קערן פון אמת, וואָס די אידישע געשיכטע קאָן ניט פאַרלייקענען, דער אמת דערפון, אַז אידען האָבען מיט זייערע אייגענע הענט אַרויסגעטריבען, אַרויסגעריסען פון דעם פאָלקס־גוף אַ גרופּע בלויז צוליב דעם, וואָס זי האָט געהאַט אַן אַנדער קוק אויפ׳ן אידענטום, דערפאַר וואָס זי האָט אַנדערש געטראַכט. און ווען מיר קלאָגען אויף אונזער אייגענעם

גורל, דעם גורל פון אַ מינאָריטעט — מעגען מיר זיך דערמאָנען, אַז מיר זיינען אויך ניט אָהן אַ פּלעק.

אייגענטליך האָט מיך געבראַכט אויף אַט־די רעיונות אַ ביכעל, וואָס דער באַקאַנטער אידישער שריפטשטעלער דר. צבי כהן האָט ניט לאַנג צוריק פאַרעפנטליכט — אין ענגליש — וועגען דעם וואַקסען פון דער קאַראַאימישער סעקטע *).

עס איז, דוכט זיך, אַ דיסערטאַציע, און טראָגט דערפאַר ניט דעם כאַראַקטער פון אַ ליטעראַרישער אַרבייט, ד. ה. זי איז ניט סטיליסטיש און היסטאָריש גענוג דורכגעאַרבייט. עס איז אפשר אויך אַ צו־גרויסע און שווערע אַרבייט. ווייל ניט קוקענדיג אויף אַלע ווערק איבער די קראים, וואָס זיינען ביז אַהער דערשינען — שמחה פינסקער'ס „לקוטי קדמוניות", דר. פירשט'ס „געשיכטע דעס קאַרעערטומס", די אַרבייטען פון אליהו האַרקאַווי און פון דר. ש. פּאָזנאַנסקי, און אין דער לעצטער צייט פון יעקב מאַן — פעהלט נאָך אַלץ, ווי דר. מאַן זאָגט, אַ פולשטענדיגע און גוטע געשיכטע פון די קראים. די געשיכטע פון אַ אידישען סיסטעם, וואָס איז עלטער ווי די קראים, פריהער פון ענן, דעם גרינדער פון דער סעקטע, אַ סיסטעם וואָס דערגרייכט מיט זיינע וואָרצלען ביז צו די אָנהויבען פון דעם אידענטום בכלל.

היסטאָריש, פאַקטיש, איז אייגענטליך ניטאָ וואָס צו דערצעהלען קיין סך. געווען אין פּערסיע — אין דעם יאָהר 860 — צוויי ברידער, ענן און חנניה. ביידע פון דער העכסטער אידישער אַריסטאָקראַטיע, פון „בית דוד". נאָך דעם טויט פון דעם דעמאָלטדיגען „ריש גלותא" — דעם אויבערהאַר איבער דעם אידישען קיבוץ — האָט ענן פרעטענדירט אויף דעם אַמט, און דאָס איז איהם געקומען, סיי לויט זיין יחוס און סיי צוליב זיין גרויס לומדות. אָבער די רבנים פון זיין צייט האָבען געוואָרפען אַ חשד אויף איהם, זיי האָבען געוואוסט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען, אַז ער בונטעוועט אַנטקעגען דעם תלמוד — און מען האָט איהם דערפאַר פאַרבאַלאָטירט. דער אינגערער ברודער, חנניה, איז געוואָרען דער „ראש גלות" — און ענן איז אַוועק אַ ברוגז'ער. און אָט פון דער קריגערייַ האָט זיך אָנגעהויבען די שפּאַלטונג אין דער אידישער וועלט — אַ

*) The Rise of the Karaite Sect, Tausner Publishing Co., New York, 1937.

שפּאַלטונג וואָס האָט געקאָנט ווערען פאַטאַל — ווען ענן וואָלט געווען ניט אַזוי טיף ערליך, ניט אַזוי אויפריכטיג, ווי ער איז געווען.

ענן האָט רעוואָלטירט אַנטקעגען דער גמרא. ער האָט ער־קלערט אַן אויפשטאַנד אַנטקעגען די רבנים, וואָס האָבען פאַר־כאַפּט די מאַכט אויף דער אידישער גאַס. און זיין לאָזונג איז געווען — ווי דער פון די פּראָטעסטאַנטען אין זייער קאַמף קעגען רוים — „צוריק צו דער תורה", צו דעם געשריבענעם וואָרט. דאָס איז די לעצטע אויטאָריטעט, און ניט אַ דרשן פון בבל אָדער פּערסיע, פון סורא אָדער מחוזא, וואָס דרעהט מיט'ן גראָבען פינגער און טייטשט און פּשט'עלט און פּילפּול'ט — און פאַר־שפּאַרט דעם וועג צו דעם אור־קוואַל.

אָבער ענן איז ניט געווען אַזוי נאַאיוו — און גאָר ניט אַזאַ פעטישיסט פון דעם געשריבענעם וואָרט — אַז ער זאָל זיך פאַר־שפּאַרען אין די פינף ביכער פון חומש און ניט וועלען זיך רירען אויף קיין טריט — ווי עס טוען אַ סך קריסטליכע סעקטען פון דעם מין. ער האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים: „חפשו באוריתא שפיר ואל תשענו עלי" — זוכט גוט אין דער תורה און שפּאַרט זיך ניט אָן אויף מיר. ער האָט געעפענט פאַר זיינע תלמידים די אויטאָנאָמיע פון דענקען.

און פון ענן אָן האָט זיך יעדער קאַראַים, וואָס האָט נאָר געלערענט און געטראַכט, געהאַלטען פאַר פעהיג און באַרעכטיגט צו שרייבען זיין פירוש אויף דער תורה און זיין קאָדעקס פון דינים. ענן האָט געוויזען דעם וועג — מיט זיין „ספר המצוות" — זיינע נאָכפאָלגער האָבען איהם טריי נאָכגעטאָן. מעהר ווי גע־טריי, מעהר ווי נויטיג.

אויבענאויף האָבען מיר דעם איינדרוק, אַז סיי ענן סיי זיינע תלמידים (בנימין נאהוועגדי, סהל בן מצליח, יפת בן עלי א. אַז. וו.) האָבען זיך אינגאַנצען דערווייטערט פון דעם אידיש־תלמודי־שען שטייגער, און זייערע דינים זיינען גאָר אַנדערע ווי די פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע. אָבער די געלערענטע, וואָס האָבען זיך באַמיהט אַרום די קאַראַאימישע טעקסטען, דער עיקר אליהו הרכבי, וואָס האָט געזאַמעלט און אַרויסגעגעבען די פראַגמענטען פון ענג'ס „ספר המצוות", האָבען באַוויזען, אַז דער געוואַלד, וואָס די „רבנים" האָבען אויפגעהויבען אַנטקעגען די קראים, איז גאָר

אַן אומזיסטיגער. ענן אונטערשיידט זיך זעהר ווייניג פון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע. און דר. צבי כהן האָט דורך אַן אַנאַליז פון ענן'ס מעטאָדע און די דינים וואָס ער האָט פאָרפיקסירט אין זיין „ספר המצוות" געוויזען, אַז „ניינציג פּראָצענט פון ענן'ס הלכות זיינען פעסט פאַראַנקערט אין דעם באָדען פון דעם תלמוד". און עס איז ניט זיין השערה אַליין. ער שטיצט זיך דערביי אויף דעם ערשטען מיטעלאַלטערליכען היסטאָריקער פון די קראים — יעקב קרקסאַני.

הייסט עס — דער גאַנצער היסטאָרישער קאַמף, די גאַנצע שפּאַלטונג איז געקומען צוליב דער פּערזענליכער קריוודע פון איין מענשען, אָדער צוליב אַ פּאָר מנהגים, וואָס די קראים האָבען ביי זיך איינגעפיהרט ?

און ווייל ענן האָט געזאָגט, אַז מען מוז פרייטאָג־צו־נאַכט זיצען אין דער פינסטער, און נאָך אַזעלכע זאַכען — דערפאַר האָט איינער פון די דעמאָלטדיגע פיהרער פון דעם אידענטום — דער גאון נטרונאי — גענומען זיך דאָס רעכט צו זאָגען מיט ביטערקייט און מיט דעם טאָן פון אַ טויט־אורטייל : „ענן האָט געוואָלט מאַכען אַ צווייטע סעקטע — ער האָט געמאַכט אַ צווייטע אומה" ?

אַזוי פּשוט, אַזוי קליינליך איז די געשיכטע פאָרט ניט, בפרט די געשיכטע פון אַ מינאָריטעט — פון אַ פאָלק וואָס האָט געמוזט אַזוי שווער און ביטער קעמפען פאַר זיין אייגענער עק־זיסטענץ. די מאָטיווען זיינען געווען טיפער, דער שפּיל איז גע־ווען אַ גרעסערער, ווי בלויז אַ פּאָר דינים : עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען דעם גאַנצען, וועגען דעם לעצטען מהות פון דעם אידענטום.

דר. צבי כהן וויל — דורך פאַרגלייכען פון תלמודישע דינים און לעגענדעס מיט דער "תורה" פון די פּאַרסים, דער „ווענדיזאַט", באַווייזען, אַז ענן איז געווען אַן אויפקלערער, אַ משכיל, אַ ראַ־ציאָנאַליסט, וואָס האָט געקעמפט — אינאיינעם מיט דער אַראַ־בישער אינטעליגענץ — אַנטקעגען דער פּערזישער מיסטיק, וואָס האָט כמעט פאַרטרונקען דעם אידישען געדאַנק. איך ווייס ניט, צי עס איז געווען נויטיג צו געהן צו פּערזישע קוואַלען — די לערע פון מלאכים און שדים, די פאַרשיידענע לעגענדעס און מיטאָסען האָבען זיכער געלעבט אין דעם אידענטום נאָך פריהער.

עס איז גאָר ניטאָ אַ פּאָלק אָהן אַ מיטאָלאָגיע. די משיח־לעגענדעס, די קריסטאָלאָגיע, וואָס איז אויסגעוואַקסען אויף ריין־אידישען באָדען, זיינען עדות דערפאַר. די פּערזער האָבען בלויז צוגעלייגט זייערע נעמען און דעטאַלען. דער תוך אָבער איז געווען אור־אידיש.

אָבער דער קאַמף אַנטקעגען אַט דער דאָזיגער אידישער מיטאָלאָגיע איז אויך געווען נאָר — אידיש. און די השערה פון דר. בערנאַרד רעוועל — אין זיין דיזערטאַציע (1911) וועגען „דער הלכה פון קראים און דער הלכה פון פילון" — האָט אַ געוויסען היסטאָרישען זין און שוואונג. דר. רעוועל געהט ווייטער אין זיין אַנאַליזע, ער ווייזט אָן אויף דער אור־שפּאַלטונג אין דעם אידענטום צווישען אַלעקסאַנדריע און ירושלים, צווישען דעם פילאָזאָפישען אידענטום און דעם פּאָלקישען.

די דענקער, די אַריסטאָקראַטען — צי זיי זיינען געווען צדוקים, ווי די טראַדיציע זאָגט, צי ניט — האָבען געוואָלט „רייניגען" דעם אידענטום, אָפּהיטען איהם פון יעדען מיטאָס, האַלטען איהם אויף דער הויך פון דעם פילאָזאָפיש־רעליגיעזען דענקען, און דער רעזולטאַט איז געווען, אָפט — אַ נעגאַטיווער. דער אידישער געדאַנק אין זיין לעצטער ריינקייט איז דערגאַנגען צו דער נעגאַציע פון דעם אידענטום, אומגעפעהר אַזוי ווי פון ענג'ס רעוואָלט איז אויסגעוואַקסען אַן אויפשטאַנד אַנטקעגען די אידישע פונדאַמענטען בכלל — דער אויפשטאַנד פון דעם געדאַנק אַנטקעגען דעם דאָגמאַט.

און דער לאָגישסטער, דער קאָנסעקווענטסטער פון זיינע נאָכפאָלגער — אָדער ריכטיגער, ווייטער־זעהער, איז געווען חוי הבלכי, דער איינציגער אידישער דענקער פון דעם מיטעלאַלטער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זיין — אידיש־רעליגיעז־קאָנסעקווענט, צו נעמען דעם מאָנאָטעאיזם, די גאָט־גייסטיגקייט ערנסט און בוכשטעבליך און אָהן קאָמפּראָמיסען.

און דאָס האָט דאָס אָרטאָדאָקסישע אידענטום ניט געקאָנט פאַרטראָגען. מען האָט פאַרשריען און אַרויסגעזידעלט פון דעם אידענטום חוי הבלכי'ן פונקט ווי מען האָט אַרויסגעשטופּט ענן און די קראים.

מיר זיינען שטענדיג געווען מייסטער פון פאַרשרייען און „פאַרטיליגען דעם געדעכעניש". אַ גליק וואָס ספּינאָזא האָט גע־

שריבען לאַטייניש. וואָלט ער געבליבען ביי דעם העברעאישען ספר, עס וואָלט פון איהם ניט געבליבען קיין זכר, אַחוץ אַ פּאָר זידעל־שורות ווי וועגען חוי הבלכי — אָדער אין דעם בעסטען פאַל אַ שאַרפע פּאָלעמיק ווי די פון סעדיה גאון אַנטקעגען די קראים.

דר. צבי כהן וויל איצט „רעווידירען" דעם קראים'שען פּראָצעס, צונויפבריענגען די צוויי טיילען פון דעם פאָלק — די מינאָריטעט מיט דער מאַיאָריטעט.

ביי מיר האָט ער געפועל'ט —אָבער לאָז ער עס פועל'ן ביי דער „אגודה"! און איך בין גאָר ניט זיכער, אַז די רבנים וואָלטען אפילו איצט מסכים געווען. ווען אידען פאַר'עקשנ'ען זיך! . . .

מאַי 1, 1937.

אַן אוצר פון וואונקען

יעדעס מאָל ווען איך געה פאַרביי אַ אידישע בוכהאַנדלונג מיט די רבנישע ספרים און דרשות, דערמאָן איך זיך אַן מיין אַמאָליגען רבי'ן — אהרן מאיר דראַגיטשין — ער איז געווען אַ גמרא־מלמד ביי אונז אין אומאַן — הגם אַליין אַ ליטוואַק. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געקנעלט מיט די קינדער, אָבער שבת האָט זיך זיין ראָלע געביטען. שבת איז ער געווען דער מגיד, דער בעל־דרשן, דער מטיף. און מיר, אינגלעך, פלעגען צוזעהן, מיט וואָס פאַר אַ מיה, מיט וויפיל שטערען־קנייטשעניש ער האָט זיך צוגעגרייט צו זיין שבת'דיגער דרשה. איך ווייס ניט פאַרוואָס — אָבער מיר האָבען געהאַט אַ חשד, אַז ער איז ניט קיין צו־גרויסער למדן. אפשר האָט עס זיך גענומען דערפון, וואָס ער איז ניט געווען קיין חריף, האָט זיך ניט געקאָנט אָריענטירען אין די פּלאָנטערס פון די סוגיות, איז ניט געווען אימשטאַנד אַרויסצורופען ביי אונז אַט דעם חשק צו פרעגען קשיות, צו שאַרפען דעם מוח, „אויסצורייסען בערג און צעמאָלען זיי", ווי עס הייסט אין דער תלמודישער מליצה. מיר האָבען געזעהן, ווי ער פיהלט זיך ניט היימיש, עפּעס ווי אויף גלאַט־אייז, אין דער קאַלטער הלכה. און מיר האָבען אויך באַמערקט, ווי ער לעבט ממש אויף, דערוואַרימט זיך, צעפלאַמט זיך — ווען ער דערנעהנטערט זיך צו דער אגדה, צום מדרש. און ער פלעגט אונז מיט פייער, מיט התלהבות ציטירען דעם באַוואוסטען מאמר פון „ספרי": „הרוצה להכיר את מי שאמר והיה העולם, ילמוד אגדה" — אויב דו ווילסט דערקענען גאָט, לערען אגדה.

אָבער מיר, תלמידים, האָבען געפיהלט, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד. אונזער גמרא־מלמד האָט פשוט ניט געהאַט קיין טאַלאַנט פאַר פלפול און פאַר דער האַרבער לאָגיק פון דער שטרענגער הלכה. עס האָט איהם געצויגען צו דער פּאָעזיע, צו די לעגענדעס, צו דער „בעלעטריסטיק", דער איינציגער פאָרם, וואָס איז איהם געווען באַקאַנט און צוגענגליך.

און אַ פּאָר יאָהר שפּעטער האָט אַן אַנדער גמרא־מלמד —

דער אַלטער און טיפער למדן, כמעט אַ גאון, משה חיים „פּאַרפּע־לעס" — אונז, די פּאָר תלמידים וואָס זיינען אַריבערגעגאַנגען צו איהם, לכתחילה געוואָרענט מיט אַ מאמר פון ירושלמי: „אמר ר' יהושע בן לוי: הדא אגדתא הכותבה אין לו חלק... השומע אינו מקבל שכר: מי יומי לא אסתכלית באגדתא" — די וואָס האָבען פאַרפאַסט די אגדה, די וואָס לערנען זי — וואַרפען אַרויס זייער צייט; און ער — ריב"ל — האָט קיינמאָל אפילו ניט אַריינגעקוקט אין אַן אגדה.

אָט אַזוי — צווישען צוויי עקסטרעמען: די שטרענגע הלכה און דער גרינגער מדרש — ביז דאָס לעבען האָט אָפּגעריסען דעם פאָדים פון ביידע עקען, און דאָס גאַנצע „לערנען" איז געוואָרען בלויז אַן ענין פון פאַרגאַנגענע יאָהרען, טויטע דורות, אָהן שום באַציהונג צו דעם לעבען, אָהן שום וואָרצלען אין דעם היינט. שוין ניט מעהר ווי מאַטעריאַל פאַר געשיכטסשרייבער, פאַר ליטעראַ־טור־פאָרשער, פאַר די וואָס גריבלען זיך אין די אַמאָליגקייטען.

און אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל דער היינטיגער צוגאַנג צום „לערנען" אין אַלע זיינע פאָרמען איז שוין בלויז אַ קיל־אָביעק־טיווער, ווייל דער קוק איז שוין אַ היסטאָרישער, איז די פאָרשונג אויף דעם געביט פון הלכה און אויך פון מדרשים געוואָרען אַן ערנסטערע, אַ טיפערע. וואָס מעהר מיר דערווייטערען זיך פון דער לעבעדיגערווירקליכקייט, אַלץ שאַרפער ווערט דאָס אויג. מיר געווינען ערשט איצט די ריכטיגע פּערספּעקטיווע פאַר דעם אַלטען גייסטיגען לעבען פון דעם אידישען פאָלק.

די הלכה ווערט דער שליסעל צו דער סאָציאָלאָגיע פון דעם אידענטום, די אגדה עפענט אונז אויף די וועגען צו פאַרשטעהן דעם אידישען געדאַנק, אָט דאָס פאַרפלאָנטערטע אידישע דענקען, וואָס האָט קיינמאָל ניט געפונען קיין קלאָרען אויסדרוק, און האָט שטענדיג געקעמפט אַנטקעגען דער סיסטעמאַטיזירונג.

די שעהנקייט און די קראַפט פון דעם אידישען געדאַנק איז תמיד געווען — דאָס ניט־דערזאָגען, דאָס ניט ביז־צום־סוף דענקען. עס איז געווען אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך געשראָקען פאַר זיינע איי־גענע קאָנסעקווענצען, און האָט דערפאַר איבערגעריסען דעם פאָדים גראָד דאָרט, וואו ער איז געוואָרען אָנגעשפּאַנט. עס איז אַ דענקען פון אייביגער שפּאַנונג, פון אינטענזיטעט און פון רמזים, וואונקען.

און וואָס נעהנטער מיר באַקענען זיך מיט איהם, אַלץ טונ־קעלער ווערט ער, אַלץ אָפּגרונטיגער, אַלץ פאַרבאָרגענער.

קריסטליכע און אידישע פאָרשער האָבען ניט איינמאָל אָנגע־וויזען אויף דעם פאַקט, אַז עס איז ניטאָ קיין שפּעציפישע אידישע פילאָזאָפיע. ווייל אפילו דאָס וואָס איז פאַראַן — די אידישע פילאָזאָפיע פון דעם מיטעלאַלטער — איז ניט קיין אָריגינעלע, נאָר בלויז אַן אויסטייטשונג פון אַנדערע, אַ צופּאַסונג פון דער גריכישער און אַראַבישער פילאָזאָפיע צו דעם דת. קנאים פון דעם אידענטום, ווי צ. ב. דוד ניימאַרק — באַמיהען זיך צו באַווייזען גראַד דעם היפוך, אַז עס איז דאָ אַן אייגענע אידישע פילאָזאָפיע, און מיינען, אַז דורך פּלפּול וועגען דעם רמב״ם אָדער סעדיה גאון, דורך גריבלען זיך אין די אַלטע טעקסטען קאָן מען רעהאַביליטירען דעם אידישען פילאָזאָפישען נאָמען. עס איז אַן אומזיסטיגע אַרבייט.

ניט אין סיסטעמען, ניט אין שיטות איז דער אידישער גע־דאַנק. ער איז קיינמאָל ניט קיין קריסטאַליזירטער, קיין פאַרטי־גער, קיין ניט וויטער־צו פיהרענדיגער. ער איז צעשפּרייט און צעזייעט — ער איז פראַגמענטאַריש, ער איז — בלויז וואונק, תמיד אַן אָנהויב אָדער אַ המשך, קיינמאָל ניט קיין סוף.

עס איז כמעט אוממעגליך צונויפצושטעלען פון די איינציגע פראַגמענטען אַ גאַנץ בילד, אפילו אַ מאָזאַאיק. דער זוהר האָט עס געפּרואווט, ער האָט געוואָלט פאַראייניגען, ברענגען אונטער איין דאַך, אין איין סיסטעם די געדאַנקען פון לאַנגע דורות, דעם פילאָזאָפישען דענקען און ראַנגלען זיך פון דעם אידענטום, און עס איז ניט געראָטען. ער האָט געוואָלט פון די איינצעלנע ברענענ־דיגע, בליצענדיגע פונקען שאַפען איין גרויסען ליכט, איין „בוצינא קדישא" — אָבער די פונקען האָבען פאַרלוירען זייער ליכט, זיי זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען.

און ווילען מיר קענען דעם אידישען געדאַנק — מוזען מיר געהן צום מקור. אָהן האָפענונג אויף אַ גאַנצקייט, אויף אַ וועלט־בילד, אויף אַ וועלט־אַנשויאונג. אַן אַנדער צוגאַנג איז בויטיג. דאָס אידישע דענקען איז פילפאַרביג — און בלויז אַזוי האָט עס אַ ווערט.

אָט ליגט פאַר מיר אַ ספר — וואָס האָט, פון מיין שטאַנד־פּונקט, אַ סך אַ גרעסערען ווערט, ווי אַלע פאַרזוכען צו סיסטעמאַ־טיזירען און „פאַרוויסענשאַפטליכען" די אידישע אידייען־וועלט.

עס איז אַ בוך, גאַאיוו אין דער אויפפאַסונג, אָהן אַ פילאָזאָפישער אָדער אפילו אַ וויסענשאַפטליך־קריטישער מעטאָדע. אַ רב, אַן אַלטמאָדישער, ד. ה. מיט אַן אַלטפרענקישער תמימות׳דיגער באַציהונג, האָט עס געזאַמעלט און צונויפגעשטעלט.

„תורה שלמה״ — הייסט דער ספר, און אַ ירושלים׳ער רב, מ״מ כשר, האָט איהם פאַרפאַסט. פאַרפאַסט איז אייגענטליך ניט דאָס וואָרט. רב כשר זאָגט אַליין אין זיין הקדמה — אין די ווערטער פון דער גמרא: „לא גמרנא אנא ולא סברנא אנא, רק סדרנא אנא״ — ער איז ניט קיין לערנער און קיין קלערער — ער איז בלויז אַן אָרדנער, אַ צונויפשטעלער. ער האָט אויף זיך גענומען אַ שווערע, אַ ריזיגע אַרבייט — צו זאַמלען פון דער גרויסער מדרשים־ליטעראַטור אַלע „פירושים״ אויף דער תורה. דאָס מיינט אייגענטליך — צו שאַפען אַ היסטאָרישען קאָמענטאַר צו דער תורה, צו פאַרשמעלצען — צום ערשטען מאָל — אין אַן אָרגאַנישער איינהייט די צוויי תורות — די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה, כדי עס זאָל ווערען איין „גאַנצע תורה״.

אַ ריזען־אַרבייט. צוויי בענדער זיינען שוין אַרויס — און עס האַלט ערשט ביים צווייטען קאַפיטעל פון „בראשית״. און דאָס מיינט, אַז ווען דער ספר וועט פאַרענדיגט ווערען — וועט ער פאַרנעמען אַ גאַנצע שאַפע, וועט ער ווערען אַ מין ביבליאָטעק פאַר זיך. ווי געזאָגט, די מעטאָדע פון דעם „סדרנא״, דעם צוזאַמענשטעלער, איז ניט קיין מאָדערן־וויסענשאַפטליכע. ער קלייבט בלויז צונויף, שטעלט זיי צוזאַמען, ער ערקלערט אָבער ניט זייער היסטאָרישען הינטערגרונט, אפילו ניט די שפראַכליכע אייגענאַרטען.

אָבער דאָס איז אויך ניט וויכטיג. היסטאָריקער און פילאָלאָגען זיינען דאָ גענוג. באַכער׳ס באַרימט ווערק וועגען די מדרשים, דר. ל. גינצבערג׳ס מאָנומענטאַל ווערק אויף ענגליש — „די לעגענדען פון די אידען״ — ספּעציעל אין די בענד פינף און זעקס, ד. ה. אין די אָנמערקונגען און ערקלערונגען, — די דאָזיגע קלאַסישע ווערק פון חכמת ישראל, זיינען דערווייל נאָך גוטע פיהרער אויף דעם געביט פון דער אידישער לעגענדען־געשיכטע. דער עיקר איז — דער מאַטעריאַל אַליין. די הויפט־זאַך איז — דאָס זאַמלען. וואָס פאַר מדרשים זיינען דאָ ניט אויסגעשעפט? וואָס פאַר אַלטע, פאַרגעסענע, פאַרבאָרגענע אוצרות זיינען דאָ ניט אַרויסגעצויגען געוואָרען! מדרשים פון תימן, מדרשים וואָס זיי־

נען נאָך אין מאַנוסקריפּט, מדרשים פון עק וועלט, אַלע זיינען זיך דאָ צונויפגעקומען. איהר נעמט דעם ערשטען פסוק פון חומש: בראשית ברא א. אַז. וו. אַ גראַניטנער זאַק, אַ זייל, און אַרום איהם פון אַלע זייטען — אַ וואַלד פון זיילען. צוערשט די דריי תרגומים: אונקלוס, יונתן בן עוזיאל און ירושלמי. דערנאָך רש"י'ס פּירוש, און ווייטער גמרא, מדרש, זוהר, צוויי הונדערט און ניינציג מאמרים אַרום דעם ערשטען פסוק!

איך לייען — אויב מען קאָן דאָס רופען לייענען, אויב מען קאָן בכלל לייענען אין איין אָטעם אַזאַ ספר, ווי מען לייענט אַן אַנדער בוך. און געדאַנק נאָך געדאַנק בליצט־אויף, פונק אויף פונק. וואונק נאָך וואונק.

עס רופען זיך איבער די דורות דורך די ווייטע שטרעקען פון צייט, טויטע דורות רעדען זיך דורך.

דאָ אַ טיפזיניגער איינפאַל — דאָרט אַ פּאָעטישע מליצה, — און ווייטער אַ זיפץ פון אַ געפּעניטעטען געדאַנק — און דער שמייכעל פון אַ סקעפּטיקער — אַ רייכע, אַ פאַרביגע וועלט שטעהט־אויף פאַר אייערע אויגען. און איהר זעהט ווי דער אידישער גע־דאַנק וועבט זיך — רייסט זיך איבער, און וועבט אויפ'סניי, מיט אַזויפיל געדולד — און מיט אַ טיפען יאוש — דעם יאוש ווען עס איז צו קומען צו אַ ציל.

איהר מישט אויף אַ בלאַט — און לייענט: „אין דער תורה פון ר' מאיר האָט מען געפונען אַ באַמערקונג: „והנה טוב מאד — והנה טוב מות" — ר' מאיר, דער אַפּאָלאָגעט פון טויט, ר' מאיר מיט אַ בודיסטישען געדאַנק. איין מאמר, איין וואָרט — און ר' מאיר וואַקסט־אויס פאַר אייך גרעסער, העכער, ווי ער איז ביז אַהער געווען: ר' מאיר דער פילאָזאָף.

אַן אַנדער בלאַט — א מאמר פון „מדרש תהלים" „ אין דער שעה האָט זיך דוד געפרעהט, וואָס עס איז אַרויסגעגאַנגען פון איהם דער „שטות", און פון פרייד האָט ער פאַרפאַסט זיין ליד. האָט איהם גאָט געזאָגט: „טובה היא השטות" — גוט איז די נאַריש־קייט! נאַרישקייט — ליידענשאַפט, — גלוסטעניש — „גוט איז גאָט!" און איהר זעהט פאַר אייך אַ שטאַרקען, רעוואָלטירענדען אידען — וואָס האָט ניט געוואָלט צעשיידען די וועלט פון דער „נאַרישקייט", איהר זעהט דעם רעאַליסטישען עטיקער.

און דאָ איז אַן עקאָנאָמיש־דענקענדער, אַ היסטאָרישער מאַ־

טעריאַליסט: „אמר ר״י — כשבא ככר לעולם — בא שלום לעולם״ — שלום און ברויט — שלום און געלט — פּאָליטיק און עקאָנאָמיק געהען האַנט אין האַנט.

איך וואָלט געקאָנט אָנפילען גאַנצע זייטען מיט ציטאַטען, מיט וואונדערליכע ווערטער און איינפאַלען. אָבער עס איז ניט נויטיג. די שעהנקייט פון די דאָזיגע אַלטע ווערטער און געדאַנקען איז דאָס וואָס זיי שטעהען אַליין, איזאָלירט, וואָס מען דאַרף געהן צו זיי, זוכען זיי, גראָבען זיך אַ וועג צו זייער טיפקייט.

וואָס פּאַר אַ שאָד, וואָס מיין אַלטער רבי אהרן מאיר האָט ניט דערלעבט צו האָבען אַזאַ ספר — אַזאַ אוצר. ווי גליקליך וואָלט ער געוועזן! עס איז איהם ניט באַשערט געוועזן. און אַזוי איז תמיד אין דער וועלט — די וואָס וואָלטען באמת באַדאַרפט האָבען דעם ספר: די מגידים, די דרשנים, די לומדים, — זיי זיינען שוין כמעט ניטאָ מעהר, און די וואָס האָבען איהם — נויטיגען זיך ניט מעהר אין איהם.

סיידען בלויז די היסטאָריקער, די וואָס ווילען איבערדענקען אויפ׳סניי, טיפער פאַרשטעהן דאָס אידענטום אין זיין היסטאָרישער געשטאַלט, — סיידען זיי.

אָדער אפשר אויך די, וואָס זיינען נאָך היינט ביכולת צו פאַרשטעהן די וואונקען פון דעם אידישען דענקען — און אַנטוויקלען דעם וואונק אין אַן אידייע — אויב עס איז מעגליך.

יאנואַר 18, 1930.

אָהן פּעפער

שוין לאַנג ניט געהאַט אַזאַ רעספּעקט פאַר אידען, הנאה געהאַט פון אידען, ווי ביים לייענען פון אַ קורצער, טעלעגראַפישער מעלדונג פון פוילען:

אין אָסטראָג, וואָלין, אין דעם טייל וואָלין, וואָס באַלאַנגט איצט צו פוילען, האָבען צען טויזענט אידען געפּראַוועט מיט גרויס פּאַראַד דעם דריי־הונדערט־יעריגען יובילײ פון דעם מהרש״א.

צען טויזענט אידען אין אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָדט, ווי אָסטראָג, דאָס איז שוין ניט מעהר קיין יום־טוב פון אַ פאָר לומדים אָדער ליטעראַטען. דאָס איז אַ פאָלקס־יום־טוב. דאָס מיינט, אַז אין דער שטאָדט אָסטראָג, אין דער פּראָווינץ וואָלין, צווישען די אידען פון אוקראַינע און פון פוילען, לעבט נאָך אַן ערינערונג פון אידישע קולטור־ווערטען, וואָס זיינען פאַר דעם רוב פון אונז בלויז שוין אַרכעאָלאָגיע.

פּאָגראָמען אין פוילען, באָיקאָט, רדיפות, אָרימקייט, אומעט, קאַמף צווישען פּאַרטייען, אידישע צעריסענקייט, דאָס אידישע לעבען אין אַ כמאַרע, און אין דער אייגענער צייט — דער יובילײ פון דעם שווערען, האַרבען קאָפּ־צעברעכערישען מפורש, וואָס האָט אַזויפיל דורות אידישע קינדער אָנגעטאָן אַזויפיל צרות, דער מהרש״א.

ווייל מיט דריי הונדערט יאָהר צוריק, אין 1631, איז אין דעם שטעדטעל אָסטראָג געשטאָרבען אַ רב, אַ ראש ישיבה, וואָס האָט געהייסען ר׳ שמואל אליעזר בן ר׳ יהודה איידעלש. פון דער מוטער׳ס צד אַן אוראייניקעל פון דעם מהר״ל פון פּראָג, דעם באַרימטען רב, וואָס איז פאַרבונדען מיט דער גולם־לעגענדע.

אַליין פון פויזען, וואַנדערט דער רב אַרום איבער דעם פּוי־לישען לאַנד, איז ראש ישיבה אין פויזען, דערנאָך רב אין כעלם, אין טיקטין, ביז ער באַזעצט זיך אין אָסטראָג, וואו ער דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה אין לומדות, וואו ער ווערט די מערקוויר־דיגע, איינציגאַרטיגע קולטור־היסטאָרישע פיגור, וואָס איז אַזוי טיף אַריינגעדרונגען אין דעם אידישען באַוואוסטזיין, וואו ער ווערט דער מהרש״א.

איך האָב זיך אָפט געוואונדערט, פאַרוואָס די מאָדערנע אידישע ליטעראַטור, סיי אידיש, סיי העברעאיש, האָט אַזוי ווייניג אינטערעס און פאַרשטענדעניש פאַר דער אמת־אידישער, אַזוי כאַראַקטעריסטישער ערשיינונג, וואָס איז דער רבניזם און די רבנישע ליטעראַטור. עס שוויבעלט דאָך אין דער אידישער פרעסע מיט חסידישע מעשיות, מיט ביאָגראַפיעס פון רביים; עס איז אויסגעוואַקסען אַ גאַנצע חסידישע ליטעראַטור אין די ביידע שפראַכען פון דעם אידענטום; אין יעדער צייטונג, אין יעדען זשורנאַל אַרטיקלען, פאַרשונגען, לירישע אויסגוסען איבער חסידות, און וועגען די שטרענגע, ערנסטע פאַרשער פון דעם אידישען געדאַנק, וועגען די וואָס האָבען באמת געצויגען די קייט, געשפונען די פעדים, די גאָלדענע אָדער שפינוועביגע, — ווי מען וויל, — וועגען די מענשען מיט די הויכע שטערענס און אָריגינעלען דענקען, וועגען די גאונים, לומדים — כמעט ניט קיין וואָרט. שטיל געוואָרען אַרום זיי, פאַרגעסען זייערע נעמען און זייער ווערק.

עס איז נאַטירליך. מענשען האָבען ליב דאָס גרינגע, און די אגדה, מדרש, לעגענדעס, מאַראַל, דאָס איז אַזוי גרינג. עס איז דער ראָמאַן, אָדער די פּאָעזיע פון דעם לעבען. פּראָזאַ אָבער איז גרוי, איז שווער, בפרט די פּראָזאַ פון די אַלטע רבנים, די פּראָזאַ פון דעם ווילנער גאון, אָדער פון דעם רמ"א, אָדער פון דעם מהרש"א, אפשר דעם שווערסטען פּראָזאַאיקער און דעם קאָמפּלי־צירטסטען מפורש, וואָס די אידישע ליטעראַטור האָט אַרויסגעבראַכט פאַר די לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר.

עס וואָלט געווען אַ דאַנקבאַרע אַרבייט פאַר אַן עכטען און ערנסטען פאַרשער, פאַר אַ מענשען מיט אַ הויכער, מאָדערנער, פילאָזאָפישער בילדונג, זיך צו פאַרטיפען אין די ווערק פון די אַמאָליגע; צוגעהן צו זיי ניט ווי צו „סכאָלאַסטיק", ניט מיט ביטול, מיט אַ פאַראַכטונג, נאָר מיט אַ קלאָרען און שאַרפען ווי־סענשאַפטליכען אַנאַליז, אַנטקעגענשטעלען ווערט קעגען ווערט, מעטאָדע קעגען מעטאָדע, און פון די פאַרשיידענע וואונקען, אַפאָריזמען, שערבלעך שאַפען אַ סיסטעם פון דעם אידישען דענקען.

מחמת אידען האָבען זיך דערשראָקען פאַר זיך אַליין. מען האָט זיי אַזוי לאַנג אויפגעוואָרפען „תלמודיזם", „פלפוליסטיק", אַז זיי האָבען אַליין אָנגעהויבען צו גלויבען אין דער מינדערווערטיג־

קייט פון דעם אייגענעם דענקען. זיי פאַרלייקענען זייער אייגענ־אַרט.

„פּלפּול" — נאָך היינט איז דאָס אַ שרעק־וואָרט פאַר די דייטשע אידען און אַלע וואָס שטעהען אונטער זייער השפּעה. אידען באַמיהען זיך צו זיין „פּשוט", „לאָגיש", זיין ווי אַלע, און באַהאַלטען אין זיך, און דערשטיקען אין זיך דעם איינציגען וואונדערבאַרען טאַלאַנט, וואָס זיי האָבען באַקומען בירושה — דעם טאַלאַנט פון פּלפּול, פון שאַרפקייט. זיי האָבען אויסגעשיט דעם „פעפער" און מיט איהם אויך דעם זאַלץ. און דאָס אידישע דענקען איז געוואָרען פונקט אַזוי אומבאַ׳טעמ׳ט, ווי דאָס דענקען פון אונזער צייט בכלל.

מען ווייסט ניט אַקוראַט פון וואַנען דאָס וואָרט, דער באַגריף „פּלפּול" קומט. איז דאָס טאַקע „פּלפּול" — פעפער, אָדער קומט דאָס, ווי לעווינזאָן מיינט, פון דעם שורש „פּלל" — רעדען. איינס אָבער איז קלאָר, אַז נאָך פון די פריהסטע צייטען האָט מען מיט דעם וואָרט „פּלפּול" פאַרבונדען דעם פעפער־באַגריף, אַ דענקען, געזאַלצען און געפעפערט, שאַרף און קיצלענדיג; אַ געדאַנק, וואָס קומט פון ווייטענס, ניט פאָלקסטימליך, ניט „היימיש" — עקזאָטיש. פעפער — פאַר זיך אַליין אָהן שום נוצען, אָהן שום ווערט. פּלפּול — נאָך ניט דענקען. ווייל יעדער געדאַנק איז, אין זיין עצם, איינפאַך, האַרט־ביי־דער־ערדיג, איינליניענדיג. דענקען איז — געדענקען, זיך דערמאָנען. אַזוי האָט פּלאַטאָן דעפינירט די „אידייע" — דאָס דענקען בכלל. מיר דערמאָנען זיך אין דעם, וואָס מיר האָבען געזעהן, געהערט. דאָס אייגענטליכע דענקען איז אַ בילד, אָדער אַ קלאַנג. און דער גרעסטער רוב פון מענשען בלייבען ביי דער דאָזיגער ערשטער מדרגה פון דענקען. אפילו די געלערענטע, די פאָרשער דערהויבען זיך זעהר זעלטען ביז צו אַ העכערען שטאַפּעל.

אויב מען וויל, איז ניט פאַראַן קיין פלאַכערער דענקען, ווי די אַזוי־גערופענע „פאָפּולערע" חכמה. אין יעדער פאָרם און ווי זי זאָל ניט זיין — צי דאָס איז „משלי", אָדער „בן־סירא", צי דאָס איז עפּיקטעט׳ס מאָראַל־פילאָזאָפיע, אָדער די פאָלקס־ווערטלעך — זיי זיינען שטענדיג באַנאַל, ווייל ביי דעם שוועל פון דעם דענקען.

אמת דענקען הויבט זיך ערשט אָן ביי דער סתירה, ביי דעם

ווידערשפּרוך און דעם ניין. דאָס וואָס איז ניט, ד. ה. דאָס, וואָס מען קאָן ניט זעהן און ניט הערען, דאָס וואָס קיין שום חוש קאָן ניט אויפנעמען דירעקט, דאָס איז דער מאַטעריאַל פאַר דעם געדאַנק. און אונזער דענקען איז אַ לאַבאָראַטאָריע, וואו יעדע „ווירקליכקייט" ווערט לכתחילה צעריסען, צעשטערט, פאַרניינט, כדי דערנאָך אויפגעבויט צו ווערען אויפ'סניי, אין אַן אייגענער פאָרם.

און אייגענטליך איז די גאַנצע קראַפט פון דעם אידישען גייסט באַשטאַנען אין דעם דענקען פון דעם „ניט", אין דעם לייקענען דאָס, וואָס איז אויבענאויפיג. דערפון אויך די אומגעהויערע שווערקייט צו סיסטעמאַטיזירען דעם אידישען געדאַנק. ווייל „סיסטעם" הייסט צונויפשטעלען, צונויפלייגען, אָרדנען; אָבער אָרדנען איז סוף־כל־סוף מעכאַניש, עס מיינט ניט מעהר, ווי אָוועקשטעלען איין קערפּער לעבען דעם צווייטען אין אַ געוויסען סדר. אָבער ווי קאָן מען צונויפשטעלען און איינאָרדנען די אַלע טיפע ווידערשפּרוכען, קעגענזאַצען, פּרעמדקייטען אין דער ווירק־ליכקייט, אין דעם לעבען, אין דעם דענקען? מען קאָן צוזאַמענ־שטעלען אַ הויז פון הילצערנע באַלקעס, אָבער ניט פון „קורי עכביש", פון אָט די דינע פעדים, וואָס ווערען צעשטערט ביי דער מינדסטער באַרירונג.

דערפאַר זיינען אויך די מייסטע „סיסטעמען" פון דעם גע־דאַנק אַזוי פשוט, אַזוי האַמעטנע. מען וואונדערט זיך אָפט איבער דער נאַאיוויטעט פון די סיסטעמאַטישע דענקער. האָבען זיי דען אַליין ניט געזעהן די אַלע שוואַכקייטען און סתירות, און ליידיג־קייטען פון זייער בנין? מען מיהט זיך אָפט זיי צו פאַרענטפערען, צו פאַרטייטשען, און אָפט איז דער פירוש טיפער, אָריגינעלער, וויכטיגער, ווי דער סיסטעם אַליין, ווייל דער סיסטעם־בויער האָט געטראַכט — פשוט, דער מפורש האָט געדאַכט — מיט שאַרפקייט, מיט פּלפּול.

זיי האָבען עס געוואוסט שוין אין די אַלטע צייטען, אין די יאָהרען, ווען דער אידישער געדאַנק, אָט דער גאַנצער גייסטיגער קאָמפּלעקס, וואָס האָט געהייסען „תורה" איז נאָך געווען אַ לעבע־דיגע, שטענדיגע שאַפונג. זיי האָבען געוואוסט דעם גרויסען און טיפען אונטערשייד צווישען דעם „בעל־השמועות", ד. ה. דעם, וואָס נעמט נאָר איבער, לערענט פון אַנדערע, היט די טראַדיציעס,

טראַכט נאָך פרעמדע געדאַנקען, און דעם „בעל־הפלפול״, דעם, וואָס פאַרבינדט און באַנייט. און די גמרא זאָגט אויף אַן אָרט (כתובות, ק״ג:) „אמר לו ר׳ חנינא לר׳ חייא... חס ושלום נשתכחא תורה מישראל מהדרנא ליה מפלפולי״... ווען די תורה, די געהערטע, די טראַדיציאָנעלע, די גע׳ירש׳ענטע, וואָלט פאַרגעסען געוואָרען, וואָלט דער פלפול זי געקאָנט ווידעראויפשטעלען, שאַפען אויפ׳סניי. דער לעבעדיגער געדאַנק איז שעפעריש; דאָס וואָרט, דאָס געהערטע, דאָס פאַרטיגע, איז טויט און אומפרוכטבאַר.

און עס איז גאָר ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד אין די שווערסטע צייטען פון דעם אידישען לעבען, אין די יאָהרען פון די גזירות, פון די שווערסטע אַנטווישונגען, איז דער פלפול אַזוי שטאַרק געוואָרען צווישען אידען. טאַקע ווייל די תורה האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַ משא אויף דעם פאָלק, טאַקע ווייל די פשטות פון אַמאָל האָט פאַרלוירען איהר לעבענס־מאָטיוו־ווערט, ווייל די ווירקליכקייט איז געוואָרען ניט אַריבערצוטראָגען, איז דער געדאַנק, דער אויטאָנאָמער און זיין־אייגען־רשות׳דיגער אַריינגעטראָטען אין זיין מלוכה. און טאַקע ווייל דאָס גאַנצע לעבען איז געוואָרען אַן איינאיינציגע קשיא און אַ זעהר האַרבע דערצו, איז דאָס גאַנצע גייסטיגע לעבען אָוועקגעשטעלט געוואָרען אויף דעם יסוד פון פרעגען, פון צווייפלען, פון גראָבען און זיך גריבלען.

אַזוי איז דאָס געווען אין דער קריסטליכער וועלט פון דעם מיטעלאַלטער, ווען דער ווידערשפרוך צווישען לעבען און גלויבען איז געוואָרען צו־גרויס. דעמאָלט האָט די „סכאָלאַסטיק״ פאַרנומען דאָס אָרט פון דעם אַמאָליגען — גריכישען — אופן פון דענקען, דעם אופן פון קלאָרען יאָ און אַבסאָלוטען ניין. דער סכאָלאַסטיקער האָט זיך געוואַקעלט, ווי דער באַרימטער אַבעליאַר, צווישען דעם „יאָ״ און דעם „ניין״. ער האָט געבויט בריקען צווישען די צוויי וועלטען. און אַ בריק איז אַ זעהר קאָמפליצירטער עניין. עס הענגט אויך אָפּ פון דעם וואַסער. איבער אַ קליין טייכעלע איז גענוג אַ באַלקען, אַ ברעטעל; איבער אַ גרויסען טייך מוז מען האָבען אייזען און שטאָל און אינזשענירען־קונסט.

און פון אַלע טייכען איז דער אידישער געווען דער טיפסטער און שטורעמדיגסטער. אַזעלכע ווידערשפּרוכען, ווי די אידישע, האָט קיין שום אַנדער דענקען ניט געקענט. אַלצדינג אומרעאַל:

געזעלשאַפט, רעכט, עקזיסטענץ, דער היינט אין ספק, דער מאָר־גען אַ רעטעניש, אַרום און אַרום ווענט און בערג. און דער אידישער גייסט האָט געמוזט, כדי צו לעבען, צונויפפירען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אַרויסרייסען די בערג — „עוקר הרים וטוחנם". דער פּלפּול איז געוואָרען אַ סאָציאַלע פונקציע און ניט קיין אינטע־לעקטועלע נויטווענדיגקייט.

עס איז דערפאַר גאָר ניט קיין וואונדער, וואָס דער מהרש"א, דער לעצטער און אפשר גרעסטער פאַרטרעטער פון דעם פּלפּול, פון דער שאַרפקייט און געפעפערטקייט אין דעם „לערנען", ד. ה. אין דעם דענקען, איז געוואָרען איינער פון די „עמודי התוך", אַ זייל פון דעם גאַנצען אידישען גייסטיגען בנין. רש"י, תוספות, מהרש"א, דריי שטופען פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג — פשטות, קלאָרקייט און העכסטע קאָמפּליצירטקייט, וואָס דערגעהט אָפט ביז צום פּאַראַדאָקס.

און ווייל די העכסטע דערגרייכונג פון פּלפּול — אויך זיין פאַרענדיגונג. דער שאַרפער מעסער ווערט טעמפער און שטומ־פיגער. דער פּלפּול פאַרלירט צוביסלעך דעם פּרעסטיזש, דאָס אידישע לעבען ווערט „געוועהנליכער", גלייכט זיך אויס, און אידען באַקומען אויך די אילוזיע פון אַ פשוט'ערווירקליכקייט.

און אידען פאַרלירען אויך — זאַלץ און פעפער.

איז דאָס אפשר אַ סימן פון דער צייט, אַט די דעמאָנסטראַציע פון די צען טויזענט אידען אין אָסטראָג פאַר דעם קבר פון דעם מהרש"א? ווייל דאָס אידישע לעבען ווערט ווידעראַמאָל, און נאָך שאַרפער ווי פריהער, אַ פּאַראַדאָקס און אַן אומווירקליכקייט. קעהרט זיך אום דער אידישער אינטעלעקט צו זיך אַליין?

אויף דעם הויז פון דעם מהרש"א אין אָסטראָג איז געווען איינגעקריצט אַן אויפשריפט: „ביתי לאורח אפתח" — איך עפען מיין הויז פאַר דעם אורח.

און איך גלויב, עס איז כדאי פאַר דעם נייעם אידישען אורח נאָך אַמאָל אַריינצוגעהן אין דעם אַלטען הויז פון מהרש"א — דעם הויז פון געפעפערטען שאַרפען דענקען. אָהן פּלפּול איז די וועלט אומפאַרשטענדליך — אונזער וועלט — און אָהן פּלפּול קאָן מען זי ניט אָנגעמען, זי האָט צו־ווייניג טעם.

דעצעמבער 18, 1931.

דער „מיטעלערער וועג״

אַ וואָרט האָט אָנגעריסען ביי אַ לעזער — און איינער אַ פאַרשטעהענדער איז מעהר ווערט, ווי טויזענט דענקפולע — אַ וואָרט, וואָס איך האָב אָנגעשריבען, אַזוי צו זאָגען, „כלאחד־יד״, פאַרבייגעהענדיג, אין אַן אַרטיקעל אָהן שום פילאָזאָפישע כונות — דאָס וואָרט וועגען דעם „מיטעלערען וועג״, אָדער שיטה פון דעם „בינוני״, דער שיטה פון חב״ד. עס טוט מיר הנאה, וואָס כאָטש איינער האָט זיך אָפּגערופען, וואָס עס האָט אימיצען אַ ברען־געטאָן, מחמת אין מיר אַליין עכאָט דאָס וואָרט, שפּינט זיך און וועבט זיך און רייסט זיך צו פאָרם.

איך וויס, זי איז נאָך ניט פאַרטיג, און ווען זי וואָלט עס געוועזען — ווי שווער איז עס אויסצושעפּען אַ געדאַנק, וואָס האָט זיינע וואָרצלען אין באַהעלטענישען. „דו ווילסט וויסען, וואָס מיין גרונט איז — קענסטו מיין אָפּגרונט?״ — האָט ניצשע אַמאָל געפרעגט. אָפּגרונטען ניט פון פּערזענליכען לעבען און דענקען אַליין, נאָר פון קאָלעקטיווען. דאָס לעבען און דאָס דענקען פון דעם אידענטום.

גראָד איצט — אַ קאַרדינאַל־פראַגע. ווילען מיר יאָ, ווילען מיר ניט — מען קאָן דערפון ניט אַנטלויפען, ניט אויסבאַהאַלטען זיך, מיר מוזען זוכען דעם „אידישען וועג״. תמיד אַזוי געוועזען. אין די צייטען פון פיין און קריזיס, פון סכנה און האָפנונגסלאָזיגקייט איז געקומען דער „צמצום״, דאָס באַגרענעצען זיך, אַריינדרינגען אין די אייגענע טיפענישען און זוכען דאָרט אַ וועג צו זיך אַליין. בפרט היינט, ווען עס איז ניט בלויז אַ פראַגע פון אידען, נאָר אויך פון אידענטום; ווען די אידישע פראַגע איז אַ קשיא — און אַ האַרבע — פאַר דעם אידען אַליין.

אָפּיציעל און פאַר דער וועלט מאַכען מיר אַ שטאָלצען פראָנט; אָבער צווישען זיך, ביי זיך אין קעמערעל, זיינען מיר באַלאַגערט פון ספקות: געהט אפשר דאָס קריגעל צום לעצטען מאָל — צום ברונים, צו דעם לעצטען מאָל איידער עס ווערט צעבראָכען? מיר רעדען דאָך בלויז פון דעם „אידישען וואָרט״,

דעם „אידישען ווערט״, „דעם גייסט פון אידענטום״, וואָס וועט נאָך אויפטאָן וואונדער; אָבער הינטער די ווערטער — וואָס?

עס איז קלאָר — אָט דער רעליגיעזער מאָטיוו. מחמת, אפילו ווען מיר האַלטען נאָך ניט, ווי פּרויד מיינט, ביים „סוף פון אַן אילוזיע״, אָבער ביי דעם אָנהויב פון דעם סוף — זיכער. מחמת די רעליגיעזע פראַגע האָט בכלל אָנגעוואָרען די שאַרפקייט, דעם ברען פון אַמאָל. זי איז ניט מעהר קיין וועלט־צוגאַנג. אויב נאָך אפשר ביי דעם אַלטען דור — ביי דעם יונגען געוויס ניט. און אויב שוין אפילו רעליגיע, איז דאָס אויך אין אַ גאַנץ נייער פאָרם, אומבאַשטימט דערוויל, אָהן קאָנטורען נאָך, אָבער דער עצם איז: אָהן עיקרים, אַ רעליגיע אָהן גלויבען.

און זיי זיינען ניט אין גאַנצען געוועזן אומגערעכט, די אָפּאָ־לאָגעטען און די אויסטייטשער פון דעם אידענטום אין דייטשלאַנד, ווען זיי האָבען געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער עטיק. זיי האָבען בלויז זעהר פאַרפלאָכט און פאַרבאַנאַליזירט אָט די אידישע עטיק. זיי האָבען פאַרמישט צוויי באַגריפען: עטיק־אינהאַלט און עטיק־פאָרם. אינהאַלט — ד. ה. כללים, פּאַרטיגע אידייען, און דאָס מיינט ווידעראַמאָל ווערטער; פאָרם — דאָס איז אַ וועג, דאָס מיינט אַ כלי, וואָס נעמט אין זיך אַריין אַלע מעגליכע אינהאַלטען, צווינגט זיי אָבער אַריין אין אַ באַזונדערער געשטאַלטונג.

און וואָס מיר זוכען היינט, זוכען מיט אַלע ברענענדע ליכט פון אונזער טראַכטען און ווילען, איז: די פאָרם פון דעם אידישען לעבען, דער אידישער וועג. עס איז מיר אָפּט אַ וואונדער און אַ רעטעניש, פאַרוואָס ווערען ביי אונז ניט געבוירען קיין אידיש־פילאָזאָפישע סיסטעמען. עס קאָן זיין — זיי זיינען פאַראַן. הערמאַן כהנ׳ס פילאָזאָפיע איז געוועזן אַזעלכע. און ווער ווייסט, ווען מען גריבעלט זיך אַריין אין די געדאַנקען־מאָטיווען פון אַנרי בערגסאָן אָדער פון הוסערל — די הויפּט־דענקער פון דער איצטיגער צייט — ווען מען אפשר דאָרט געפינען וואָס מיר זוכען. אָבער עס זיינען דאָך בלויז וואונקען, אָנצוהערענישען, עס איז „סתרי תורה״. דאָס אידענטום אָבער נויטיגט זיך אין אַ קלאָרען, אָפּענהערציגען דורכטראַכטען און דורכרעדען זיך — צוערשט מיט זיך אַליין און דערנאָך מיט דער איבעריגער וועלט.

איך — אויף מיין אופן — זוך די אידישע פעדים. זוך זיי דאָרט, וואו זיי זיינען אַזוי אידיש־פאַרפלאָכטען, אַז עס איז כמעט

אוממעגליך זיי אויסצופלאָנטערען, אַרויסוויקלען זיי און געבען זיי אַן אַלגעמיין־באַגריפליכע פאָרם. און געפין אָפט אוצרות.

אָט טאָקע די אידעע פון דעם „בינוני" — דער טיפער געדאַנק, וואָס איז פאַרגראָבען אין אַ שווער־צוגענגליכען ספר'ל, געשריבען אומסיסטעמאַטיש, מוסר'דיג, רעליגיעז, און פאַר אַ גרופּע מענשען, וואָס איז אַזוי וויניג מסוגל געווען דורכצואַרבייטען דעם געדאַנק און ווייטער פיהרען איהם, ווייטער בויען אויף דעם פונדאַמענט.

עס איז ניט אַזוי גרינג פאַר אַ מאָדערנעם מענשען, צוגעוואוינט צו אַ געוויסער לאָגישער פאַרבינדונג פון געדאַנקען, צו אַ געשלאָסענער אַרגומענטאַציע, זיך אַריינצולייענען אין אַ „בוך", ווי דער „תניא" אָדער „לקוטי אמרים", אַ זאַמלונג פון אַפאָריזמען, אומסיסטעמאַטיש און אָהן שום אַרכיטעקטאָניק, דער באַרימטער ספר פון דעם באַגרינדער פון חב"ד. מיט יאָהרען צוריק האָב איך זיך געפּרואווט אַריינצודרינגען אין דעם גייסט פון ספר, אָבער זיין פאָרם האָט מיך אָפּגעשראָקען. איך האָב געזוכט פילאָזאָפיע און האָב געפונען פסוקים. ערשט אַ דאַנק דער קלאָרער צוזאַמענפאַסונג פון ה' ח. י. בונין און זיין „משנת חב"ד", האָט זיך פאַר מיר געעפענט דער זין פון דעם „תניא". איך האָב נאָך אַמאָל געעפענט דעם גרוי־בלעטערדיגען ספר אַליין, און די ווערטער האָבען באַקומען לעבען.

איך האָב געזעהן, ווי דער אידישער גייסט, פון זיך אַליין, אָריגינעל און דערפאַר פריש, ראַנגעלט זיך מיט דער וועלט, זוכט אַ וועג צו איהר. איך זאָג, פריש און אָריגינעל, מחמת דאָס איז די מעלה פון דעם אידיש־טעאָלאָגישען דענקען: עס האָט כמעט ניט קיין לערער. יעדער דענקער מוז אָנהויבען אויפ'סניי, אָדער כמעט. זיי בויען ניט איינער אויף דעם צווייטען, זיי פאַרבייטען ניט געשיכטע פון פילאָזאָפיע מיט פילאָזאָפיע. זיי פיהלען זיך ניט פאַרפליכטעט צו פיהרען אַ ויכוח מיט אַלע דענקער פאַר זיי. זיי קאָנען עס אויך ניט. זיי האָבען קיינמאָל קיינעם ניט געלייענט, אפילו ניט די אידישע פילאָזאָפען פון דער קלאַסישער צייט.

און אָט שטעהט פאַר אונז אַ מערקווירדיגע פיגור, אַ איד פון דעם אַכצענטען יאָהרהונדערט (1747—1812), אַ קליינשטעדטעלדיגער רב, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען געלערענט תורה און חסידות, האָט זיך אפשר ניט צוגערירט אפילו צו דעם „מורה

נבוכים" אָדער צום „כוזרי". פון די אַנדערע, ווי קרשקש, א. אַז. וו., שוין אָפּגערעדט. אַ איד, וואָס האָט זיכער קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען פון ספּינאָזאַ — און שאַפט אַן עטישען, אַ פּי־לאָזאָפישען סיסטעם, ניט וויסענדיג אפילו, אַז ער טוט עס; ציהט די פעדים פון דער קבלה, שפּינט זיי ווייטער, דערפיהרט זיי צו אַ לאָגישען רעזולטאַט; אָבער דאָס אַלץ כמעט אומבאַוואוסט־זיניג.

איך וויל ניט דאָ פאַנאַנדערוויקלען — דעם סיסטעם פון דעם „תניא" — שוין דערפאַר אַליין, וואָס דאָס וואָלט געמיינט פאַר־טיפען זיך אין דער פילאָזאָפיע פון דער קבלה, אין דער מיסטיק פון דעם אר"י און פון קאָרדאָווערא, איינעם פון די גרעסטע דענקער, וואָס דאָס אידענטום האָט אַרויסגעבראַכט; אַ סיסטעם, וואָס איז געגרינדעט אויף דעם נאַטור־נויטווענדיגען דואַליזם, דער געשפּאַלטענקייט פון דער וועלט.

מען וואָלט איהם געקאָנט אַריינפיהרען אין דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע דורך אַ גאַנץ פּשוט'ען מיטעל, דורך דער ענדערונג פון דער טערמינאָלאָגיע. אויב ערגעץ־וואו — דאָ איז דאָס אמת: דער לשון הרג'עט זיי אַוועק, אָט די שווערע ווערטער, וואָס לאָזען זיך כמעט ניט איבערזעצען; אָט די פילפאַרביגע העברע־אישע און אַראַמעאישע אויסדרוקען, וואָס האָבען אַ סך כוונות און קאָנען דערפאַר גאָר ניט איבערגעגעבן ווערען אין איין קלאָרען, אויסשעפּענדען וואָרט. דאָס אַליין מאַכט עס אַזוי שווער זיי צו פאַר־שטעהען און צו דערקלערען.

אָבער פאָרט, ווען מען גראָבט ביז צו אַ געוויסער שיכט, קאָן מען דערגעהן ביז צו אַ פעסטען גרונט. און אַזאַ גרונט איז די טעאָריע פון דער פרייהייט פון דער וועלט.

ווייל דאָס איז דער לעצטער זין און דער טיפסטער פון דער שיטה פון „גוט און שלעכט", פון „יצר טוב" און „יצר הרע" — די צוויי גרונט־כוחות, וואָס זיינען ביידע באַרעכטיגט און האָבען זייער פּלאַץ אין דער וועלט. „אין שום דבר נברא ללא צורך" — עס איז ניטאָ קיין איבעריגע זאַך אין דער וועלט, זאָגט ר' משה קאָרדאָווערא (אין דעם „אילמא רבתי"), און ווייזט אויף, אַז דער צוועק פון דעם שלעכטס איז די מאָראַלישע און גייסטיגע אויטאָ־נאָמיע פון דעם מענשען. אָהן דעם גרונט־שלעכטען קאָן ניט זיין

קיין פרייער ווילען, האָט דער מענש ניט קיין מעגליכקייט צו קעמ־פען פאַר זיינע העכערע ווערטען.

און אָט דעם געדאַנק פון דער גייסטיגער און מאָראַלישער פרייהייט און שטענדיגען קאַמף פון דעם מענשען האָט דער „רב" אויפגענומען און אַנטוויקעלט און דערהויבען צו דעם הויפט־טעם פון דעם „בינוני", דעם מיטעל־מענשען, דעם דורכשניט־מענשען, דעם מענשען בכלל. ווייל יעדער מענש איז אַ „בינוני". ווייל אין יעדען מענשען זיינען דאָ אַלע מעלות און אַלע חסרונות, יעדער איז די גאַנצע פאַרבען־סקאַלאַ, „מדרגין אל דרגין", פון דעם העכסטען שטאַפעל ביז צו דעם לעצטען, און ער, דער דורכ־שניט־מענש, איז אייגענטליך דער סימבאָל פון דער „תכלית השתלשלות העולמות וירידתן ממדרגה למדרגה — היא עולם הזה והתעלותו" („תניא", פרק ל"ו) — דער צוועק פון דער אַנטוויקלונג פון די וועלטען און זייער אַראָפּנידערען זיך פון שטופע צו שטופע איז — אָט אין דער וועלט און איהר דערהויבונג. און ער געהט נאָך ווייטער: „תכלית כל הצמצומים הוא כדי לברוא גוף האדם... ולאכפיא לסטרא אחרא". דער צוועק פון דער גאַנצער שאַפונג (שאַפונג, וואָס איז דער צמצום, די פאַרשמעלע־רונג פון דעם אומענדליכען, דעם „אין סוף"), איז צו באַשאַפען דעם מענשען און אונטערדריקען, באַקעמפען דעם נעגאַטיווען פרינציפּ, די „אַנדערע זייט" פון דער וועלט.

און דאָס איז דאָך אויך די וויסענשפאַטליכע פאָרמולע פון היינט. דער מענש, די לעצטע דערגרייכונג אויף דער ערד, ווייל דער איינציגער אָרגאַניזם, וואָס איז אויטאָנאָם, פריי, וואָס קאָן הערשען איבער דער מאַטעריע, איבער דעם געגעבענעם, אָבער מער פון אַלעמען — איבער זיך אַליין. דער זין פון קולטור: פריי ווערען פון דעם אינסטינקט, ד. ה. פון דער בלינדער נויטווענ־דיגקייט.

מענש־פרייהייט, פרייהייט־דענקען, דאָס איז די פאָרמולע פון דעם „תניא", איך וואָלט געזאָגט — די פאָרמולע פון דער אידישער פילאָזאָפיע. „מוחין דגדלות" רופט עס אָן דער „רב" אין זיין אייגענאַרטיגער שפּראַך; אַ שעהן וואָרט, וואָס האָט זיין פאַראַלעל אין דעם ספינאָזיסטישען „אַמאָר דעי איטעלעקטואַליס" — די אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט. אינטעלעקט איז ליבע.

פאַרשטעהן — הייסט ליב־האָבען, ווייל פאַרשטעהן הייסט — איינס ווערען מיט דעם פאַרשטאַנענעם.

און אַט אַזוי, גאַנץ אומגעריכט, קומען זיך צונויף צוויי אי־דישע דענקער — פון אַמסטערדאַם און פון לאַדי — דער אידען־וויטער און דער גרינדער פון אַ חסידישער סעקטע.

און איז די אידייע פון בערגסאָן — אין זיין „שעפערישער אַנטוויקלונג" — ניט וואָרצעלדיג פאַרבונדען מיט אַט דער אידי־שער אידייע? שטיצט זיך ניט פילאָזאָפיע אויף דער טעאָריע פון „קאַטאַגענעזיס", ד. ה. אַנטוויקלונג אַראָפּ — אַראָפּנידערען זיך פון דער וועלט־ענערגיע, כדי דערנאָך זיך צו דערהויבען אין דעם ווילען, אין דעם אינטעלעקט?

די „פילאָזאָפיע פון פרייהייט" האָט מען אָנגערופען די שיטה פון בערגסאָן. פרייהייט — ווייל דראַנג נאָך פרייהייט, ווייל — פאַראַנטוואָרטליכקייט פון יעדען מענשען, און דער אייגענער שטאָלצער פרינציפּ פון אחריות קלינגט עס אָנטקעגען אין די ווערטער פון דעם „רב": „אם אין אני לי בעולמי מי לי" — יעדער מענש איז אַ וועלט פאַר זיך. און קיינער קאָן קיינעם ניט פאַרטרעטען. קיינער קאָן קיינעם ניט אויסלייזען און ניט ענדערען.

קיינער ניט — אפילו ניט די געזעלשאַפט, ניט דער שטאַט, ניט קיין קאָלעקטיווער „איך". עס איז ניטאָ קיין קאָלעקטיוו; עס איז דאָ בלויז אַ בונד פון מענשען, יעדער פריי פאַר זיך, יעדער אַ קעמפער אין זיך, יעדער אַ האַר איבער זיך און אַ קנעכט צו דעם אין־סוף, צו דעם, וואָס האָט ניט קיין נאָמען און ניט קיין געשטאַלט.

אַט אַזוי פאַרטיפט, אַט אַזוי מוטיג און אייגענוואָרצעלדיג שטעהט דער אידישער געדאַנק אין דער וועלט. ניט אַפּאָלאָגעטיש, ניט אָנשפאַרענדיג זיך אויף דעם „לעצטען" דענקער פון דער צייט אָדער אויף בודיזם, אָדער טאַאָיזם, נאָר אויף אייגענעם גרונט. אידישע אמונה? יאָ — אמונה איז אַ פריוואַט־זאַך. ווער עס האָט זי, האָט זי. אָבער „מוחין דגדלות", אָבער די סואווערענע מאַכט פון דענקען, דער קאַמף קעגען דעם אינסטינקט אין דעם „אונטערמענשענטום", וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער און שאַרפער אין דער וועלט. די פרייע אָנערקענונג פון דעם „אַנדערען", דעם נעגאַטיווען, דעם „ניין" אין דער וועלט — און דאָס געראַנגעל מיט איהם — אַ פילאָזאָפיע פון אומסענטימענטאַליטעט און אומ־

ראָמאַנטישקייט, נאָר קלאָר און באַרג־קוואַליג; אַ פילאָזאָפיע פון היכען. און ווייל אַזוי באַרגיג אין דער טעאָריע, דערפאַר אויך מיטעלוועגיג און רעאַליסטיש אין דער לעבענספיהרונג. דער העכסטער אידעאַליזם. די וועלט קאָן מען ניט לייקענען און אויך ניט גובר זיין. שוואַרץ בלייבט, כל־זמן ווייס איז דאָ. מען קאָן בלויז פאַרשטעהן, האַר אָבער קאָן מען זיין בלויז איבער זיך, ווייל דער זין פון דער גאַנצער וועלט איז: פערזענליכקייט, און דאָס הייסט — פרייהייט.

אָט דאָס — אין ראשי פרקים — ליבער פרעגער, איז די פילאָזאָפיע פון „מיטעלוועגיגקייט", אָט די אידישע פילאָזאָפיע פון לעבען, וואָס וואַרט אויף איהר אַרויסברענגער און אַנטפּלעקער. זי וואַרט — און די וועלט וואַרט. ווייל די וועלט וואַכט אויף — תמיד — ווען דער איד זאָגט זיין עכטען וואָרט. זי ווייסט — ער האָט וואָרצלען.

פעברואַר 25, 1933.

אַרום דעם „אידישען גייסט"

מיר זיינען די טעג געזעסען אין דער ביוראָ פון אַ אידישען צדקה־אַנשטאַלט — און געשמועסט וועגען „אידישער צדקה". מיין מיט־שמועסער, דער דירעקטאָר פון אַ פילאַנטראָפּישער אינ־סטיטוציע, האָט זיך געגריבעלט: „פאַרוואָס האָבען אידען אַזאַ אייגענאַרטיגע פאַרשטעלונג וועגען פילאַנטראָפּיע? בפרט די מזרח־אייראָפּעאישע אידען? פאַרוואָס זיינען זיי אַזוי אומצופרידען מיט אונזערע, מערב'דיגע, אָדער אַמעריקאַנישע מעטאָדען? איך האָב ניט קיין אַנדער ערקלערונג דערפאַר, ווי די: עס פעהלט זיי דער זין פאַר אָרגאַניזאַציע, פאַר סיסטעמאַטישער געאָרדענטער אַרבייט. זיי זיינען צו גרויסע אינדיווידואַליסטען, אָהן אַ סדר, אָהן אַ סיסטעם".

איך בין געוועזען אַ גאַסט און האָב געוואָלט זיין בנימוס'דיג. און ווי דער שטייגער איז צווישען „ציוויליזירטע אַנגלאָזאַקסען", האָב איך אַנגעהויבען מיט אַ צושטימונג. „אודאי, געוויס, איהר זייט גערעכט. עס פעהלט זיי, אונזערע אידען פון מזרח־אייראָפּע, דער זין פאַר אָרדנונג און סיסטעם. זיי זיינען שטימונגס־מענשען, האַרץ־מענשען. זיי דענקען ניט סיסטעמאַטיש. זיי זיינען — אָבער וואָס דאַרף איך אייך נאָך מעהר שיטען הייסע קוילען? — איהר ווייסט דאָך אַליין. מיט אידען איז נאָר גוט קוגעל עסען".

מיין פריינט, דער דירעקטאָר, איז אָבער ניט געווען קיין נאַר — און ער האָט געכאַפּט דעם טאָן. עס איז אפשר ניט געווען אַזוי שווער. די אויגען רעדען דאָך געוועהנליך זייער שפּראַך — און מיינע אויגען האָבען אַ טבע צו זיין אָפען מיט זייערע דיבורים. איך פּרוואו זיי אָפט פאַרשטעלען מיט די ברילען, זעה איך אָבער דורך די ברילען גאָרניט און עס הויבט מיר אָן צו שווינדלען פאַר די אויגען.

„נו, גוט, זייט איהר שוין אָפּגעקומען אייער דזשענטעלמע־נישען חוב און האָט מיר צוגעשטימט. איצט אָבער זאָגט טאַקע דעם אמת".

„דעם אמת? ווען איך וואָלט איהם געוואוסט. ווען איך

וואָלט כאָטש דערזעהן איהם אויף אַמאָל, וואָלט איך ניט געזעסען מיט אייך דאָ, וואָלט איך בכלל ניט געווען דאָ, געטאָן וואָס איך טו, געשריבען וואָס איך שרייב — און שרייב אַזוי אָפט מיט אַ שווערען האַרצען, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז עס איז „ניט דאָס", אַז ניט דערויף וואַרט דער דור, און אַז איך דערפיל ניט מיין חוב. איהר ווייסט — עס איז דאָ אַ וואָרט ביי די מיטעלאַלטער־ליכע, סכאָלאַסטישע פילאָזאָפען, וואָס פיקט אין מיר פון זינט איך באַשעפטיג זיך מיט אַזעלכע פּראָבלעמען — און דאָס איז שוין לאַנג, זעהר לאַנג — אַ וואָרט וואָס זאָגט: „די אונטערשיידען צווישען די זאַכען זיינען אָהן אַ צאָל און אָהן אַ נאָמען. יעדער אינדיווידואום איז — ניט אויסצושעפּען". איך גיב אפשר ניט איבער ריכטיג דעם אָריגינעלען לאַטיינישען וואָרט: „אינעפאַבילע" — דאָס מיינט אייגענטליך: „ניט אויסצודריקען מיט ווערטער". און ווייל יעדער פּאָר זיך איז אַנהויב, מוזען אויך די ווערטער זיין אָפּגרונטיגע. און זיי שטעהען ניט אין קיין שום ווערטערבוך.

„און פון אַלע אינדיווידוען איז דער אידישער מין אפשר דער רעטענישדיגסטער. אַלע די וואָס מיינען, אַז זיי האָבען דערגרונ־טעוועט דעם „יסוד פון דער אידישער נשמה" פאַרשטעהען די „אידישע פּסיכאָלאָגיע", אָדער ווי איינער אַ פילאָזאָפירענדיגער שמירער האָט אַמאָל געשריבען: „די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אי־דישען גייסט" — איז אָדער זיי דראָפּען זיך אויף די גלייכע ווענט, אָדער זיי פּלוידערען גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָך דעם דיי־טשען שטייגער.

„איהר פרעגט מיך: פאַרוואָס איז דער צוגאַנג פון דעם מזרח־אייראָפּעאישען אידען צו צדקה אַזוי פאַרשיידען פון דעם אַלגעמיינעם, פאַרוואָס זיי ווילען ניט אַננעמען דעם — שאַבלאָן? טראַכט זיך אַריין אין אייער פראַגע. צדקה — איז אַ באַציהונג פון מענש צו מענש. עס איז אַן עטישער — ניט קיין סאָציאַלער פּראָבלעם. עטיק אָבער מוז זיין ערגעץ־וואו פאַרוואָרצעלט. זי מוז האָבען איהר יניקה פון דער טיף: פון דער באַציהונג פון מענש צו וועלט בכלל. דער וועג פון עטיק פיהרט צו מעטאַפיזיק. דער פּראָבלעם פון צדקה דערפיהרט אונז צו דעם פּראָבלעם פון וועלט און גאָט, פון די לעצטע יסודות און סודות.

„און דאָ הויבט זיך אייגענטליך אָן דער אמת׳ער פּראָבלעם. און ווען מיר וואָלטען געווען אַ דור, וואָס איז ראוי צו די אַלע

גראַנדיעזע איבערלעבונגען, וואָס זיינען געפאַלען אויף אונזער חלק, וואָלט אונזער הויפּט־כונה איצט קאָנצענטרירט געוואָרען אויף איין־און־איינציגען פּונקט: וואו איז אונזער אידישער וועג? וואָס איז דער מיין און דער זין פון דעם אידישען לעבען — און גייסט?

„מיר וואָלטען באמת באַדאַרפט זיין שטאָלץ ביי זיך: דער גייסט פון אַ קולטור האָט אונז ערקלערט אַ מלחמה אויף טויט און לעבען. און נאַרט זיך ניט — עס איז ניט בלויז קיין „אויפ־פלאַקערען פון אַנטיסעמיטיזם" צוליב עקאָנאָמישע אָדער פּאָלי־טישע סיבות, ווי מיר ווילען זיך טרייסטען. דאָס זיכער אויך — אָבער נאָך ניט אַלץ. עס געהט טיפער. דער גרויסער ויכוח צווישען דעם „רבי" און דעם „מאָנאַך", וואָס היינע האָט אַזוי פאַרשפּאָט, איז גאָר ניט געווען קיין שפּאַס און קיין וויץ. און ווי דער „ריח" פון די דיספּוטאַנטען זאָל ניט געווען זיין, עס איז געווען דער ריח פון דער ווירקליכקייט. בעסער שמעקט זי ניט. דאָס „לעבען" פאַרפיומירט זיך ניט מיט „איין נאַכט פון ליבע".

„עס איז געווען אַן ערנסטער, בלוטיגער דיספּוט, וואָס איז איבערגעריסען געוואָרען אויף אַ ווייל — אין דעם טומעל פון די צייטען און אין דער אַלגעמיינער פאַרפלאַכונג. די טעג זיינען געוואָרען שווערער, קריטישער, און דער דיספּוט האָט זיך אָנגע־הויבען אויפ'סניי. בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס דער „מאָנאַך" פון היינט, דער פאַנאַטיקער פון איצט, שטעלט אייזערנע — אָפּט אויך דינאַמיטישע — קשיות. און דער „ראַבי" ווייסט ניט וואָס צו ענטפערען, פאַרשטעהט אַפילו ניט וואָס מען פרעגט איהם.

„און די פראַגע, וואָס די געשיכטע שטעלט אונז איצט, איז: וואָס וויל דאָס אידענטום,, וואָס איז זיין לעבענס־וועג? עס פרעגט אונז אָפען און מיט שנאה און מיט ביטול ראָזענבערג אין דייטש־לאַנד, עס פרעגט אונז דער ציוויליזירטער שפּענגלער. עס פרעגט — אינדירעקט — דער קאָמוניסט און דער מאָדערנער קריסטליכער דענקער, — אָבער ניט וויניגער איראָניש און ביטול'דיג איז די שטילע פראַגע — אָפּט אפילו ניט קיין אויסגעשפּראָכענע — פון דעם ליבעראַלען מענשען, וואָס זוכט אַ גאַנצקייט פון דער וועלט־אַנשויאונג און אַ באַפרייאונג פון דער אַלטער פאַפּירענער ירושה.

„מען פרעגט אונז די היסטאָרישע קשיה, און מיר ענטפערען

מיט פובליציסטיק, מיט פּאָליטישע פאָרמולעס. מיר קעהרען אָפּ דעם אויער, אפילו פון אונזער אייגענעם קול.

„דאָ און דאָרט געפינען זיך צווישען אונז געקליבענע, וואָס האָבען זיך אָפּגעזונדערט פון דער מחנה און שפּינען פאַר זיך דעם אידישען געדאַנק. איינער פון זיי איז געווען פראַנץ ראָזענ־צוויג, דער פראַנקפורטער אידישער פילאָזאָף, וואָס האָט זיך — אין וועהטאָגען, צאַנקענדיג מיט דער נשמה — געראַנגעלט מיט דעם אידישען פּראָבלעם, געוואָלט אויפפרישען און באַנייען דעם אידענטום, אַזוי אַז עס זאָל ניט מעהר ווערען בלויז קיין „נאַציאָ־נאַלער ענין", נאָר דער „שטערען פון דער גאולה", פאַר דער גאַנצער מאָדערנער וועלט, אַ גייסטיגע פּאָטענץ און ניט בלויז אַ טויטער פונקט אין דעם טויטען פּראָגראַם פון דעם פעלקער־בונד.

אָבער אויך ראָזענצוויג האָט בלויז אויסגעטייטשט דעם אידענ־טום — אין דעם גייסט פון העגעל, אין דעם זין פון דער פילאָ־זאָפיע. ער האָט ניט געטרונקען פון דעם אַלטען קוואַל.

„איהר פרעגט מיך, מיין פריינט, וואָס איז דער אידישער גייסט? און אויב איהר פרעגט עס ניט — וואָלט איהר באַדאַרפט פרעגען. ווען איהר וואָלט געהאַט צייט און די נויטיגע צוגרייטונג, שוין פשוט די לינגוויסטישע, די היסטאָרישע, וואָלט איך אייך אַוועקגעזעצט ביי אַ בוך וואָס איך לייען שוין פאַר די לעצטע פינף חדשים — לייען און קאָן איהם ניט דערגרונטעווען. עס איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי דער „תניא" פון דעם „רב", דער גרינדער פון דעם חב"ד. מיינט ניט, חלילה, אַז איך בין אַזאַ גוואַלדיגער למדן און אַז איך האָב געדולד צו לייענען די „לקוטי מאמרים", ווי דער חסידישער ספר הייסט מיט זיין אייגענטליכען טיטעל. קיינער פון אונז, סיידען ער איז אַ פאַכמאַן און קאָן אָפּ־געבען זיין גאַנצע צייט דערויף, אָדער האָט אין זיך אַזויפיל דבקות, אַזאַ שטאַרקע צוגעבונדענקייט, וואָס זאָל גובר זיין אַלע שוועריקייטען — קיינער פון אונז, באַשעפטיגטע און פאַר'דאגה'טע מענ־שען פון היינט, קאָן ניט האָבען די געדולד איינצובייסען דעם אַלטען טעקסט, וואָס איז, ווי אַלע אָריגינעל־אידישע ספרים, אַזוי סטיללאָז, אַזוי געשטוקעוועט.

„אָבער אַ חסידישער דענקער און שריפטשטעלער, חיים יצחק בונין, האָט זיך אונטערגעאַרבעטעלט און האָט, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין הקדמה, „געראַטעוועט" דעם גייסט פון דעם

„תני"א" פון פאַרגעסען ווערען, איינגעאָרדענט די פילאָזאָפיע פון חב"ד און דעם סיסטעם פון די אידישע ווערטען און אזוי — אין אַ געוויסען זין סטיליזירטער פאָרם — איז די „משנת חב"ד" געוואָרען צוגענגליך אפילו פאַר די וואָס האָבען פאַרלוירען די געדולד פון פאָרשען און די קאָנצענטרירטקייט פון דענקען.

„דוכט זיך, אין פלוג — עס איז דאָך גאָר ניט פון פאַרצייטענס. עס איז ניט קיין מיטעלאַלטערליכע פילאָזאָפיע, אָדער די שיטה פון דעם אר"י הקדוש און זיינע תלמידים (אויך זיי האָבען נייערע אידישע גייסטיגע אַרבייטער אויסגעלייזט, ווי צ. ב. האָראָדעצקי מיט זיין אַרבייט וועגען ר' משה קורדובירו און אַנדערע — בלויז דער אר"י אַליין איז געבליבען אַ רעטעניש און אַ פאַרשלאָסענער אוצר). עס איז דאָך כמעט, אַזוי צו זאָגען, אונזער שכן אין צייט און רוים. עס לעבען נאָך צווישען אונז לייבליכע אייניקלעך פון דעם אַלטען רב פון ליאָדי, ר' שניאור זלמן, עס שלאָגט נאָך דער אָדער פון דער טראַדיציע. און אפילו דאָ, אין ניו יאָרק — גרויסען זיך נאָך אידען פאָלקס-מענשען — דערמיט וואָס זיי זיינען „תמימים", גייסטיגע יורשים פון חב"ד, און דאָך — אַ טיפער תהום שיידט אונז אָפּ — און מיר קאָנען מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג בלויז דערגעהן צו דעם ברעג, פון דערגרונטעווען איז שוין ניט קיין רייד.

„שוין דאָס אַליין, וואָס מיר מוזען אומשטעלען אונזער גאַנצע טערמינאָלאָגיע. יעדער פון אונז איז געוואוינט צו דענקען אין באשטימטע ווערטער און פאַרטיגע קלישעס. די פילאָזאָפיע האָט אויסגעאַרבייט אַזאַ מין לעקסיקאָן פון קלישעס, פאַרטיגע אויסדרוקען און ווערטער. און אָפט נעמען זיך די טיפסטע מיספאַרשטענדענישען דערפון, וואָס מיר באַנוצען זיך מיט פאַרטיגע ווערטער און לייגען אריין אין זיי אַ נייעם און אומפאַרטיגען טייטש.

„אָבער די פילאָזאָפיע פון חב"ד האָט ניט קיין טערמינאָלאָגיע פון דער מאָדערנער פילאָזאָפיע, אפילו ניט פון דער אידישסכאָלאַסטישער, ד. ה. פון דעם רמב"ם אָדער פון קרשקש אָדער פון דעם רלב"ג (אין דעם מלחמת ד'). די חסידישע דענקער האָבען איבערגענומען די טונקעלע, שווער פאַרשטענדליכע טערמינאָלאָגיע פון דער קבלה, אָדער זיי האָבען זי „פּאָפּולאַריזירט", האָבען אַריינגעלייגט אין די אַלטע תרגום-ווערטער אַ לעבעדיגען, אידישען, אָדער „אידישליכען" זין.

„און ווייל זיי שעפּען בלויז פון אייגענע קוואַלען, און ווייל זייער דענקען איז אומאָפּהענגיג פון יעדער „פרעמדער" השפעה, איז דוקא דאָס חסידישע דענקען דער אייגענטליכער שפּיגעל פון דעם „גייסט", וואָס ראַנגעלט זיך אין דעם אידען, ראַנגעלט זיך מיט דעם וועלט־פּראָבלעם.

„וועגען וואָס געהט דער געראַנגעל? וועגען דער בריק — צווישען גאָט און וועלט, צווישען דעם „איינעם" און דעם „צעטיילטען". אַ פּראָבלעם, וואָס איז אייביג ווי דאָס מענשליכע דענקען, אָבער עס האָט דערגרייכט זיין העכסטע פאַרשפּיצונג, זיין טראַגישסטען מאָטיוו אין דעם אידענטום. איך וואָלט געזאָגט — עס איז דער קאַמף אַרום דער „איינהייט". ווען מען רעדט וועגען דעם אידענטום ווי פון „מאָנאָטעאיזם" — און דאָס איז דאָך די פאָרמולע פון די „ראַבינער" — איז דאָס ניט מעהר ווי אַ פאַרפלאַכונג פון דעם אידישען געדאַנק. איינס איז אַ צאָל, אַן אַנהויב, דער אַנהויב פון אַ קייט פון צאָלען, אָדער די פאַרענדיגונג פון אַן אַנדער קייט — אוןביידע אומענדליך — פון קלענערע צאָלען (האַלב, פערטעל א. אַז. וו.). אַקעגען איינס־פּאָזיטיוו — שטעהט איינס־נעגאַטיוו, מינוס־איינס. און אין דער אומענדליכער ווייטקייט שטעהט דער — נול.

„דאָס איז אָבער ניט דער אידיש־מעטאַפיזישער „איינס־באַגריף". פאַר איהם גאַרניט, נאָך איהם גאַרניט — אייגער אַליין — און קיין שום אַנדער מעגליכקייט אויסער איהם. אָט אַזוי — אויסגעטאָן פון דער קבלה־שפּראַך — דער יסוד פון דעם חב"ד'ישען סיסטעם. די וועלט איז — גאָט, ווייל גאָט איז די וועלט. ווי אַזוי אָבער ווערט זי? ווי אַזוי פון דעם איינס — די סכ'קייט? דער אר"י האָט אַריינגעבראַכט דעם באַגריף און די חב"ד־שיטה שפּינט איהם ווייטער: דאָס איז „צמצום": דאָס איינס — די אומענדליכקייט — דאָס וואָס איז אָרט און צייט און דאָך ניט אין אָרט און צייט — האָט זיך „איינגעקריימפּט", ווי אַ קלייד וואָס פאַלבעוועט זיך. דאָס קלייד איז ניט אַנדערש גע־וואָרען, אָבער דער פאַלב איז פאַראַן. און אָט אַזוי קנייטש, פאַלב, אַזאַ „אַריינגעהן אין זיך אַליין", איז דער אַקט פון שאַפונג, איז — די וועלט.

„מיט אונזער לאָגישען אַפּאַראַט דורכגעטראַכט — וואָלט די קאָנסעקווענץ פון אַזאַ געדאַנק באַדאַרפט זיין — אומגעפעהר

ווי דער ספּינאָזיסטישער — ניטאָ קיין ווילען, ניטאָ קיין עטיק, מענש איז בלויז אַ נויטוועגדיגקייט, ווי דער פלאַקער פון דעם שטראַל. ווי קאָן זיין אַ בריק צווישען דעם אין־סוף דעם אומענד־ליכען און דעם באגרעניצטען? אָבער דאָ איז דער טראַגישער שפּרונג פון דעם אידישען דענקען. ער שפּרינגט אַריבער דעם תהום. אַ פעלבעלע אין דעם אייביגען לבוש — רעדענדיג מיט דער שפּראַך פון דעם תני"א — אָבער דערפאַר טאַקע אַ טייל פון איהם, און גאַרענדיג נאָך איהם.

„די וועלט איז בלויז אַן אויסוויקלונג פון דעם קנייטש, אַ בענקשאַפט — צו אויסקליידונג, און דערפאַר איז די איינציגע עובדא פון יעדען מענשען — ווייל דער איינציגער וואָס איז דער־גאַנגען צו דער בענקשאַפט — צו פיהלען אין יעדען אויגענבליק דעם אַנהויב — צו שטרעבען נאָך איהם. פון דער דאָזיגער הנחה פאָלגט די מאָראַל, די עטיק פון דעם אידענטום. די עטיק פון גלייכהייט, פון הכנעה, פון — שותפות'דיגקייט. שותף מענש צו מענש, — ווייל אַלע בלויז אויף דעם שוועל. „וחי אחיך עמך כתיב... ולא שייך בזה חיים קודמים... שוה בשוה ממש, זהו שורת הדין הגמור" — יעדער לעבען האָט אַ גלייכען ווערט — און קיינער טאָר ניט האַלטען זיין אייגענעם לעבען פאַר וויכטיגער. גלייך — אַבסאָלוט גלייך, דאָס איז דער אַבסאָלוטער דין". אַזוי די עטישע פילאָזאָפיע פון דעם חב"ד, אַזוי אין זיין טיפסטער קאָנ־צעפּציע די עטישע פילאָזאָפיע פון דעם אידענטום.

„איך וויל אייך ניט צו שטאַרק באַלעסטיגען, מיין פריינט, איך גלויב, אַז מעטאַפיזיק איז אַ שווערער ענין — און ניט פאַר איין צופעליגען שמועס. איך בין דאָ אויך ניט אויסען אויסצופלאָנ־טערען פאַר אייך די גאַנצע פילאָזאָפיע פון חסידות, די שיטה פון חב"ד. אפשר וועט זיך געפינען אַ פרישער און טיפער אידישער דענקער, וואָס זאָל צונויפקניפּען די פעדים, אויסבויען אַ שיטה פון די לויזע געדאַנקען.

„אָדער אפשר — איז דענקען ווי בלוט — עס רינט לעבעדיג נאָר ווען די אָדערען זיינען ניט צוגעבונדען?

„אָבער איהר פרעגט מיך: וואָס איז דער „אידישער גייסט" — און איך וויז אייך: עס איז אַ קוואַל אין דער טיף — און זעלטען איז ווער דערגאַנגען צו איהם.

„איהר פרעגט: וואָס איז אידישע צדקה, וואָס איז אידישע עטיק? און איך ענטפער אייך: אַ סיסטעם פון באַציהונגען וואָס וואָלט געקאָנט אויסלייזען די וועלט — ווען... ווען די וועלט וואָלט בכלל געוואָלט אויסגעלייזט ווערען".

„יאָ, יאָ" — פאַרויכערט מיין פריינט זיין ציגאַר און קוקט אויף מיר דורך זיינע דיקע ברילען — „יאָ, איהר זייט אַ מייסטער צו פאַרפלאָנטערען די גרינגסטע פראַגען. איך האָב מורא — אייער פילאָזאָפיע איז צו וואָלקענדיג פאַר מיר. איך וועל בעטען אַ פראָפעסאָר פון קאָלעדזש ער זאָל מיר אָנשרייבען אַן „עסיי וועגען צדקה".

„קלאָרער, ווילט איהר? מילא, נאָר דאָס פּלאָכע איז קלאָר, און דאָס איז אויך אונזער טראַגעדיע. מיר האָבען מורא פאַר בערג — און פאַר אָפּגרונטען".

נאָוועמבער 21, 1936.

אונזער „גאָלדענע לעגענדע"

מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק האָט אַ קאַטוילישער מאָנאַך, יעקב די וואָראַדזשינע, צונויפגעשטעלט אַלע פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס, וואָס האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין דער קאַטוילישער וועלט איבער טויזענט יאָהר — לעגענדעס וועגען היילינע מאַרטירער, קירכען־ליכט, און דער דאָזיגער זאַמלונג האָט ער אַ נאָמען געגעבען „לאַיישענד דאַריי", די גאָלדענע לעגענדע. ער האָט זיכער ניט געמיינט, ער האָט עס געוויס ניט געטראַכט, אָבער דער דאָזיגער בוך, אָט די זאַמלונג פאַר פרומע געמיטער, איז געוועזן ניט בלויז אַ סך־הכל, נאָר אויך דער שלוס, דער סיום, פון אַ גאַנצער רעליגיעז־קולטורעלער עפּאָכע.

עס איז מיט רעליגיאָזיטעט דאָס אייגענע, ווי מיט אַלע מענש־ליכע געפיהלען, און בפרט מיט דער עמאָציע, וואָס איז די נאָ־ענטסטע אין איהר טאָן און כאַראַקטער צו רעליגיע, ווי מיט ליבע. איך ווייס ניט צי דאָס וואָרט פון דעם רוסישען דיכטער: „אַ וואָרט, ווען אַרויסגעזאָגט, ווערט אַ ליגען" — איך ווייס ניט, צי עס איז אינגאַנצען אמת; אָבער איינס איז זיכער, ווען אַ מענש קאָן שוין געפינען פאַר זיין ליבע, פאַר זיין ליידענשאַפט, פאַר דעם טיפען, טונקעלען קאָמפּלעקס פון געפיהלען אַ קלאָרען אויסדרוק, אַ גענויע פאָרם, קאָן זי איינשפּאַנען אין דעם יאָך פון די צוזאַמענקלינגענדיגע ווערטער, דעמאָלט איז פאַראַן אַ חשד, אַז דאָס געפיהל האָט זיך שוין, ווי זאָגט מען עס, געלייטערט. דאָס הייסט, זיך אָפּגעזעצט, געוואָרען מעהר אַבסטראַקציע, ווי די שווערע, טונקעלע און דערפאַר אויך אַזוי אומגעהויער רייכע עמאָציע, ווי זי איז איידער זי האָט זיך נאָך קריסטאַליזירט.

רעליגיע איז אויך אַזאַ מין ליבע־געפיהל. עס איז, איך וואָלט געזאָגט, אַ קאָלעקטיווו געפיהל מיט אַלע אייגענשאַפטען, מיט אַלע כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון אַ, אַזוי צו זאָגען, אַלגעמיינער, אָהן־אָביעקטיווער עראָטיק. און וואָס טונקעלער דער געפיהל און שטורמישער, וואָס מעהר עקסטאַז, אַלץ נעענטער צו דעם קוואַל. די טיפסטע רעליגיאָזיטעט קאָן גאָר ניט גע־

פינען קיין שום אויסדרוק, קיין שום פאָרמולע. זיצט דער בודיסט אונטער אַ בוים און חזר'ט איבער אומגעצעהלטע מאָל „אָם, אָם", אָדער „מאני פאדא", אַלץ סאַנסקריטישע ווערטער, וואָס האָבען גאָר ניט קיין קאָנקרעטען זין, יעדענפאַלס ניט פאַר איהם. אָבער ער זוכט גאָר ניט קיין זין. די ווערטער זיינען פאַר איהם בלויז אַ מין ווינקעלע, וואו ער קאָן זיך מתבודד זיין, אַ פּאַדים, כדי ארומצואוויקלען זיינע כאַאָטישע געפיהלען. און ניט אומזיסט זיינען אַלע תפילות, וואָס ברויזען־אויף, וואָס דערוואָרימען, וואָס ברענגען אַריין דעם מענשען אין התלהבות, דוקא די, וואָס זיינען געשריבען אין אַ האַלב־אומפאַרשטענדליכער שפּראַך, אַריינגע־פלאָכטען אין די זעלטענסטע, שווערסטע, פאַרפלאָנטערטסטע סימ־באָלען. ווער עס האָט אַמאָל געהערט חסידים ביי אַ טיש זינגען די זמירות פון דעם „אר"י", „אזמר שבחין" אָדער „אסדר סעודתא לצפרא דשבתא", געהערט ווי עס שטייגט דער מיסטישער ניגון, פון דער מתיקות'דיקער שטילקייט ביז צו דעם פאָרטיסימאָ, ביז צו דעם כאָר געזאַנג, דער ווייסט וואָס עס מיינט די מאַכט פון דעם איראַציאָנאַלען איבער דעם מענשען. ניט קיין איינציגער פון די זינגערס האָט אפשר ניט געוואוסט דעם טייטש, האָט ניט פאַרשטאַנען דעם טיפסטען זין, די כונה הינטער זיי. אָבער ער האָט עס ניט באַדאַרפט. טאַקע ווייל די ווערטער אַזוי טונקעל, האָט דאָס געפיהל געפונען זיין דערלייזונג און זיין תיקון. יעדע „אמונה צרופה", יעדער געלייטערטער גלויבען, וואָס איז פאַר־שטענדליך אין אַלע זיינע איינצעלהייטען, וואָס האָט ניט קיין פינסטערע קעמערלעך און ניט קיין קעלערס און ניט קיין וואָל־קען־גאָרענדיגע היכלים, איז בלויז אַן אַבסטראַקציע, אַן אויס־געטראַכטער, אַ טויטער גלויבען.

און ווען דער גלויבען ווערט טויט, קומט די ליטעראַטור. דער פרומער, אין מיסטיק איינגעטונקענער מיטעלאַלטער, האָט זיך באַנוגענט מיט צעשוואומענע פאָלקס־לעגענדעס אַרום די „הייליגע". אָבער ווען דער גלויבען האָט זיך געזעצט און איז פאַרגליווערט געוואָרען, האָט יאַקאָב די וואָראַדזשינע אָנגעהויבען דאָס נייע קאַפּיטעל; ער האָט אַריינגעפיהרט די רעליגיע אין דער ליטעראַטור. און עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקען, אַז דוקא די גרעסטע סקעפּטיקער האָבען זיך שטענדיג געקאָכעט אין אָט די הייליגע לעגענדעס און מיסטישער ליטעראַטור. וואָלטער

האָט נאָך געלאַכט פון איהר, ווייל ער האָט זיך נאָך גערעכענט מיט דער רעליגיע, און האָט געקעמפט קעגען איהר, ווי קעגען אַ מאַכט; אָבער אַנאַטאָל פראַנס האָט זיך שוין געקאָנט פאַרגינען דעם לוקסוס אויפצועפענען מיט אַ שמייכעל די פאַרגעלטע בלעטער און איבערצואַרבייטען זיי אויפ'סניי, דערצעהלען אויף זיין אופן מיט איראָניע, אָהן שום באַציהונג, אָט די גאָלדענע לעגענדע פון דעם מיטעלאַלטער.

אָפט ווייזט זיך מיר אויס, אַז דער אמת'ער סוף פון דער גאַנצער מיסטישער, הסידישער באַוועגונג ביי אידען איז געקומען אין דעם מאָמענט, ווען י. ל. פרץ האָט אָנגעשריבען זיינע חסידישע מעשיות. די משכילים פון דעם פריהערדיגען דור האָבען געשפּאָט און באַקעמפט דעם חסידיזם, ווייל פאַר זיי איז ער געווען נאָך אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט. פרץ אָבער האָט דערזעהן פאַר זיך שוין בלויז אַ מת און ער האָט איהם געפּאַלמעסט, איינבאַלזאַמירט און פאַרוויקעלט מיט די זעלטענע לייווענטען, ווי אַן עגיפּטישע מומיע. און עס איז ניט אומזיסט און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די אַזוי־גערופענע חסידישע ליטעראַטור מעהרט זיך פון יאָהר צו יאָהר אויף דער אידישער גאַס. דראַמע אָדער ראָמאַן, עסעי און אַפילו ליד, דער חסידישער מאָטיוו ווערט אַלץ שטאַרקער. און נאָך מערקווירדיגער, גראָד ער, מיט זיין גאַנצען גראָטעסק, מיט זיין אומוועלטליכקייט און אַמאָליגקייט, מאַכט דעם טיפסטען איינדרוק אויף דער ניט־אידישער וועלט. ווען מאַרטין בובער האָט צום ערשטען מאָל אַרויסגעגעבען די מעשיות פון ר' נחמן בראַצלאַווער אין דייטשער איבערזעצונג, איז דאָס געווען אַן אַנטפּלעקונג ניט בלויז פאַר דייטשע אידען, נאָר אויך פאַר די ברייטסטע קרייזען פון דער דייטשער אינטעליגענץ. און אַפילו איצט, פאַר אונזערע אויגען, די איינציגע דראַמאַטישע ווערק, וואָס האָבען צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער קולטור־וועלט צו דעם אידישען מאָטיוו, זיינען געווען „דער דיבוק" און „יאָשע קאַלב". זיי האָבען דאָרט דערזעהן דאָס, וואָס מיר אפשר קאָנען גאָר נאָך ניט דערפיהלען — די אידישע גאָלדענע לעגענדע. מיר זיינען אַליין נאָך צו־נאָענט צו דעם מקור, מיר האָבען נאָך ניט די דיסטאַנץ. פאַר אונז זיינען נאָך די אַלע חסידים און צדיקים גלאַט אידען מיט בערד און קאַפּאָטעס, וואָס רעדען נאָך אַלטע ווערטער; אַ דערשיינונג, וואָס האָט זיך איבערגעלעבט.

און אָפּט פאַרדריסט עס אונז. אָבער די וואָס שטעהען ווייטער, די ניט־אידישע וועלט אָדער די מאָדערנע אידען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אין דער נייער וועלט, וואָס האָבען אַליין שוין ניט מעהר דורכגעלעבט דעם חסידות ווי אַ לעבעדיגען פּראָצעס, פאַר זיי איז עס שוין בלויז ליטעראַטור, לעגענדע, דראַמאַטישע מאָטיווען. ביי אונז איז נאָך געווען מעכטיג דער מאָטיוו; ביי זיי — שוין נאָר די פאָרם אָדער, נאָך ריכטיגער, דאָס אייגענאַרטיג־מענשליכע, העראָאישע, הינטער די בערד און פּאות און דער אַטלאַסענער זשופּיצע. עס איז אויך ניט קיין וואונדער. מען קאָן ניט לעבען אין דער דינער אַטמאָספערע פון דעם אַבסטראַקטען געדאַנק. דער היינטיגער אידישער דור זוכט אַ וועג צו די סודות, צו די קעלערס פון דעם אידישען באַוואוסטזיין און פון דער אידישער רעליגיאָזיטעט. טעמפּעל־רעליגיע, ליידיגע דרשות וועגען עטיק אָדער וועגען אידישען נאַציאָנאַליזם, זיינען ניט גענוג פאַר זייער פאַנטאַזיע, וואָס הונגערט נאָך פאַרשטעלונגען, נאָך בילדער. זיי זוכען ניט אַזויפיל דאָס אידענטום ווי דאָס אידישע, דעם אידישען מענשען, די אידישע לעגענדע. און זיי געפינען איהם אויפ'סניי אין חסידות.

מיט אַ יאָהר צוויי צוריק איז געקומען צו מיר אַמאָל אַ דייטשאידישער ראַבינער און האָט מיך געלאַדען צו זיין אַ מיט־באַגייסטערטער אין זיין „נעאָ־חסידישען קולט". און וויפיל איך האָב איהם ניט געפרעגט, וואָס דאָס מיינט און וואָס ער באַצוועקט — דעם איינציגען ענטפער, וואָס ער האָט מיר געגעבען, איז געווען: „איך קאָן עס ניט דערקלערען, איך קאָן עס ניט פאַרמולירען. איך פיהל עס בלויז". עס ווייזט אויס, דאָס איז געווען ניט בלויז אַ כימערע פון אַ ראַבינער, וואָס האָט געוואָלט צונויפשפּינען די לויזע פעדים פון זיין רעליגיעזער שטימונג, נאָר עס איז אין דער לופט, אין דער אידישער לופט. טאָקע ווייל אידישקייט איז געוואָרען אַזאַ שווערער און טראַגישער פּראָבלעם, און ווייל קיינער קאָן זיך פון איהם ניט מעהר אַרויסדרעהען, טאָקע ווייל עס דריקט אונז ווי אַ קאָשמאַר, ווערט אַלץ שטאַרקער די בענקשאַפט זיך פאַנאַנדערצעקלייבען אין דעם אידענטום, וואַקסט דער דראַנג צו דער אידישער מיסטיק. ראַביי לואי ניומאַנ'ס „אַנטאָלאָגיע פון דער חסידישער ליטעראַטור" איז שוין געווען סימפּטאָמאַטיש פאַר דער צייט. אָבער ניומאַנ'ס ווערק איז געווען

בלויז אַ זאַמלונג פון ברעקלעך און שטיקלעך, אין בעסטען פאַל — אַ כרעסטאָמאַטיע פון חסידיזם. אָבער די יוגענט, דער דור פון היינט, וויל דערגעהן ביז צום גרונט. ער וויל זיך אָנזאַפּען מיט דער ראָמאַנטיק פון חסידות, און דער דאָזיגער פאַרלאַנג האָט אַרויסגערופען אַ ווערק, וואָס קאָן ווערען פון גרויסער באַדייטונג פאַר דעם נייעם אידישען דור — „די ראָמאַנטיק פון חסידיזם", פון דר. יאַקאָב ס. מינקין*), אַ בוך פאַר דער יוגענט. דער באַהאַווענטער, דער פאָרשער, וועט אפשר ניט געפינען אין איהם דאָס וואָס ער זוכט — ניט די וועלט־אַנשויאונג אָדער די פילאָזאָפיע פון דעם חסידיזם און פון דער אידישער מיסיע. עס איז בכלל נאָך ניטאָ אַזאַ אַרבייט אין אידישען פעלד. און עס וואָלט זיך געלוינט. עס וואָלט באמת כדאי געווען דורכגרונטעווען מיט דעם גאַנצען שאַרפען פילאָזאָפישען אַנאַליז ניט נאָר די מעטאַפיזישע אידייען פון דער קבלה, פון דעם זוהר, נאָר אויך פון דעם שטרענג־דורכגעטראַכטען סיסטעם פון רב משה קאָרדיבירו, פון דעם „אר"י", אָדער אין די שפּעטערע צייטען — פון דעם תני"א; ווייל דאָרט, הינטער דער אייגענאַרטיגער, אַרכאַאישער, פאַרשפּונענער פאָרם איז פאַראַן אַ גאַנצער און זעהר אָריגינעלער פילאָזאָפישער בנין. דאָרט איז דער טיפסטער קוואַל פון אידישער וועלט־אַנשויאונג, טיפער ווי די אָפיציעלע, אָנערקענטע אידישע דענקער האָבען זיך אויסגעמאָלען.

אָבער יאַקאָב ס. מינקין האָט ניט אַזוי טיף געגראָבען און עס איז אויך ניט געווען נויטיג פאַר איהם, ניט פאַר דעם צוועק, וואָס זיין בוך האָט געוואָלט דערגרייכען. וואָס ער האָט געוואָלט, באַוואוסטזיניג צי ניט, איז געווען, צו געבען דער אידישער יוגענט פון אַמעריקע, דער ענגליש־לייענענדער, אַ בילד פון אידישער מענשליכקייט, וואָס איז שוין אוועקגעגאַנגען אין דער אייביגקייט; שאַפען די גאָלדענע לעגענדע, וואָס זאָל פאַר זיי ווידעראַמאָל ווערען אַ קוואַל פון התלהבות. און דעם צוועק האָט ער דערפילט. און דאָס שעהנסטע איז, וואָס ער אַליין איז אַזוי באַגייסטערט, ביז צו אומקריטישקייט; דאָס בעסטע איז, וואָס ער אַליין גלויבט נאָך אין דער לעגענדע. עס איז גוט אַזוי. ווען יאַקאָב דע וואָראַדזשינע וואָלט שוין דעמאָלט געווען אַן אַנאַטאָל

*) The Romance of Hassidism, by Jacob S. Minkin, New York, 1935.

פראַנס, וואָלט זיין גאָלדענע לעגענדע ניט געוואָרען קיין היס־טאָרישע דערשיינונג. עס מוז צוערשט קומען נאַאיוויטעט און אויסטרעטען דעם וועג פאַר דורכדרינגענדער קונסט, די קונסט ניט בלויז פון וואָרט, נאָר אויך פון געדאַנק און פון לעבען, און דער עיקר פון לעבען.

אָקטאָבער 27, 1935.

עדיפּ זוכט

Me oun echon ti symbolon

(סאָפאָקלעס, „עדיפּ״.)

עס געהט אַרום דער אַלטער, בלינדער, שולדיג־אומשול־דיגער קעניג עדיפּ, וואַנדערט פון אָרט צו אָרט און זוכט אַ תיקון. זוכט די פאַרטיליגונג פון זיין שווערער שולד. ניט־וויסענדיג, ניט־ווילענדיג האָט ער באַגאַנגען די שווערסטע זינד אַנטקעגען די גרונט־געזעצען פון דעם לעבען: ער האָט זיין אייגענע מוטער געמאַכט פאַר דער מוטער פון זיינע קינדער.

עדיפּ ווערט פּלוצים געוואָר פון זיין אומגעהויערער שולד, און ער רייסט אַראָפּ די קרוין פון זיין קאָפּ, די אויגען רייסט ער אַרויס פון זיין קאָפּ — און ער געהט אין דער וועלט אַריין — אַ פאַרטריבענער.

און אויף זיין לעצטער, טראַגישער וואַנדערונג זאָגט ער — לייגט דער דיכטער סאָפאָקלעס איהם אין מויל אַריין די ווער־טער: „מע אָון עכאָן טי סימבאָלאָן״ — „איך האָב ניט קיין סימן, קיין צייכען וואָס זאָל מיר וויזען דעם וועג — איך האָב ניט קיין — סימבאָל״.

איך ווייס ניט — און עס איז אויך ניט וויכטיג — וואָס סאָפאָקלעס, דער פּאָעט, האָט געמיינט מיט די ווערטער, און ווי ער האָט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט „סימבאָל״. טעקסטען זיינען פאַראַן — צום אויסטייטשען. און, ווי ניטצשע האָט אַמאָל גע־זאָגט, „דער אייגענער טעקסט פאַרטראָגט אַלערליי אויסטייטשונ־גען — עס איז גאָר ניט פאַראַן קיין איין איינציגע „ריכטיגע״ טייטשונג״.

גרויסע מענשליכע געשטאַלטונגען — זיינען ניט באַגרענעצט אין צייט אָדער אָרט. עדיפּ לעבט אין יעדען דור, אין יעדען לאַנד — שטענדיג אין אַן אַנדער פאָרם — אָבער תמיד מיט דער איי־גענער טראַגישער שולד־אומשולד, מיט דער צעריסענקייט פון דעם מענשען, וואָס איז תמיד זיך באַוואוסט, אַז ער איז שולדיג, אפילו ווען ער ווייסט ניט מיט וואָס און פאַרוואָס.

און דער עדיפּ פון אַלע דורות — זוכט זיין סימבאָל.

וואָס איז די עדיפּשע גרונט־שולד? ניט די אָדער יענע טאָט. ער איז אָפּט פאַר איהר ניט פאַראַנטוואָרטליך, דער מענש

איז דאָך סוף־כּל־סוף אַ מין „פּרשת דרכים", אַ סטעזשקע וואו עס קרייצען זיך אַלערליי וועגען. ניט פון איהם געמאַכטע, ניט פון איהם אויסגעטראָטענע. אין איהם — שווער געלאָדען בלוט, אַרום איהם אומגעצעהלטע לעבענס, אַ פּלאָנטער פון שיקזאַלען, אַ געוועב פון טאַטען און מאָטיווען. און אין איהם — דעם איינ־ציגען, דעם איינמאַליגען, דעם שניט־פּונקט — קומען זיי זיך אַלע צונויף — און ווי קאָן ער זיך וועהרען?

אָבער אָט דערוואַכט אין איהם — נאָך דעם געשעהן, „אחר המעשה", דאָס אייגענע, דאָס נאָר־זיינסדיגע, דאָס עדיפּשע, און ער דערפיהלט זיך שולדיג. ער פרעגט זיך: פאַרוואָס האָב איך ניט געקאָנט, ניט געוואָלט זיך פאַרטיפען אין זיך אַליין, צוהערען זיך צו מיין אייגענעם קול — צו מיין לעצטען „איך" — פאַרוואָס האָב איך ניט געזוכט אין זיך — דעם וועגווייזער, דעם פאָדים, דעם צייכען — דעם סימבאָל?

עדיפּ זוכט אין זיך די סאַנקציע, ד. ה. די „היילינגונג", די פאַרענטפערונג פון זיין לעבען. עס איז ווייניג וואָס מען זאָגט איהם: „דאָס איז גוט און דאָס איז שלעכט, דאָס טאָר מען ניט און דאָס מעג מען". ווייניג. ער וויל וויסען — פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, און אפשר טאָר מען דאָס וואָס „מען מעג" אויך ניט; און עס איז ניט מעגליך — אַז גראָד דאָס וואָס מען „טאָר ניט" איז דאָס איינציגע וואָס מען זאָל?

ווי זאָל ער אָבער געפינען דעם ענטפער? אין זיך? ער גלויבט דאָך זיך ניט, האָט ניט קיין צוטרוי צו זיך. און מיט רעכט. ווער בין „איך" — אַז איך זאָל עס וואַגען? יעדער מוז זיך אָנלעהנען אויף אימיצען. און וויל זיך איינער באַפרייען פון יעדען זאָל — שטעהן אַליין אויף דער וועלט — „איך האָב מיין זאַך אויף גאָרנישט געשטעלט", ווי מאַקס שטירנער האָט פאַנ־טאַזירט, ווערט פון דער איינזאַמקייט אויך — עדיפּשער יאוש.

ווייל — פון גאָרנישט קומט גאָרנישט. עס איז ניטאָ קיין „יש מאין". און מעג פּראָפעסאָר פרויד זאָגען וואָס ער וויל — און מעג ער אפילו גערעכט זיין אין זיין אַנאַליז פון גלויבען, פון רעליגיע, פון דער „גרויסער אילוזיע" — ער, דער קענער פון עדיפּ, וואָלט באַדאַרפט וויסען, אַז דער עצם פון דער רעליגיע אָדער רעליגיאָזיטעט איז גאָר ניט די „אילוזיע", ד. ה. די קאָנ־קרעטע, ממשות'דיגע פאָרשטעלונג, נאָר — דער סימבאָל.

און מוז מען דען גלויבען אין אַ סימבאָל? די פאָרשער פון די אַלטע, אַמאָליגע רעליגיעס האָבען ניט איינמאָל אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט, אַז ניט די מצריים און ניט די גריכען האָבען באמת געגלויבט אין זייערע געטער, פונקט ווי דער היינטיגער הינדו גלויבט ניט אין דער געטליכקייט פון זיין קו. עס איז פאַר זיי געווען ניט מעהר ווי אַ מין קינסטלערישער, פלאַסטי־שער אויסדרוק פון אַ טיפען, שווער אויסצושפּענדען געדאַנק, אָדער געפיהל פון וועלט־צוזאַמענהאַנגען. און ווי יעדע פאָרם, ווי יעדע פאַרענדליכונג פון אַן אומענדליכען געדאַנק, מוז אויך דער סימבאָל זיין נאַאיוו און קינדיש — אָבער דערביי אויך דראַ־מאַטיש, זאַפטיג, אָנגעפילט מיט דעם זאַפט פון דעם אַלטען בוים — געשיכטע.

וואָס עלטער דער בוים, אַלץ זאַפטיגער דער סימבאָל, אַלץ פולער זיין אינהאַלט. ערשט ווען דער בוים שטאַרבט אָפּ, ווען די צוזאַמענהאַנגען ווערען לויז, פאַרלירט אויך דער סימבאָל זיין ווערט — און ער ווערט פאַרוויאַנעט. און דעמאָלט הויבט עדיפּ אָן צו וואַנדערען.

און אויף זיינע וואַנדערונגען און בלאָנדזשענישען פאַרגעהט ער אָפּט אויך — ביז צו די קוליסען פון אַ טעאַטער. און פון דעם לעבען־אָטעמענדיגען סימבאָל ווערט טעאַטראַליק, ווערט קאָסטיום און פאַרוק. עדיפּ געהט שוין אויף שטאָלצען.

ווען עס וואָלט זיך געפונען איינער, וואָס וואָלט זיך גע־שטעלט די אויפגאַבע צו שטודירען די רעליגיאָזיטעט פון דער היינטיגער צייט, און בפרט אין דער קריסטליכער וועלט — וואָלט ער באַדאַרפט זיך פאַרטיפען ניט אין דעם אינהאַלט, אין דער אידייען־וועלט פון דער צייט, נאָר אין די פאָרמען, אין דעם סימ־באָלישען אויסדרוק.

זיי ווייסען ניט מעהר וואָס צו טאָן מיט דעם אַלטען אינ־האַלט. זיי זיינען אַלע אין דער אייגענער לאַגע ווי דער „גרויס־אינקוויזיטאָר" אין דער דאָסטאָיעווסקישער לעגענדע, וואָס טרייבט אַרויס דעם, אין וועמען ער גלויבט אַזוי הייס, אין וועמעס נאָמען ער בויט קאַטעדראַלען, און ברענט אומגלויביגע אויף שייטער־הויפענס. דער גרויס־אינקוויזיטאָר האָט פאַרלוירען דעם זין פון זיין אייגענעם סימבאָל געבליבען איז בלויז די אויסערע זייט, די טעאַטראַלישע, דער באַמאָלטער לייוונט.

די דענקענדע צווישען זיי וויסען עס, די טיפערע פיהלען די פּוסטקייט. און זיי זוכען נייע פאָרמען. זיי געפינען איהם, דעם סימבאָל, ווי דר. פּאַסדיק און אַנדערע, אין — דראַמאַטישע שפּילען.

מען טאַנצט אין זייערע קאָנגרעגאַציעס גריכישע טענץ, מען זינגט בודיסטישע הימנען, מען שפּילט סצענעס פון דזשאָן דרינקוואָטער'ס „אייברעהעם לינקאָלן", אַ גאַנץ נייער ריטואַל האָט זיך אַנטוויקעלט, געזאַמעלט אין דעם בוך „גאָטעסדינסט דורך דראַמע" (וואָרשיפּ טהרו דראַמאַ), געזאַמעלט פון ריליס ק. אַלעקסאַנדער און אַמאָר פּ. גאַזלין. גלויבען — קונסט — קינסט־ליכקייט. דער וועג איז שוין כמעט דורכגעמאַכט. דער ציקעל האַלט זיך שוין ביים פאַרענדיגען.

***

יעדע רעליגיע הויבט זיך אָן דראַמאַטיש. אָבער זי טאָר דערביי ניט בלייבען. זי מוז ווערען אינטים — זי מוז אַרויסגעהן פון דעם „רשות הרבים" אין דעם רשות היחיד. איהר אָנהויב איז — דראַמע, ד. ה. פּאַסירונג, געשעהן; איהר ווייטער וועג איז: סימבאָל, צייכען און באַדייטונג. און עס דוכט זיך מיר אָפּט, אַז די אייגענאַרטיגע, וואָרצעלדיגע קראַפט פון דעם אידענטום אין זיין גייסטיג־רעליגיעזער און דערפאַר וועלט־פאַרנעמיגער קוואַליטעט, איז די סימבאַליזירונג פון דעם דראַמאַטישען.

בלויז אויבערפלעכליכע באַאָבאַכטער, ריכטיגער, באַטראַכ־טער וואָס האָבען בלויז געזעהן, אָדער געקאָנט זעהן, נאָר די אויבערפלאַך, דעם צו דער אויסערער וועלט צוגעקערטען פּנים פון דעם אידענטום, האָבען אין איהם געקאָנט באַמערקען בלויז דעם היסטאָרישען עלעמענט.

איך וויל דאָ זיכער ניט אַריינגעהן אין טעאָלאָגישע חקירות. עס איז ניט מיין פאַך און האָט אויך ניט קיין פּאָזיטיווען — אפילו ניט קיין דענקערישען ווערט. מיך אינטערעסירט די פראַגע מעהר פון דער קולטור־פּסיכאָלאָגישער אָדער, נאָך גענויער, פון דער אי־דישער זייט.

געוועזען אַ צייט — און אין די אַלט־אידישע סביבות איז עס נאָך היינט אויך אַזוי — ווען דער צענטער פון דעם אידישען ריטואַל איז געווען ניט אין דעם ציבור, ניט אין דער שוהל, נאָר אין דער היים, אין דער אינטימיטעט פון די פיר ווענט.

די נויט, די רדיפות, דער הכרח האָבען געצוואונגען דעם

אידען צו דער פאַרגייסטיגונג, צו דער אינטימיזירונג פון זיין רע־ליגיעזען לעבען. די אידישע אמונה האָט אין די גאָר אַלטע צייטען אויך געטראָגען אַזאַ מין אויסערליכען דראַמאַטישען כאַראַקטער. די פּאַראַדען פון די כהנים און לויים, דער מערקווירדיגער צע־רעמאָניאַל אויף דעם הר־הבית, די גאָלדענע כלים, די ווייסע מלבושים, די טרומייטען און די גלעקלעך, די מחנות מענשען מיט די קרבנות — אַלצדינג פאַר דעם אויג, פּראַכטפולע דראַמע. און ווער עס האָט ניט געזעהן די שוהל פון אַלעקסאַנדריע, די „דיפּלסטון של אלכסנדריה" — האָט ר' יהודה דערצעהלט (תוספתא, סוכה) — האָט אויף זיין לעבען ניט געזעהן קיין שעהנקייט ביי אידען. „כמין בסיליקי גדולה היתה סטיו לפנים מסטיו" — אַ גרויסע באַזיליקאַ, אַ זיילענגאַנג נאָך אַ זיילענגאַנג. און איין און זיבעציג גאָלדענע שטולען זיינען דאָרט געשטאַנען — א. אַז. וו.

די באַזיליקאַ איז חרוב געוואָרען. די זיילען צעבראָכען, די גאָלדענע שטולען צעשמאָלצען — און דאָס אַלעקסאַנדרישע אי־דענטום כמעט ווי אָפּגעווישט געוואָרען פון דער געשיכטע. טאַקע וויל אַזוי טעאַטראַליש, און וויל אַזוי שעהן.

דער איד האָט — אפשר דער איינציגער אין דער געשיכטע — געפונען דעם שליסעל צו דער רעליגיאָזיטעט: ער האָט פון איהר אַראָפּגענומען דאָס דראַמאַטישע און האָט זי געמאַכט פּער־זענליך־סימבאָליש.

אַזוי איז געוועזן דער גאַנצער, שווערער וועג פון דער אי־דישער רעליגיעזער אַנטוויקלונג: צו פשטות. וואָס וויניגער פּאָמפּ, סיי אין געשטאַלטונג סיי אין וואָרט. די פּרינציפּיעלע געגנער פון אידען און אידענטום — אפילו ווען זיי זיינען ניט קיין אויסגעשפּראָכענע אַנטיסעמיטען, אפילו ווען זיי מיינען אַז זיי זיינען אָביעקטיווע פאָרשער, רופען אָן אָט דעם אוראַלטען דראַנג פון דעם אידענטום צו דער אומדראַמאַטישער איינפאַכ־קייט: פלעבעאיש, ד. ה. פאַר דעם המון, פאַר דעם געוועהנ־ליכען מענשען, ניט פאַר דעם אַריסטאָקראַט. אַזוי, צ. ב., מאַקס וועבער, אין זיין באַרימטען — און זעהר גערימטען — ווערק: רעליגיאָנס־סאָציאָלאָגיע, דריטער באַנד, וועגען דעם „אַלטען אידענטום".

מעגליך — אָבער אויך די קאַטעגאָריעס בייטען זיך. און

דאָס אַריסטאָקראַטישע פון איין צייט ווייזט זיך אַרויס זעהר גע־מיין, זעהר פלעבעאיש אין אַן אַנדער צייט און אונטער אַנדערע באַדינגונגען.

און אויב „הכנעה, באַשיידענקייט און צוטרוי" זיינען באמת „פלעבעאישע" אייגענשאַפטען, ווי מאַקס וועבער מיינט, מילא — מען קאָן ניט מעסטען די גאַנצע וועלט מיט דער דייטש־יונקערישער מאָס.

יעדענפאַלס האָבען אידען קיינמאָל ניט דראַמאַטיזירט זייער אָרימקייט און עניוות ווי פראַנציסקאָ פון אַסיסי האָט עס געטאָן. אויך זיי אָהן פּרעטענזיעס, אויך אויף דעם עטישען פעלד פשוט'ע אַרבייטער און ניט קיין קינסטלער, וואָס שאַפען אַ ראָלע פאַר זיך.

אָבער אויך די אידישע ראָד שטעהט ניט אויף איין אָרט. אויך אין דעם אידישען באַוואוסטזיין — דער אַלגעמיינער, דער אַלוועלטליכער פּראָצעס. פון דער פשטות און אינטימיטעט צוריק צו דער דראַמאַטיק, צו דער קינסטלעכקייט, פון דעם איבערגע־שיכטליכען וועלט־סימבאָל צו דער רייך־געשיכטליכער, נאַציאָ־נאַל — און דאָס מיינט צייטליך־באַגרענעצטער געשטאַלטונג.

עס קאָן זיין — איך זעה צו־סוביעקטיוו, אידעאַליזיר דעם נעכטען און אונטערשעץ דעם היינט. אָבער — אין מיין זכרון איז דער איינדרוק פון אַמאָליגע אידישע שטימונגען, און זיי זיינען אַנדערע, אַנדערש־דימענסיאָנעל ווי די היינטיגע.

אָהן דרשות, אָהן אויסטייטשונגען, — אָהן דראַמאַטיק, אָהן פּאָליטישע און היסטאָרישע האָריזאָנטען, — אָבער דערפאַר מיט אַזאַ שטאַרקען, טיפען פּאַטאָס און אַזויפיל אמת'ער סימבאָליק.

אַ געגעבענהייט איז עס געווען. פון הונדערטער דורות — איין ליניע וואָס פיהרט ביז צו דעם סוף פון די צייטען. אַלטע ווערטער, וואָס האָבען געשאַפען אין זייער גאַנצקייט אַן אייגענ־אַרטיגע שטימונג. ניט היסטאָריש־דערמאָנענדיג, ניט ראַציאָ־נאַליסטיש, נאָר אַזוי אָפּגרונט־טיף פערזענליך, אור־קוואַלענדיג.

אָבער אויך דאָס פאַרגעהט. די אַלטע בשמים ווערען אויס־געוועפּט. דער „סימבאָל פאַלט אַרויס", און עס ווערט אויפ'סניי אינסצענירט די גרויסע טראַגעדיע: דער אַלטער בלינדער עדיפּ וואַנדערט — „און עכאָן טי סימבאָלאָן".

אַפּריל 3, 1931.

און נתן רעדט ווייטער

ערגעץ־וואו אין די מרחקים, דאָרט וואו אָרט מיינט גאָרניט און צייט איז ניטאָ, זיצען נאָך אַלץ די צוויי געלייטערטע און פיהרען ווייטער דעם דיאַלאָג.

אויף זיין טראָן — אַלט געוואָרען איז דער טראָן, אָפּגע־בליאַקעוועט דער באַלדאַכין, אַרויסגעפאַלען די גאָלד־פאַרצירונגען, און די עלפענביינענע הענטלעך פאַרביטען מיט פשוט'עןביין — זיצט סאַלאַדין. נאָך אַלץ ווי ער איז געווען. אַ ווייסער טורבאַן אויפ'ן קאָפּ. אַ שפּיציגער יאַטאַגאַן, די קרומע שווערד פון די סעלדזשוקען, ביים גאַרטעל, בלויז די אויגען, די קלוגע און שמייכ־לענדיגע אויגען פון אַמאָל, האָבען פאַרלוירען זייער יוגענט־גלאַנץ און ביטערקייט אין זייער אויסדרוק. און אַקעגען איהם, אויף אַן אַלטען צעריסענעם קישען, זיצט דער אַלטער נתן, „נאַטאַן דער ווייזע", ווי לעסינג האָט איהם גערופען. אַלט און מיד, די לאַנגע באָרד שוין כמעט געל פון ווייסקייט, און דער קאָפּ צו־שווער פאַר דעם אויסגעדאַרטען גוף. זיי האָבען געשפּילט אַ פּאַרטיע שאַך, איינע פון די אומענדליכע פּאַרטיען, וואָס זיי שפּילען שוין העכער ווי טויזענט יאָהר. געוועהנליך געווינט דער אַלטער נתן, אָבער ווען עס קומט צו דעם מאָמענט פון זיג פאַלט זיין בליק אויף דער געקרימטער שווערד, און ער מאַכט מיט כונה אָדער טאַקע באמת אַ פעהלער, און לאָזט געווינען דעם סולטאַן, אָדער איז מסכים צו אַ „רעמי", אַזוי אַזביידע שפּילער געווינען און פאַרלירען אין דער אייגענער צייט.

און צווישען שפּיל און שפּיל רעדען די צוויי קעגנער, קעגנער און פריינט, וועגען וועלט און מענשען, וועגען דעם וואָס איז געווען און וועגען דעם וואָס איז.

— געדענקסטו, נתן, די מעשה וואָס דו האָסט מיר אַמאָל דערצעהלט, לאַנג־לאַנג צוריק איז דאָס געווען, וועגען די דריי רינגען? זי איז געוואָרען באַרימט אין דער וועלט. מען דער־צעהלט, איך ווייס עס פון מענשען וואָס האָבען געלייענט די שריפטען פון די ניט־גלוביגע, אַז אָט די געשיכטע וואָס דו

האָסט מיר דערצעהלט, האָט דורכגעוואַנדערט גאַנץ אייראָפּע, איז געקומען פון איטאַליע ביז דייטשלאַנד, און אַ דייטש — לעסינג, זאָגט מען, איז זיין נאָמען — האָט זי איבערדערצעהלט און אַריינגעשטעלט אין אַ שפיל, וואָס ער האָט אָנגערופען נאָך דיין נאָמען, די געשיכטע פון די דריי רינגען, די דריי גלויבענס, וואָס מענשען האָבען באַקומען בירושה, און ווי די דריי רינגען האָבען זיך געקייקעלט און זיינען פאַרביטען געוואָרען. דו געדענקסט דאָך. דערצעהל זי ווייטער, נתן. איז עס אַלץ נאָך אַזוי?

און דער אַלטער, גרייז־גרויער, געל־וויסער נתן שאָקעלט לאַנגזאַם דעם קאָפּ. „ניט גאַנץ אַזוי, סאַלאַדין. אַ סך וואַסערען זיינען אַריינגערונען אין דעם בלויען ים פון זינט איך האָב דיר דערצעהלט די מעשה וועגען די דריי רינגען. די וועלט איז אַנדערש געוואָרען זינט די טעג. געדענקסט, סאַלאַדין, ווען זשאַפּרוא פון בואיאָן און באַדועז פון פלאַנדערן האָבען געפיהרט די ריטער פון אַנזשו, די סאַלדאַטען פון דער קריסטליכער וועלט אַקעגען דעם אומגלויביגען, און האָבען געשטורעמט די טויערען פון דער הייליגער שטאָדט. בלויז איינס האָט זיך ניט געביטען. דעמאָלט ווי היינט זיינען מיר, אָט די פון מיין שטאַם, פון מיין פאָלק, געווען צווישען די מיל־שטיינער. ווען קריסטענטום און איסלאַם, רוים און מעקאַ האָבען געשטורעמט איינע אַקעגען דער צווייטער, און צווישען זיי ביידע זיינען מיר דערשטיקט געוואָרען, זיינען מיר געווען די קרבנות. איבער אונזערע לייבער דער מאַרש פון זיגער און באַזיגטע.

„יאָ, דו פרעגסט וועגען מיין מעשה מיט די רינגען. דעמאָלט איז דער נוסח אַזוי געווען: דריי רינגען — אידענטום, קריסטענטום, איסלאַם, און אייגענטליך אַלע אינאיינעם איין־איינציגער רינג. און איך האָב געפּרעדיגט טאָלעראַנץ. אַזוי איז געווען צום ווייניגסטען די אויסטייטשונג וואָס די וועלט האָט איהר געגעבען, דער מוסר־השכל פון מיין לעגענדע. איך ווייס ניט ווי אַזוי איך וואָלט היינט דערצעהלט די געשיכטע; אַלט בין איך געוואָרען, און מיין פאַנטאַזיע איז מיד און אויסגעשעפּט. איך ווייס נאָר, אַז מיין לעגענדע איז געווען צו־פּשוט, צו נאַאיוו, ניט גענוג טיף, אַזוי טיף, אַז זי זאָל קאָנען דערגעהן ביז צו דעם יסוד, דעם גרונט פון דעם גרויסען רינגעלדיגען סוד. און לאָז מיר דערצעהלען די אייגענע לעגענדע אויפ׳סניי. זי וועט זיין אפשר שוואַכער ווי

די פריהערדיגע, וויניגער פרישקייט און פאַנטאַזיע אין איהר, אָבער אפשר טאַקע דערפאַר נעהנטער צו דעם אמת.

„געווען אַמאָל אַ רינג, אַ גאָלדענער רינג, אויף דעם פינגער פון אַ מלך. זיינען באַפאַלען שונאים דאָס לאַנד פון דעם קעניג און האָבען צעשטערט זיין פּאַלאַץ און פאַרברענט איהם, און אין דער שרפה איז דער מלך פאַרברענט געוואָרען. דער רינג איז אַראָפּגעפאַלען פון דעם פאַרברענטען פינגער, אַריינגעפאַלען אין דעם פייער, און איז דאָרט צעשמאָלצען געוואָרען. האָבען איהם מענשען געפונען און געגעבען צו אַ גאָלדשמיד, ער זאָל מאַכען אויף'סניי אַ גאָלדענעם רינג. איז אָבער קיין פינגער ניט געווען פאַר איהם, ניט ברייט גענוג און ניט גענוג לאַנג, און דער גאָלד־שמיד האָט צעהאַקט דאָס גאָלד אויף קליינע טיילען און געמאַכט אַ גאַנצע קייט פון פינגערלעך, פון רינגעלעך. און זיי האָבען זיך צעקייקעלט איבער דער וועלט, יעדער אַ טייל פון דעם גרויסען רינג, ברידער אין גאָלד. און יעדער פון זיי האָט גע'טענה'ט, אַז ער איז דער אמת'ער, דער אייגענטליכער רינג, און אויף איהם דער אַלטער חותם פון דעם פאַרברענטען מלך. דריי זיינען גע־בליבען, דו האָסט עס דערמאָנט, אידענטום, קריסטענטום און איסלאַם. איינער לעבען דעם אַנדערען, און אַן אייביגע שנאה איינער צום צווייטען, דער קאַמף אַרום דעם שטאַמפּ.

„און אָט אַ נייע שריפה, אַ פייער כאַפּט אַרום די וועלט, און ווידער קייקלען זיך אַריין די רינגעלעך אין דעם פייער. איינער צום צווייטען אַזוי נאָהנט, אַז זיי באַריהרען זיך, און דאָס פייער הויבט אָן צו שמעלצען און אָט־אָט ווערען זיי אַלע ווידעראַמאָל געשמאָלצען אין מעטאַל און דאָס רינגעלדיגע פאַרשווינדט.

„ אָט זעהסטו, סאַלאַדין, וואָס איז געוואָרען. זיי האָבען גע־מיינט, אָט די זשאַפּרואַס און באָדוענס, און די ריטער פון דער אַנזשו און דער שאַמפּאַן און די מאַנאַכען פון רוים, אַז צו זיי באַלאַנגט די וועלט, אַז זייערס איז די האַנט. און זיי האָבען גע־מיינט, אַז מיר און איהר שטעהען זיי אין וועג, בפרט מיר. זייער גאַנצע געשיכטע איז געווען אַ קאַמף אויף טויט און לעבען אַקעגען אונז. איינער פון זייערע ערשטע, פון זייערע בעסטע, בישאָף פון היפּפּאָ אין אַפריקע, דער הייליגער אויגוסטינוס רופען זיי איהם, האָט שוין לאַנג צוריק, נאָך ווען מיר, איך און דו, זיינען נאָך ניט געווען אויף דער וועלט, געזאָגט צו דער קריסטליכער געמיינדע:

„מען מוז באַגראָבען די סינאַגאָגע אויף אַן אָנשטענדיגען אופן".
און די וואָס זיינען געקומען נאָך איהם האָבען איהם געפאָלגט, בלויז דער אופן איז געווען ניט קיין אָנשטענדיגער, געברענט און געבראָטען, געיאָגט און גע'הרג'עט, ניט געווען קיין איין פיין און קיין איין מאַטערניש, וואָס זיי האָבען ניט אויסגעטראַכט פאַר אונז.

„און זיי האָבען געמיינט, אַז ווען זיי וועלען אונז אָפּראַמען פון דער ערד וועלען צו זיי באַלאַנגען ביידע וועלטען — פון מאַכט און פון גייסט. און זיי האָבען ניט געוואוסט, און זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען, אַז פאַלען מיר אַרויס פון דעם שפיל ענדיגט זיך דער שפיל בכלל — פאַר זיי אויך. און זעה וואָס עס איז גע־שעהן. מען זאָגט איצט, אין דער ווייטער וועלט דאָרט אונטען, אַז עס איז די גרעסטע סכנה און אפשר די לעצטע שעה פון דעם אידענטום. אָבער זיי הויבען שוין אָן צו פאַרשטעהן, אַז אויב אונזער לעצטע שעה וועט שלאָגען, קומט אויך זייער סוף. און אויב די סינאַגאָגע וועט באמת באַגראָבען ווערען, אָנשטענדיג אָדער אומאָנשטענדיג, מיט כבוד אָדער מיט שאַנד, וועט אויך צוזאַמענברעכען דער גאַנצער בנין פון פעטרוס און פאָולוס, די קופּאָלאָ פון וואַטיקאַן און די באַזיליקאַ פון דעם לאַטעראַן.

„אין צפון אייראָפּע, אין דעם צענטער פון אייראָפּע, ווערט געשטורעמט ניט בלויז די סינאַגאָגע, נאָר אויך די קאַטעדראַלע. און עס איז גרינגער צו צעשטערען און פאַרניכטען דעם צוויי טויזענט יאָהריגען ווערק פון דעם קריסטענטום, ווי די אוראַלטע סינאַגאָגע. ביי אונז — אַלצדינג אין אונז. אין אַ הייל, אין דער מדבר, מיט אַ וואַנדער־שטעקען, מיר קאָנען זיך באַגעהן אפילו אָהן אַ בנין. אין געצעלטען אויך גוט. אונטער דעם פרייען הימעל, אויב עס מוז זיין. זיי אָבער — אין שטיין געבויט, מאַר־מאָר, גאָלד, גראַניטענע פונדאַמענטען. און צעשטערט מען דאָס, אָט די גרויסקייט און פאַרפונדעוועטקייט, ווערט אַלצדינג פאַרניכ־טעט. צוויי טויזענט יאָהר זיינען בלויז זעכציג דורות, און דאָס מיינט זעכציג מענשען, וואָס גיבען־איבער איינער דעם צווייטען דעם רינג. און דאָס איז ניט גענוג. ביי אונז שטעהען קעפּ אויף קעפּ, אַ צייל פון דורות. איינגעוואָרצעלט, ניט אַרויסצורייסען אין איין טאָג, אין איין יאָהר, אין איין דור.

„שוין צוויי הונדערט יאָהר ווי זיי גראָבען־אונטער דאָס

קריסטענטום. דער פּעטרוס־רינג איז געוואָרען צו־ענג פאַר זיי, אָדער אפשר צו־ברייט. ער האַלט זיך ניט. די אייניקלעך פון זשאַפּרוא און באַדוען און פון די מאַנאַכען — דו שמייכעלסט, סאַלאַדין — יאָ, פון די מאַנאַכען, שטורעמען אויפ'סניי די הייליגע שטאָדט, אָבער ניט כדי זי צו פאַרכאַפּען, און צו פאַרנעמען דעם קבר פון זייער גואל, נאָר כדי צו צעשטערען און אויסצוליידיגען דעם קבר און צערייבען דעם שטיין ביז צו שטויב.

„מען וואונדערט זיך: פון וואַנען פלוצלינג אַזאַ הייסער קאַמף אַקעגען דעם קריסטענטום צווישען די פעלקער פון דער ערד. איך וואונדער זיך, פאַרוואָס דער קאַמף געהט נאָך אַלץ אָן. ווייל דאָס קריסטענטום איז שוין צוזאַמענגעבראָכען פון אַ לאַנג־לאַנגער צייט. אַ מערקווירדיגע פלאַנץ, וואָס קאָן אויפ־בליען אין טונקעלע קעלערס און ווערט פאַרוויאַנעט אונטער דער זון. די פעלקער פון אייראָפּע האָבען דאָך קיינמאָל ניט איינגעזאַפּט אין זיך די גרויסע אידייע, דעם תמצית'דיגען אַראָ־מאַט פון דעם קריסטענטום, אַט אַזוי ווי ער איז אַרויסגעוואַקסען פון דער גליל'ישער ערד, אַט אַזוי ווי ער האָט זיך ארויסגעקיי־קעלט פון די נאַאיווע פאַנטאַזיעס פון די פישערלייט ביים ים כנרת און פון דער צעהיצטער דרשנות פון דעם פּרושי שאול. ניט די סלאַווען, ניט די גערמאַנען האָבען דערפיהלט אפילו פון דער ווייטענס די מיסטיק, וואָס איז אַרויסגעוואַקסען פון דעם אידענטום און האָט זיך פאַרשפּונען מיט אַ פרעמדער, צו איהר ניט צוגעפּאַסטער, אידייען־וועלט. שוין צוויי טויזענט יאָהר ווי זיי גראָבען־איין זייערע אויגען מיט ליידענשאַפט אין די סודות־דיגע ווערטער פון דעם חותם פון דעם רינג, און קאָנען איהם ניט לייענען.

„און מערקווירדיג, אָן אמת'ער שפּאַס פון דער געשיכטע, אַז אין דער שעה פון גרויסער נויט, פון דער גרויסער שריפה, קייקלען זיך די צוויי רינגעלעך אַזוי נאָהנט איינער לעבען דעם צווייטען, און אַט־אַט שמעלצען זיי זיך צוזאַמען. מיר זיינען דאָך איצט שותפים, אין צער און אין קאַמף. ווי וואָלט טאָרקוועמאַדאַ זיך געריבען די אויגען, ווען ער וואָלט געזעהן ווי קריסטליכע פעלקער רודפ'ן אידען און קאַטוליקען, אידענטום און קריסטענ־טום אין דער אייגענער צייט און מיט דעם אייגענעם האַס. דערויף האָט זיך רוים זיכער ניט גערעכט. דאָס האָט זי קיינמאָל ניט

דערוואַרט, אַז עס זאָל קומען אַ מאָמענט, ווען זי וועט מיט אונז אינאיינעם זיך מוזען באַהאַלטען, אויסשטעהן פורעניות'ן, אָפּ-ריכטען גלות.

„און דיין רינגעלע, סאַלאַדין, קרימט זיך שוין אויך. געווען אַמאָל אַ צירונג פון גאָלד, אַ ראַפינירט רינגעלע אויף שטאָלצע פינגער, היינט אַ שוואַרץ אייזערען קייטעל אויף אַ גראָבער פע-לאַכען-האַנט. אַלצדינג אַנגעוואוירען, וועלטליכע מאַכט און גייס-טיגע. ניטאָ מעהר קיין איסלאַמישע קולטור, קיין וועלט-פאַרנעם, ווי אַמאָל אין די צייטען פון אַווערעאָס, פון אַוויסענאַ, פון דער גרויסער אַראַבישער קולטור. היינט בלויז אַ פּאָליטישע, נאַציאָ-נאַלע רעליגיע, וואָס דינט פאַר אַגיטאַציע און האַס.

„אַלע דריי רינגעלעך אין דעם שמעלצענדיגען פייער. אפשר וועלען זיי אַלע צעשמאָלצען ווערען, און דער גאָלדשמיד וואַרט בלויז דערויף, צו שאַפען אַ נייעם, אַן איין-איינציגען רינג. און, סאַלאַדין, איך וויס ניט, אָבער איך גלויב, אַז אונזער רינג וועט דאָך בלייבען, און דער אייגענטליכער חותם איז פאַרט אויף איהם, ווייל נאָך אַלץ ניט אַ רינג פון מאַכט און פון צוואַנג, נאָר פון פרייען ווילען און פון גייסט".

סאַלאַדינ'ס שטערען האָט זיך פאַרכמאַרעט. זיינע אויגען האָבען אויפגעפינקעלט, און זיין האַנט האָט מיט אַן אינסטינקטי-ווער באַוועגונג אָנגעכאַפּט די קרומע שווערד ביים גאַרטעל. נתן האָט עס באַמערקט. „איך האָב עס דערוואַרט, סאַלאַדין, איך האָב קיין מורא ניט, איך בין צו אַלט און דיין שווערד איז שוין אויך פאַרזשאַווערט".

„דו ביזט גערעכט, נתן; עלטער שיצט ניט פאַר נאַרישקייט, און אויך ניט פון גדלות, דיך אויך ניט, נתן. ניט גוט צו זיין אַלט. מען ווייסט צופיל און מען נאַרט זיך מעהר. לאָמיר ווייטער שפּי-לען אַ פּאַרטיע שאַך".

„מיט רעמי" — שמייכעלט נתן.

יולי 27, 1935.

דער פּאַראַדאָקס פון אידענטום

מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק האָט זיך אַ גרופּע אידישע שרייבער און דענקער פאַרזאַמעלט צו אַ מין סימפּאָזיום — אין דעם העברעאישען זשורנאַל „העתיד" פון בערלין, וועגען דער פראַגע: „וואָס איז דאָס אידענטום, זיין וועזען און זיינע וועגען?"

מען האָט אונז דעמאָלט געפרעגט מיט ערנסט און מיט שפּאָט: „קיין אַנדערע דאגות האָט איהר ניט, דאַרפט איהר נאָר האָבען אַן ענטפער אויף פראַגען, וואָס זיינען זעלבסטפאַרשטענדליך? ווילט איהר, אַזוי צו זאָגען, באַווייזען אַקסיאָמען? מען קאָן דאָס ניט אין דער געאָמעטריע, אין דער פיזיק און איהר נעמט אויף זיך די אויפגאַבע אויסצושעפּען אַ ים. „זעהט", האָבען זיי אונז געזאָגט, „אַנדערע פעלקער לעבען דאָך אויך איבער אַ גייסטיגען קריזיס. מען קעמפט אומעטום אַרום אַ וועלט־אינהאַלט און גייסטיגען צוזאַמענהאַנג, און פונדעסטוועגען מאַטערט מען זיך ניט אַזוי וועגען דעם וועזען פון קאַטאָליציזם, פּראָטעסטאַנטיזם אָדער דער פּראַוואָסלאַוויע. מיט רעליגיע איז עס דאָך ווי מיט ליבע, זי איז פאַראַן אָדער זי איז ניטאָ. קיין מיטעל־וועג איז ניט געגעבען. מען קאָן ניט וועלען גלויבען, פּונקט ווי מען קאָן ניט וועלען ליב האָבען".

די דייטשע פילאָזאָפען פון דעם אָנהויב נײַנצענטען יאָהרהונדערט האָבען געוואָלט איינרעדען דער וועלט, אַז עס איז מעגליך אַ רעליגיע פון שכל. און עס איז געווען אויף דער אייגענער ליניע ווי העגעל'ס טעאָריע, אַז די באַציהונגען צווישען מאַן און פרוי מוזען זיין באַזירט אויף דעם שכל, אויף אויסרעכענונג און ניט אויף דעם געפיהל. און ווייטער האָבען זיי גע'טענה'ט: „צו וואָס זוכען אַן ענטפער אויף דעם פּראָבלעם פון דעם אידענטום, ווען דער פּראָבלעם פון דעם אידען איז נאָך אַלץ ניט געלייזט?"

געקומען די מלחמה און די קאַטאַסטראָפאַלע נאָך־מלחמה יאָהרען, און די נייע צרות האָבען פאַרשטילט די אַלטע. איהר ווייסט דאָך, ווען מען גיסט אויפ'ן קאָפּ הייסען טריפוואַקס, פאַר־

געסט מען אין אַ צאָן־וועהטאָג. און מען טראַכט היינט ווייניגער ווי ווען עס איז וועגען די פונדאַמענטען, דעם וועזען פון דעם אידענטום.

ווען איך הער אָדער לייען די דרשות אָדער אפילו נאָר זייערע קעפּלעך, וואָס די אַמעריקאַנער ראַבאַיס האַלטען אין די שוהלען ביי יעדער געלעגענהייט פאַר די לעצטע צוויי יאָהר, ווייזט זיך מיר אויס, אַז זיי זיינען די איינציגע, וואָס האָבען פּראָפיטירט פון דער היטלעריי און דעם אויפבלי פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין דער וועלט. זיי זיינען פּטור געוואָרען פון אַלע פּראָבלעמען, פון דער אַחריות פאַר די ווערטער און געדאַנקען, וואָס זיי זאָגען אַרויס, פון דער שווערער אויפגאַבע צו טראַכטען. זיי האָבען אַ פאַרטיגע טעמע און וואַריאירען זי אָהן אַ סוף. אָבער אפילו אין זייערע נאַטירליכע אָדער בכבוד'יגע באַנאַליטעטען רייסט זיך אַריין אַ נאָטע, וואָס קלינגט ווייטער ווי די טעמע אַליין, בלויז רוי און אוממעלאָדיש. אָט האָב איך געהערט ניט לאַנג אַ פּרעדיגט אָדער בעסער געזאָגט אַ דעקלאַמאַציע פון איינעם פון די באַרימט־סטע רבנים־פּאָליטיקער אין אַמעריקע אויף דער טעמע: „היטלער און די אידען". אַ באַקאַנטער טעקסט און אויך ניט קיין זעהר אומבאַקאַנטע ווערטער. אָבער אָט צעהיצט זיך דער ראַבאַי, זיין רעדנער־קונסט צעפּלאַקערט זיך און ער הויבט זיך אויף אין די עולמות און רעדט נביא'יש. „דער איד וועט, דער איד וויל, דער איד זאָל ראַטעווען די וועלט, שאַפען דעם גן־עדן אויף דער ערד, ברענגען גערעכטיגקייט, יושר, גלייכהייט, „רייטשאָסנעס".

אַ מערקווירדיג וואָרט, וואָס עקזיסטירט בלויז אין דעם גלח'שען און רבנישען ווערטער־בוך. און ער ווענדעט זיך צו דעם אידען, צו דעם, וואָס זיצט אין זיין שוהל און צו דעם, וואָס הערט די רעדע אויף דער ראַדיאָ. „דו, איד, געדענק, וואָס דער נביא האָט פאַרלאַנגט, און וואָס איך זאָג דיר, זיי א. אַז. וו." פאַרשטעהט זיך דער ברענגער פון יושר, גערעכטיגקייט און „רייטשאָסנעס". און איך האָב זיך געפּרואווט פאַרצושטעלען קאָנקרעט דעם אידען, וואָס הערט די רעדע און וואָס לייענט זי. מיר קענען דאָך איהם, מיר זעהען איהם טאָג־איין און טאָג־אויס, דעם דימענט־סוחר, דעם הענטשקע־מאַכער, — גרויס־פאַבריקאַנט, פאַרשטעהט זיך, — דעם באַנק־דירעקטאָר, דעם בערזע־מעקלער, דעם אַדוואָקאַט און דעם דאָקטאָר. איך זוך אַרום מיט די אויגען

אָט די ברענגער פון די אַלע הויכע אידעאַלען און איך זעה זיי ניט. זעה אויך ניט דעם וועג פאַר זיי אַפילו ווען זיי וואָלטען געוואָלט אָדער געקאָנט. איינגעאָרדענט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז שטאַרקער פון זיי. שרייפעלעך פון אַ געוואַלדיגער מאַשין, סאָציאַל אויף דער זייט פון די באַזיצענדע און פון די שטאַרקע. ווי קאָן מען פון זיי פאַרלאַנגען, און ווי קאָן מען פון זיי גאָר האָפען אָט די נביא'אישע דערפילונגען?

און איך קוק איבער דעם פלויט, אַריבער צו די מאַסען, וואָס לעבען נאָך אויף דעם אַלט־מאָדישען שטייגער, די נאָך ניט־אַסימילירטע, די, אַזוי־גערופענע, אידישע אידען, די קליינע קרעמער, וואָס ראַנגלען זיך פאַר דעם ביסעל לעבען, די אַרבייטער, וואָס האָבען זייערע קלאַסען־אינטערעסען, און פרעג ווייטער: „געהען צווישען זיי אַרום די בני־הנביאים און איך דערקען זיי ניט? און עס הויבט זיך אויף די אַלטע פראַגע, אָט אַזוי ווי לוי יצחק דער בערדיטשעווער האָט זי געשטעלט: „זיינען דאָ אַזויפיל אומות אויף דער וועלט, „מדיא, פרסיא, רומיא, פאַרוואָס ביי יעדער געלעגענהייט נאָר: רעד צו די בני־ישראל?" פאַרוואָס אויף אונז די גאַנצע משא? דער בערדישעווער רב האָט אָפּגעהאַקט די פראַגע, ער האָט זיך באַנוגענט מיט דעם „יתגדל". אפשר פאַר איהם דער לעצטער ענטפער. מעגליך, אַז עס וואָלט געווען אויך דער לעצטער ענטפער פאַר אונז, אָבער וואו איז אונזער וועג צו דעם „יתגדל"? אַנדערש פאַרמולירט, וואָס איז אונזער וועג צו דעם אידענטום?

און דאָס איז דאָך זיין פאַראַדאָקס. איך וואָלט געזאָגט דער מאַטעמאַטישער פאַראַדאָקס פון אידענטום, דער טייל איז גרעסער פון דעם גאַנצען. דאָס גאַנצע, דאָס הייסט, דאָס אידענטום ווי אַ וועלט־פאַרנעם, ווי אַ לעבענס־שטייגער, ווי אַ מין מעטאַפיזיק, איז איינגעשרומפּט געוואָרען און דער פּאָליטישער, צייטליכער, געשיכטליכער טייל האָט פאַרנומען דעם גאַנצען שטח. פאַרוואָס פיהלען־מיט מאָדערנע אידען אַזוי טראַגיש די נייע אויפקוואַלונג פון דעם אַנטיסעמיטיזם? מיר זיינען, דאַכט זיך, געוואוינט צו אַלערליי נסיונות, אונזער גאַנצע עמאַנציפּאַציע איז בלויז פון נעכטען און פונדעסטוועגען פאַרגלייכט די רוהיגקייט, דעם מוט פון די אַמאָליגע אידען, וואָס האָבען זיכער מעהר געליטען ווי מיר, מיט דער היסטעריע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין די אי־

דישע קיבוצים אין דער היינטיגער צייט. דעמאָלט איז דאָס אידענטום געווען אַ פעסטער אָרגאַניזם, אַ לעבעדיגער כוח, אַ גייסטיגע איינהייט, און אַלצדינג אַרום איז געווען בלויז ביים ברעג. ביי אונז איז די איינשטעלונג פּונקט אַנטקעגנגעזעצט, דאָס אידענטום איז שוין בלויז ביים ברעג, אויף דער פּעריפעריע, ערגעץ־וואו אין ווייטע, פאַרשוואומענע האָריזאָנטען, און אין צענטער איז אַ וואַנדערענדער פּונקט, דאָס הייסט, מיר האָבען ניט קיין צענטער. און עס איז צייט, אַז מען זאָל נאָך אַמאָל אויפהויבען די אַלטע דיסקוסיע, וואו זי איז אָפּגעבראָכען געוואָרען מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק, פאַרטיפען זיך, אַריינעגבערען זיך אין איהר מיט דער גאַנצער דימענטענער האַרטקייט פון דעם געדאַנקען־עגבער. לאָמיר פאַרגעסען אויף א ווייל אַן היטלער'ן, אַן דעם אַנטיסעמיטיזם, אַן די אַלע צעשטערענדע און נעגאַטיווע כוחות, וואָס שטעהען ניט אין אונזער רשות, און אַריינטראַכטען זיך אין אונזערע אייגענע יסודות. דער פאַרזוך מוז געמאַכט ווערען, די דיסקוסיע איז אָפען. און דאָס ערשטע וואָרט אין דער דיסקוסיע האָט גענומען פּראָפעסאָר מרדכי קאַפּלאַן אין זיין בוך „אידענטום — אַ ציוויליזאַציע",(*) אַ פאַרזוך איבערצובויען דאָס אַמעריקאַניש־אידישע לעבען. דר. קאַפּלאַנ'ס אידייען זיינען ניט אומבאַקאַנט. ער האָט זיי שוין ניט איינמאָל אויסגעדריקט אין קלענערע אַרבייטען און עסייס. און דער קערן פון זיין גאַנצען אידישען דענקען איז, אַז דאָס אידענטום איז אַ ירושה איבערגענומען פון פריהערדיגע דורות, וואָס מוז אָפּגעהיט ווערען אָבער אויך צוגעפּאַסט ווערען צו די פאָדערונגען פון דער צייט. עס וואָלט געקאָנט פאָרמולירט ווערען אין אַ בילד. מען קאָן ירש'ענען אַן אוצר, אַלטע גאָלדענע מטבעות, גאָלדענע צירונג, און ניט האָבען דעם מוט זיי צו טראָגען און ניט די מעגליכקייט זיי פּראַקטיש אויסצונוצען, פאַר זיי איז פאַראַן איין פּלאַץ, — דער מוזיי. און דאָס איז געווען אויך די שטעלונג פון די דייטש־אידישע רעפאָרמער פון האָלדהיים, און נאָך מעהר פון אברהם גייגער. פאַר זיי איז דאָס אידענטום געווען בלויז אַ מוזייאום־ירושה, אַ מין טוט־אַן־כאַמען מומיע, אָדער אין בעסטען פאַל אַן אַלט־גריכישע וואַזע, זעהר שעהן, זעהר קינסטלעריש, אָבער די מומיע קאָן מען ניט

*) Judaism as a Civilization, by Dr. Mordecai M. Kaplan. Macmillan Co., New York, 1934.

אַריינפיהרען אין דער געזעלשאַפט. און מיט טוט־אַן־כאַמען׳ען קאָן מען ניט חתונה האָבען און אין אַ גריכישער וואַזע קאָן מען ניט טרינקען קיין ביר. זיי שטעהען — און דאָס איז זייער נאַטיר־ליכער פּלאַץ — אין אַ גלעזערנעם קעסטעל אויף אַ בכבוד׳יגען אָרט, אין אַ שעהנעם מוזיי. און פון צייט צו צייט, יעדען שבת, אָדער יום־כיפּור געהען די יורשים אין מוזיי אריין און דער פירער ערקלערט זיי אַלצדינג, וואָס איז נויטיג צו וויסען וועגען דער מומיע אָדער וועגען דער וואַזע. און וויל איינער ניט געהן אין דעם מוזיי ווייל ער ווייסט שוין, אָדער ער האָט ניט קיין אַרכעאָלאָגישע אינטערעסען, מאַכט אויך ניט אויס, דער עיקר איז דער גלעזערנער קאַסטען און דער מוזיי.

ס׳איז אָבער דאָ נאָך אַן אַנדער ירושה, — אַ שלאָס פון דורות, ווי, צום ביישפּיל, דער באַרימטער „פּאַלאַצאָ מאַסימאָ״ אין רוים. שטעהט שוין אַכט הונדערט יאָהר אָדער מעהר, געהט איבער פון דור צו דור און תמיד אין דער אייגענער פאַמיליע, גרוי, האַרט־שטיינערדיג, גיגאַנטיש. אַ מאָנומענט פון פאַרגאַנגענע צייטען, אָבער אויך אַ הויז פאַר לעבעדיגע מענשען. ס׳איז אָפט אומבאַקוועם צו וואוינען אין איהם; די חדרים צו־גרויס אָדער צו־קליין, מעהר אָרנאַמענטיק ווי באַקוועמליכקייט, מעהר שוואונג ווי אינטימיטעט, מען פיהלט זיך ניט היימיש אין זיי. גאַבריעל ד׳אַנונציאָ האָט אין עטליכע פון זיינע ראָמאַנען געשפּילט אויף דער טעמע ווי דער יונגער יורש פון אַן אַלטען הויז, דער לעצטער גראַף אָדער פּרינץ, אַ מאָדערנער, אַ נייער און הייס־בלוטיגער מענש קומט אין קאָנפליקט מיט די גרויע ווענט און די שאָטענס, וואָס לויערען איבער זיי. אָבער אָט קומט די נויט און דער יורש מוז זיך איינאָרדנען אין דעם אַלטען הויז. ער האָט ניט קיין אַנדער ברירה. פאַרבינדט ער זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, באַהעפט זיך מיט די זיידעס און ווערט היימיש מיט זיי, מאַכט זיי היימיש מיט זיך. ער פּרוואווט זיך צו מאָדערניזירען דאָס הויז. ס׳איז ביי איהם ניט מעהר קיין ראָמאַנטיק, נאָר אַ לעבענס־שטייגער.

אָט אַזוי, אין אַזאַ בילד, דוכט זיך מיר, שטעלט זיך פאַר דר. קאַפּלאַן דעם פּראָבלעם פון דער אידישער ירושה און פון דער אידישער ציוויליזאַציע. דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, דער קערן פון זיין געדאַנק. ס׳איז ניט אַזוי נויטיג דאָ פאַר מיר אַריינצוגעהן אין אַ דעטאַלירטען אַנאַליז פון דעם בוך, וואָס דר. קאַפּלאַן האָט

פּאַרעפּענטליכט. איך בין מסכים לכתחילה מיט זיין גאַנצער קריטיק פון די רעליגיעזע שטרעמונגען אין מאָדערנעם אידענטום, פון די רעפאָרמיסטען, נעאָ־אָרטאָדאָקסען א. אַז. וו. דער אומגליק מיט זיי איז, וואָס זיי זיינען אַפילו ניט קיין שטרעמונגען, נאָר בלויז פאַרגלי־ווערונגען. זיי האָבען פאַרלוירען, און זיי האָבען איהם געהאַט, דעם פונק פון רעליגיעזען עקסטאַז, ריכטיגער, דעם מעטאַפיזישען אינטע־רעס פאַר רעליגיעזע פּראָבלעמען. זיי האָבען בלויז אַ נוסח און זאָגען איהם איבער מיט אַ פאַלשען טאָן. מיך אינטערעסירט מעהר דאָס פּאָזיטיווע, דאָס פּראָגראַמאַטישע אין דר. קאַפּלאַנ׳ס בוך. ער וויל קומען צו אַ סינטעז, ער וויל ווייזען אַ וועג פאַר די אידען פון היינט און פון מאָרגען, דעם וועג פון דעם אידענטום, און ער נעמט אַריין אין זיין סינטעז אַלע עלעמענטען, דעם קולטורעלען, דעם נאַציאָנאַלען, דעם סאָציאַלען און אויך דעם רעליגיעזען. איך זאָג „און אויך", ווייל דער רעליגיעזער מאָמענט פאַרנעמט אין דער סכעמע ניט דעם וויכטיגסטען פּלאַץ. עס איז בלויז אַ טייל פון אַ גאַנצער ציוויליזאַציע. עס איז ניט אַ ציוויליזאַציע גע־בויט אויף און אַרום אַ רעליגיע, נאָר די רעליגיע איז אַ טייל פון דעם גאַנצען לעבענס־קאָמפּלעקס. ער נעמט אַרויס דאָס מעטאַפי־זישע פון דער אידישער רעליגיעזיטעט. די רעליגיעזע פאָרם איז פאַר איהם וויכטיגער, ווי דער רעליגיעזער אינהאַלט, אָדער ווי ער זאָגט אין אַ זעהר כאַראַקטעריסטישער פראַזע, „די תהלה איז וויכטיגער ווי די תפילה". רעליגיע ווערט ווידער פאַר־שמאָלצען מיט פאָלק־באַוואוסטזיין און מיט פאָלקלאָר, זי הערט אויף צו זיין אַ צוועק פאַר זיך אַליין, דער צוועק און דער זין פון דעם אידענטום.

מיר אָבער ווייזט זיך אויס, אַז דער אַלטער סקעפּטיקער רענאַן איז טיפער צוגעגאַנגען צו דעם עצם פון דעם פּראָבלעם, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דאָס לעצטע און דאָס איינציגסטע אין דעם מענשליכען באַוואוסטזיין איז די תפילה, אָט דאָס איינס־ווערען, די דבקות, דאָס זיך פאַרגעסען, דאָס פאַרטרונקען ווערען אין דער אומענדליכקייט.

מען קאָן ניט שאַפען קיין רעליגיע און אויך ניט קיין ציווי־ליזאַציע פאַר׳ן פאָלק, פאַר אַ פאָלק, פונקט ווי מען קאָן ניט שאַפען קיין קונסט פאַר די מאַסען. אַלצדינג וואָס האָט אַ ווערט האָט אַ ווערט אין זיך אַליין, פאַר דעם מענשען, וואָס שאַפט, פאַר

זיין אייגענעם לעבענס־געפיהל. די אַנדערע לעבען זיך אין איהם אריין, נעמען אויף אַ טייל פון זיין לעבעדיגקייט און עס וואַקסט אַרויס און עס וואַקסט אַרום אַ ציוויליזאַציע. אַזוי אומעטום, אַזוי אויך אין אידענטום. דער פּראָבלעם פון דעם אידענטום, זאָגט דר. קאַפּלאַן, איז דער פּראָבלעם פון אַנדערשקייט, צו זיין „אַנדערש". אָבער דאָס איז דער פּראָבלעם געזעהן פון דרויסען, נאָר פאַר אַנדערע איז דער „איך" אַנדערש, פאַר מיר אַליין בין איך אַן אייגענער, און דער אַנדערער איז „אַנדערש". און מען קאָן דעם אידישען פּראָבלעם ניט לייזען פון דרויסען נאָר פון אינעווייניג אַרויס, ניט אין דער ברייט נאָר אין דער טיף.

אָבער עס איז אַ לאַנגער און ווייטער שמועס, ניט מיט איינ־מאָל אויסצושעפּען און ניט באַלד צו פאַרענדיגען. דער אידישער פּאַראַדאָקס איז היינט שאַרפער ווי ווען עס איז, די דיסקוסיע האָט זיך אָנגעהויבען, און מען מוז זי ווייטער פיהרען.

סעפּטעמבער 22, 1934.

דער רייכער גלויבען

אָפט טראַכט זיך עס מיר, אַז מיין אַלטער, אַמאַליגער פריינט מתתיהו אחר — איז אפשר געווען גערעכט. ביז אַ צייט איז ער געווען אַן „אחר" — אַן אַנדערער, אַ וואָרצעל־אָפּהאַקער. און דערנאָך, ווען די וואָרצלען האָבען באַקומען מאַכט איבער איהם, אַריינגעצויגען איהם — איז ער געוואָרען צוריק נתן בירנבוים — אַ ׳איד מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט אַ יאַרמולקע און אַן אָנהענגער פון דער „אגודת ישראל".

מיר דוכט זיך אַמאָל — עס איז ניטאָ קיין מיטעל־וועג. אָדער, אויב עס איז יאָ דאָ — האָט איהם דערוויל נאָך קיינער ניט געפונען. געוויס — מען קאָן זיין אַ איד און זיך גאָר ניט פאַרטראַכטען איבער דעם גאַנצען ענין. פשוט — מען איגנאָרירט די גאַנצע פראַגע, מען לאָזט זי גאָר ניט אריין אין דעם באוואוסטזיין. רעליגיע ווערט אַזאַ פריוואַט־זאַך, אַז מען האַלט זי אויף אַ וויטען בויגען אפילו פון זיך אַליין. מען קאָן אַזוי אויך.

אָבער עס קומט אַמאָל דערצו, אַז זי צווינגט אייך. זי קלאַפּט אין די טויערען און פאָדערט, אַז מען זאָל איהר אַריינלאָזען. זי שטעלט אייך אַ רעטעניש — און פאַרלאַנגט אַן ענטפער.

סוף־כל־סוף — זיינען מיר ניט די איינציגע. אויף דער גאַנצער ליניע קומט פאָר אַזאַ אינערער קאַמף. די רעליגיעזע פראַגע איז אַרויסגעשפּרונגען אויף דער וועלט־פּלאַטפאָרם אויפ׳ס־ניי און זיצט פעסט. מען מוז זיך מיט איהר רעכענען. מען שטויסט איהר אָפּ איינמאָל — אַ צווייטען מאָל — אָבער זי פאַר׳עקשנ׳ט זיך. און מען מוז צו איהר נעמען אַ שטעלונג.

אין תוך — זיינען מיר, די אידען פון דעם היינטיגען דור, ניט־דערדענקער און אינטעלעקטועלע פּחדנים. די דורות פאַר אונז האָבען געהאַט מעהר מוט. מוט צום יאָ — און צום ניין.

עס איז אפשר איינער פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען פון דער אידישער געשיכטע, די געשיכטע פון דער אידישער רעפאָרם־באַוועגונג. אינטערעסאַנט — ווייל די געשיכטע פון

דעם אידישען באַוואוסטזיין, ווייל די איינציגע פאָרם וואָס איז באמת געשמידט געוואָרען פון דעם אידישען אינטעלעקט.

ברעכען דאָס אַלטע אידענטום — צעברעכען די אַלטע שטיי־נערנע לוחות — אומשאַפען די היסטאָרישע באַגריפען — דאָס איז אַ סך, אַ סך מעהר ווי שאַפען אפילו אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג און אַריינפיהרען דאָס אידענטום אויף דער פאָליטישער אַרענע.

און עס איז געווען אַ מערקווירדיגע שעהנקייט אין די אַלטע רעפאָרמאַטאָרען. איינס פון די טיפסטע ווערטער וואָס דער אי־דישער געדאַנק האָט אַרויסגעבראַכט איז געזאָגט געוואָרען דוקא פון דעם אידישען רעפאָרמאַטאָר, דעם צעברעכער פון די אַלטע פאָרמען אין אייראָפּע — משה מענדעלסאָן.

„אידענטום”, זאָגט ער, „איז אַ שווערע לאַסט — בירגער־טום איז אַ שווערע לאַסט — מיר מוזען טראָגעןביידע”.

ביז צו דער מענדעלסאָנישער רעפאָרם האָט דאָס אידענטום געטראָגען אויף זיך בלויז איין משא — די אידישע. דאָס „ביר־גערטום”, ד. ה. די באַטייליגונג אין דער קולטור־וועלט, די מיט־פאַראַנטוואָרטונג פאַר דער געשיכטע, איז איהם געווען פרעמד — ער האָט זי ניט אַנערקענט — ער האָט זי מבטל געווען.

איז געקומען מענדעלסאָן און האָט ערקלערט: איהר טראָגט צו ווייניג אויף אייערע פּלייצעס — איהר מאַכט זיך עס צו גרינג. אַ איד מוז זיין באַלאַדען. ער טאָר ניט אַרויסגעהן פריי און גרינג אין דער וועלט — לאָדט אָן אויף אייך, ברידער, נאָך אַ משא — לייגט אַרויף אויף אייערע פּלייצעס די וועלט — און טראָגט ביידע משאות.

די רעפאָרמאַטאָרען האָבען עס אָבער ניט פאַרשטאַנען. די אָרטאָדאָקסען אויך ניט. זיי זיינען ביידע געווען צו שוואַך פאַר די צוויי לאַסטען. זיי האָבען זיך געזוכט צו באַפרייען פון איינער — די רעפאָרמאַטאָרען פון דער אידישער, די אָרטאָדאָקסען פון דער וועלטליכער. אין וואָס איז דען באַשטאַנען — און באַשטעהט נאָך עד־היום — די אַרבייט פון די רעפאָרמירטע אידען? אין אָפּהובלען און אַראָפּנעמען. מען זוכט מאַכען גרינגער דעם אי־דישען עול, און מען מאַכט איהם סוף־כל־סוף אַזוי גרינג, אַז מען פיהלט איהם שוין גאָר ניט, אַז מען ווייסט שוין ניט צי ער איז בכלל דאָ.

איך קוק מיך צו צו אונזערע רעפאָרמירטע — און דער

עיקר אין אמעריקע. ווארים ווען מען וויל שטודירען א סאציאלע דערשיינונג מוז מען איהר זעהן אין איהר עקסטרעמסטער אנט־וויקלונג — און אמעריקע האט אין זיך א מערקווירדיגע טבע: זי פאראיינפאכט אלצדינג אזוי שטארק, זי רענטעגעניזירט דאס לעבען — מען זעהט דורך דעם אמעריקע־שטראל דעם סקעלעט פון יעדער זאך און יעדער אידייע.

און איך פרעג זיך: און וואס איז זייער אידישקייט? וואס איז ביי זיי געבליבען פון דעם גאנצען אידישען אלטען אוצר? די דייטשע רעפארמירטע האבען געשאפען א פילאזאפיע פון דעם אידענטום. זיי האבען פארביטען איין שיטה מיט א צווייטער. — ווי פילון האט פלאטאניזירט דאס אלטע, ביבלישע אידענטום — קאנטיזירען אדער העגעליזירען זיי דעם היסטאריש געווארענעם תלמוד־ און רמב"ם־אידענטום. און ווען זיי רעדען פון א „אידי־שער וועלט־אנשויאונג", ווייסט מען צום ווייניגסטען וואס זיי מיינען, ד. ה. — מען האט געוואוסט. האלדהיים האט עס גע־וואוסט. און גייגער און זיינע חברים זיינען זיך געווען באוואוסט, וואס איז זייער געשיכטליכע עובדא.

די היינטיגע דייטשע רעפארם־אידען האבען שוין אויך פאר־לוירען דעם צוגאנג צו זיך אליין. ביי זיי האט זיך אויך שוין אויסגעשעפט דער קוואל. זיי זיינען שוין אויך אידען מיט א צע־ריסענעם געמיט. אידען ווייל זיי האבען ניט קיין אנדער ברירה — פאליטישע און ניט רעליגיעז־באוואוסטזיניגע אידען. אידענ־טום איז ביי זיי געווארען בלויז געשיכטע און ניט לעבעדיגער אינהאלט. אבער וואו עס פעהלען געדאנקען שטעלט זיך איין — ווי געטהע האט געזאגט — דאס ווארט, דער באגריף. אויב אפילו די דייטשע אידען האבען מעהר ניט קיין קוואל פון וואנען זיי זאלען שעפען פריש וואסער — האבען זיי נאך אלץ א רעזער־וואואר, א באסעין, וואו עס האט זיך אנגעזאמעלט וואסער פון אמאל — און זיי ציהען פון איהם זייער לעבענס־זאפט.

אין אמעריקע אבער איז אפילו אזא רעזערוואואר אויך ניט פאראן. די גאנצע רעפארם — אין איהר אמעריקאנישער פארם — איז ניט געווען קיין וועלט־אנשויאונג און ניט קיין פילאזאפיע, נאר א פראקטיש צופאסען זיך צו דער ווירקליכקייט. עס איז א פראגמאטיסטישע רעפארם אין אידענטום פון — סאציאלער צו־פאסונג.

איך רעד שוין ניט פון דער עקסטרעמער רעפאָרם־ריכטונג, וואו מען קאָן שוין ניט דערקענען דעם אונטערשייד צווישען אי־דענטום און אַן אַנדער אוניטאַרישער ריכטונג. דאָרט זיינען די גרענעצען אַזוי פאַרווישט, אַז מען מוז האָבען אַ פאַרגרעסערונגס־גלאָז כדי בכלל צו באַמערקען, אַז עס איז עפּעס פאַראַן גאָר אַ ליניע, וואָס שיידט אָפּ אידענטום פון אַנדערע גלויבענס־פאָרמען. עס וואָלט גאָר ניט געווען אַזאַ חסרון — עס וואָלט אפשר געווען אַ גרויסער שריט ווייטער — ווען זיי וואָלטען געהאַט דעם מוט, דעם אינטעלעקטועלען קוראַזש דורכצוטראַכטען זייער געדאַנק ביז צום סוף און קומען צו אַ נייעם סינטעז צווישען אידענטום און אַנדערע וועלט־אַנשויאונגען. אָבער עס פעהלט זיי דער דאָ־זיגער מוט, ווייל עס פעהלט זיי די גרונטלאַגע: דאָס באַוואוסט־זיין פון אייגענער ריכטונג.

איך געה צו אַביסעל נעענטער — צו אָט דעם רעפאָרם־אידענטום וואָס ווערט אין אַמעריקע אַנגערופען „פיפטי־פיפטי״ — האַלב און האַלב — האַלב־רעפאָרמירט און האַלב־קאָנסער־וואַטיוו, און אויף פשוט אידיש: ניט אַהין און ניט אַהער.

איך פאָלג נאָך די דיסקוסיעס, וואָס זיינען געפיהרט געוואָרען אין קליוולאַנד ביי דעם צוזאַמענפאָר פון די רעפאָרם־ראַביים פון אַמעריקע. שלינג די באַריכטען — אַזוי ווייט ווי זיי זיינען מיר צוגענגליך — מיט אַ שפּאַנענדען אינטערעס ווי אַ ראָמאַן. ווייל עס איז אַ ראָמאַן. עס איז אַ געשיכטע פון אַן אַלטען גלויבען וואָס בלאָנדזשעט, פון אַן אידייען־וועלט, וואָס זוכט נאָך אַ מין דערלייזונג. דער אָנהויב איז באַקאַנט: דער סוף — וויפיל וואָלט איך געגעבען דערפאַר, איך זאָל קאָנען מיט אייגענע אויגען זעהן דעם סוף — געוואָר ווערען צי זי האָט איהם גענומען — צי האָט ער זי פאַרלאָזען. זי — די „אַלטע תורה״, און ער — „ישראל סבא״.

אָבער דערווייל מוז איך זיך באַנוגענען בלויז מיט דער אַנטוויקלונג פון דער דערצעהלונג, מיט די טרוקענע, לאַנגווייליגע חקירות פון דעם פאַרפאַסער. וואָרים אפילו אַזאַ שפּאַנענדער, געניטער מחבר ווי די געשיכטע קאָן אויך אַמאָל ווערען נודנע.

איך הער איין ראַביי נאָך דעם צווייטען האַלטען די אַזוי גוט באַקאַנטע דרשות וועגען דעם מאָראַלישען אינהאַלט פון דעם אידענטום, פון דעם „פּראָפעטישען״ כאַראַקטער פון דער „סינאַ־

גאָגע״ — איך זעה דערווייל בלויז איינס — דעם קאַמף פון דעם ראַבינערטום פאַר מאַכט, דאַס שטרעבען פון דעם ראַביי צו ווערען דער סאָציאַלער פיהרער פון דעם אידענטום, פונקט אַזוי ווי דער מעטאָדיסטישער אָדער פּרעסביטעריאַנישער גלח איז אַ פיהרער אין זיין ספערע.

אומאידיש — געוויס. אידען האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין „קלערוס״, קיין „גייסטליכקייט״. אַ רב האָט געפּסק׳ענט שאלות, געזעסען ביי אַ דין־תורה, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געשפּילט די ראָלע פון אַ פיהרער. דאָס איז דער קריסטליכער טעאָקראַטישער געדאַנק, ניט קיין אידישער. אָבער אין אַמעריקע ווערען די ווערטען פאַרביטען — אָדער ריכטיגער, איבערגע־ביטען. דער „ראַביי״ ווערט דער פיהרער און דער וואָרטפיהרער — דאָס לעבען ווערט קלעריקאַליזירט אָדער ראַביניזירט.

זיי ווילען אַ סך — די ראַביים. אַריינמישען זיך אין דעם אינטימען, אינדיווידועלען, אָבער אויך דעם סאָציאַלען לעבען. זיי ווילען באַהערשען די שולע — די דערציהונג, די לעבענס־פיהרונג, אָבער אויך דאָס סאָציאַלע לעבען. זיי ווילען אפילו שאַפען אַן אַרבייטער פּאָליטיק פון דעם „אידישען שטאַנדפּונקט״. גלייך ווי עס קאָן זיין אַזאַ שטאַנדפּונקט אין דעם פאַרוויקעלטען סאָציאַלען לעבען פון אונזער צייט — גלייך ווי דאָס וואָלט ניט געווען קיין פאַרלייקענונג פון דעם גאַנצען אידישען דענקען!

אָבער גראַד דאָ — און ביי דעם דאָזיגען פּראָבלעם — האָט אַ יונגער רעפאָרמירטער ראַביי פון טאָראָנטאָ אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס איז כמעט אַ שליסעל צו דער גאַנצער לאַגע, באַ־לייכט ווי אַ בליץ די גאַנצע רעפאָרם־פראַגע: „דאָס רעפאָרם־אידענטום איז די רעליגיע פון די רייכע״!

ווי זיי זיינען אויפגעשפּרונגען — די ראַביים, ווי זיי זיינען אויפגעשטורעמט געוואָרען. די פריידיגער פון אמת און גערעכ־טיגקייט א. אַז. וו. האָבען ניט ליב צו הערען דעם ביטערען אמת. עס טוט וועה.

אָבער פאַרוואָס ניט? פאַרוואָס זאָל עס זיי ניט וועה טאָן? ווער־ווער — די ראַבינער טאָרען ניט האָבען אַ צו־גרינגען, אַ צו־רוהיגען געוויסען. זייער גאַנצע אַרבייט, זייער מהות באַשטעהט דאָך אין דעם, וואָס זיי זיינען אינערליך געפּלאָגט, וואָס זיי ליי־דען די יסורים פון רעליגיעזער איבערלעבונג!

אָבער דאָס וואָרט פון דעם יונגען טאָראָנטער ראַבינער איז געבליבען. מען קאָן עס ניט אויסמעקען. „די רעליגיע פון די רייכע", און — פאַר די רייכע. ער האָט זיכער ניט אַזוי ווייט גע־מיינט — ער האָט זיכער אַליין ניט פאַרשטאַנען ווי ווייט ער האָט געטראָפען — אָבער דאָס איז דאָך די ערקלערונג פון דעם גאַנצען רעפאָרם־אידענטום בכלל, און פון דעם אַמעריקאַנישען בפרט.

אַ רעליגיע פאַר די רייכע, פאַר די וואָס ווילען לעבען אין דער געזעלשאַפט און ווערען געשעטערט פון זייער אַלטען, פון אָרימע מענשען געשאַפענעם, אויף אָרימע מענשען באַרעכענטען גלויבען. אַ רעליגיע פון באַקוועמליכקייט פאַר די וואָס ווילען ניט ליידען, וואָס אַנטלויפען פון יעדער שווערקייט, אַ רעליגיע פון — יאָכלאָזיגקייט.

אָט האָט אויף דער אייגענער קאָנפערענץ אַן אַנדער ראַ־בינער געהאַלטען אַ דרשה און האָט נביאות־געזאָגט אויף דעם אַמעריקאַנער אידענטום. ער קומט — זאָגט ער — צו פאַרבייטען דעם אַלטען אידענטום. ער קומט צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ לעבען אָדער נאָך דעם שפּאַנישען, דעם דייטשען, דעם רוסישען אידענ־טום. וואָס איז אָבער זיין פּלאַץ, וואָס איז זיין ניי וואָרט ?

מיר קאָנען דעם שפּאַנישען אידענטום : ער האָט אונז גע־געבען לומדות און חקירה. מיר קאָנען דעם דייטשען : זיין ביי־שטייערונג איז געווען — פילאָזאָפיע. און דאָס רוסישע אידענטום האָט אונז געגעבען — מיסטיק.

וואָס וועט אונז געבען דאָס אַמעריקאַנישע ? פרייהייט — זאָגט דער אַמעריקאַנישער ראַביי. דער נייער אַמעריקאַנישער איד וויל אַ רעליגיע פון פרייהייט און פון שעהנקייט און פון פרייד. דאָס הייסט, ער וויל — דזשעז אין דער שוהל : ער וויל גרינגקייט און „אַי דאָנ'ט קעיר" — ער וויל פּראַגמאַטיזם און „ביהייוויאָ־ריזם" — ער וויל אַ לעבען, ווי אַ גלויבען, אָהן פאַרפליכטונגען און אָהן אַן עול.

ווי עס קריסטעלט זיך — אַזוי אידעלט זיך.

עס קאָן זיין — פאַר רייכע איז דאָס גוט, ביז אַ צייט. ביז צו דער צייט, ווען דאָס ביסעלע וואָס בלייבט איבער וועט אויך ווערען איבעריג, ביז די טירען פון די רייכע קלובען וועלען זיך עפענען און עס וועט ווערען — „איין טשערעדע און איין פּאַסטוך".

אָבער פאַר די אַנדערע? פאַר די מאַסען וואָס קאָנען גאָר ניט חלומ'ען פון אַזאַ פאַנטאַסטישען גליק? וואָס גיט זיי די „רייכע רעליגיע"?

„פיפטי־פיפטי" — ענטפערט דער רעפאָרם־ראַביי. גלויבען קאָן אויך פּראָדוצירט ווערען ווי יעדער אַנדערער לוקסוס־אַר־טיקעל. דער אייגענער פאַסאָן — נאָר פון אַן אַנדער שטאָף. פאַר דעם רייכען פון אַ בעסערען, אַ טייערערען; פאַר דעם אָרימען פון אַ ביליגערען — און דערצו נאָך אויף אויסצאָלען, ווייל דאָס איז דעמאָקראַטיע.

* * *

איך ווייס ניט — ווי אַזוי דער אידישער ראָמאַן וועט זיך ענדיגען. אָבער איינס ווייס איך — ער איז געוואָרען לאַנגווייליג. און באמת — איך בין כמעט מקנא דעם גוטען אַלטען מתתיהו אחר — וואָס ער האָט געפונען דעם מוט צו ווערען אַ „בעל־תשובה". עס איז אַ שווערער פּראָצעס. אָבער די שווערסטע משא איז נאָך אַלץ בעסער ווי די ליידיגקייט. „די נאַטור האָט מורא פאַר פוסטקייט". און דער מענש אַודאַי. און פון אַלע מענ־שען — מעהר פון אַלע — דער איד. אויב ניט קיין עול — צוליב וואָס דאָס גאַנצע? אָבער וואו נעמט מען דעם אמת'ן, דעם שווערען, דעם לעבען־אויספילענדען עול? דאָס איז דער אייגענט־ליכער, דער אויסשליסליכער פּראָבלעם פון אונזער אידישען דור.

יאַנואַר 22, 1927.

דער אומבאַקאַנטער אַרון

אין פּאַריז — אין דער שטאָדט פון אַלע מעגליכקייטען, פון אַלע ווידערשפּרוכען — קאָן מען געפינען אויך אַזאַ קוריאָזע, אַזאַ זעלטענע דערשיינונג: אַ מענש וואָס מיינט באמת ערנסט מיט זיין אידענטום, אַ מענש, פאַר וועמען דאָס אידענטום איז ניי און פריש און אַן איבערלעבונג.

עס פאַרשטעהט זיך — עס זיינען דאָ אין פּאַריז, ווי אומעטום אין דער וועלט — געננג אידען, היימישע און פרעמדע, פראַנצויזישע פון דרום־פראַנקרייך, וואָס האָבען אין זיך דאָס בלוט פון די שפּאַנישע אידען. און דייטשע אידען פון עלזאַס און פּוילישע און ליטווישע, רייכע און אָרימע, האַלב־גאַנץ־פּערטעל־אַסימילירטע, גאַנץ־האַלב־אַכטעל־נאַציאָנאַליסטען. אַלץ קאָנט איהר געפינען דאָרט — ווי אומעטום — אַ חוץ פרישקייט. סוף־כל־סוף פיהלט מען דאָך ביי דעם רוב אידען אַ מידקייט. צו די צוויי נאָרדויאישע קאַטעגאָריעס פון „אויך"־ און „בויך־אידען" — מוז מען צוגעבען נאָך אַ דריטע: „זאָל זיין אַזוי"־אידען. וואָס זאָל מען טאָן? אַזוי געבוירען, אַזוי געוואָרען — ניט דורך אונזער שולד — עס איז אַ מזל, עס איז אַ גורל — לאָז זיין אַזוי — מען מוז טראָגען דעם עול און מאַכען אַ גוטע מינע צום בייזען שפּיל און פון נויט אַ טוגענט! און יעדער צווייטער איד — אויב ניט יעדער ערשטער — טראַכט ביי זיך — און אַמאָל זאָגט ער עס: פאַרוואָס איז דאָס מיר געקומען? פאַרוואָס איז עס אויסגעפאַלען גראָד אויף מיין גורל געבוירען צו ווערען אַ איד און האָבען די גאַנצע שווערע ירושה? און אפילו ווען ער זאָגט נאָך דעם „שלא עשני גוי" — מיינט ער דערביי: עס וואָלט נאָך בעסער געווען, ווען דער גאַנצער „עשני" וואָלט ניט געווען.

עס איז דאָך אַזוי נאַטירליך, אַזוי מענשליך. מען ווערט מיד פון זיך אַליין. תמיד דאָס אייגענע — דאָס אייגענע פנים, די אייגענע באַוועגונגען און די אַלטע, אַלטע רעאַקציע אויף דער אויסערער וועלט. דאָס איז אפשר דער איינציגער — און דער וויכטיגסטער — אַרגומענט פון דעם מענשען אַקעגען דעם אייביגען לעבען, אפילו קעגען דער טעאָריע פון שטענדיגער יוגענט. דער גרעס־

טער גליק פון דעם מענשען איז דאָך — וואָס ער בייט זיך. היינט ניט דער אייגענער וואָס נעכטען — און יעדער מאָרגען אַן אומ־זיכערקייט. קוקען אין שפּיגעל און זעהן זיך יעדעס מאָל גלייך — ווי אומערטרעגליך.

און אַט אַזוי שטעהט דאָס אידענטום — אַלט און זעלבסט־פאַרשטענדליך און אַ רגילות. מען האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו איהם, אַז מען באַמערקט איהם שוין כמעט גאָר ניט, אַז מען איז שוין ניט נייגעריג און מען פרעגט ניט מעהר. דאָס איינציגע וואָס מען טוט איז — ציהען קאָנסעקווענצען, איילען זיך צו אַ שלוס, דערגעהנטערען אויף אַזאַ אופן צי אַן אַנדערען דעם „קץ" — אָדער דעם סוף — אַהין אָדער אַהער.

און אַט אַ מערקווירדיג בילד. געהט אַרום אין דער גרויסער שוהל אויף דער „וויקטואַר" אין פּאַריז אַ מענש, פאַר וועמען דאָס אידענטום איז אַ נייעס. איהר קאָנט איהם דאָרט זעהן זעהר אָפט — כמעט יעדען טאָג. אַ איד אָהן אַ אידישען פּנים, אַ איד מיט דער אַטמאָספערע פון אַ פרעמדער ראַסע, אַ פרעמדען פאָלק אַרום איהם. איהר וואָלט גאָר קיינמאָל ניט דערקענט, אַז אַט דער אַלטער פראַנצויז איז אַ איד, און דערצו נאָך אַ פרומער, אַ טיפער, אַ איד מיט כונה. און עס איז אויך ניט קיין וואונדער: ער איז טאַקע ניט קיין איד, יעדענפאַלס ניט אַזוי ווי מיר שטעלען זיך פאַר אַ אידען, ניט אַזוי ווי זיי, די ניט־אידען, שטעלען זיך איהם פאַר. ער איז טאַקע אַ פראַנצויז — פון אַן אַלט־פראַנ־צויזישער פאַמיליע אין ליאָן, עמע פאַליער — ער איז אַ גר.

איך האָב שוין פריהער געהערט פון איהם — פון באַקאַנטע פאַריזער אידען. און מען האָט זיך געוויצעלט! און איהר קענט דאָך די אידישע וויצען וועגען גרים: „על הראשונים אנו מצטערים" — עס טוט אונז באַנג אויף די ערשטע — קומט ער און גיט־צו נאָך איינעם: אָדער „קאַרג איז אונז אַ איד מיט אידישע רעכט און אַ אידישען קאָפּ — דאַרפען מיר נאָך האָבען אַ אידען מיט אַ גוי'אישען קאָפּ" א. אַז. וו. און איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער געוועהנליך איז עס אַזוי, אַז גראָד גרים, וואָס זיי זאָלען פריהער ניט זיין, ווערען זיי דערנאָך קבצנים און געהען אַרום מיט טענות צום אידישען פאָלק און זיינען אַ נייע לאַסט אויף דעם כלל. ווער דאַרף זיי? און עס איז באמת שווער צו ענטפערען אויף דער פראַגע.

די קריסטען פרעגען ניט. זיי זיינען אַזוי צופרידען, ווען עס געראָט זיי צו „ראַטעווען" אַ אידישע נשמה. און זיי האָבען אויך מזל מיט זייערע „נשמות". שמד'ט זיך אַ איד — ווערט עס תיכף אַרויסגעטרומייטערט, שרייט מען דערפון אויף אַלע גאַסען. עס שרייט דער גלח, עס ליאַרעמט דער משומד, און די קירך קלייבט נחת, בפרט נאָך די קאַטוילישע.

אַט האָט זיך אַמאָל אין פראַנקרייך גע'שמד'ט אַ איד — אַ שריפטשטעלער פון די קלענערע, פון די פערט־קלאַסיגע, אַ פריי־דענקער, אַ וועלט־מענש — אַלפאָנז ראַטיסבאָן. אַריינגעגאַנגען אַמאָל צופעליג אין אַ קירך, געבליבען אויף אַ מינוט אַליין — און פלוצלינג איז אויף איהם געקומען די „גנאָד" און ער איז אַרויס־געגאַנגען אַ הייסער, אַ פאַנאַטישער קריסט. אָדער אַן אַנדער פאַל. עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז אַן אָרגאַניסט אין אַ קירך איז קראַנק געוואָרען, האָט מען געמוזט איינלאַדען אַן אָרגאַן־שפּילער, אַ געוויסען הערמאַן, כדי ער זאָל אויף איין איינציגען מאָל פאַרנעמען זיין פּלאַץ. און דאָס איינע מאָל איז געווען גענוג פאַר דעם אידישען מוזיקאַנט. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קירך אַ קריסט און געוואָרען באַלד אַליין אַ גלח, דער „פאָטער הערמאַן".

די קריסטען ווייסען ווי אַזוי אויסצונוצען די אידען וואָס טרע־טען אַריבער צו זיי — זיי באַנוצען זיך מיט זיי אַלס אַ שילד אַקעגען די אייגענע אפיקורסים. דאַרף צ. ב. די קאַטוילישע אָרטאָדאָקסיע האָבען אַ פאַרטיידיגער און אַ קעמפער ביז אויף בלוט אַקעגען דעם מאָדערניזם, געפינען זיי אַ משומד, דעם פּראָפעסאָר פון קאַ־טוילישער דאָגמאַטיק אין וויען — אַ גע'שמד'טען אידען פון גאַ־ליציע — דעם „פאָטער" קאָמער, און דער דאָזיגער „פאָטער" האַלט לעקציעס אין דער וויענער אוניווערזיטעט איבער דעם „גיהנום" און מאַלט איהם אַזוי געטריי, מיט אַזאַ פאַך־קענטעניש, גלייך ווי ער וואָלט דאָרט פאַרבראַכט אַלע זיינע יאָהרען. און נאָר ביי אידען קאָן טרעפען אַזאַ פאַל, אַז די ציריכער אוניווערזיטעט זאָל צונעמען דאָס רעכט צו האַלטען לעקציעס ביי אַ פּראָפעסאָר, דערפאַר וואָס ער פיהרט־אָן אונטער דער מאַסקע פון פילאָזאָפיע קאַטוילישע פּראָפּאַגאַנדע. דער קאַטוילישער פילאָזאָף איז געווען אַן אָדעסער איד — ראָבערט זאַיטשיק.

אידען ביי זיך קאָנען אפילו דאָס אויך ניט. זיי קאָנען אפילו

ניט אויסנוצען די זעלטענע באַשערונגען — ווען איינער פון דער אַנדערער וועלט ווערט אַריינגעריסען אין דעם אידישען שטראָם. מיר מיינען, מיר ווילען זיך איינרעדען: עס איז גדלות. עס איז ראַסען־שטאָלץ — און וויסען אַליין ביי זיך, אַז דער אמת'ער טעם איז אַן אַנדערער: עס איז ביטול צו זיך אַליין און אַ געפיהל פון אונטערשעצונג.

עס האָבען געשמייכעלט די וואָס האָבען מיר דערצעהלט פון דעם גר פון ליאָן — און איך האָב מיטגעשמייכעלט.

אָבער אָט האָט דער גר, עמע פאַליער פאַרעפענטליכט אַ בוך — דאָס בוך פון זיין לעבען — און אַ נייער מענש איז אויפ־געשטאַנען פאַר מיר. ניט מעהר קיין אָביעקט פאַר אַ שמייכעל און פאַר אַ מיטליידספולען קאָפּ־שאָקלען, נאָר פאַר טיפען רעס־פּעקט און פאַרוואונדערונג.

ער האָט דערזעהן — ער, דער פראַנצויז, דער ליאָנער, ער, דער יורש פון אַן אַלטער און שעהנער קולטור — דעם „אומבאַ־קאַנטען ארון" און עס האָט איהם אַריינגעצויגען און ער איז דאָרט פאַרבליבען. און אַן „אומבאַקאַנטער ארון" הייסט אויך דאָס בוך פון זיין לעבען.

ער מאָלט אויס זיין וועג. ער האָט זיך אָנגעהויבען מיט — און עס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ ניט־אידישען מענשען —אַ בילדער־בוך. ער האָט אין זיין קינדהייט געבלעטערט אין דער ביבעל וואָס גוסטאַוו דאָרע האָט אילוסטרירט. אַ גרויסער, רויט־געבונדענער פאָליאַנט מיט שעהנע, אָבער פאַנטאַסטיש־נאַ־איווע בילדער. גוסטאַוו דאָרע האָט אויסגעמאָלט די אַלטע „העב־רעער" מיט אַזאַ יום־טוב'דיגקייט און פראַכט, ווי מיר וואָלטען זיך גאָר קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלען. פאַר אונז זיינען דאָך אפילו אברהם, יצחק און יעקב — עפּעס אידען פון אַ ישיבה, לאַנגע בערד, אַ סאָרט קאַפּאָטע און יאַרמולקע און פאַנטאָפעל, און אפשר אויך אַ רויטע פאַטשיילע.

פאַר דאָרע'ן אָבער זיינען דאָס געווען „פאַטריאַרכען" — מיט דער גאַנצער אָריענטאַלישער, זוניגער, שטראַלענדער גרויס־קייט, מיט דעם ברייטען זשעסט, פאַנטאַסטיש און איבערמענשליך — גרויסאַרטיג. דער קליינער עמע פאַליער פאַרגאַפט זיך אין די בילדער, פאַרליבט זיך אין די „העברעער". עס פאַלט איהם גאָר ניט איין, אַז די ברידער קאָהן, וואָס געהען מיט איהם אין

איין שולע, אָדער די אידען פון ליאָן וואָס פאַרקויפען סחורות און טוען אַנדערע אַרבייטען, האָבען עפּעס אַ שייכות צו די העברעער פון דאָרע׳ס ביבעל. דאָס זיינען „אידען״ — יענע זיינען געווען העברעער. די זיינען קליינע הענדלער, די האָט מען ניט שטאַרק ליב, יענע זיינען מיוחסים. אָבער, עס ווייזט אויס, עס זיינען פאַראַן ניט נאָר נשמות וואָס זיינען, ווי איינער אַ קריסטליכער שריפטשטעלער האָט זיך אויסגעדריקט, „נאַטירליך קריסטליך״ — עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זיינען „נאַטירליך אידיש״.

און אַזאַ נשמה האָט געהאַט עמע פּאַליער. עס ציהט איהם צו רעליגיעזע פראַגען. זיין מוטער האָט גע׳חלומ׳ט ער זאָל ווערען אַ גלח, אָבער איהם ציהט עס צו דער שוהל. ער לערענט העברע־איש. ער באַקענט זיך מיט אידען, ער באַזוכט רבנים — ער האַלט אין איין לייענען און פאָרשען און זוכען — ביז ער קומט צו איינעם וואָס האָט עפּעס געהאַט צו זאָגען — דעם באַרימטען ליוואָרנער רב און מקובל — אליהו בן אמוזג, איינער פון די וואונדערבאַרסטע געשטאַלטען, וואָס דאָס איטאַליענישע אידענטום האָט אַרויסגעגעבען, איידער עס איז כמעט אינגאַנצען אַנטשלאָפען געוואָרען. אַ בר־פלוגתא פון ש. ד. לוצאַטאָ, דעם באַרימטען משכיל און ראַציאָנאַליסט, אַ פאַרטיידיגער פון דער אידישער אידעע אַקעגען רענאַנ׳ס ביטול פון דעם אידענטום. ניט קיין טיפער דענקער, אָבער אַן אָריגינעל דענקענדער, אַ פייערדיגער טעמפּע־ראַמענט, אַ פּאָעטישער סטיל, דער לעצטער שפּאַנישער איד, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון די ספרדים.

און בן אמוזג האָט אויפגעשטעלט אַ מערקווירדיגע טעאָריע פון אידענטום. ער האָט איהם גענומען טיף און ערנסט. איהם און דאָס אידישע פאָלק. ער האָט דער ערשטער — פאַר אחד־העמ׳ען — געשאַפען דאָס וואָרט פון כהנ׳יזם אַלס אידישע פונק־ציע. וואָס איז אידענטום? — האָט ער געפרעגט, און געענט־פערט: עס זיינען דאָ צוויי מינים אידענטום, צוויי מדרגות. די ערשטע איז די אוניווערסאַלע, די וואָס נעמט אַרום אַלע מענשען — דאָס איז דער נח׳יזם — אָט די „מצוות בני נח״ — די גרונט־פּרינציפּען פון דער מענשליכער באַציהונג צו וועלט און מענשען. מעהר ווי נח׳יזם דאַרף דער מענש ניט האָבען. אין איהם זיינען איינגעשלאָסען אַלע רעליגיעס און וועלט־צוגאַנגען.

אָבער כדי דער נח׳יזם זאָל האָבען אַ קיום — מוז זיין אַ גרופּע

מענשען, וואָס זאָל אויף זיך נעמען די שווערע אַרבייט פון וואַך־זיין, פון אָפּהיטען. עס מוזען זיין — כהנים. פאַר זיי — דער שווערער גורל. פאַר זיי אַלע געזעצען, אַלע חומרות, אַלע לאַסטען. און פאַר זיי איז דאָס אידענטום — ווי די טראַדיציע האָט איהם באַשאַפען. אידען — די גייסטיגע און רעליגיעזע גוואַרדיע פון דער וועלט — דאָס איז געווען זיין קאָנצעפּציע פון אידענטום, דאָס איז געווען זיין מאָס.

צו איהם, דעם אַלטען קבלה־פאָרשער, קומט דער יונגער, זוכענדער פראַנצויז. און אליהו בן אמוזג איז איהם מקרב. ער האָט דער ערשטער געגעבען דער דורשטיגער נשמה צו טרינקען פון די לאַגלען פון דער אידישער מיסטיק. און עמע פּאַליער איז פאַר'שיכור'ט געוואָרען פון די פאָר טראָפּענס. ער איז געוואָרען אַ איד, אַ איד אין דעם פולען זין פון דעם וואָרט, אין דעם בן אמוזג'שען זין, און — איך וואָלט געזאָגט — אין דעם איינציג מעגליכען זין.

ווייל — אויב ניט דאָס, אויב ניט קיין דערהויבנוג פון דעם אידענטום צו אַ וועלט־קאַטעגאָריע, אויב ניט אַריינפיהרען איהם צוריק און אויף נייע וועגען אין דער קולטור — וואָס איז זיין זין? בלויז „פאָלק", בלויז פּאָליטיק — און נאָר „וואָס־זאָל־מען־טאָנ'יזם"? דאָס איז ניט קיין ענטפער און ניט קיין באַפרידיגונג.

עמע פּאַליער האָט געפונען אַן ענטפער פאַר זיין נשמה. ער האָט אַנטדעקט דאָס וואָס מיר זעהען שוין ניט מעהר — דעם פריישען קוואַל און דאָס „הייליגטום", דאָרט וואו מיר זעהען שוין בלויז אַן אַלטע שוהל און אַן אָפּגעשטאַנענעם באַסעין.

עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל אַזוי. מיט אַ יאָהר פופצען־צוואַנציג צוריק האָט מאַרטין בובער אָנגעהויבען איבערזעצען און אַרויסגעבען אויף דייטש חסידישע מעשיות און לעגענדעס — דעם בעל־שם, ר' נחמן בראַצלאַווער א. אַז. וו. מיר אַלע, זיינע פריינט און קאָלעגען — האָבען געשמייכעלט. אַ מאָדנע באַשעפטיגונג פאַר אַ מאָדערנעם קולטור־מענשען! ווער דאַרף זיי — אָט די דאָזיגע פאַרשימעלטע שמות! אָט די לעגענדעס פון טויטע צייטען! אַ שעהנע דייטשע איבערזעצונג, אַ גוטע הקדמה — אַלצדינג גאַנץ גוט — אָבער צוליב וואָס? ווער דאַרף עס?

און זעהט, מען דאַרף עס. און זעהט, די „מאָדנע" אַרבייט איז געוואָרען פרוכטבאַר. מיט אַמאָל זיינען די דייטשען געוואויר

געוואָרען, אַז אידען האָבען אויך מיסטיק, אַז אידענטום מיינט ניט בלויז די טרוקענקייט און פלאַטשיגקייט פון גייגער און יעלינעק און די אַנדערע אידיש־דייטשע אַפּאָלאָגעטען און ער־קלערער. זיי האָבען מיט אַמאָל דערזעהן, אַז אידענטום האָט אויך אַ פּנים פאַר זיך, אַ לעבען אין זיך, אַז עס איז אַ וועלט וואָס שטעהט אויף איהרע אייגענע פונדאַמענטען. זיי זיינען נשתומם געוואָרען — און נאָך זיי מיר אַליין.

און מיר האָבען זיך אָנגעהויבען צו פאַרטראַכטען איבער דעם סוד פון „כונה" און פון „צמצום", איבער דער שעהנקייט פון דער אידישער גייסט־וועלט. דורך דעם פרעמדען שפּיגעל — צו אונזער אייגענעם. מיר האָבען זיך אַליין אַנטדעקט. עס איז נויטיג — פון צייט צו צייט אויפ׳סניי צו אַנטדעקען דעם „אומ־באַקאַנטען ארון". אַוועקגעהן פון איהם אַזוי ווייט, אַז ער זאָל ווערען אומבאַקאַנט — אַז ער זאָל ווערען פרעמד, זאָל פאַרלירען די וואָכעדיגקייט און זעלבסטפאַרשטענדליכקייט. און דערנאָך צו־געהן צו איהם ווידער אַמאָל — ווי צו אַ נייעם, געפינען איהם פאַר זיך — אויב מען קאָן.

מעגליך, אַז דער איינער אָדער דער צווייטער וועט איהם שוין ניט ווידער־געפינען, דאַרף ער עס ניט. זאָל ער עס ניט. איז עס ניט פאַר איהם.

אָבער דער וואָס וועט איהם געפינען, וואָס וועט איהם אַנט־דעקען — פאַר דעם וועט עס זיין אַן איבערלעבונג און אַ צוגאַנג. פאַר איהם וועט עס זיין אַ פרישער קוואַל.

די באַנייאונג און פאַריונגונג פון דעם אידענטום קאָן קומען נאָר פון גרים. און דאָס דאַרף ניט זיין דוקא פון גרים ווי פּאַליער — גרים וואָס קומען פון דער קריסטליכער סביבה, נאָר פון אידישע גרים, פון די וואָס האָבען געוואונען אַ דיסטאַנץ צום אידענטום, האָבען זיך געשטעלט אַזוי אַ זייט — כדי איהם בעסער צו זעהן, האָבען אויף זיך גענומען דעם „סגוף" פון וואַנדערען. פון אַוועק־געהן אין די ווייטע מרחקים, כדי צו געפינען צוריק דעם וועג. צי זיי וועלען געפינען צי ניין — דאָס וועלען געפינען, די כונה איז גענוג.

פעברואַר 25, 1927.

אין דער צייט פון חשבון הנפש

נאָך יעדער קאַטאַסטראָפע, נאָך יעדען שטאַרקען קלאַפּ פון דעם לעבען, קומט אָפט ביי דעם מענשען, וואָס דענקט; ביי דעם מענשען, וואָס וויל זיך ערנסט און אויפריכטיג דערגראָבען ביז צו די וואָרצלען — דער דראַנג נאָך זעלבסט-קריטיק. און אײדער ער געהט צו אַ דין־תורה מיט דעם לעבען, מיט דעם „שיקזאַל", רופט ער צום בית־דין זיך אַליין. ער — דער דין, ער — דער בעל־דין.

געוועהנליך טוען עס פּאָעטען. ווייל, אויב — „דיכטען איז האַלטען געריכט איבער זיך אַליין", ווי איבסען האָט געזאָגט, איז עס נאָך ריכטיגער, נאָך אמת'ער, אַז „געריכט האַלטען איבער זיך — איז דיכטען".

דיכטען ניט דוקא אין גראַמען אָדער אין פרייען פערז; אפילו ניט אין דראַמע אָדער דערצעהלונג, נאָר אין דער אייגענאַרטיגער קונסט פון וואָרט, וואָס איז אויף דער שייד־ליניע צווישען וויסענשאַפט און דיכטונג, צווישען טראַכטען און אויסטראַכטען; אַט דער קונסט, וואָס מען רופט אָן קריטיק, קריטיק פון לעבען.

עס קומט אַ צייט, ווען אידייען ווערען פאַרגליווערט, ווען לעבענס-שטייגערס ווערען אַלט און זינלאָז. זיי עקזיסטירען בלויז דורך אינערציע, דורך דעם אימפעט פון אַמאָל. און די גרויסע קונסט פון דעם אידייען-קריטיקער איז — אויפלייזען געדאַנקליך דעם פאַרגליווערטען אָרגאַניזם, באַפרייען די עלעמענטען און לאָזען זיי אַ פרייען וועג און אַ מעגליכקייט צו שאַפען אַ נייע פאָרם.

ביי אַלע פעלקער פון קולטור, אין אַלע גרויסע היסטאָרישע פעריאָדען, איז די קריטישע צייט געוועזען אויך די צייט פון קריטיק.

אַחוץ, אפשר, אידען. און גראָד אידען וואָלטען באַדאַרפט זיין די וואָס נויטיגען זיך מעהר פון אַלע אַנדערע אין אַ דין וחשבון פון זיך אַליין, אין אַ חשבון־הנפש, וואָס זאָל גאָרניט פאַרדעקען און גאָרניט שאַנעווען, איצט — אין דער צייט פון קריזיס.

קאָן מען זיך אויסמאָלען איוב'ן, וואָס האַלט אין איין פּראָטעסטירען, אין איין קלאָגען זיך — איוב פון דעם ערשטען טייל

— אָהן איוב'ן, דעם אויסברייטער פון דער פּערזענליכער פראַגע
— איוב, וואָס האַלט אַ קריטישען דיאַלאָג מיט זיך אַליין?

און עס איז איינער פון די גרעסטע חידושים, וואָס גראָד איצט, אין אונזער נייער איוב־פּעריאָדע, האַלטען מיר בלויז ביים ערשטען חלק. מיר קלאָגען אָן, אָבער מיט זיך אַליין זיינען מיר שלום. מיר זיינען בייז אויף דער גאַנצער וועלט — מיט זיך אַליין זיינען מיר צופרידען.

און ווערען מיר אומצופרידען, פאַרנעמען מיר זיך מיט קרי־טיק פון אונזער אייגענעם מהות — איז דאָס אַן אַנאַליז פון אַ דערשרעקענדער פלאַכקייט. איך האָב געוואַרט אויף דעם וואָרט פון די דייטשע אידען. וואָס זאָגען זיי? וואָס פאַר אַ גייסטיגע ווירקונג האָט געהאַט אויף זיי די קאַטאַסטראָפע?

די ליבעראַלען שוויגען, די ראַדיקאַלען האָפען אויף בעסערע צייטען, און שרייבען אין פּראַג, אָדער ציריך, פּאָלעמישע אַר־טיקלען קעגען די נאַציס. בלויז די ציוניסטען רעדען. אין יעדען נומער פון דער „אידישער רונדשוי", דעם ציוניסטישען צענטראַל־אָרגאַן פון דייטשלאַנד, ווערט וואָך־איין, וואָך־אויס פילאָזאָפירט וועגען אידען און אידענטום, און יעדע וואָך גיבען די ציוניסטען אָפּ חשבון־הנפש פאַר און פון דעם אידישען פאָלק. און איך ווייס באמת ניט, צי עס וואָלט ניט געווען בעסער, ווען זיי וואָלטען אויך געשוויגען. ווייל זייער קריטיק איז אַן אויסערע און אַן איבער־פלעכליכע, ניט קיין אינערע און אַ טיפע. זיי קריטיקירען דעם דייטשען אידען מיט דעם קריטעריום פון זיינע שונאים. דער דייטשער נאַציאָנאַליסט זאָגט: איד און דייטש זיינען צוויי היס־טאָרישע קאַטעגאָריעס; זיי קאָנען ניט עקזיסטירען אינאיינעם; זיי מוזען אָפּגעשיידט ווערען איינער פון דער צווייטער. קומען די ציוניסטען און וואַריאירען די טעמע אויף זייער שטייגער: „געוויס, מיר האָבען עס תמיד געזאָגט — אידען מוזען פיהרען אַן אייגען לעבען, פאַר זיך, אויסלעבען זיך אויף זייער היסטאָ־ריש־געגעבענעם אופן, און די טראַגעדיע פון די אידען אין דייטש־לאַנד איז געווען, וואָס זיי האָבען פאַרגעסען, געוואָלט פאַרגעסען אין זייער אידישקייט". אַנדערע הנחות, אַן אַנדער הינטערגרונט, אָבער די אויספיהרען זיינען כמעט די אייגענע: אָפּזונדערען זיך, פאַרשליסען זיך אין די ענגע ד' אמות; דער אויספיהר: נאַ־ציאָנאַליזם.

און ווי נאָענט און ליב דער ציוניזם זאָל מיר ניט זיין — ליב און נאָענט ניט פון נאַציאָנאַליסטישע, נאָר פון היסטאָריש־מיסטישע טעמים — די געדאַנקען־וועגען, וואָס פיהרען דעם דייטשען אידען צו איהם, מוז מען מודה זיין, זיינען ניט קיין פאַרלייקענדע; יאוש־וועגען, ברוגז־וועגען, אָבער זיי פיהרען ניט צו דעם קערן פון דעם פּראָבלעם. און דער פּראָבלעם איז: וואָס איז היינט אידישקייט?

זיכער ניט קיין שפּאָגעל־נייע פראַגע, און איך פאַרגיב זיך גאָר ניט מיט דעם ציל זי צו פאַרענטפערען — ניט בלויז דאָ און איצט, נאָר אפילו ווען עס זאָל ניט זיין. איך פיהל צו־שוואַך מיינע כוחות פאַר אַזאַ משא. געווען אַ צייט מיט אַכצען אָדער צוואַנציג יאָהר צוריק, ווען איך האָב געמיינט, אין מיין יוגענט־ליכער זעלבסט־זיכערקייט, אַז איך האָב גענוג קראַפט אויפצו־דעקען דעם אוראַלטען ברונים, אַראָפּנעמען פון איהם דעם צענט־נער־שווערען שטיין. און דעמאָלט פלעג איך רעזאָנירען און פאָע־טיזירען וועגען דעם „מהות היהדות”, דעם וועזען, עצם, קערן פון דעם אידענטום; אָבער געפיהלט האָב איך, אַז עס איז אַ קריי־טיק אָהן אַ באָדען, און אַז ניט מיר, און ניט קיינעם פון אונזער צייט, איז עס געגעבען צו דערגעהן אין דעם אַנאַליז פון דעם אידענטום ביז צו דעם סוף, ביז צו אַ תכלית.

און אַט נאָר דערפאַר, וואָס עס האָט געפעהלט שעפערישע און אויסשעפערישע קראַפט; נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבען געוואָלט פאַרבינדען צוויי עקסטרעמען, צונויפבינדען אין איין אָרגאַנישען בונד צוויי זיך אויסשליסענדע הנחות: די קריטיק פון דעם אידענטום און די הנחה פון אידישען נאַציאָנאַליזם. דאָס נעגאַטיווע און דאָס פּאָזיטיווע, דער געדאַנק און דער ווילען, האָבען זיך געפּלאָנטערט איינער דעם אַנדערען צווישען די פיס. און עס איז מיר שוין דעמאָלט קלאָר געוואָרען: די אמת׳ע, מוטיגע, אָפּגרונט־טיפע קריטיק פון דעם אידענטום קאָן געשאַפען ווערען אָדער אין ארץ־ישראל, וואו דער נאַציאָנאַלער ווילען איז שוין דערפילט — צום ווייניגסטען אין דער פּאָטענץ — אָדער אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואו דער נאַציאָנאַלער גע־דאַנק איז פאַרדרענגט געוואָרען פון דעם סאָציאַלען.

אין רוסלאַנד אָבער איז דער אידישער געדאַנק טויט, ווי יעדער אַנדערער געדאַנק. די קאָמוניסטישע דאָגמע, אָדער פראַזע,

האָט דערשטיקט יעדעס פרייע, קריטישע דענקען בכלל, און דאָס אידישע בפרט. און פון וועמען קאָן מען דאָרט דערוואַרטען אַ קריטיק פון דעם אידענטום? פון די „יעווסעקען", פון די פאָר אידישע פּאָעטען, וואָס באַזינגען די גרויסקייט פון סטאַלינ'ען און די אַנטיקען פון דעם טראַקטאָר? אָבער, ארץ־ישראל — דאָרט איז דאָס אידענטום ניט מעהר אַ פּראָבלעם פאַר אַנדערע. דאָרט איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענדליכקייט. און דעריבער אויך אַ פּראָבלעם פאַר זיך אַליין. דאָרט הויבט־אָן די גייסטיגע אַרבייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט צווישען אידען פאַר די לעצטע עט־ליכע דורות, די אַרבייט פון ווייטער פיהרען דעם אידישען געדאַנק. דער דיאַלעקטישער וועג פון דעם אידענטום, וואָס האָט אויף זיינע עטאַפּען דערפיהרט צו דער קבלה, צו דער חסידות און צו דער רעפאָרם — די דריי הויפּט־שטרעמונגען פון דעם אידענטום, האָט זיך אָנגעשטויסען אָן דער וואַנט פון נאַציאָנאַליזם. מיר זיינען געשטאַנען פאַר אַ טעמפּען ווינקעל. ערשט די דער־פילונג פון דעם נאַציאָנאַליזם, אין ארץ־ישראל, האָט איהם גובר געווען. די דערגרייכונג, קליין ווי זי זאָל דערווייל נאָך זיין, האָט באַפרייט דעם אידען אין ארץ־ישראל פון דעם נאַציאָנאַליסטישען שטייך. און דער קוואַל האָט אָנגעהויבען צו שפּרודלען.

איך האָב שוין ניט איינמאָל אין דער ארץ־ישראל פּרעסע און ליטעראַטור באַמערקט ווענדונגען און געדאַנקען־וועגען, וואָס וואָלטען געווען אוממעגליך, ווייל אומפאַרשטענדליך, ווייל אומ־צייטגעמעס אין יעדען אַנדערען אידישען ישוב. אפילו אַזאַ בוך, ווי יוסף קלויזנער'ס, וועגען „ישו הנוצרי". די פאַראידישונג, אָדער אידישע אויסטייטשונג, פון קריסטוס, וואָלט געווען אומ־מעגליך אין יעדען אַנדערען לאַנד. איך געדענק נאָך די אַטאַקעס, וואָס דער ווינער איד, פרידלענדער, האָט געהאַט אויסצושטעהן וועגען אַזאַ בוך איבער קריסטענטום. מען האָט איהם פאַרשריען פאַר אַן אַנטיסעמיט, פאַר אַן „עוכר ישראל", שיער־שיער ניט פאַר אַ מיסיאָנער. און פרידלענדער איז, אין תוך, געווען ניט ווייט פון דר. קלויזנער'ס יעזוס־אויפפאַסונג.

אָבער קלויזנער איז ניט קיין דענקער, ד. ה. ניט קיין קרי־טיקער. ער איז אַ היסטאָריקער אוז אַ פילאָלאָג. ער דרינגט ניט אַריין צו־טיף אין די פּראָבלעמען פון דעם אידענטום. ער זוכט

אייגענטליך ניט מעהר ווי אַ פּשרה צווישען די צוויי קולטורען אָהן אַ קריטישער באַציהונג צו קיינער פון זיי.

דער ארץ־ישראל געדאַנק געהט אָבער ווייטער. און אַט שטויס איך זיך אָן אָן איינעם פון די לעצטע נומערען פון די „כתובים", אויף אַן אַרטיקעל פון אליעזר שטיינמאַן, „היהדות בעולם", אַן אַרטיקעל וועגען די אָפּגרונטען פון דעם אידענטום.

„למה רגשו הגוים"? — וואָס טומלען די פעלקער? — פרעגען אידען אין זייער גאַנצער געשיכטליכער עקזיסטענץ. און עס פאַלט אונז גאָר ניט איין צו פרעגען: „למה רגשו היהודים" — וואָס טומלען מיר, וואָס איז באמת אונזער וואָרט, אונזער טאָן אין דעם וועלט־כאָר? און ווען מיר פרעגען: וואָס וויל דאָס אידישע פאָלק? און מען ענטפערט אונז: „עמך ישראל צריכים פרנסה" — דאָס אידישע פאָלק וויל לעבען, זיך שפּייזען, אַ דאַך איבער דעם קאָפּ און זיכערקייט פון דעם טעגליכען לעבען — פרעגען מיר צוריק: איז דאָס אַלץ? איז דאָס און ניט מעהר דער זין פון דעם העראָאישען קאַמף, וואָס אידען פיהרען פאַר זייער מהות? אָדער — פיהרען זיי איהם דען? איז ניט דער גאַנצער פּראָבלעם אַ פיקציע פון דער געשיכטע, אַ מין דיכטונג, וואָס מיר נעמען־אָן פאַר וואַרהייט? און וואָס איז דער „אמת וועגען אידען"?

אונזערע שונאים האָבען איהם אַזוי אָפּט אויפגעדעקט, און ער ווערט אַלץ פאַרנעפּעלטער — פאַרוואָס ניט פּרובירען אויפ־צודעקען איהם פאַר זיך אַליין?

און שטיינמאַן פּרואווט זיינע כוחות. מיט מוט — מען קאָן ניט לייקענען, עס איז ניט אַזוי גרינג צו זאָגען אין אַזאַ שווע־רער, ביטערער צייט אידען דעם אמת — אָבער אויך מיט נאַאי־וויטעט; אָהן מורא, אָבער אויך אָהן פילאָזאָפישען פאַרנעם.

עס איז אַ קריטיק פון אידישע פעלערען, פון אידישע זינד. און דער „הויפּט־חטא" פון דעם אידישען פאָלק איז, וואָס „עס פיהלט זיך אָהן אַ זינד". אידען האָבען זיך פאַרגליבט אין זייער גרויסקייט און רייניקייט, און איינציגקייט, און פיהלען גאָר ניט, אַז אויך ביי זייער טיר לויערט די זינד — אַט דער חטא פון גרויזאַמקייט, פון ענגהאַרציגקייט, דער אייביגער מיטאָס פון בלוט און קרבן.

שטיינמאַן דערשרעקט זיך ניט פאַר די קאָנסעקווענצען פון

זיין געדאַנק. ער דעקט אויף די שוואַכסטע, ווייל אַטאַוויסטישע, ווייל פאַר־היסטאָרישע פונקטען פון דעם אידענטום — די שיטה פון קרבנות, פון בלוט, פון „כפרה", און אין דעם ליכט זעהט ער אויך די אידישע געגענוואַרט. הינטער דער גאַנצער פראַ־זעאָלאָגיע וועגען קרבנות און וועגען דוד המלך, וואָס איז געווען, ווי שטיינמאַן זאָגט, אַן אכזר און בלוט־פאַרגיסער, שפּראַצט אַרויס די פראַגע: און וואָס זיינען מיר, אידען, היינט? זיינען מיר טאָקע בעסער, ווי אַלע אַנדערע? האָבען מיר אַ רעכט שטאָלץ צו זיין ביי זיך?

געוויס, נאַאיוו די פראַגע און נאָך נאַאיווער דער פּרואוו פון ענטפער. עס איז זעהר גרינג צו זאָגען „ניין" צו דער געשיכטע. עס איז גאָר ניט אַזוי שווער אַראָפּצורייסען אַלטע, שפּינוועביגע שלייערען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

אָבער עס איז ניט מיין פאַרלאַנג צו פּאָלעמיזירען. איך וויל גאָר ניט לערנען מיט וועמען עס זאָל ניט זיין — אפילו ניט מיט א. שטיינמאַן — אַ קאַפּיטעל פון רעליגיעזער פּסיכאָלאָגיע.

דער עיקר איז דאָך גאָר ניט די דערגרייכונג, נאָר די טענ־דענץ; ניט דאָס וואָרט, נאָר דער מוט.

שטיינמאַנ'ס פאַרזוך איז דאָך בלויז אַ סימפּטאָם. ארץ־ישראל האָט פריי געמאַכט דעם אידישען מענשען און האָט איהם צוריקגעגעבען דעם אויסבליק און די מעגליכקייט פון איינבליק. און דאָס וואָס עס איז אונז ניט געראָטען אונטערצופיהרען אַ סך־הכל, מאַכען אַ קלאָרען און אויפריכטיגען חשבון־הנפש, דאָרט, אין דער אַטמאָספערע פון אייגען־לעבען און אייגען־טראַכטען ווערט עס מעגליך. און נויטווענדיג.

ווייל — „איידער מען בויט אַ טעמפּעל, מוז מען צעשטערען אַ טעמפּעל". ווייל מיר האָבען ניט געבויט, האָבען מיר מורא געהאַט צו צעשטערען. די בויער אָבער האָבען ניט קיין מורא.

יולי 1, 1933.

די פאַרמויערטע וואַנט

אַרום דעם „כותל" — אַן אסיפה. אידען אין טליתים, רבנים אין קיטלען. מען דאַווענט, מען „זאָגט", און עס געהען די תפילות מן הסתם וואו זיי דאַרפען, וואו זייער נאַטירליכער פּלאַץ איז. ווייל עס איז דאָך קלאָר, אַז דער נאָענטסטער וועג צו כסא הכבוד איז — דאָס געסעלע פאַר דעם כותל מערבי.

וואָס בעטען זיי דאָרט? וועגען וואָס זייער תפילה? פּרנסה? קינדער? וואָס נאָך פאַר אינטערעסען האָבען די אַלט-ירושלים'ער אידען? דאָס מאָל ניט. זיי האָבען זיך אויף אַ ווייל באַפרייט פון גשמיות — זיי זיינען אַריין אין רוחניות.

אָדער אפשר דאַוונען זיי ביים כותל — פאַר דעם כותל אַליין, ער זאָל בלייבען ווי תמיד, ער זאָל ניט פאַרבויט, פאַרמויערט ווערען פון די אַראַבער?

העכער, נאָך העכער, פאַר דער תורה גילט זייער תפילה. און הונדערטער אידען, הונדערטער קלויזניקעס, ישיבה-זיצער, באַנק-קוועטשער און בטלנים האָבען געדאַוונט, געקלאָגט און — אין שופר געבלאָזען — אויף דער „תורה, וואָס ווערט פאַרגעסען צווישען אידען".

זיי האָבען עס פאַראויסגעזעהן, די אַלטע, די גאַר אַלטע, אָט די וואָס האָבען געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דעם היסטאָרישען, נאָך-פּאַלעסטינישען אידענטום. „עתידה תורה שתשתכח מישראל". עס וועט קומען אַ צייט, פריהער אָדער שפּעטער, ווען די תורה וועט פאַרגעסען ווערען. זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דעם טאָג, געשראָקען זיך פאַר איהם און מיט אַלע מיטלען געזוכט איהם צו דערווייטערען, אָפּצושטעלען.

אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. דער טאָג איז געקומען, אָדער, ריכטיגער, ער הויבט זיך אָן.

פאַר אונזערע אויגען, און מיט אונזער בייהילף. יעדער פון אונז האָט אויף אַזאַ אופן אָדער אַן אַנדערען צוגעלייגט אַ האַנט דערצו. וויסענדיג, ציל-באַוואוסט, אָדער — „בלא יודעים".

עס איז אַן אינטערעסאַנטער, העכסט קינסטלערישער, פאַ-

טעטישער מאָטיוו. און ווען איך וואָלט געווען אַ מאָלער, וואָלט איך אויסגעמאָלט אַ בילד פון גרויע צייטען, פון ווייטע מדבריות, הענט, איבער דער גאַנצער וועלט. אַ קייט פון הענט. און פון איינער צו דער צווייטער אַ בוך, אַ מגילה. געהויבען, אַראָפּ־געלאָזט, זיגזאַג־באַוועגונג. אָבער די קייט האַלט זיך. ביז פּלוצ־לינג — אַן אָפּברוך, אַ סוף. די לעצטע האַנט. און ווייטער — אַ חלל, ליידיג.

ביז צו אונז איז די קייט דערגאַנגען. מיר — דער לעצטער רינג. און וואָס עס איז פריהער געווען לעבעדיגע ווירקליכקייט, איז געוואָרען טראַדיציע, געשיכטע, און דאָס מיינט — געוועזענ־הייט.

אידען זיינען אייגענטליך געווען ביז אַהער דאָס איינציגע פאָלק, די איינציגע מענשען־גרופּע אין דער וועלט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין געשיכטע. ניט געהאַט; דאָס מיינט — ניט געוואָלט האָבען, ניט געוואָלט מסכים זיין דערמיט, אַז דאָס וואָס איז געווען, איז ניט מעהר.

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער פלאָרענטינער פון היינט צו די עטרוסקער, וואָס האָבען פאַרצייטענס געלעבט אויף דעם איי־גענעם אָרט, געטראָטען מיט זייערע פיס די אייגענע ערד? אָדער אפילו נאָך נעענטער — מיט די מענשען פון רענעסאַנס, מיט די מעדיטשיס, מיט מאַקיאַוועלי אָדער אַרעטינאָ? געשיכטליכע נעמען, אין ביכער פאַרשריבען, אין שטיין איינגעקריצט — נעמען, וואָס מען לערענט אין דער שולע, ווייטער ניט. זיי לעבען ניט, דאָס הייסט זיי האָבען ניט מעהר קיין שייכות צום לעבען פון דעם היינטיגען מענשען, צו דזשאָוואַני אָדער בעפּאָ, וואָס לעבט היינט אין דער וויאַ דעלע אָקע — אין דער גאַס, וואו דאַנטע איז געבוירען געוואָרען.

קיין שום פאָלק פון דער וועלט האָט ניט קיין בענקשאַפט נאָך דעם פאַרגאַנגענעם. „זאָלען די טויטע באַגראָבען די טויטע" — דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרען ביים טויער פון דעם קריס־טענטום — איז געוואָרען דער גייסטיגער לייטמאָטיוו. נעכטען — פאַרשוואונדען, מאָרגען — אַ רעטעניש; דער היינט איז דער עיקר. ער איז דער אָנהויב און דער סוף.

די וועלט־אַנשויאונג, אָדער, ריכטיגער, דאָס וועלט־געפיהל פון „אַקטואַליזם", פונקט ווי דער לעבענס־שטייגער איז געווען

— אַקטיוויסטיש. לעבען געשטעלט אויף טעטיגקייט, איז — לעבען, געשטימט אויף דעם מאָמענט. און דערפאַר האָט ביי די גרויסע קולטור־פעלקער אַזוי אויפגעבליט דער זין פאַר געשיכטע. זיי האָבען געבויט אַ שעהנעם בית־הקברות, אַ „קאַמפּאָ סאַנטאָ", ווי אין גענוא, אָבער אָפּגעטיילט מיט אַ מחיצה פון דעם לעבען.

בלויז אידען האָבען ניט געבויט קיין שעהנע פּאַלאַצען און שטעדט פאַר טויטע. אַ פאָלק אָהן מאָנומענטען, ווייל אַ פאָלק אָהן געשיכטליכען זין. דאָס מיינט — אָהן אַ געפיהל, אַז עס איז דאָ אַן אָפּרייס, אַן איבעררייס, אַז עס זיינען פאַראַן „געקאַלעכטע קברים" און אַ מומיפיצירטע פאַרגאַנגענהייט.

ווער פון אונז געדענקט עס ניט? מיר זיינען אַלע געזעסען ביי די אַלטע ספרים און האָבען גאָר ניט געפיהלט, אַז זיי זיינען אַלט; געשטאַנען פאַר שאַפעס פון ספרים און ניט געהאָט קיין איינציגען מאָמענט דעם באַוואוסטזיין, אַז דאָס איז אַ פאַרשלאָסענע שאַפע מיט אַ פאַרזשאַווערטען שליסעלע.

וואָס איז פאַר אונז געווען די אַלטע ליטעראַטור? ליטעראַטור? אפילו דער באַגריף האָט געפעהלט. ספרים — יאָ, אָבער ניט קיין „ספרות"; ביכער — יאָ, אָבער ניט קיין קאָלעקטיוו. כוואַליעס — לעבעדיגע, רינענדע, און דאָך ניט פאַרגליווערט צו דעם באַגריף ים אָדער טייך.

איך זאָג „מיר", און מיין ניט דוקא אונז — אָט די גרופּע, וואָס לעבט היינט, וואָס ווירקט איצט. אפילו ניט דעם דור, וואָס האַלט שוין אויף דעם האַלבען וועג, אויף דעם מיטעלוועג פון דעם לעבען.

מיר זיינען שוין אויך געווען אַ סוף. מיר האָבען שוין מיט אונזערע אייגענע אויגען געזעהן, ווי די זון איז פאַרגאַנגען. מיר זיינען עדות געווען, ווי פון ווירקליכקייט איז געוואָרען געשיכטע.

וואָס איז געווען אין די שאַפעס? תורה — האָבען אונז די אַלטע געזאָגט. און אין דעם מיסטישען וואָרט איז געווען אַ גאַנצע שטימונג־וועלט. מען האָט ניט געקאָנט אַנווייזען אויף איין־איינציגען ספר, אַנטייטלען מיט דעם פינגער: דאָ איז דער גרענעץ, דאָ הויבט זי זיך אָן, דאָ ענדיגט זי זיך. פון דעם תנ"ך ביז צו די לעצטע שאלות און תשובות, פון דער משנה ביז צום ווילנער גאון — אַלצדינג וואָס דאָס אידענטום אין זיין גאַנצער,

לאַנגער צייט האָט דורכגעטראַכט, דורכגעלעבט — אַלצדינג איז געווען: תורה.

און ווייטער האָבען אונז די אַלטע געזאָגט: „ישראל ואוריתא חד הוא". שוין אין דעם וואָרט „אוריתא" איז געלעגען אַזאַ רייכ־קייט, ווי אין קיין שום אַנדער קולטור־באַגריף. לערנען — געוויס. און מעהר ווי דאָס: געזעץ. און עפּעס נאָך. אין אָט דעם „מעהר" איז געווען דאָס, וואָס בערגסאָן רופט אָן דער „עלאַן וויטאַל", דער לעבענס־אימפּעט, דער וואָס מאַכט פון דער אָרגאַנישער צעגלידערטקייט און פאַרגליווערטקייט אַ לעבעדיגען, וואַרים־פול־סירענדען אָרגאַניזם.

אין די קליינע שטעדטלעך פון רוסלאַנד, אין די געטאָס פון מאָראָקאָ און אין די צעלטען פון תימנים — אומעטום, וואו אידען האָבען געלעבט — דער אייגענער ניגון, און די אייגענע אַלטע און אַזוי באַקאַנטע פיגורען. צווישען איד און איד איז אַרומ־געגאַנגען די געשטאַלט פון אבא אָדער פון רבא, און עס האָט זיי אַלע פאַראייניגט און פאַרבונדען דער אויסגעזאַנג: „אוי, אוי, אמר אבא" — אוי, אוי, האָט אבא געזאָגט.

די אויסען־וועלט האָט עס ניט געקאָנט פאַרשטעהן. וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו דער היינטיגער וועלט, צו דעם ראַנדאַר פון מעדוועדאָווקאָ אָט די בבל'שע, פּערסישע, פּאַלעסטינישע פאַר־גאַנגענהייט? וואָס ציט די אידען צו די ספרים אין די שאַפּעס, צו די פאַליאַנטען מיט די פאַרגעלטע בלעטער — וואָס איז דאָ די „אוריתא"? און זיי האָבען זיך געוואונדערט איבער דער מערק־ווירדיגער, אַריינגעוואַקסענער, איינגעוואָרצעלטער רעליגיאָזיטעט פון דעם אידישען מענשען.

זיי האָבען גאָר ניט געוואוסט, אַז „תורה" מיט גלויבען האָבען גאָרניט וואָס צו טאָן. זיי איז געווען אומפאַרשטענדליך אַ פיגור, ווי דער בראָדער משכיל העשיל שאָר אָדער דער דענ־קער נחמן קראָכמאַל, אָדער די אַלע „אפיקורסים" פון דער אי־דישער גאַס, וואָס זיינען אין זייערע געדאַנקען אַוועק פון יעדער דאָגמע, וואָס האָבען זיך באַפרייט פון יעדען גלויבען, און פאָרט געבליבען צוגעבונדען צום וואָרט, צו דער וואַנט אַנגעשטעלט מיט ספרים.

וואָס איז אונז טאָמאָס פון אַקווינאָ? — האָבען געפרעגט די ניט־אידישע אינטעליגענטען. — פאַרוואָס קאָנען מיר זיך אָפּ־

זאָגען אַזוי גרינג פון די וואָס האָבען נעכטען געטראַכט און גע־שריבען, און פאַרוואָס איז ביי אייך אַזאַ קולט פאַר דעם אַמאָל?

און זיי האָבען גאָר ניט געפיהלט, אַז פאַר דעם אידען איז דער רמב"ם און דער אבן־עזרא, דער זוהר און די גמרא — אַז דאָס זיינען ניט געווען בלויז טעאָלאָגישע טראַקטאַטען, מיסטישע, פאַרעלטערטע חקירות, אָפּגעשטאָרבענע געזעצען און אָפּגעפּאַ־לענע בלעטער, נאָר איין־איינציגער בוים, אַ לעבעדיגער, אַ זאַפּ־טיגער, מיט צווייגען אין יעדער ריכטונג.

ביז עס איז געקומען דער טאָג, ווען מיר אַליין האָבען זיך אָנגעהויבען צו שטעלען די אייגענע פראַגע: וואָס איז דאָס? צו וואָס? און וואָס פאַר אַ ווערט האָט די „אוריתא"?

און אין דער פראַגע איז שוין געווען דער ענטפער. מיט־אַמאָל זיינען אבא און רבא געוואָרען שאָטענס, וואָס דערוויי־טערען זיך; דער לעבעדיגער ניגון — אַן עכאָ, אַלץ שוואַכער און שוואַכער; די ווירקליכקייט — געשיכטע.

אומבאַמערקט, אָהן אַ צוואַנג פון אויסערע כוחות, נאָר פון זיך אַליין איז עס געוואָרען. מהמת אין גייסטיגען לעבען איז גאָר ניט פאַראַן קיין צוואַנג. מען קאָן קיינעם ניט צווינגען צו פאַרגעסען, אָדער ווערען ניט געדענקען.

מען האָט זיי געצוואונגען אין שפּאַניע, די מאַראַנען, איבער־צורייסען דעם פאָדים פון געדענקען. און די געשיכטע דער־צעהלט פון דעם פאַטעטישען דראַנג פון די אנוסים, קוים ווי זיי האָבען זיך געראַטעוועט קיין האָלאַנד אָדער דער טערקיי, זיך ווידער אַמאָל צו דערמאָנען. גאַנצע שיף־לאַדונגען מיט ספרים פלעגען געהן קיין אַמסטערדאַם. און די שפּאַנישע אידען האָבען זיך געמיהט אויפ'סניי אָנצוקניפּען די אָפּגעריסענקייט, נאָך אַמאָל לערנען, זיך אַריינלעבען אין דער „אוריתא".

די אידען פון היינט האָט קיינער ניט געצוואונגען. קיין שום איינפלוס פון דרויסען — אַחוץ אפשר איצט אין סאָוועט־רוס־לאַנד; אָבער אויך דאָרט איז עס שוין אַ רעזולטאַט, אַ פאַרענ־דיגונג פון אַ פראָצעס, ניט קיין אָנהויב — קיינער האָט ניט געוואָלט אַוועקרייסען דעם אידען פון זיין וואַנט מיט ספרים. זי איז, אַזוי צו זאָגען, פון זיך אַליין פאַרוואַקסען געוואָרען, אַ מחיצה צווישען אונז און איהר. פאַרשלאָסען די שאַפע, פאַרמויערט די וואַנט.

צום ערשטען מאָל איז אידענטום געוואָרען געשיכטע. און דערמיט האָט זיך זיין ציקעל פאַרענדיגט.

און ביי דעם כותל-מערבי שטעהען קלויזניקעס אין קיטלען און בלאָזען שופר און זאָגען אַ תפילה פאַר דער תורה שנשתכחה. אַרכאַיש ווי דאָס זאָל ניט זיין, לעכערליך אפילו און אַלט-פרענ־קיש — זיי האָבען אַ ריכטיגען אינסטינקט, אַ געפיהל פאַר די פיינע ניואַנסען. זיי פיהלען, אַז דער אמת פרייער איד, דער אמת'ער „בן-חורין", איז פאָרט נאָר דער, וואָס איז „עוסק בתורה"; פריי, ווייל אָהן דעם נאָגענדען פראָבלעם פון דעם „זיין" און דעם „מהות" פון דעם אידענטום, און באַפרייט פון דער נויטווענדיגקייט צו פאַרענטפערען זיך פאַר זיך אַליין.

די בטלנים פון ירושלים זיינען אָבער שוין די איינציגע, וואָס פיהלען דעם געוואַלטיגען ריס. די איינציגע און די לעצטע.

די לעצטע, וואָס גלויבען נאָך אין דעם יריחו-נס, אין דער מאַכט פון שופר צו צעברעכען אַ וואַנט. דער נאַאיווסטער, אָבער אויך דער שעהנסטער זשעסט פון דער אידישער געגענוואַרט.

אויגוסט 10, 1929.

איבער דעם תהום

אַ פראַגמענט. פון וואָס? אַ קאַפּיטעל פון אַ בוך, וואָס וועט מן־הסתם קיינמאָל ניט געשריבען ווערען, אַ ברוכטייל פון אַ געדאַנקען־פּראָצעס, וואָס שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ און קאָן אפשר גאָר ניט פאַרענדיגט ווערען.

געדאַנקען וועגען דעם אידענטום.

זעהר אָפט — אין דער נויט פון דער צייט, אין דעם אויפ־שטורעם פון דער שעה וואָס האָט — יעדע באזונדער — איהרע פראַגען, קליינע קשיות, טאָל־פּראָבלעמען וואָס מוזען געלייזט ווערען — זעהר אָפט פאַרגעסען מיר אָן דעם עיקר. נאָר וויניגע, נאָר געקליבענע האָבען אין זיך די קראַפט צו טראָגען שטענדיג דעם עול און זיך ניט וועלען שיידען מיט איהם, באַלאַדען זיין מיט דער גאַנצער לאַסט און אָנבויגען די פּלייצעס מיט שמחה אונטער איהר.

פאַר אונז — די געוועהנליכע, די טאָליגע — איז דאָס צו שווער. ווייל ווער קאָן שטענדיג זעהן פאַר זיך דעם תהום? און ווער קאָן גאָר איהםביישטעהן?

און דאָס איז דאָך עצם דער פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען: דער תהום.

געפאָהרען אַמאָל — מיט אַן ערך דריי הונדערט יאָהר צוריק — אַ יונגער פאַריזער געלערנטער, אַ מאַטעמאַטיקער, אַ פיזיקער, אַ געניאַלער פאָרשער איבער דער פאַריזער „נייער בריק“. פלוצלינג האָט ער דערזעהן פאַר זיך — אַ תהום. פאַר זיינע אויגען האָט זיך געעפענט אַן אָפּגרונט. אויף איין סעקונדע — אַ בליץ פון אַ וויזיע. אָבער עס איז געוועזן גענוג פאַר דעם גאַנצען לעבען. און דער מאַטעמאַטיקער און פיזיקער פּאַסקאַל איז געוואָרען דער אפשר גרעסטער רעליגיעזער דענ־קער פון דער מערב־אייראָפּעאישער קולטור.

און ווי בעט ער זיך ביי זיך אַליין: ער וויל פון זיך אַ גלויבען

און אַ נאָהנטקייט צו גאָט, „ניט דעם גאָט פון די פילאָזאָפען, נאָר דעם גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב".

תמיד — ווען עס הויבען אָן אין מיר אויפ׳סניי צו נאָגען די פראַגען וועגען אידענטום און וועלט, וועגען דעם אומגעהויערען איבערהיסטאָרישען פראָבלעם וואָס הייסט „ישראל" — תמיד קומט מיר אויפ׳ן זין אָט די צוזאַמענשטעלונג פון די צוויי באַגריפען: תהום און „גאָט פון אברהם". דער אידישער פראָבלעם ווערט דערהויבען איבער דעם טאָג וואָס פאַרגעהט, ארויסגעשיילט פון דער צופעליגער, גראָד דאַסמאָליגער פאַרהייטעלטקייט — און ווערט ווייטער אַ מעטאַפיזישער פראָבלעם — פון דעם תהום.

אָפּגרונט — כאַאָס, אומגעפורעמטקייט, אומענדליכקייט — נאָך אונטער אַראָפּ. די דימענסיע פון טיפקייט אָהן אַ גרונט. און ווייל אָהן אַ גרונט — אויך אָהן אַ טעם, אויך אַרויסגעריסען פון דער קייט פון סיבות, אַ וועלט פון אָפּגעזיילטע רינגען, וואָס האָבען ניט קיין קניפּונגען איינער אין דעם צווייטען.

דער אָנהויב. און אַזוי אומגעפורעמט און אָהן געשטאַלט — ד. ה. אָהן אויפבוי — אָן אומענדליכע צייט. ביז אין איין שעפערישער רגע אַ ווילען צו איינונג. רינג צו רינג, אַ קייט ווערט געקאָוועט, געשטאַלט ווערט געבויט, סיבות שנירלען זיך אין אַ צייל — דער אָפּגרונט ווערט געשלאָסען — דאָס אומענדלעכע ווערט פאַרענדליכט — עס ווערט וועלט.

און וועלט מיינט זין. און האָט אַ ציל. לעבען ווערט אָנגעפילט מיט אינהאַלט. פילט אָן דעם תהום, אָבער דער אָפּגרונט קעמפט — דאָס אומגאַנצע, דאָס ניט־פאַרענדיגטע איז אין אַ שטענדיגער מלחמה אַקעגען דער פאָרם — און ציהט צו זיך דאָס וואָס ווערט שוואַך. און דער טויט איז דער ענטפער פון דעם תהום. דער טויט וואָס איז די צעשטערונג פון דאָס צונויפגעשמאָלצענע, דאָס פאַרענדיגטע, און אויפלייזונג פון דער גאַנצקייט.

טויט אויך אין דעם לעבען.

דאָס זיינען אייגענטליך געדאַנקען אָדער באמערקונגען אויף די בלעטער פון אַ בוך. איך האָב די טעג געבלעטערט אין אַ

נייעם ספר פון אַ אידישען פאָרשער, דר. משה וואָרטמאַן: „תורת הבריאה בישראל" — „די לערע פון שאַפונג ביי אידען" — די אידישע קאָסמאָגאָניע.

איך בין זיכער אומגערעכט אי צום פּראָפעסער אי צום בוך — אָבער אין דעם גאַנצען ספר האָט מיך פאַראינטערעסירט איין־איינציגע, און אויך די אפשר ניט געננג באַגרינדעטע — ניט פילאָזאָפיש דורכגעטראַכטע אידייע — „אָט דאָס איז דער גרויסער אונטערשייד צווישען דעם אידישען מאָנאָטעאיסטישען גאָט־באַגריף און דער פאָרשטעלונג ביי אַנדערע פעלקער: אין בבל איז דער תהום געוואָרען אַ סימבאָל פון כאַאָס און פון שלעכטס — ביי אידען האָט גאָט מלחמה געהאַלטען מיט דעם אָפּגרונט, און איהם באַזיגט — און עס איז שוין ניטאָ מעהר קיין שלעכטס אויף דער וועלט." (ז. 226) — אַן אויסטייטשונג, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַן אַפּאָלאָגעטיק, פון „פאַרענטפערען" און גרויס מאַכען דעם אידישען גאָט־גלויבען. אַ מין פילאָזאָפישער נאַציאָנאַליזם. ער האָט זיכער זיינע מאָטיווען, האָט אפשר אויך אַ היסטאָרישע באַרעכטיגונג. אָבער ער גיט ווייניג צו און פאַרענטפערט ניט די גרונט־פּראָבלעמען, וואָס דאָס אידענטום טראָגט אין זיך, און האָט נאָך אַלץ ניט אויסגעטראָגען.

אָבער אַפילו אין דער דאָזיגער פילאָזאָפיש־פאַרענטפערענדיגער פאָרם איז פאַראַן אַן אָפּקלאַנג פון דעם אידישען קול — אָט פון דעם גרונט־מאָטיוו, וואָס באַהערשט דאָס גאַנצע אידישע דענקען: דער קאַמף מיט דעם תהום. דער זיג איבער דעם כאַאָס. און דער באַגלייט־מאָטיוו: גוט און שלעכט.

מען האָט עס אַזוי ווייט זעלטען באַמערקט — אָדער איך ווייס ניט דערפון — אַז די גרונט־באַדייטונג פון די העברעאישע באַגריפען „גוט" און „שלעכט" — „טוב" און „רע" — זיינען אייגענטליך גאָר ניט קיין מאָראַלישע, נאָר, אַזוי צו זאָגען, אָרגאַנישע, געשטאַלטיגע. וואָס הייסט דען „רע"? איז דען ניט דאָס וואָרט אין זיין לעצטער באַדייטונג ניט מעהר ווי „צעבראָכען", „אומגאַנץ" — און דאָס מיינט — אָהן פאָרם? און ווען אין „בראשית" ווערט אונז דערצעהלט טאָג נאָך טאָג די געשיכטע פון דער שאַפונג — ווערט יעדער טאָג פאַרענדיגט מיט דעם וואָרט: „וירא ה' כי טוב". איך ווייס ניט גענוי — פון

וואַנען, פון וואָסערע טיפע וואָרצלען „טוב" קומט, וואָס פאַר שפּראַך־ניואַנסען עס האָט. אָבער נאָך דעם זין, נאָך דעם צו־זאַמענהאַנג — איז „טוב" ניט „גוט" אין אונזער זין — גוט, ד. ה. ניצליך, גוט — גערעכט, נאָר „גאַנץ", פאַרענדיגט, פאַרטיג, באַקליידט מיט געשטאַלט. דיביידע באַגריפען „טוב" און „רע" האָבען זיך דערנאָך געביטען, אַנגענומען אַן אַנדער באַפאַרבטקייט און שאַטירונג, געוואָרען מאָראַליש, סאָציאַל געבויגען — און „גוט" איז געוואָרען שפּעטער דאָס שוואַכע און צעבראָכענע, „שלעכט" — דאָס שטאַרקע און פאַרענדיגטע.

אַזוי האָט עס די אידישע געשיכטע, דער פּאָליטיזירטער אידיש־רעליגיעזער געדאַנק באַדאַרפט. אַזוי איז עס געוואָרען. אָבער ווייל אַ וואָרצעלדיגער ווידערשפּרוך — דערפאַר אויך שטענדיג אַן אינערער קאָנפליקט צווישען די אידייען אין דעם אידישען דענקען — צווישען די צוויי גרונט־ריכטונגען. דערפון אויך די מערקווירדיגע אומפּרוכטבאַרקייט פון דעם רעליגיעז־פילאָזאָפישען געדאַנק.

די לערע פון דעם געשלאָסענעם תהום איז צוביסלעכווייז פאַרגעסען געוואָרען — און די אידייע פון דעם גרונט־שלעכטען האָט טריאומפירט אפילו ביי אידען.

און אין דעם מאָמענט, ווען דער אידישער געדאַנק האָט אַקצעפּטירט דעם „רע", האָט געעפענט דעם תהום, האָט ער פאַרלוירען זיין פונקציאָנעלע באַדייטונג, האָט ער אָנגעוואָרען זיין שעפּערישע קראַפט. דאָרט וואו דער גרונט־פּראָבלעם ווערט שלעכט פאַרשטאַנען אָדער אויסגעמיטען, קאָן אַ דענקער ניט זיין פריי און פּראָדוקטיוו, און אויסטייטשען די וועלט — ווערט פאַרטייטשען אַן אות.

אפשר האָב איך אַ טעות, אָבער מיר דוכט זיך, אַז גראָד איצט שטעהען מיר פאַר אַ נייער און וועלט־היסטאָרישער ערשיינונג: פאַר דער דריטער אַנטפּלעקונג פון דעם אידישען גייסט. אַלע צייכענס ווייזען, די סימנים זיינען בולט: צופיל האַס אין דער וועלט האָט אויפגעפלאַקערט אַקעגען אידען, צו שטאַרק ברענט די שנאה, און זי איז אַ סימפּטאָם. איך זאָג: די דריטע אַנטפּלע־קונג, ווייל דאָס אידענטום האָט געפיהרט אַ שטענדיגען קאַמף אַקעגען דער וועלט — און תמיד נאָר געווען אַ קאַמף אַרום דעם תהום.

דער קאַמף אין דער אַלטער, גריכישער וועלט. דער גריכישער געדאַנק האָט זיך געדרייט ארום דער אידייע פון „ניין״. דאָס פּלאַטאָנישע „מעיאָן״ — ניט זיין — איז געווען, אַזוי צו זאָגן, דער שורש פון דעם „זיין״ — אַ וועלט וואָס שטאַמט פון דעם „ניט״ — און טראָגט אפילו אין איהר „יאַאיגקייט״ די עלעמענ־טען פון „ניין״. דער איד האָט אָבער געלייקענט יעדען „ניין״. זיין שיטה איז געווען: פאַרענדיגט איז די וועלט אין לויטער „יאָ״. זיין טעאָריע איז געווען: שלעכטס איז בלויז פעהלער. „פעהלער״ — ד. ה. אויפגעריסענקייט — איז ניט באַרעכטיגט, עס איז גאָר ניטאָ מעהר אויף דער וועלט.

און דער צווייטער קאַמף: דער קריסטליכער. ווידעראַמאָל דער תהום. פאַנטאָם. דער שרעק פון ליידען און פון שלעכטס האָט זיך געלייגט אויף דער וועלט. אַ משא, אַ לאַסט קוים צו דערטראָגען.

איצט דער דריטער קאַמף: כאַאָס אויפ׳סניי אין דעם באַ־וואוסטזיין פון די מענשען. דער תהום שלינגט־איין ווידער אויפ׳סניי דאָס לעבען, ד. ה. דאָס געפורעמטע, דאָס גאַנץ־געוואָרענע. לויטער אָנהויבען, איבערגאַנגען, אומפאַרטיגקייטען, בלויז אויפלייזונג. אין טעאָריע און אין ווירקליכקייט.

בלאָנדזשעט דער אידישער מענש אַרום אויך אַ פאַרלאָ־רענער, פיהלט אין זיך זיין אמת; אין זיין בלוט, אין זיין ירושה טראָגט ער איהם — אָבער האָט ניט דעם מוט צו זיין אייגענעם וועלט־בילד. צו אַלט און צו היסטאָריש זיינען די אַלט־אידישע פאָרשטעלונגען און פאָרמולירונגען, און נייע זיינען נאָך ניט פאַראַן.

אָבער דאָ און דאָרט — דערהערט מען אַ אידישען קול — און ער רופט צום קאַמף אַקעגען דעם תהום, פאַרלאַנגט געשטאַלט און גאַנצקייט אין דער וועלט.

דאָס איז אין דעם לעצטען עצם דער טיפסטער זין פון דעם סאָציאַליזם, ווי מאַרקס האָט איהם איבערגעשמאָלצען — און דאָס איז דער וועג, וואָס דער נייער אידישער רעליגיעזער געדאַנק הויבט־אָן דורכצושלאָגען פאַר זיך.

הויבט־אָן, אָבער האָט ניט קיין קוראַזש. ווייסט גאָר ניט, אַז עס זיינען סוף־כל־סוף פאַראַן בלויז צוויי אמת־רעליגיעזע שיטות

אין דער וועלט פון היינט: די אינדישע און די אידישע. די לערע פון דער אָפּגעשטעלטער ראָד און די שיטה פון דעם פאַר־שאָטענעם תהום. אַלצדינג וואָס איז צווישען זיי איז בלויז רי־טואַל, איז ניט מעהר רעליגיעז שעפּעריש.

און פּאַסקאַל איז געווען גאָר ניט אַזוי פּאַראַדאָקסאַל — די אידייע פון דעם אָפּגרונט און דער „גייסט פון דעם תהום".

ער האָט געזעהן און האָט געצויגען זיינע קאָנסעקווענצען, מיר זעהען אויפ'סניי דעם תהום — און מיר מוזען ציהען אונזער שלוס.

ווייל דער אָפּגרונט לאָקט און דער „ניין" איז גובר אין דער וועלט.

אָקטאָבער 30, 1932.

דער אַלטער קאַמף

אַן אַלטער סיכסוך איז אויסגעבראָכען אויפ'סניי. און ווי תמיד — אין דעם צענטער פון דער מערב־אייראָפּייאיש־קריסט־ליכער קולטור, און, ווי תמיד, אין דעם צענטער פון דער וועלט־געשיכטע — אין רוים.

רוים האָט אָנגעהויבען ווידעראַמאָל איהר אַלטען, נאָך אַלץ ניט פאַרענדיגטען קאַמף — מיט ירושלים.

מיט צוויי טויזענט יאָהר צוריק האָט ער זיך אָנגעהויבען. רוים האָט געזאָגט: מאַכט, ירושלים האָט געענטפערט: גע־רעכטיגקייט. רוים האָט געפּרעדיגט: מאַכט, ירושלים האָט אַנטקעגענגעשטעלט אַ העכערען, אַ ווייטערען אידעאַל: ממלכת שמים. צעזאַר, סאָלדאַט, אימפּעראַטאָר, ד. ה. באַפעהלער, גענע־ראַל — פון איין זייט; דער כהן, דער מענש פון וואָרט, פון גע־דאַנק, פון מאַכט־פאַרלייקענונג — אויף דער צווייטער.

און מיינט ניט, אַז דאָס וואָס געהט אָן אין רוים, אָט די מחלוקת צווישען מוסאָליני און דעם פּאַפּסט, איז אַ ריין־לאָקאַלע דערשיינונג. עס איז די גאַנצע קריסטליכע וועלט וואָס איז גע־קומען צו אַ קריזיס. עס איז דער גרויסער ויכוח צווישען דעם מערב און דעם מזרח.

זיי ווייסען אַליין אָפט ניט, די מענשען פון מערב, ווי ווייט, ווי יסודות'דיג פאַרשיידען זיי זיינען פון דעם מזרח. עס ווייזט זיי אָפט אויס, אַז דאָס איז בלויז אַ חילוק צווישען „ראַסען", צווי־שען קולטורען, צווישען שטאַרקע און שוואַכע, ווירטשאַפטליך־פּאָליטיש אָרגאַניזירטע און עקאָנאָמיש שוואַכע פעלקער. אָבער דער חילוק איז טיפער. און יעדעס מאָל ווען אַן אייראָפּייער אָדער אַן אַמעריקאַנער קומט אין לעבעדיגער באַרירונג מיט דעם מזרח, דערפיהלט ער דעם אונטערשייד און דערזעהט די וואַנט — און די סכנה.

איך געדענק, למשל, דעם ענגלישען קריטיקער וויליאַם אַרטשער'ס בוך איבער אינדיע. ניט קיין פּאָליטיקער, ניט קיין שטאַטסמאַן און אפילו, דאַכט זיך, ניט קיין אימפּעריאַליסט, בלויז אַן ענגלענדער, נאָר אַן אייראָפּייער. ער קומט קיין אינדיע, וויל זי פאַרשטעהן און קאָן ניט. וויל אַריינדרינגען אין איהר סוד

— און ער געפינט אַ פאַרשלאָסענע טיר. און ער פאָרט אַוועק אַ שונא. שרייבט אַ בוך וועגען אינדיע, וואו ער לייקענט אַלצדינג אין דעם אינדישען לעבען — אידייען און אידעאַלען, דענקען און פאָרם, אינהאַלט און סטיל.

אָדער אַן אַנדער ביישפּיל. ניט לאַנג צוריק איז מיר אַריינ־געפאַלען אין די הענט אַ בוך פון אַן ענגלענדער וועגען כינע. „והאַט איז ראָנג וויטה טשיינאַ״? הייסט דאָס בוך. „וואָס איז דער פעהלער פון כינע״? — פרעגט דער ענגלישער באָאָבאַכ־טער, און ער ענטפערט: כינע׳ס פעהלער איז, וואָס זי איז כינע־זיש, אַזיאַטיש, אַלט, מזרח׳דיג און ניט איירָאָפּייאיש.

און ווען איהר דרינגט אַריין טיפער און ווילט פאַרשטעהן די מאָטיווען פון אַזאַ פאַראורטיילונג, געפינט איהר בלויז איינס — און דאָס איז דער באַזיס: אַזיע, דער מזרח, האָט אַן אַנדער באַגריף פון לעבען, אַן אַנדער אויפפאַסונג פון שטאַט.

מען האָט זיך אָפט געוואונדערט, פאַרוואָס האָט די איירָאָ־פּייאישע וועלט געהאַט אַזאַ שנאה צו אידען — מעהר ווי די אַזיאַטישע. ניט רעליגיע אַליין, ניט אפילו די עקאָנאָמישע איי־גענאַרט פון דעם אידישען פאָלק — דאָס אַליין קאָן נאָך ניט אַלצדינג ערקלערען. קאַטוילִיקען און פּראָטעסטאַנטען האָבען זיך פיינט — רעליגיעז; אָבער פאָליטיש, אָבער סאָציאַל, איז אַפילו אין די ערגסטע צייטען, די שנאה ניט געווען אַזוי גרויס ווי צו די אידען. אָדער, גענויער גערעדט — אַנטקעגען פּראָ־טעסטאַנטען האָבען די קאַטוילישע מאָנאַרכען געפיהרט אַ קאַמף — אָפט אַ בלוטיגען, אַ גרויזאַמען — און דערנאָך געמאַכט שלום מיט זיי. מיט אידען האָט מען קיינמאָל ניט געמאַכט קיין שלום־פאָרטראַג. און אפילו נאָך דער עמאַנציפּאַציע, אפילו דאָרט וואו דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַנגעוואוירען זיין באַרבאַריש־פּרימי־טיווען כאַראַקטער — דער סאָציאַלער שלום איז ניט געשלאָסען.

אפשר איז דער טעם טאַקע דער, וואָס דאָס זיינען ניט קיין צוויי גרופּען, אָדער גלויבענס־שיטות, נאָר צוויי צוגאַנגען צום לעבען, צוויי „וועלטען״? דער פּראָטעסטאַנט און דער קאַטוילִיק קוקען גלייך אויף דעם לעבען. איינער גלויבט אין אַזאַ דאָגמע, דער צווייטער אין אַן אַנדערער, — עס זיינען אונטערשיידען אין ווערטער און אידייען, — אָבער ניט אין אידאַלען, ניט אין צוועקען. דער איד — אַלס קולטור־עלעמענט — האָט אָבער אַן

אַנדער צוועק, אַן אַנדער אויסגאַנג און אַן אַנדער דערגרייכונג.

צווישען דעם אידען און דעם ניט־אידען, צווישען רוים און ירושלים שטעהט — דער שטאַט.

מען האָט עס שוין געפיהלט אין דער אַלטער וועלט. פאַר דעם גריך פון אַטהען צי פון קאָרינט איז דער לעצטער זין פון דעם גאַנצען לעבען געווען — די „פּאָליס", די שטאָדט. זי איז געווען — דער צוועק. פאַר איהם, צוליב איהר, האָט מען מקריב געווען אַלצדינג. און סאָקראַטעס האָט געטרונקען סם, ווייל — ניט בלויז ווייל ער איז געווען אַן „אפּיקורס", ניט ווייל ער איז געווען אַ רעליגיעזער רעוואָלוציאָנער, נאָר ווייל ער האָט געשטערט די גאַנצקייט פון דעם שטאַט, אונטערגעגראָבען זיך אונטער דער „געזעלשאַפט".

רוים האָט דעם גריכישען שטאָדט־אידעאַל אויסגעברייט. אָבער בלויז ברייטער, ניט טיפער. „מיר ערקלערען דער שטאָדט און דער גאַנצער ערד" — דאָס איז געווען די שטענדיגע פאָרמולע פון דעם רוימישען סענאַט. די צעזאַרען האָבען איינגענומען אַ האַלבע וועלט — צוליב וואָס? כדי די „שטאָדט", כדי דער שטאַט זאָל שטאַרקער זיין.

רוים — דאָס הייסט די גרופּע מענשען אין אַ באַשטימטער שטאָדט. די גרופּע מענשען וואָס האָט מאַכט — האָט געוואָלט אַרויפלייגען איהר ווילען אויף דער וועלט. און עס איז איהר געראָטען, ווייל די פעלקער וואָס זי האָט איינגענומען האָבען עס פאַרשטאַנען — און זיך אונטערגעגעבען. זיי האָבען געוואוסט: מאַכט איז רעכט. היינט בין איך שטאַרקער — הערש איך; מאָרגען ווער איך שוואַכער — דין איך. אָבער אַזוי צי אַזוי — דער פּרינציפּ איז גערעכט. אַזוי דאַרף עס זיין.

בלויז איין־איינציגע גרופּע האָט זיך ניט געוואָלט אונטער־געבען — ווייל זי האָט ניט געקאָנט. זי איז אַרויסגעגאַנגען פון אַנדערע הנחות. זי האָט געלייקענט רוים, זי האָט ניט אָנגענומען איהר הערשאַפט, ווייל זי האָט אָפּגעוואָרפען איהר פּרינציפּ.

ירושלים האָט מבטל געווען רוים.

דאָ דער צעזאַר־אידעאַל, דאָרט דער משיח־אידעאַל. צעזאַר, וואָס וויל הערשען, משיח וואָס וויל לערנען, משיח וואָס זיצט ערגעץ און לערענט תורה, און וואַרט און וואַרט — ביז ער וועט קאָנען קומען צו דער וועלט און פאַרשפּרייטען די דאָזיגע תורה.

דיביידע אידעאַלען האָבען זיך ניט געקאָנט פאַרשמעלצען. אַ פלוס און אַ מינוס — ביידע אינאיינעם איז דאָס : נול.

די מערב־וועלט האָט דאָס געפיהלט. זי האָט ניט געקאָנט מוחל זיין דעם אידישען ביטול און איז געווען צעריסען אין זיך אַליין.

שפּענגלער האָט זעהר ריכטיג אָנגעוויזען אויף דער שווער־רער קראַנקהייט פון דער מערב־וועלט. זי ליידט פון אַ גייסטיגער שטערונג. זי האָט אין זיך אַריינגענומען אַן עלעמענט, וואָס פּאַסט ניט צו איהר, וואָס בלייבט ווי אַ פרעמדער קערפּער אין איהר אָרגאַניזם. און דער עלעמענט איז — ירושלים.

אין זיין קריסטליך־רוימישער פאָרם, אין אַ פאָרם וואָס איז ניט אידיש, אין אַ סטיל וואָס האָט זיך געפּרואווט צופּאַסען צו דער מערב־וועלט, צו גריכענלאַנד און צו רוים, אָבער דער שורש איז פאָרט ירושלים, איז דאָך מזרח, איז דאָך אידיש.

דער מערב זעהט אין דעם שטאָט דעם „א" און דעם „ת" פון דעם גאַנצען מענשליכען לעבען. יעדער פּאָליטיקער, יעדער דענקער פון דער מערב־אייראָפּייאישער וועלט האָט עס אויפ'סניי באַשטעטיגט. מאַקיאַוועלי און האָבס, דער איטאַליענער און דער ענגלענדער, האָבען געגעבען דעם דאָזיגען מערב־אידעאַל די שאַרפסטע, די קלאָרסטע, די אויפריכטיגסטע פאָרם. און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט זי פאַרפעסטיגט.

דער שטאָט — האָבען ערקלערט די יאַקאָבינער — דאַרף ניט האָבען קיין גרויסע מענשען, קאָן זיך באַגעהן אָהן פּערזענ־ליכקייטען — און זיי האָבען אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון דעם גרויסען בעמיקער לאַוואואַזיע. איבער דעם יחיד שטעהט דער כלל, און איבער דעם כלל שטעהט גאָרנישט. די נאַציע — ד. ה. דער שטאָט — איז דער אויבערשטער מושל, ער איז „סואַווערען".

דערפון דער ווילען צו הערשען, דער צענטראַליזם, דערפון דער אידעאַל פון דער מאַיאָריטעט. וואָס ניינציג ווילען איז דער געזעץ פאַר אַלע הונדערט. און איז די מעהרהייט בלויז פון איינעם — עס מאַכט ניט אויס. מעהר איז מעהר, און עס איז ניטאָ קיין דין און קיין דיין אַנטקעגען דעם.

דערפון — דער פאַשיזם, דערפון דער באָלשעוויזם און זיין סאָציאַלע פילאָזאָפיע. צי עס הייסט נאַציע צי עס הייסט קלאַס — עס מאַכט ניט אויס : הערשאַפט איז דער פּרינציפּ.

און דער פראַנצויזישער פאַרשער סעיע איז גערעכט, ווען ער ווייזט אָן, אַז ניט בלויז מאַקיאַוועלי, נאָר אויך רוסאָ און אויך דער סאָציאַליזם איז אימפּעריאַליסטיש, זיין פּרינציפּ איז: מאַכט. מען דאַרף זיך ניט וואונדערען אויף מוסאָליני'ן. ער איז ניט מעהר ווי די עכאָ פון זיין צייט, פון זיין דור, פון זיין פאָלק, פון זיין קולטור — ער איז דער אויפריכטיגער יורש פון רוים.

אָבער אין וואַטיקאַן זיצט אַ שוואַכער זקן, אָנגעטאָן אין ווייסען, מיט אַ רינג אויף דער האַנט. דער רינג שטאַמט פון אַ פישער־מאַן אין דעם גליל — שמעון־פּעטרוס. עס איז דער רינג פון דעם מזרח, דעם אידישען מזרח.

פון דעם רינג קלינגט אַ שטים, אַ ווייטע, קוים־קוים וואָס מען הערט זי. זעלטען קומט זי צום אויער אפילו פון דעם וואָס טראָגט זי. אָבער — ווען זי לאָזט זיך הערען, אָבער ווען זי קומט צום באַוואוסטזיין —

דעמאָלט — דערהויבט זיך פּלוצלינג אַ פּראָטעסט פון דעם ירושלים־עלעמענט אין רוים אַנטקעגען רוים. און דעמאָלט פיהלט דער פּאַפּסט זיך געצוואונגען צו זאָגען דער גאַנצער מערב־וועלט: שטעלט זיך אָפּ, איהר געהט אויף אַ פאַלשען וועג. דער שטאַט איז נאָך ניט אַלץ, ער איז ניט דער צוועק און ניט דער זין פון דעם לעבען.

זאָגט עס, און דערשרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם קול — זאָגט עס און קוקט אומבאַהאָלפען אויף דעם אַלטען רינג. דאָס קריסטענטום פאַרשטעהט אַליין ניט וואָס איהר וואָרט איז אין דער וועלט.

און רוים ציטערט אויף פון כעס. זי דערהערט דעם אַלטען געגנער. זי פיהלט אַז איהר קאַמף איז ניט פאַרענדיגט.

מוסאָליני — אַנטקעגען דעם וואַטיקאַן, דאָס איז מערב אַנטקעגען מזרח, צוויי אַלטע היסטאָרישע כוחות וואָס פאַרמעסטען זיך.

דער מזרח געהט זיך זיין וועג — אָבער דער מערב איז קראַנק — שווער קראַנק. סיידען ער וועט מאַכען שלום מיט ירושלים. און שלום מיינט — אונטערגעבען זיך. שלום איז דער טויט פון דער מאַכט־אידייע. מיינט דאָס אָבער אויך ניט — טויט פון דער מערב־קולטור?

דעצעמבער 25, 1926.

לאַנדפּעניקס

אַש אויפ'ן קאָפּ, ווען עס קומט צער, ווען אַ צרה רוקט זיך אָן, ווען טרויער אויף דעם האַרצען. אַן אַלטער מנהג. אַ פּרימי־טיוועֶר. פאַרוואָרצעלט ערגעץ ערגעץ־וואו אין די טיפענישען פון דער געשיכטע; אָבער טאַקע דערפאַר, ווייל אַזוי פּרימיטיוו — אויך אַזוי סימבאָליש.

און דאָס איז דאָך די קראַפט פון די אַלטע סימבאָלען; יעדע צייט, וואָס קומט, טייטשט זיי איבער, לייגט אַריין אין זיי נייע כוונות. אָבער אין דער פאָרם אָדער אַן אַנדערער — אור־אַלטע איבערלעבענישען שטעהען הינטער דעם סימבאָל. און ער שטאַרבט ניט.

אַש אויפ'ן קאָפּ. דאַכט זיך, אידען זיינען דאָס איינציגע קולטור־פאָלק, וואָס געדענקט נאָך דעם מנהג. און דער אַש־סימ־באָל איז אַזוי טיף כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלצדינג, וואָס אידען טוען. עס איז, איך וואָלט פּשוט געזאָגט, דער אידישער מהות.

דער באַרימטער רוסיש־אידישער שרייבער גערשענזאָן האָט אַמאָל אָנגעשריבען אַ מערקווירדיג קליין ביכעלע, וואו ער האָט זיך געפּרואווט אַרויסשטעלען דעם עצם פון פּושקינ'ס פּאָעזיע, און ער האָט איהם געפונען אין דעם וואָרט „פלאָם". פלאַם, פייער, אַש — דאָס איז די קאָסמישע באַציהונג פון דעם פּאָעט, דאָס איז די רעליגיע פון דעם רעפּרעזענטאַטיווסטען — ווי גער־שענזאָן האָט געמיינט — דיכטער און דענקער פון רוסלאַנד און אפשר פון דער גאַנצער מאָדערנער צייט.

און יעדער געפינט וואָס ער זוכט. און יעדער הערט אַרויס פון דעם אַנדערען בלויז דעם אָפּקלאַנג פון זיין אייגענעם קול.

גערשענזאָן — דער מערקווירדיגער איד מיט דער פלאַמענ־דיגער נשמה, האָט געזוכט און געפונען פלאַם, פייער, ביי דעם פּאָעט, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט. און געזוכט האָט ער איהם, אָט דעם פייער־סימבאָל, ווייל עס איז דער גרונט־עלעמענט פון יעדען אידישען מענשען, ווען ער איז געטריי צו זיך, ווען ער איז פאַרוואָרצעלט.

און נאָך פייער — אַש. און ווידער צוריק. ווי דער לעגענדאַ־רישער פויגעל פעניקס, וואָס ווערט פאַרברענט, מוז פאַרברענט

ווערען, כּדי ווידער יונג צו ווערען. דאָס אויך — ווי דער נאָמען באַוויזט — אַ מזרח־לעגענדע, אַ כּנען־סימבאָל, נאָהנט צו דער אידישער פּסיכיק און שליסעלדיג פאַר דער אידישער געשיכטע.

וואָס איז דען געשיכטע? פאַרשאָטענע דורות, אַן אומאויפ־הערליך מקבר־זיין. ניט מעהר. מענשען פאַרגראָבען, שטעדט פאַר־שאָטען מיט זאַמד, קולטורען צוגעדעקט מיט בערג פון שערבעלעך. און נאָך ווייטער צוריק — פאַרהיסטאָריש, אפשר פאַרמענשליך, קאָנטינענטען איינגעזונקען, צעריסענע ערד — פאַרפלייצט און פאַרגעסען.

און אין אַלע מדבריות, צווישען די זאַמדען פאַרשאָטענע שטעדט. עס טרעט דער פוס פון דעם לעבעדיגען אויף פאַרגעסענע קברים. זאַמד פאַרדעקט — און שלינגט איין. די פאַרשאָטענע שטעדט ווערען ניט ווידער לעבעדיג. און יעדע רעסטאַווראַציע איז בלויז — און העכסטענס — אַן אַרכעאָלאָגישע. דאָס פאַרלוי־רענע ווערט — אויב ווידער געפונען — אויסגעשטעלט אין אַ מוזיי.

איך ווייס ניט פאַרוואָס און ווי אַזוי דאָס איז געקומען. און אַלע געדאַנקען קאָנען ניט ערקלערען דעם סוד. אָבער אַ סוד איז פאַראַן — דער סוד פון דער אידישער געשיכטע, דער סוד פון פייער און אַש.

מען זוכט אין ארץ־ישראל. עס גראָבען לאָפּעטעס, און די ערד אַנטפּלעקט דאָס לאַנג פאַרגעסענע. און אָט האָט אַן אַמערי־קאַנישע עקספּעדיציע ווידער אַנטדעקט נייע שפּורען פון אַלט ארץ־ישראל. צען שטעדט, ביי תל־בית־מורזים, וואָס האָט אַמאָל געהייסען קרית־ספר, דרייצען מייל פון חברון.

צען שטעדט זיינען געפונען געוואָרען, איינע איבער דער אַנדערער. און צווישען יעדער — אַ מחיצה פון אַש, צען אַש־שיכטען אויפגעשטאַפּעלט — ביז עס איז געקומען צו קרית־ספר. און קרית־ספר איז אויך שוין ניטאָ, בלויז אַ נאָמען און אַ היסטאָ־רישער סימבאָל.

ווייט, ווייט צוריק אין די צייטען איז דאָס געווען — צייטען, ווען קיין אידען זיינען נאָך ניט געווען; צייטען, ווען פּאַלעסטינע האָט נאָך גאָר קיין נאָמען ניט געהאַט. אָבער דער פּראָצעס האָט שוין אָנגעהויבען — פאַרברענט ווערען און ווידער געבוירען ווערען, דער פעניקס־פּראָצעס.

געווען לענדער אַרום און אַרום, שטאַרקע, ווען פּאַלעסטינע איז נאָך געווען אַן אומבאַקאַנטער פּונקט אויף דער ערד. געווען אַ קעניגרייך פון די חתים, מיט אַן אייגענער קולטור, מיט מאַכט און פּרעטענזיעס. און געבליבען בלויז אַ פּאָר שטיי־נערנע חורבות ערגעץ־וואו אין אַן אַנאַטאָליע, ביי דעם דערפעל באָגאַזקעי. געווען די גרויסע מלוכה מיטאַנו, אין ארם־נהרים, און פאַרשוואונדען. פעלקער אויסגעשטאָרבען, מאָנומענטען צעבראָקעלט און צעפאַלען — און דער שטויב האָט אַלצדינג פאַרדעקט. אָבער אַרום חברון האָט איין שטאָדט אָפּגעבערענט און אויף איהר אַש איז אַן אַנדערע אויפגעשטאַנען. און די צווייטע פאַרדעקט מיט אַש — די דריטע איז געבוירען געוואָרען — צען שטעדט איינער נאָך דער צווייטער ביז קרית־ספר איז געבוירען געוואָרען. און קרית־ספר לעבט. ניט אין שטיין, ניט אין ציגעל — אָבער אין דער אידייע. און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע, ווייל אידייען שטאַרבען ניט.

***

אַש אויפ'ן קאָפּ. אַזוי די שטימנוג צווישען אידען, וואָס האָבען ערשט ניט לאַנג, ערשט מיט אַ יאָהר צוריק געזונגען שירה. כמאַרע אַרום און אַרום, אומעט, וואו דאָס אויג פאַלט. אַ פייער, אַ וואַלד־שריפה. זי פאַרשפּרייט זיך. עס ברענען אידישע הייזער אין רומעניע, עס פלאַקערט אויף שנאה אין אַלע ווינקלען פון דער ערד — און אַש פאַלט אויף די האָפענונגען, און אויף דער העכ־סטער און לעצטער האָפענונג — אויף פּאַלעסטינע — ליגט אַ גרויסע שיכט פון אַש. און עס דאַכט זיך אָפּט, עס פרעגט זיך אין מינוט פון טרויער: צו וואָס דאָס ווייטערע קעמפען און האָפען? צו וואָס די אייביגע אילוזיע, וואָס פיהרט צו דער ביטערער אַנטוישונג?

און איך זעה, דאָ און דאָרט, אַן אָפּקילונג, אָדער גלייכגילטיג־קייט, וואָס איז נאָך ערגער פון אַנטוישונג. עס הויבט זיך אָן אויפ'סניי אַ קאַמף קעגען דער אידישער האָפענונג, אָדער דער אידישער אידייע, און אַלע אַלטע שלאָגווערטער ווערען לעבעדיג: „דער ציוניזם שלעפּט אַוועק די אידען אין געטאָ אַריין", „דער ציוניזם איז אַן אוטאָפּיע — און אַ שעדליכע דערצו". און אַנ־דערע האָבען חרטה. „געמיינט, געגלויבט, געהאָפט — און די ביטערע ערפאַרונג האָט אונז געלערענט צו זעהן דעם אמת". און

פון אַלע זייטען פרעדיגט מען דאָס געטהעשע וואָרט: „ענטזאַגען מוזט דו!" — מען מוז זיך אָפּזאָגען, מען מוז זיך אונטערוואַרפען אונטער דעם גזר־דין פון דער געשיכטע, פון דעם לעבען, ווייל דאָס לעבען זאָגט: אַש צו אַש, שטויב צו שטויב, און וואָס איז איינמאָל געשטאָרבען, קאָן קיינמאָל ניט ווידער אויפלעבען.

לאָגיש — אפשר, ראַציאָנאַל — זיכער. אָבער עס איז אויך געוועזן ניט לאָגיש און ניט ראַציאָנאַל אויפצובויען איין שטאָדט אויף דעם אַש פון דער פריהערדיגער, מיט אַזויפיל עקשנות. לאָגיש און ראַציאָנאַל איז דאָס בכלל געווען, אַז אידען זאָלען זיך אָפּזאָגען, תיכף ווי זיי האָבען פאַרלוירען דאָס ממשות'דיגע, דעם באָדען, די מאַכט, די אומאָפּהענגיגקייט. דעמאָלט פונקט אַזוי האָפּענונגסלאָז, ווי היינט, און אַזוי איראַציאָנאַל, ווי איצט. אָבער אידען האָבען זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען אונטער דער מאַכט פון דעם פאַקט. אויב וואו עס איז און ווען עס איז האָט דאָס באַרימטע העגעל'שע וואָרט: „אויב די פאַקטען שטימען ניט מיט דער טעאָריע, איז דאָס ערגער פאַר די פאַקטען" — אויב, זאָג איך, אָט דער פאַראַדאָקס האָט ווען עס איז געהאַט אַ ווערט, איז דאָס אין דער אידישער געשיכטע.

ניט בויגען זיך פאַר דעם פאַקט, נאָר צווינגען איהם. ניט אָפּשטעלען זיך פאַר דעם באַרג, נאָר „יקוב הדין את ההר" — זאָל דער דין, דער געדאַנק, די אידייע פאַרקערפּערט ווערען אין ווילען, און לעכערען דעם באַרג.

און דער באַרג איז שוואַכער פון דעם געדאַנק. און מיר זיינען באַלעבאַטים איבער איהם, ניט ער איבער אונז.

און אפשר איז דאָס דער לעצטער אינהאַלט און דער טיפער היסטאָרישער זין פון דער גאַנצער ציוניסטישער אידעע: דער קאַמף פון דעם דין מיט דעם באַרג, פון דער אידייע קעגען דער ווירקליכקייט, פון דער שעפערישער אוטאָפּיע קעגען דעם עקר־דיגען ראַציאָנאַליזם.

אַש אויף אַש — צען שדרות, ביז קרית־ספר. און אפשר ווידער אַש אויף אַש, און נאָך אַמאָל צען שיכטען — ביז צו דער נייער קרית־ספר, דער שטאָדט פון בוך, פון גייסט, פון דער לעבע־דיגער אידייע. דער פויגעל פעניקס איז אונטערוואָרפען אונטער זיין געזעץ. ער מוז איהם פאָלגען.

אויגוסט 9, 1930.

דער עקיבא־שמייכעל

אַן אַלטער, איינער פון די ווייניגע עקזעמפּלאַרען דאָ אין לאַנד, וואָס האָבען נאָך די סימנים פון אַלטקייט — אַ שעהנע ווייסע באָרד, דעם גאַנג און דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַ זקן — שטעלט מיך אָפּ אין מיטען גאַס. זיינע אויגען שמייכלען, אויף זיין פאַרקנייטשטען פּנים אַ שמייכעל: „איהר זעהט, דער טאָג איז געקומען — דער טאָג, וואָס מיר האָבען געהאָפט צו זעהן. און איהר האָט גאָר געוואָלט זיך אָוועקזעצען און זאָגען קינות!"

איך זעה דעם אידען צום ערשטען מאָל, אָבער איך דאַרף גאָר ניט פרעגען, וואָס ער מיינט. פון וואָס פאַר אַ טאָג ער רעדט עס. איך פאַרשטעה: ער מיינט דעם טאָג אין ציריך, ווען עס האָט איינס געשלאָגען אויף דעם אידישען זייגער — דעם טאָג, ווען די אַגענטור האָט געהאַט איהר ערשטע און יום־טוב'דיגע אסיפה.

איך פרעג דעם אַלטען ניט, וואָס ער מיינט: איך פרעג איהם בלויז פון וואַנען ער איז. און ער דערצעהלט מיר: ער איז פון פּראָסקוראָוו, אַן אַנטלאָפענער, אַן אַנטרונענער פון דעם מעסער, איינער פון די ווייניגע, וואָס זיינען ניצול געוואָרען.

גענוג. מעהר דאַרף איך גאָר ניט וויסען. אַלצדינג ווערט קלאָר. אויך די שמחה און דער שמייכעל. און איך ווייס — עס איז אפשר דער איינציגער טאָג אין זיין לעבען, ווען ער דער־פיהלט זיך ניט מעהר עלענט און פאַרוואָגעלט: דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך יאָהרען, ווען ער קאָן ווידער אַמאָל שמייכלען.

פון דער וויטענס דערגעהט צו איהם, צום אַלטען, גרויען אידען פון פּראָסקוראָוו, דאָס שעהנע, דאָס קלינגענדיגע וואָרט פון דעם דייטשען פאַרטרעטער אין דער אַגענטור, דירעקטאָר אָסקאַר וואַסערמאַן: „מיר האָבען שוין ישראל, אויב אפילו מיר האָבען נאָך ניט קיין ארץ־ישראל".

און דאָס אַליין איז שוין אויך אַ מדרגה און אַ דערגרייכונג. שוין דאָס אַליין גענוג, ווען לעאָן בלום, דער סאָציאַליסטישער

פירער פון פראַנקרייך, און דער דייטשער פינאַנץ־מאַגנאַט וואַ־סערמאַן פון בערלין, שמייכלען דעם אייגענעם שמייכעל, ווי דער איד פון פראַסקוראַוו, וואָס לעבט־אָפּ זיינע אַלטע טעג ביי זיינע אַמעריקאַנישע „אָלראַיט'נישע" קינדער — דעם אַלטען שמייכעל, וואָס עקיבא בן יוסף האָט געשמייכעלט. און דער אַלטער איד דערמאָנט מיר די גרייז־גרויע מעשה וועגען ר' עקיבא.

געגאַנגען אַמאָל — אַזוי דערצעהלט דער „מדרש איכה רבתי" — רבן גמליאל, ר' אלעזר בן עזריה, ר' יהושע און ר' עקיבא איבער די גאַסען פון רוים. די שטאָדט פון די הער־שער, די שטאָדט פון די שטאַרקע האָט געגלאַנצט אין איהר מאַכט, האָט געַרעש'ט און געזשומעט אין איהר רייכקייט. מען האָט גע־הערט דעם רעש אויף הונדערט און צוואַנציג מייל. די דריי תנאים האָבען געוויינט, אָבער ר' עקיבא האָט געשמייכעלט פון פרייד. פרעגען זיי איהם: „ר' עקיבא, מיר וויינען און דו שמייכעלסט: מיר וויינען אויף דעם, וואָס זיי איז אַזוי גוט, וואָס זיי לעבען אין אַזאַ רייכקייט, און ביי אונז איז אַ חורבן, גאָט'ס הויז פאַרברענט און די חיות פון דעם פעלד טומלען זיך דאָרט". ר' עקיבא ענט־פערט: „דערפאַר טאַקע מיין שמייכעל: אויב די וואָס דערצאָר־נען, אַזוי — וואָס וועט שוין זיין מיט די וואָס דערפילען זיין ווילען!" און ווידער זיינען די פיר געגאַנגען אינאיינעם. אין ירושלים אויף דעם הר־הבית. און זיי זעהען: אַ פוקס לויפט־אַרויס פון דעם אָרט, וואו דער קדשי־קדשים איז פריהער געשטאַ־נען. זיי וויינען — און ר' עקיבא שמייכעלט אויפ'סניי. „וואָס שמייכעלסטו שוין ווידער, עקיבא?" און ר' עקיבא ענטפערט: „צוויי נבואות זיינען פאַראַן: פון אוריה הכהן איינע — די נביאות פון חורבן, און די אַנדערע — פון זכריה בן ברכיהו: „עס וועלען נאָך זיצען זקנים און זקנות אין די גאַסען פון ירושלים און זיך אָנלעהנען אויף שטעקענס, זאַט מיט יאָהרען, און קינדער וועלען זיך נאָך שפּילען אויף די גאַסען פון ירושלים". איך האָב זיך געפרעהט וואָס עס איז מקוים געוואָרען די נביאות פון אוריה, ווייל דער סוף, וואָס זכריה האָט פאַראויסגעזאָגט, מוז אויך מקוים ווערען". און די חברים האָבען געענטפערט: „דו האָסט אונז געטרייסט, עקיבא".

און יעדעס מאָל, ווען איך זעה אידישע אויגען, זוך איך אין זיי דעם אַלטען, העראָאישען עקיבא־שמייכעל. גלאַנצט ער נאָך,

שטראַלט ער נאָך? לעבט נאָך די האָפענונג? ער האָט מיר אַזוי וואָרים אַנטקעגענגעגלאַנצט אויף דער גאַס פון ניו יאָרק, אַרויס־געשטראַלט פון די אַלטע אויגען, און איך האָב דעם אַלטען ניט געוואָלט פאַרשטערען זיין שמחה, אפילו ווען איך האָב ניט געקאָנט מיט דעם פולען האַרצען מיטפרעהען זיך און מיטגלויבען.

און פאַרוואָס אויך ניט? מיר געהען דאָך אייגענטליך אויף דעם אויסגעטראָטענעם היסטאָרישען וועג פון אַלע באַוועגונגען און אַלע חלומות. לכתחילה איז עס די יוגענט, וואָס טראָגט אַ פאָן. צוערשט דער ענטוזיאַזם פון דעם אָנהויב. דערנאָך אָפּקילונג און צעשיידונג. די גרויסע מאַסע ווערט מיד און בלייבט צוריק אויף דעם וועג. עס דערגעהען בלויז די געציילטע זקנים און די געקליבענע פון גייסט.

און דאָס איז אויך דער וועג פון דעם ציוניזם. אַ פאָלקס־באַוועגונג? איך זעה זי ניט. נאָך ניט, אָדער שוין ניט מעהר. דאָס פאָלק, ד. ה. די גרויסע מאַסע, איז מיד געוואָרען. צופיל פאַר איהם דער וועג און די הויך, צו־גרויס פאַר איהם די אָנשטרענגונג פון ווילען. פאָלק קאָן ניט קאָנצענטרירען זיין געדאַנק אויף איין ציל, און בפרט אויף אַ ציל, וואָס איז ווייט. צוביסלעכווייז אַן אָפּקילונג. און די באַוועגונג, וואָס האָט אין די פריהערדיגע יאָהרען פאַרכאַפּט די גרויסע אידישע מאַסען אין דער גאַנצער וועלט, געוואָרען כמעט דער צענטער פון דעם גאַנצען פאָלקס־לעבען, איז ווידער אַמאָל געוואָרען אַ באַוועגונג פון אַ פּאָר געציילטע.

דאָס איז דער גורל פון יעדער גרויסאַרטיגער באַוועגונג, אפילו פון דעם סאָציאַליזם. אויך דאָרט ווערט די מאַסע גלייכ־גילטיג און אָפּגעקילט, בפרט ווען זי דערגרייכט אויפ׳ן וועג קליינע רעזולטאַטען. זי איז צופרידען און וויל ניט מעהר. און ווען ניט די אינטעליגענץ, ווען ניט דער ווילען צום גלויבען פון די געציילטע, וואָלט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שוין פון לאַנג פאַרלוירען איהר וויטאַליטעט.

און בפרט אין אַזאַ באַוועגונג, ווי די ציוניסטישע, וואָס האָט אין זיך אַזויפיל מאָטיוען — דעם סאָציאַלען און דעם רעליגיעזען, דעם מאָטיוו פון דער אַלטער ליבע און דעם פון נייע הימלען, דעם מאָטיוו פון פאָלקס־אויסלייזונג און וועלט־דערלייזונג.

וואָס פאַר אַ וואונדער, וואָס דער גרויסער רוב איז מיד געוואָרען? צופיל פאַר איהם, צו־שווער איז די משא פון האָפענונג, צו־גרויסאַרטיג.

מען וויזט באַנטשע׳ן, באַנטשע שוויג, די דימענטענע פאַר־לאַצען פון יענער וועלט. און ער וואונדערט זיך, שרעקט זיך: דאָס אַלץ פאַר מיר? ער האָט מורא. פאַר איהם איז גענוג אַ פרישע בולקע מיט פוטער. העכער געהען זיינע השגות ניט.

שווער איז געווען זיך אָפּצוזאָגען פון דער אילוזיע, אַז דער ציוניזם איז ניט מעהר קיין פאָלקס־באַוועגונג. שווער אפילו פאַר די, וואָס האָבען שוין לאַנג געפיהלט און געוואוסט, אַז עס איז ניט מעהר ווי אַן אילוזיע. און ניט דערפאַר, וואָס דער גלויבען אין פאָלק איז געווען אַזוי שטאַרק. עס איז פשוט געווען דער אַלטער אידישער אַבערגלויבען — אָדער אויב מען וויל, דער אַלט־אידישער שטאָלץ — אַז יעדער איד איז אין זיין עצם אַ „בן־מלך”.

איך האָב אַמאָל געהערט אַ אידיש ליד — איך ווייס ניט פון ועמען — אַ ליד, וואָס איז אַזוי צוגעפּאַסט, אַזוי כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער גאַנצער אידישער שטימונג.

זיצט אַ קרעמער זיך אין זיין קראָם. זיצט און וואַרט אויף אַ קונה, דער הונדערטסטער קרעמער פון גאַס.

„און ער טראַכט:

אַ אידישע מלוכה, רבותי,

ווי מען קאָן דאָס גאָר פאַרשטעהן?

אַ מלוכה פון לויטער גאונים,

אַ מלוכה פון מלכים אַליין?”

אָבער דער מלכים־חלום געדויערט ניט לאַנג. ערגעץ אין געסעל באַווייזט זיך אַ קונה — ווי אַן אַרבעס די גרויס — ער וויל פאַר אַ קאָפּיקע הערינג און שלאָגט פון דעם ענין אַרויס.

די מלוכה און דער גאונים־ענין האָט זיך פאַרענדיגט מיט אַ הערינג און אַ קונה און דער שנאה און קנאה צו דעם קרעמער, דעם הונדערטסטען קרעמער אין גאַס.

אָבער אויב ניט מיט דעם רוב, מיט דער מאַסע, מיט וועמען? ווער בלייבט, ווער טראַכט ווייטער פון דעם „ענין”!

דער קרעמער קאָן ניט, און ניט דער אַרבייטער. די אידישע גאַס שמעקט נאָך הערינג.

און דאָס האָט מען געמוזט אין זיך אויסקעמפען. מען האָט זיך געמוזט באפרייען פון אָן אילוזיע כדי צו אַקצעפּטירען די אמת׳עווירקליכקייט. מען מוז צוריקגעהן צו דער טעריטאָריע פון דער מינאָריטעט, פון די אויסגעקליבענע און ווייניגע. און מען דאַרף זיך ניט נאַרען. די וואָס האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין ציריך — סיי די ציוניסטען, סיי די „ניט-ציוניסטען" — רעפּרעזענטירען ניט די אידישע מאַסען. אָסקאַר וואַסערמאַן און אַלבערט איינ־שטיין זיינען פּונקט אַזוי די פאַרטרעטער פון די „דייטשע אידען", ווי קורט בלומענפעלד אָדער ליכטהיימער, ד. ה.ביידע רעפּרעזענ־טירען אַ קליינע מינדערהייט, בלויז יעדער אין זיין קרייז: די מינדערהייט פון די אידיש-אינטעלעקטועלען. און אפילו די אַמע־ריקאַנער „ניט-ציוניסטען" זיינען ניט קיין רעפּרעזענטאַנטען פון דער גרויסער אידישער מאַסע. ניט שיפּלאַקאָוו פאַרטרעט די אַר־בייטער און ניט מאַרשאַל דעם אידישען געלט-קלאַס. אויך זיי זיינען מעהר פּערזענליך ווי מאַנדאַטאַריש. קיינער פאַרטרעט קיינעם ניט אין ציריך. יעדער בלויז זיך אַליין — און אַלע אינאיינעם דעם קליינעם קרייז פון אינטעליגענץ — און, ווי עס ווייזט אויס, דעם איינציגען קרייז וואָס האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנט־וואָרטליכקייט פאַר דער פאַרגאַנגענהייט, די גאַראַנטיע פאַר דער צוקונפט.

און דאָס דאַרף מען פאַרשטעהן — פון ביידע צדדים — כדי עס זאָל שפּעטער ניט זיין קיין מיספאַרשטענדעניש, ווי עס איז געוועזען ביז אַהער. דער בונד פון די בעסטע, די בעסטע פון דעם פאָלק — דאָס דאַרף אייגענטליך ווערען דער זין פון דער אַגענטור. דער בונד פון די וואָס ווילען די מלוכה פון גאונים, די מלוכה פון מלכים אַליין.

די ציוניסטען האָבען — פון נויט און דחקות — ארונטער־געלאָזט דעם מקח. זיי זיינען שיער-שיער שוין ניט דערגאַנגען צו דעם „הערינגיזם". און דערפאַר האָבען זיי געמוזט אָנקומען צו דער אַגענטור, אָפּזאָגען זיך פון דער העגעמאָניע אויף דער אידישער גאַס, פון זייער היסטאָריש-פיהרענדיגער ראָלע. זיי האָבען געמוזט באַפרייען זיך פון דער פאָלקס-באוועגונג-אידייע כדי צו ראַטעווען דעם ציוניזם פון גייסטיגען אונטערגאַנג.

וואָרים דאָס וואָלט געווען דער לעצטער חורבן. דער שווערס־טער, דער חורבן פון אַן אידייע.

פּיקסלעך אין דעם קדשי־קדשים זיינען ניט געפעהרליך, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָר פאַראַן דער שמייכעל פון ר׳ עקיבא. און אויך זיין ווילען זיך מקריב צו זיין.

און אַרום דעם דאָזיגען שמייכעל שפּינט זיך די אידישע געשיכטע. אַמאָל און היינט.

אויגוסט 15, 1929.

דער גלגול פון אַ שקל

אין דעם באַרימטען מינצען־קאַבינעט אין דעם היסטאָרישען מוזיי פון ק... — אין פאַריז — איז געווען אַ גרויסע אויפרעגונג. אַ גאַנצען טאָג זיינען געגאַנגען און געקומען אַלערליי מענשען, פּראָפעסאָרען מיט גרויע בערד און שיינענדיגע פּליכען, קינסטלער און גלאַט נייגעריגע. און צווישען די נייגעריגע די מייסטע אידען. רוסישע אידען, פראַנצויזישע אידען, אפילו אַמעריקאַנער אידען. און אַלע האָבען זיך געשטופּט צו אַ טיש, וואו אין אַ גלעזערנעם קעסטעלע זיינען געלעגען אַ פּאָר נייע מינצען. פרישע, גלאַנצענדיג נייע. יונג און ריין, ווי ניי־געבוירענע, קיין פּגימה, קיין פלעק. עטליכע מינצען פון פאַרשיידענער גרויס און פון פאַרשיידענער פאַרב. אויף איין זייט העברעאיש, אויף דער צווייטער אַראַביש. אָבער די אַראַבּישע זייט האָט מען ניט געקאָנט זעהן, ווייל דאָס פּנים פון די מינצען, וואָס איז צוגעווענדעט געווען צום פּובליקום, איז געווען העברעאיש. „רעספּעקט פאַר דער עלטער" — האָט ערקלערט דער דירעקטאָר פון דעם מוזיי, אַן אַלטער מאַן מיט טיפליגענדע, ברענענדיגע אויגען, אויגען פון אַ טרוימער.

דער עולם איז געשטאַנען און געגאַפט. דער דירעקטאָר האָט פאַרטייטשט פאַר די פאַרזאַמעלטע די ווערטער, וואָס זיינען גע־ווען איינגעגראָבען אויף די מינצען, ערקלערט זייערע היסטאָרישע צוזאַמענהאַנגען און פאַרבינדונגען און די געשיכטע פון זייער אַנט־שטעהונג. און ער האָט דערצעהלט אַ וואונדערליכע געשיכטע פון טויזענטער יאָהרען, דערצעהלט פון דעם שקל, פון דעם אַלט פּערזישען אדרכמון, פון דער סירישער פּרוטה, פון דעם רוימישען דינאַר, וואָס זיינען אַלע אויף אַמאָל אויפגעשטאַנען תחית־המתים. אַ לאַנגע שטרעקע, אַ ווייטער וועג. און ער האָט אויסגעמאָלט מיט ברייטע זשעסטען און כמעט פּאָעטישע ווערטער דעם מערק־ווירדיגען גורל פון די מינצען, דעם גורל פון אַ פאָלק.

נאָך דער פאַרלעזונג פון דעם פּראָפעסאָר איז זיך דער עולם צעגאַנגען. די טירען פון דעם מוזיי זיינען געשלאָסען געוואָרען — עס איז געוואָרען שטיל — בלויז דער פּראָפעסאָר איז דאָרט

נאָך געבליבען איינער אַליין — אין דעם שטילען, אָפּגעזונדערטען גרויסען זאַל, אַזוי איינזאַם ווי עס קאָן זיין בלויז קונסט, ווי עס קאָן זיין בלויז גייסט.

ער איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו דעם גלעזערנעם קעסטעלע מיט די יונגע מינצען — באַטראַכט זיי מיט ליבע, מיט פאַרוואונדערונג — און דערנאָך אויפגעהויבען דאָס קעסטעלע פּאַוואָליע, מיט אַזאַ איידעלער צוריהרונג, ווי פון אַ מוטער צו אַ ניי־געבוירענעם קינד, און האָט אַריבערגעטראָגען דאָס קעסטעלע אין אַן אַנדער ווינקעל פון דעם זאַל, צו אַן אַנדער טיש, וואו אויך אונטער אַ שווערען גלאָז זיינען געלעגען מינצען — אַלטע, פאַרשימעלטע, פון עלטער גריך־געוואָרענע, אומגעלומפּערטע, האַלב צעהאַקטע, מיט קוים פאַרשטענדליכע צייכענס און אותיות. ער האָט אויפגעעפענט דעם גלעזערנעם קאַסטען און אַריינגעלייגט די פּאָר נייע מינצען — אויף סאַמעטענע קישעלעך.

צוגעשלאָסען ווידער דעם קאַסטען און ווייטער געקוקט, געקוקט, ווי עס האָבען זיך פלוצלינג באַגעגענט דורות, אַלט און ניי — גרייז־גרוי און גריך־יונג.

איז דאָס געווען די שטילקייט, איז דאָס געווען זיין אייגענע נערוועזע אָנשטרענגונג, אָבער דער פּראָפעסאָר האָט באַלד אָנגעהויבען הערען מערקווירדיגע קלאַנגען ווי פון מעטאַל ווען עס ווערט שוואַך אָנגעריהרט. אַ קלאַנג — אָבער קוים וואָס מען הערט איהם. מעהר אַ ריטמישע דערציטערונג ווי אַ פולער קלאַנג.

און דער קלאַנג איז געוואַקסען, געוואָרען אומרוהיג. „נייע געסט”? — האָט זיך אָנגערופען אַן אַלטע, כמעט פאַרמלאָזע מינץ. „ווער זיינען זיי — ווידער אויסגעגראָבען פון ערגעץ אונטער אַ באַרג, פון אַ הייל, צווישען ציגעל און טשערעפּקעס? פון וואַנען קומט איהר און ווער זיינט איהר?” „פון ירושלים” — האָט געענטפערט אַ קינדערשע גלעקעל־שטים.

„פון ירושלים? לאַנדסלייט? מן־הסתם פון דער עיר־דוד? וואו האָט מען אייך געפונען?”

„געפונען?” — האָט ווידער געענטפערט דאָס יונג קול'כעל, און האָט זיך צעלאַכט — און אַנדערע יונגע שטימעלעך האָבען מיטגעלאַכט — „געפונען? — קיינער האָט אונז ניט געפונען. מען האָט אונז נאָר־וואָס געשאַפען. מיר קומען נאָר־וואָס פון דעם

גליהענדען אויווען, וואו מען האָט אונז איבערגעשמאַלצען, און פון אונטער דעם האַמער, וואו מען האָט אונז אויסגעקאָוועט".

„נאַר־וואָס" — האָט שוין כמעט בייז געענטפערט די פּאַר־זשאַווערטע שטים — „וואָס הייסט נאַר־וואָס? ווי קומט קיין ירושלים אַ נאַר־וואָס? איך ווייס ניט ווער איהר זיינט, אָבער איהר ווייזט מיר אויס נאָך ווי גאָר קינדער — און פון זינט איך געדענק — זיינען אין ירושלים שוין געווען בלויז זיידעס. ווער זיינט איהר אייגענטליך?"

און די אייגענע שטימעלעך האָבען זיך מונטער צעזונגען: „איך בין דער שקל", „און איך אַ מחצית־השקל", „און איך אַן אדרכמון", „און איך אַ דינאַר", „און איך — אַ פּרוטה".

עס איז געוואָרען אויף אַ מינוט שטיל אין קאַסטען. אַ שווערע שטילקייט פון באַהאַלטענע קרעכצען, אַ שטילקייט פון דערמאַ־נען זיך.

„אַזוי, אַזוי" — האָט די גרייז־גרויע שטים ווידער אַ סקריפּ געטאָן — אַ שקל ביזטו — און אַן אדרכמון — און אַ פּרוטה — און אַזוי יונג — און נאַר־וואָס? גוט, קינדער, וועל איך אייך אויך זאָגען, ווער איך בין, ווער מיר זיינען. איך בין אויך אַ שקל — און די וואָס ליגען לעבען מיר זיינען אויך אַן אדרכמון, פּרוטות און דינאַרען. איך — דער זיידע, און זיי די קינדער, די אייניקלעך — אַן איהר — איהר, הייסט עס, זיינט מיינע אור־אור־אייניקלעך. איך זעה אייך ניט גוט. שוואַך איז געוואָרען מיין ראיה. צו־לאַנג געלעגען אין דער פינסטערניש, צו־לאַנג געשוויגען — און מיינע רייד זיינען אַזוי שטומפּיג. זעהט איהר מיך, קינדער מיינע, הערט איהר מיך?"

„יאָ, יאָ, זיידע, מיר זעהען, מיר הערען! דערצייל אונז, זיידע, דערצייל, פאַרוואָס דו ביזט אַזוי אַלט, אַזוי צעבראָכען, דערצייל וואָס איז געוועזן מיט דיר, און פאַרוואָס שוויגען די אַנ־דערע אַזוי אומעטיג".

„אַלט, צעבראָכען — יאָ, יאָהרען, יאָהרען! ווייסט איהר דען וואָס איך האָב דורכגעלעבט? ווייסט איהר דען וואָס פאַר שווערע צייטען איך האָב איבערגעלעבט. איך געדענק — איך דערמאָן זיך — ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס איז שוין? איך געדענק ווי מען האָט מיך צום ערשטען מאָל צעבראָכען. אָט זעהט איהר, קינדער — אַלט בין איך אָהן אַ שיער און איך געדענק שוין

כמעט ניט מיינע יאָהרען, ווי דורך אַ שאָטען זעה איך זיי. ערגעץ אין אַ זוניג לאַנד — אויף דעם ברעג פון אַ טייך מיט וויינענדיגע ווערבעס באַשאָטען, — און דאָרטען מענשען מיט געקרייזעלטע לאַנגע בערד, געפלאָכטען ווי צעפּלעך, הויכע היטלען אויפ'ן קאָפּ. אַרום זיי אַ גאַנצע מחנה מענשען, מיט שטומפּיגע נעז און הויכע באַקענביינער, ווי טאָטערען, געל־פאַרביגע און מיט קיילעכדיגע היטעלעך אויפ'ן קאָפּ — און אַנדערע, הויכע, דיקע, מיט שוואַרצע האָר און געפלאָכטענע בערד. מען האָט גערעדט אין אַלע שפּראַכען — געקויפט און פאַרקויפט: געלען שמעקענדיגען זאַפרען, פּערל און זייד, בשמים און עלפענטביין. פרעמדע מענשען האָבען זיך געוויזען די סחורות, און די ווייבער און די מענער פון בבל האָבען זיך געדונגען מיט זיי. מען האָט געהאַלטען שטיקער זילבער אין דער האַנט און זיי געוואויגען און געמאָסטען. אָפּגעמאָסטען אַ שטיקעל זילבער, אָפּגעוואויגען און דערנאָך אַוועקגעלייגט אונטער אַ האַק און אָפּגעהאַקט. און אויף דעם אָפּגעהאַקטען שטיקעל זילבער אויסגעקריצט מיט אַן אַנגעגליהטער נאָדעל דריי אותיות: שקל. ווי וועה האָט עס מיר דעמאָלט געטאָן! ווי שמערצליך איז געווען די ערשטע צייט — פון מיין לעבען! פון איין האַנט צו דער אַנדערער. פון בבל קיין אשור, קיין כנען, ביי יעדען שבט בין איך אויסגעווען, אַלע געטער האָב איך געדינט, זון און לבנה און שטערען — און דעם גאָט בל און דעם גאָט דגון, און מולך און עשתרות — געטער און מלכים, אַלע זיינען געווען אויסגעקריצט און אויסגעברענט אין מיר. ביז איך בין אַריינגעפאַלען אין די הענט פון אברהם, דעם אַלטען אברהם, דער זוהן פון תרח פון אור־כשדים. און ווען אברהם האָט באַצאָלט פיר הונדערט שקל צו עפרון פאַר דער מערת־המכפלה, בין איך שיער ניט אריינגעפאַלען צווישען די פיר הונדערט. און בלויז מיין אויסזעהן — אַלט און פאַרמאַטערט בין איך שוין דעמאָלט געווען — האָט מיך געראַטעוועט פון די הענט פון דעם בן־חת. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט צו אברהמ'ען — ער איז געווען אַ גוטער און געניטער סוחר, דער עפרון פון צוהר — „גיב מיר אַ שקל עובר לסוחר — די סוחרים פון כנען וועלען אַזאַ שקל ניט וועלען נעמען". און איך בין פאַרבליבען ביי אברהמ'ען און ער האָט מיך באַפּוצט: אַ זקן און זקנה אויף איין זייט — אַ בחור און אַ מיידעל אויף דער צווייטער. און איך בין פאַרבליבען אין

דער ירושה פון דור צו דור, פון זוהן צו זוהן. צונויפגעוואַקסען, צונויפגעבונדען, איינגעזאַפּט אין זייער לעבען. און ווען דוד איז געקומען, דוד דער זינגער, דוד דער מלך, און האָט מיך אַרויסגע־נומען פון דעם קאַסטען — און מיך געהייסען איבערשמעלצען, און געלאָזט אויסקריצען אויף מיר „ירושלים הקדושה" פון איין זייט און „מלך דוד" פון דער צווייטער, באַפּוצען מיך מיט אַ טורעם און מיט אַ פּאַלמען־צווייג — האָב איך זיך געפיהלט גליקליך.

„ווידער יונג, ווידער ניי, און פאַרגעסען כמעט אינגאַנצען וועגען מיינע אַלטע צרות, וועגען מולך און דגון און בבל און כנען. ווידער אַוועק אַ צייט — ווידער בבל. שיער־שיער ניט ווידער געוואָרען אַ בבל־מינץ, מיט אַ נייעם נאָמען און מיט נבוכדנאצר'ס פּנים אויף מיין רוקען. אָבער מיינע בעלי־בתים זיינען געוואָרען קליגער. זיי האָבען מיך געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ — און מיר ניט אַרויסגעגעבען. און מיט זיי בין איך ווידער צוריקגעקומען אַהיים. אַלט און מיד ביז טויט בין איך געוואָרען. מיד ווי דאָס גאַנצע פאָלק. נייע מינצען זיינען אַרויפגעקומען. דער דאַריק, די מינץ פון דעם פּערזישען דריוש — אַן אדרכמון האָבען מיר אַלטע, איינגעזעסענע, איהם אַ נאָמען געגעבען — האָט זיך אַזוי צעשפּרייט צווישען אונז, די גריכען האָבען אָנגעהויבען צו פאַר־פלייצען אונז מיט זייערע דראכמען און מינען און טאַלאַנטען — און אַן מיר האָט מען שוין כמעט פאַרגעסען. עס איז געווען אַ צייט, ווען די יאַזאָנס און די אריסטובולס און די איבעריגע האַלב־גריכען האָבען מיך גאַר אינגאַנצען געוואָלט פאַרניכטען, אָפּווישען מיין נאָמען, צעשטערען מיין גאַנצען יחוס. אָבער עס איז באַלד געקומען אַ ישועה. און ווידער האָט מען מיך אַרויסגענומען פון מיין באהעלטעניש — און איבערגעשמאָלצען, און אויף מיין רוקען איז געווען אַ ניי בילד — אַ קריגעלע מיט מן — דאָס קריגעלע פון דעם אַרימאַן — און מיין פּנים איז געווען פאַרפּוצט מיט אַ שעהן בענדעלע : „יונתן המלך".

„ביז ווייטער — און ווייטער — ווי שווער איז זיך צו דער־מאָנען אַן דער פּיין און דעם וועהטאָג — ביז איין שעהנעם טאָג איז געקומען אַ רוימער מיט אַ שאַרפער שווערד — און אויפ־געבראָכען דעם קאַסטען, און אַרויסגעריסען מיך פון מיין רוה — און אַריינגעוואָרפען מיך אין אַן אויוון, צעבראָכען אויף שטיקלעך

און ווידער אויפ׳סניי צעשמאָלצען און אויסגעבערענט אויף מיר אַ שאַנד־פלעק. מיט האַרטע פיר־עקיגע רוימישע בוכשטאַבען האָט ער איינגעגראָבען: „יודעאַ דעוויקטאַ״ — יהודה איז באַזיגט. און אין מיטען אַ גרויזאַם האַרט פּנים — די צורה פון דעם אימ־פּעראַטאָר וועספּאַסיאַן.

„מיט אַלע פאַרטריבענע און פאַרוואָגעלטע בין איך פאַר־טריבען געוואָרען קיין רוים. איך און אַלע מיינע חברים, דער אדרכמון, די פּרוטה, אַלע, אַלע האָט רוים צוגענומען, און צעשיט אונז איבער אַלע ים׳ען, און געוויזען אונז פאַר דער גאַנצער וועלט — מיט שטאָלץ און מיט פאַראַכטונג.

„פון האַנט צו האַנט בין איך געגאַנגען, פון איירא̈פּע קיין אַפריקע און צוריק קיין אַזיע, — נאָר קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט קיין ארץ־ישראל.

„און אַט בין איך דאָ שוין אַ סך יאָהר. פריהער האָב איך בכלל ניט געוואוסט וואָס עס איז געוואָרען מיט די וואָס זיינען מיר געווען אַזוי נאָהנט און טייער. איך בין געלעגען ערגעץ אין אַ וויטען, וויטען קבר אין אַ קאַלט לאַנד, אונטער אייז און שניי, און האָב געבענקט נאָך אַביסעל זון און נאָך דעם קלאַנג פון מיין שפּראַך, נאָך די קאָלירען פון מיין היים. און די יאָהרען זיינען געגאַנגען. דער רעגען, די נעץ און די קעלט האָבען מיך כמעט איינגאַנצען צעשטערט. איך האָב בלויז איין טרייסט, איין האָפענונג, אַז איינמאָל וועט די פייכטקייט פון דער ערד אָפּווישען דעם אַל־טען שאַנד־פלעק — די אויפשריפט און דעם רוימישען פּנים — און מיך צוריקברענגען צו מיין אַלטער ערד — נאַקעט, ווי מען דאַרף שטאַרבען.

„אָבער מען האָט מיך געפונען, און אָפּגעוואַשען און אָפּגערייניגט — און ווידער זיינען אַרויס אויף דעם ליכט די ווערטער פון שאַנד: „יודעאַ דעוויקטאַ״ — „יהודה איז באַזיגט״. און אָהן האָפענונג און טרייסט בין איך געלעגען און געוואַרט.

„טראָגט איהר אויך, קינדערלעך, די אייגענע ווערטער אויף זיך? לעבט נאָך אַלץ רוים? איז נאָך יהודה אַלץ באַזיגט?״

און די יונגע מינצעלעך האָבען מיט אַ פרעהליך געלעכטער געענטפערט: „ביין, זיידע, רוים איז שוין לאַנג טויט — און יהודה איז ניט מעהר באַזיגט״.

„ניט מעהר ?" — האָט דער אַלטער ווידער אַ קרעכץ געטאָן.
— „ווי אָפט האָב איך שוין דאָס געהערט ! און ווי אָפט איז ווידער געקומען אַ נייער האַר, אַ נייער זיגער מיט זיין שמעלצטאָפּ !"
„מיר וועלען ניט לאָזען, זיידע, מיר ווילען ניט מעהר זיך לאָזען שמעלצען. אָדער ווי מיר זיינען, אָדער גאָרניט".
„הלואי" — האָט דער זקן אַ זיפץ געטאָן — „הלואי".
און עס איז ווידער שטיל געוואָרען אין דעם מינצען־קאַבינעט.
דער פראָפעסאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט — געריבען די אויגען. עס איז געווען פינסטער. בלויז אין דעם גלאָז־קאַסטען האָבען געבלישטשעט די נייע ירושלים'ער מטבעות. און דער אַלטער פראָפעסאָר האָט געשמייכעלט.

יאנואַר 31, 1925.

אידענטוס — דער פּראָבלעם פון זיין וועזען און צוקונפט

(איבערזעצט פון העברעאיש — י. י. שוואַרץ)

לעצטענס, האָט מען פיל גערעדט און געשריבען מכח דער אומשטערבליכקייט פון ראַסע און פאָלק. דער מענש, דער פרט, איז שטערבליך; אָבער דער כלל, דער צבור אין זיין גאַנצקייט, דאָס וואָס מיר באטיטלען מיט׳ן נאָמען פאָלק, וועט קיינמאָל נישט צעשטערט ווערען און קיינמאָל נישט פאַרשווינדען — ווייל ער איז אייביג. אין געגענזאַץ פון נביא׳ס ביטערער קינה: „פאַר־וואָר, גראָז איז דאָס פאָלק . . . טרוקען איז דאָס גראָז, די בלום פאַרוועלקט" — האָבען די נייע נביאים געפּריידיגט זייערע עיקרים, די תורה פון אומשטערבליכקייט. ביז אַ געוויסער מאָס איז די דאָזיגע תורה געוואָרען אַ גייסטיגע באפרייאונג, אַ תורה פון דער־לייזונג. מיר ווייסען, וואָס פאר באַהאַלטענע בייַנקשאַפטען די תורה פון השארות־הנפש, וואָס אַלע רעליגיעס האָבען געפּריידיגט, האָט געוועקט אין מענשליכע הערצער. דאָס לעבען האָט פּלוצים באקומען אַ ציל און אַן עקזיסטענץ־רעכט. די לאָגיק פון לעבען, דער המשך פון באַשאַף און זיין קיום, האָבען אויפגעהערט פון איצט אָן חרוב און איבערגעריסען צו ווערען פון גרויזאַמען טויט. מ׳האָט איהם לחלוטין מבטל געווען און איהם באטראַכט אַלס באַ־זיגטען. אָבער דאָס גריבלענדיגע דענקען האָט ביסלעכווייז אונטערגעגראָבען די פונדאַמענטען פון דעם דאָזיגען בנין. אייביגקייט? אומשטערבליכקייט? אמת, אפשר אַ קאָסמישע אומשטערבליכקייט אין די געזעצען פון דעם באַשאַף. אין דער עקאָנאָמיע פון אין־סוף׳יגען באַשאַף וועט געוויס נישט געהן לאיבוד דאָס קערענדעל ענערגיע וואָס טראָגט דעם נאָמען מענש אפילו נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטאָן זיין איצטיגען לבוש און באקומען אַן אַנדער לבוש. אָבער מענשליכע אומשטערבליכקייט, אינדיווידועלע אייביגקייט — איז דאָך אויסגעשלאָסען, ווייל וואָס קען מיר מיין אומשטערבליכקייט געבען, אויב איך וועל דערנאָך

מגולגל ווערען אין טויטע גראָזען, אויב איך וועל פאַרזעצען מיין קיום אַלס אַ פליהענדיג קערענדעל שטויב, פאַרלירענדיג מיין איצטיג פּנים? וועל איך דענסטמאָל לעבען? צי קען אַזוינס אַנגערופען ווערען לעבען, לויט אונזער איצטיגער השגה? ניין, אַזאַ מין אומשטערבליכקייט קען אפשר אינטערעסירען דעם פאַר־שער וואָס זוכט צו באַגרייפען די סודות פון דער וועלט, אָבער איך, דער איך וואָס לעבט היינט און שטאַרבט מאָרגען, געפין קיין ברעקעל טרייסט ניט אין מיין פּערזענליכען אונטערגאַנג, אין פאַרלוסט פון מיין היינטיגער צורה. וויל מיין אינדיווידועלע צורה איז דאָך דער עיקר פון מיין דאַ־זיין און מיין לעבענס־אינהאַלט. מיר ווייסען ניט דעם מהות פון אייביגקייט. דער רוח־אלהים איז דער מהות וואָס שוועבט איבער'ן תוהו־ובוהו פון לעבען. אייביגקייט איז דער יסוד פון גאַנצען לעבען, אָבער ניט דאָס לעבען גופא, וואָס הויבט זיך ערשט אָן, ווען פאָרם באַהערשט דעם חומר־ההיולי. אין אוצר וואָס געפינט זיך אונטער'ן כסא־הכבוד — אַזוי דערצעהלט אַ אידישע לעגענדע, אַ וואונדערליכע לעגענדע פון לעבען — געפינען זיך אָהן אַ שיעור נשמות, וואָס וואַרטען אויף זייער תיקון, און אַז ס'קומט דער ריכטיגער מאָמענט, קומט דער מלאך פון לעבען, נעהמט זיי ארויס פון דאַרטען, לאָזט זיי ארונטער אין עולם־התחתון און ברענגט זיי אריין אין גופים, מאַטעריעס פון פאַרשיידענע געשטאַלטען.

און אַזוי ווי דער געדאַנק פון אומשטערבליכקייט פונם פּרט פאַרשווינדט און ווערט בטל דורך זיין אוניווערסאַליטעט, דורך דעם וואָס די דאָזיגע אומשטערבליכקייט ווערט פאַרשלונגען פון די געזעצען פון אָהן־סוף'יגע ספירות פון אוניווערז־לעבען, — אַזוי קען אויך די אילוזיע פון ראַסע־און־פאָלק־אומשטערבליכקייט ניט האָבען קיין באַשטאַנד. דאָס פאָלק מוז לעבען אייביג! — אַזוי האַלט מען אונז אין איין פאַרזיכערען. און פאַרוואָס מוז עס לעבען אייביג? — וויל עס קען — איז דער ענטפער. די פּאָטענץ צו לעבען און דאָס לעבען גופא איז איינס און דאָס זעלבע, לויט זייער מיינונג. „עסע עט פּאָססע אידעם עסט" — האָבען גע'טענה'ט די סכאָלאַסטיקער. אָבער וואָס מיינט „פּאָטענץ צו לעבען?" יעדער אָרגאַניזם אויף דער וועלט לעבט כל־זמן ער קען, ד. ה. כל־זמן ער קען זיך צופּאַסען און קען זיך אַנטקעגען־

שטעלען דער שטענדיגער שטאַרקער געגנערשאַפט פון דער אויסער־ליכער וועלט, כל־זמן ער איז נאָך אַקטיוו־שעפעריש. ווען ס'קומט דער סוף צו זיין שעפערישקייט קומט אויך אַ סוף צו זיין לעבען. איך וויל דאָ נישט אריינגעהן אין סאָציאָלאָגישער וויסענשאַפט, צו זוכען גזירות־שוות פון פּרט אויפ'ן גאַנצען כלל. אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז דאָס געזעץ פון אייביגער באוועגליכקייט הערשט אין יעדען עקזיסטירענדיגען אָרגאַניזם, וועלכער ער זאָל ניט זיין. אין יעדען אָרגאַניזירטען גוף, אין יעדען פאָרמירטען קיבוץ הערשט דער דאָזיגער נאַטירליכער כח. דאָרט וואו ס'איז נישטאָ קיין שטענדיגע באַוועגונג, וואו ס'איז נישטאָ קיין נאָכאַנאַנדיגע ענטוויקלונג און באנייאונג, דאָרט וואו אַלצדינג געהט אַריבער אין אַבסאָלוטער רוה — דאָרט לאָזט זיך אויס דאָס לעבען. דער טויט — איז די שרעקליכע שטילקייט, דער אַבסאָלוטער גאָרנישט ארום אונז. אמת, מיר האָבען נאָך ביז היינט נישט געזעהן דעם ענדגילטיגען טויט פון אַ קולטורעל פאָלק. אַלע היסטאָרישע פעל־קער האָבען זיך אויפגעהאַלטען און נישט ארונטער פון דער לעבענס־ביהנע אַפילו נאָכדעם ווי זיי האָבען געביטען זייער אויס־זעהן — ווייל זיי האָבען אויפגעהיט זייער אינערליכען קערן. און ווייל מיר האָבען נאָך נישט געזעהן דעם טויט פון גאַנצע פעלקער, דעריבער קענען מיר נישט זאָגען, אַז אַ פאָלק קען אינגאַנצען אָפּשטאַרבען און בטל ווערען. מיינונגען, אידייען, געדאַנקען ווע־רען פאַרוועלקט, ווי אַ בלאַט, נאָכדעם ווי די פּרוכט איז צייטיג געוואָרען, ווען זיי האָבען אָפּגעדינט זייער צוועק. און נייע אידייען, נייע געדאַנקען ווערען געבוירען, לעבען, בליהען, קעמפען פאַר זייער קיום און וועלקען און שטאַרבען אָפּ צום סוף. דורכ'ן פאַרלויף פון דער צייט ענדערען זיי אויך דעם כאַראַקטער פון די פעלקער, די טרעגער פון די דאָזיגע אידייען. ביסלעכוויז, פּאַמעלעך — נישט באמערקענדיג און זיך נישט ריכטענדיג — און מיר שטעהען פאַר אַ סיום פון עפּעס אַן ענטוויקלונג, פון עפּעס אַן עפּאָכע, און ס'שטעהט אויף אַ נייער דור, אַ קינד פון אַ נייער וועלט און פון נייע אידייען. דאָס פאָלק האָט זיך דורך דער צייט געביטען און געוואָרען אַן אַנדער פאָלק. אָבער וואָס פּאַסירט אויב די אַלטע אידייע איז געשטאָרבען און אַ נייע אידייע מיט פרישע כחות קומט נישט צו פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דער

אַלטער? צי ווירקט דאָס ניט ווי אַ שוידערליך אומגליק, ווי אַ קרעבס־קראַנקהייט אויף די קינדער פון נייעם דור, וועמען ס'איז פאַרלוירען געגאַנגען זייער לעבענס־אינהאַלט, זייער נשמה־צענטער, זייער ציל אין לעבען און קוואַל פון זייער קיום? די אידייע — אין אַ כח, וואָס באַפרוכפּערט, „אידעע־פאָרסע", ווי פוליע זאָגט. די וועלט־אַנשויאונג איז די אייזערנע בריק וואָס פאַרבינדט די טרעגער פון דער אַנשויאונג און באהעפט זיי צום לעבען. די קריסטליכע וועלט־אַנשויאונג פון מיטעלאַלטער האָט געשטאַרקט און געשטיצט די וועלט־מלוכה פון קאַרל דעם גרויסען דערמיט וואָס זי האָט איהר געגעבען אַן עקזיסטענץ־רעכט. מענשען דאַרפען אייביג האָבען אַ זכות וואָס זאָל באַרעכטיגען זייער עקזיסטענץ. שותפות'דיגע צילען און אַ שותפות'דיגער אידעאַל זיינען אייביג אָט דער דאָזיגער זכות וואָס באַרעכטיגט זייער געגענווערטיגען קיום און זייערע שטרעבונגען אויף דער צוקונפט. ווען די אידייע, די וועלט־אַנשויאונג, הויבט אָן זיך וואַקלען, דענסטמאָל ווערט אויך איבערגעריסען דער אייזערנער באַנד וואָס האַלט פאַרבונדען און פאַרקניפּט די מענשען מיט'ן לעבען פון אַלע דורות און אַלע צייטען, און דאָס פאָלק ווערט צושאָטען און צופאַלען אין באַזונדערע טיילכלאך און רינגלאך. אַז דער בוים ווערט טרוקען — קומט זיין סוף. אין העברעאישען וואָרט „חרב" איז וואונדערליך אַנגעוואונקען דער טאָפּעלטער באדייט: טריקעניש און חורבן. און הערענדיג דעם ביטערען אויסרוף: „אַ פאָלק אַז ס'ווערט חרב!" (אחד־העם) דערוועקט זיך אין מיר דער טרויער געדאַנק: אַ פאָלק אַז ס'ווערט אויסגעטריקענט זיין לעבענס־קוואַל, צי קומט אויף איהם אויך אַ חורבן?

„אַ פאָלק אַז ס'ווערט חרב!" — דאַרפען מיר, אידען, מורא האָבען פאַר דער דאָזיגער סכנה? קענען מיר זיין זיכער אין אונזער אייביגקייט און פאַרטזעצען אונזער עקזיסטענץ אַלס פאָלק, ניט קוקענדיג אויף אַלע צרות וואָס באַנייען זיך תמיד איבער אונז? קענען מיר רוהיג אריינקוקען אין אונזער פאַרנעפּעלטער צוקונפט און זאָגען מיט בטחון און פולען גלויבען, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אייביג, פונקט ווי זיין תורה איז אייביג? — און דאָ איז אייגענטליך דער הויפּט־פונקט פון דער אַנטשיידענדער פראַגע: איז באמת די תורה אייביג? איז זי נאָך באמת דער לעבענס־

יסוד און קוואַל פון אידענטום? צי קען דאָס אידענטום אַלס אַ באזונדערע וועלט־אַנשויאונג האָבען אַן אייביגען קיום און צי איז עס מסוגל צו פראָגרעסירען אויך ווייטער? דאָס זיינען די דריקענדיגע פראַגען, וואָס לאָזען אונז נישט רוהען.

אידענטום און נאָך אַמאָל אידענטום! — וועט מען מיר זאָגען. פאַרוואָס מוזען מיר דאָס דוקא זיין די מענשען פון תורה און גייסט? זיינען מיר, אידען, ניט קיין מענשען ווי אַלע מענ־שען, ווי אַלע אַנדערע פעלקער אויף דער ערד? פאַרוואָס עפּעס מוזען מיר בלויז זוכען אַ בארעכטיגונג פאַר אונזער עקזיסטענץ? איז דער פאַקט פון אונזער עקזיסטענץ נישט קיין גענוגענדע באַרעכטיגונג? „סום ערגאָ סום" (איך בין דאָ, דעריבער בין איך דאָ)! צי דען פאַרשען און גריבלען זיך אַנדערע פעלקער אויך און זוכען אַ זכות פאַר זייער עקזיסטענץ? יעדער איינער וואָס זוכט אַ טעם און אַ באגרינדונג פאַר זיין קיום, איז אַ סימן, אַז דאָס לעבען גופא איז ביי איהם אין די אויגען אַ רעטעניש וואָס וואַרט אויף באשייד, אַ פראַגע וואָס וואַרט אויף אַן ענטפער. אָבער, איז אידישקייט פאַר אונז באמת „אַ פראַגע וואָס וואַרט אויף אַן ענטפער"?

כ'האָב מורא צו זאָגן, אַז אויף דער דאָזיגער פראַגע אויף וועלכער דער פרעגער ערוואַרט אַ נעגאַטיווען ענטפער, וועלען מיר גאָר געצוואונגען זיין צו ענטפערען פּאָזיטיוו. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אויף דעם מאַטעריעלען און פּאָליטישען לעבען פון אידישען פאָלק אין אונזער צייט ליגט אַ באזונדער און בא־שטימטער שטעמפעל, וואָס פון איין זייט זעהען זיך סימנים פון אַ אידישקייט וואָס באפרייט זיך און פּראָגרעסירט, און פון דער אַנדערער זייט אַ אידישקייט וואָס צופאַלט זיך און דעגענערירט — די גלויביגע אין קיום פון אידענטום שטרייכען, פאַרשטעהט זיך, תמיד אונטער די ערשטע סימנים, — מוז מען פונדעסטוועגען זאָגען דעם אמת: די פראַגע פון קיום־היהדות שטעהט אויף אַן אָרט און איז נאָך לחלוטין נישט פאַרענטפערט געוואָרען. די דאָזיגע פראגע פאָדערט אָבער פון אונז היינטיגען טאָג אַ באשייד אין אַ פיל גרעסערער מאָס ווי אין אַלע פריהערדיגע דורות. ווען דער פּראָבלעם פון מהות־היהדות האָט אויפגעלעבט מיט איניגע יאָהר צוריק אין אונזער אידישער וועלט, ווען עס האָט זיך אויפ־

געוועקט די פראַגע: וואָס איז אידישקייט? — האָבען זעהר ווייניג מענשען, בערך, פאַרשטאַנען דעם גרויסען ווערט פון דער דאָזיגער פראַגע, און ווייניגער פון אַלעמען האָבען עס פאַרשטאַנען די יעניגע צו וועמען און פאַר וועמען די פראַגע איז געשטעלט און געמיינט געוואָרען, די יעניגע וואָס קעמפען פאַר איהר מיט מסירת־נפש און קענען דעם קאַמף ניט דערפיהרען צו אַ שלוס. מעהרסטענטייל האָט מען זיך בכלל נישט געקענט פאַנאַנדער־קלייבען אין די פּראָבלעמען. איז דאָס ניט אַ מערקווירדיגע דער־שיינונג, אַז דוקא ווען דאָס אידענטום איז געווען שטאַרק און פעסט ווי אַ פעלז, שטאַרק אין זיינע יסודות און פעסט אין זיין זעלבסט־גלויבען, אַז דוקא דענסטמאָל זיינבען אויפגעשטאַנען מענשען וואָס האָבען זיך געמיהט זיינע זיילען נאָך מעהר צו פאַרשטאַרקען און פאַרפעסטיגען, וואָס האָבען געוואָלט די זיילען פון אידענטום פאַרוואַנדלען אין זיילען פון דער אייביגקייט? און איז דאָס ניט נאָך מעהר מערקווירדיג, אַז דוקא אין אונזערע טעג, אין טעג פון פולשטענדיגער ירידה פון אידענטום, ווען אַלץ ברעקעלט זיך און האַלט זיך אין צעשיטען, און די סכנה פון חורבן דראָהט דעם גאַנצען בנין — אַז דוקא איצט האָבען מיר נישט קיין קעמפער און קיין בויער, קיין מינדעסטען דראַנג צו בויען? דער קאַמף פאַר'ן אידישען נאַציאָנאַליזם, וואָס איז אויפגעקומען די לעצטע יאָהרען, איז ניט קיין פונדאַמענטאַלער און עיקר'דיגער אין זיין וועזען. פון איין זייט לייקענען דאָך אַפילו די אַסימילאַנטען נישט אָפּ די מעגליכקייט פון קיום־היהדות — פאַרקערט, זיי איבערשאַצען נאָך די לעבענס־קראַפט פון אידענטום. פון דער צווייטער זייט, באווייזען ניט די נאַציאָנאַליסטען, זייערע באַ־קעמפער, ווי אַזוי דאָס אידענטום וועט זיך קענען אויפהאַלטען און זיך ענטוויקלען אין אַ נייער לעבענס־אַטמאָספערע. ענטוויק־לונג — איז דער יסוד פון לעבען. אַלצדינג וואָס איז מעהר נישט מסוגל זיך צו ענטוויקלען — מוז אומקומען. וויסען מיר דאָך, אַז אַלטע דעמבעס וואָס לעבען אָפּ טויזענטער יאָהרען — מוזען סוף־כל־סוף פאַרדאַרט ווערען, און שטאַרבען אָפּ ווען זייער נאַטירליך וואַקסען שטעלט זיך אָפּ און זייערע לעבענס־זאַפטען ווערען טרוקען. נישט די נאַציאָנאַליסטען און נישט זייערע באַ־קעמפער האָבען אונז געגעבען אַ קלאָרען גענוגענדען ענטפער

אויף דער פראַגע: צי קען דאָס אידענטום זיך ענטוויקלען, איז עס עלול זיך צו ענטוויקלען, באַזיצט עס אַלע נויטיגע עלעמענטען פאַר אַזאַ ענטוויקלונג, און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער וועט אַזאַ ענטוויקלונג אָננעהמען? דער רמב״ם אין זיין צייט האָט פּרו־בירט די דאָזיגע האַרבע פראַגע פאַרענטפערן, ווען ער האָט געזוכט איינבערענגען פּראָגרעס און ענטוויקלונג אין אידענטום דורכדעם וואָס ער האָט עס געוואָלט ברייינגען אין הסכם און איינקלאַנג מיט די פילאָזאָפישע אידייען פון זיין צייט. דאָס איז געווען אַ געפעהרליכער שריט. די צופּאַסונג־שטרעבונגען פון פילאָן דעם אַלעקסאַנדריער האָבען אויסגעלעגט דעם וועג פאַר׳ן קריסטענטום. זוכענדיג צו פאַראייניגען תורת־משה מיט׳ן פּלאַ־טאָניזם האָט ער באַשאַפען אַ דריטע תורה, אַ נייע תורה. זיין פשרה־מאַכען האָט גורם געווען צו אַ פשרה־מאַכענדיגער תורה, צו דער לעהרע פון קריסטענטום. זיין „לאָגאָס״ איז געוואָרען אַ משיח. דער רמב״ם האָט אפשר דערשפּירט און באַנומען די געפאַהר וואָס שטעקט אין פאַראייניגען די ביבעל מיט דער אַריס־טאָטעלשער תורה, אין דעם פאַרלאַנג אָוועקצושטעלען דאָס פונ־דאַמענטאַלע אידענטום, דאָס דאָגמאַטישע, אויף די יסודות פון געלייטערטען שכל. ער זאָגט: „און גאָט ברוך הוא ווייסט, אַז כ׳האָב זעהר מורא געהאַט צו באַהעפטען די זאַכען וואָס איך האָב דעם רצון זיי צו באַהעפטען אין דעם דאָזיגען ספר, ווייל זיי זיינען פאַרבאָרגענע זאַכען, און קיינמאָל דורך דער לענג פון גלות איז נאָך אַזוינס נישט געטאָן געוואָרען, און ווי אַזוי זאָל דאָס האַרץ וואָגען מחדש צו זיין אַזאַ חידוש און מחבר זיין אַזאַ ספר״. (מורה נבוכים, פּתיחה). ווען ער האָט אָוועקגענומען פון אידענטום דאָס לעצטע רעשטעל פון זיין מיסטעריעז־רעליגיעזען כאַראַקטער און עס געמאַכט פאַר אַ ריין־פילאָזאָפישע לערע — האָט ער פון איהם אָוועקגענומען אַ גרויסען חלק פון זיין אינערליכען כח. פאַר דעם אידענטום איז דאָס מיסטעריעזע ווי די לאָקען אויף שמשון׳ס קאָפּ; אין מיסטעריעזען ליגט באַהאַלטען דער גרויסער כח, דער וואונדערליכער סוד.

אמונה איז נישט בלויז גאָט׳ס לערע, נאָר אויך דאָס תופס־זיין פון געטליכען סוד. דאָס האָט דערשפּירט און פאַרשטאַנען די אידישע טעאָלאָגיע פון פאַר׳ן גלות, בעת זי האָט געשאַפען

די „מעשה־מרכבה". דאָס האָבען דערשפירט אין טיפעניש פון זייער האַרץ אַלע אמת'ע אידישע גלוביגע. אבן־גבירול אין זיין רעליגיעזער פילאָזאָפיע האָט אָנגעטאַפּט דעם דופּק פון אידענטום מעהרער פון'ם רמב"ם, ווען ער האָט געזאָגט:

„ווער קען באגרייפען דיין וועזן, ווען דו האָסט העכער
פון ספער פון שכל
דעם כסא־הכבוד אויפגעהויבן,
און דאָרט איז די וואוינונג פון באַהעלטעניש און פּראַכט, און דאָרט
געפינט זיך דער סוד און יסוד, און ביז אַהין קען דער שכל
דערגיין —
און דאָרט בלייבט ער שטיין,
און פון דיין הויך האָסטו שטאָלצירט און אויף דיין מעכטיקן שטול
אויפגעגאַנגען —
און קיינער קען צו דיר נישט דערלאַנגען.
ווער קען דערטראָגן דיין מעכטיקייט,
ווען דו האָסט פון דעם שיין פון דיין כבוד באַשאַפן פון ריינער
נשמה די פּרעכטיקייט —
פון פעלז פון באַשעפער אויסגעשפריצט,
און פון פייער פון ריינקייט אויסגעבליצט;
און האָסט אָפּגעשיידט אויף איר דעם גייסט פון חכמה,
און האָסט זי אָנגערופן נשמה.
פון פלאַמפייער פון שכל האָסטו זי באַשאַפן טייער,
און דיין אָטעם ברענט אין איר ווי אַ פייער;
האָסט זי אריינגעשיקט אין גוף אים צו היטן און באַדינען,
און זי ברענט אין אים מיט פייער, און טוט אים נישט פאַרברענען—
דען פון פייער פון נשמה איז באַשאַפן דער גוף,
און פון גאָרנישט איז דער „יש" געקומען אויף דיין רוף —
דערפאַר, וואָס גאָט האָט איבער אים גענידערט מיט פייער".
(כתר מלכות)

אַזוי האָט ער פארשטאַנען און דערפיהלט דעם מהות פון אידענטום און געוואָרען אַ גרעסערער פאַקטאָר פאַר זיין פראָגרעס און ענטוויקלונג איידער דער רמב"ם מיט זיין לאָגישען אַנאַליז, וועלכער האָט דורך זיין צופּאַסונגס־לערע אויסגעהוילט דאָס אידענ־

טום פון זיין מיטאָס. מיט זיין מעטאָדע האָט דער רמב"ם אריינ־געבראַכט אין אידענטום אַ נעגאַטיווען עלעמענט, די קאָנסעק־ווענצען פון וועלכען איהם איז שוין אַליין געווען שווער אויס־צומיידען. איך וועל ברייגנען אַלסביישפּיל זיין בליק אויף דער גרונט־פּראָבלעם פון מעטאַפיזיק, ספּעציעל פון דער רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע. דאָס איז די באַקאַנטע מחלוקת וועגען „קדמון־העולם". איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען דורך גאָט'ס רצון, ד. ה. איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען, אָדער זי איז געווען פון אייביג אָן, אָהן אָנהייב און אָהן סוף? די תורה דערצעהלט: „בראשית ברא אלהים" — אָבער פון ספור־היצירה פון דער תורה ווייסען מיר ניט, וואָס גאָט האָט באַשאַפען? צי בלויז דאָס גע־שטאַלט און אויסזעהן פון דער וועלט, צי אויך דעם חומר? איז די וועלט באַשאַפען געוואָרען אַ „יש מאין", אָדער פון איהר אייביגקייט אָן זיינען שוין געווען אין עקזיסטענץ די יסודות פון יצירה? דאָ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַ צענטראַלער פונקט, פון וועלכען דער געדאַנק פון אַ אידישער פילאָזאָפיע האָט זיך געקענט ענטוויקלען. אַזוי ווי פון דער אַלט־גריכישער קאָסמאָ־גאָניע האָט זיך ענטוויקעלט די פילאָזאָפישע קאָסמאָגאָניע פון קסענאָפאַנוס ביז דער אַלט־נייער פּלאַטאָנישער פילאָזאָפיע; און אַזוי ווי פון דעם מיטאָס פון וועדאַ איז ארויסגעקומען און זיך ענטוויקעלט די גרויסע פילאָזאָפיע פון בראַהמאַ און בודהאַ — אַזוי האָט זיך פון „בראשית ברא אלהים" געקענט ענטוויקלען אַ טיפע אידישע פילאָזאָפיע. אמת, התחלות זיינען געמאַכט גע־וואָרען: איוב און קהלת זיינען געווען די גרעסטע און טיפסטע דענקער פון אַלטען אידענטום. איוב — דער מאַן פון דער רצון־לעהרע (וואָלונטאַריזמוס) און קהלת — וואָס גלויבט אין די אייביגע און שטענדיגע געזעצען פון באַשאַף, אַנטקעגען וועלכע דער רצון פון דעם פּרט און זיינע מעשים האָבען לחלוטין קיין שום באַדייט ניט. איוב — דאָס איז דער מעכטיגסטער אויס־דרוק פון דער לעהרע פון גאָט'ס רצון, דעם כל־יכול פון דעם אַלטען אידענטום.

„וואו ביסטו געווען ווען איך האָב די ערד געגרינדעט?
זאָג, אויב דו האָסט פאַרשטאַנד.
ווער האָט געמאַכט איהרע מאָסען, צי ווייסטו עס?

דר. א. קאַראַלניק

וועמ האָט אויף איהר אַ מעסט־שנור געצויגען?
אויף וואָס זיינען איהרע פונדאַמענטען געשטעלט געוואָרען?
וועמ האָט איהר ווינקעלשטיין געלעגט?
דאַן ווען אַלע שטערען פון מאָרגען האָבען צוזאַמען געזונגען,
און געשריען פון פרייד האָבען אַלע קינדער פון גאָט?
ווען ער האָט מיט טהירען פאַרשפאַרט דעם ים, דאַן ווען ער האָט
זיך צוערשט פון זיין געבערמוטער ארויסגערוקט?
ווען איך האָב פון וואָלקענס פאַר איהם אַ קלייד געמאַכט, און
וויקעל־שנורען — פון דעם נעבעל?
ווען איך האָב פאַר איהם אַ גרעניץ באַשטימט און ריגלען
און טהירען ארויפגעלעגט (אויף איהם)?
ווען איך האָב געזאָגט: ביז דאַנען זאָלסטו קומען און ווייטער
זאָלסטו ניט געהן, דאָ זאָל זיך פאַרהאַלטען דער שטאָלץ
פון דיינע כוואַלען?"

(איוב, ל״ח)

מיין געזעץ, מיין ווילען — דאָס איז דער עקסטרעמער אויס־דרוק פון דער אידישער וועלט־אַנשויאונג, די פילאָזאָפיע פון אַ פערזענליכען גאָט, פון אַ הערשער, פון „רצונו של עולם" וואָס ווייסט און קען זיין מעכטיגקייט, פונ'ם מהות פון דער וועלט, פון אַ גאָט וואָס באַשאַפט און פורעמט, פון אַ האַר און אַ פיהרער, וואָס שטעלט איין און באַשטימט אַ ציל פאַר יעדער זאַך, דער פערזענליכער גאָט וועמען ס'געהען אָן דעם מענשענ'ס מעשים, וואָס זאָרגט זיך פאַר זיין גורל, וואָס רעדט צו איהם פנים אל פנים, וואָס דער אינדיווידואום איז פאַר איהם אַ צוועק אָן און פאַר זיך, און אין דער אייגענער צייט אַ מיטעל פאַר אַ העכערן ציל, פאַר אַ גרויסער מיסיע — אויסצופיהרען זיין ווילען, וואָס איז דאָס וועלט־געזעץ. דאָס איז איין זייט פון דער אידישער לעהרע. אין געגענזאַץ צו דעם איז די צווייטע זייט פון דער דאָזיגער תורה — די אַנשויאונג וואָס איז אויסגעדריקט אין ספר קהלת: „אַ דור קומט און אַ דור פאַרגעהט, און די וועלט שטעהט אויף אייביג". דאָס איז דער פעסימיזם וואָס פליסט ארויס פון דער אַנערקענונג, ווי נישטיג ס'איז דער רצון פון דעם מענשען, דעם פּרט, אַנטקעגען די אייביגע געזעצען, די אַלגעמיינע געזעצען פון נאַטור. די פערזענליכקייט אַנטקעגען וועלט, אוניווערזום. דער

רמב"ם — הגם ער האָט ניט געוואָלט מודה זיין — האָט דאָס דערשפּירט; ער זאָגט: „פיל אונזעריגע וואָס האַלטען זיך אָן דער תורה מיינען, אַז שלמה עליו השלום האָט געגלויבט אין קדמות־העולם... און דאָס איז אַ גרויס וואונדער, ווייל ווי געשיקט זיך דאָס, אַז איינער וואָס האַלט זיך אָן משה רבינו'ס תורה זאָל גלויבען אין „קדמות־העולם"? און אויב עמיצען זאָל קומען אויפ'ן זינען, אַז ער האָט נישט געגלויבט אין דער סברה פון דער תורה — חס ושלום! — טאָ ווי אַזוי האָבען אַלע נביאים און חכמים מקבל געווען פון איהם זאַכען, און איהם נישט געטאַדעלט נאָכ'ן טויט?" (מורה נבוכים, ח"ב, פ' כ"ט.) אָבער דאָס איז נישט מעהר ווי אַ תירוץ, זיך ארויסצודרעהען פון אַ פּלאָנטער, אָן ענטפער אין אַ פאַרלעגענהייט: וויבאַלד אַז אַלע אידייען און געדאַנקען אין אידענטום מוזען האַרמאָנירען איינע מיט די אַנדערע, און אַלע אָנשויאונגען מוזען זיין געגאָסען פון איין גוס, איז דער רמב"ם — דער גרעסטער סיסטעמאַטיקער פון אידענטום — געווען געצוואונגען צו פאַרבויגען די לאָגיק דאָרט וואו ער האָט נישט געקענט מודה זיין, אָפּצולייקענען אידייען דאָרט וואו ער האָט נישט געקענט מיט זיי מסכים זיין. אָבער דער פאַקט אַן און פאַר זיך האָט זיך דורכדעם נישט געענדערט. די דאָזיקע צוויי עיקרים הערשען אין דער שיטה פון אידישען געדאַנק, דער ראַציאָנאַלער עיקר פון רצון און דער רעליגיעז־מיסטעריעזער; דער ערשטער האָט געבראַכט מיט זיך די מאָראַל און די פּראַקטישע לעהרע, און פון צווייטען עיקר איז געשאַפען געוואָרען אַ ערהאַבענע קאָסמאָלאָגיע, אַן אַלץ איינשליסענדיגע און אַלץ אומפאַסענדיגע — כ'וואָלט זאָגען: — כמעט אַן עכטע פילאָזאָפיע.

ווען מיר פאַרטיפען זיך אין דער געשיכטע פון אידישען געדאַנק און זיין ענטוויקלונגס־גאַנג, טרעפען מיר זיך און דערקענען אין יעדען פּלאַץ און יעדער צייט די שטענדיגע מלחמה — אַמאָל אַן אָפענע און אַמאָל אַ באַהאַלטענע — וואָס די דאָזיגע צוויי עלעמענטען פון אידענטום האָבען צווישען זיך געפיהרט. דאָס אידענטום אַלס גאַנצעס איז נישט געבויט געוואָרען בלויז אויף איינעם פון זיי, נאָר פון שטענדיגע שותפות'דיגע פעולות פון די ביידע עיקרים איז עס ארויסגעקומען און זיך ענטוויקעלט.

פון „ספר־יצירה” און „חובת הלבבות”, פון דער מעטאַפיזיק און קאָסמאָגאָניע, פון איין זייט, און פון דער געזעלשאַפטליכער מאָראַל, פון דער צווייטער זייט, איז געשאַפען געוואָרען די לע־בענס־אַנשויאונג פון אידענטום, וואָס איז נישט אינגאַנצען אַ ריין מאָראַלע תורה און נישט קיין פולשטענדיגע מעטאַפיזישע לעהרע.

אַ שטאַרקע און זיך נישט ענדערענדיגע אמונה איז געפעהר־ליכער און שעדליכער פון אַ מורא'דיגען און גריבלענדיגען ספק. אמונה איז בארוהיגונג; דער ספק, פאַרקערט, איז פראָגרעס און פאַרפאָלקאָמונג, אָן ערוואַכונג פון כחות, דאָס זוכען פון בייע אמת'ן, אומרוהיגקייט און אומצופרידענהייט מיט דעם וואָס איז פאַרעלטערט. דער גלויביגער וויל פון קיין זאַך נישט וויסען, ער דאַרף נישט אָנקומען צו אידייען. מיר דוכט זיך, אַז קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעגעבען דעם כאַראַקטער פון דער אידישער אמונה און דעם אופן פון אור־אַלטען אידישען דענקען מיט אַזעלכע עקזאַקטע ווערטער ווי דאָס האָט געטאָן דער ערשטער פאַרלייקענער און גרויסער געגנער פון אידענטום, דער אַפּאָסטאָל פאָולוס, אין זיינעם טעסטאַמענט. אין איינעם פון זיינע בריוו זאָגט ער: „איך, איך ווייס פון גאָרנישט, בלויז, אַז מען האָט געקריי־ציגט ישו הנוצרי”. („ניל סציאָ פּרעיטער קריסטום קרוציפיקטום”). אין דעם דאָזיגען באַגריף איז פאָולוס געווען אַ טיפּישער איד. וויבאַלד ער האָט פאַר זיך אויפגעשטעלט אַ דאָגמע — איז ער צו איהר פאַרשקלאַפט געוואָרען. יעדע אמונה פאַרצאָמט און באַ־גרעניצט דעם מענשענ'ס גייסט: „ביז דאַנען וועסטו קומען — און נישט ווייטער!” אמת, אין דער הינזיכט איז אמונה נישט אַנדערש פון כפירה, פון צווייפלען. ווייל ווי מיר זאָלען זיך ניט מיהען אויסצובררייטערען די גרעניצען, ליגט דאָך סוף כל סוף די באגרעניצונג אין אונזער מהות, אין אונזער קורצער השגה. אָבער דער ספק באַנוגענט זיך נישט מיט דער דאָזיגער באגרעניצונג; ער ווערט פאַרצווייפעלט, ער ערגערט זיך, ער רוהט ניט און ראַסט נישט אין זיין וואונש צו דערגרייכען די מעגליכסטע ברייטקייט. די אמונה, פאַרקערט, באגרעניצט זיך אַליין מיט שמחה, איז מקריב פריידיג איהר גייסטיגען איך און לעגט אויף זיך אַליין קייטען מיט הלל־געזאַנגען. דאָס איז געווען דער גרונט־כאַראַקטער, פסיכיש און מעטאַפיזיש, פון דער אידישער אמונה. ביי די הינדוסען איז

די באַציהונג צווישען גאָט און מענש געווען ווי די באַציהונג צווישען אַ חלק און דער טאָטאַליטעט. גאָט — בראַהמאַ — דער פאַרהוילענער. דער מענש איז אַ חלק פון בראַהמאַ, וואָס האָט זיך געלאָזט אַנטפּלעקען. אַזוי ווי פון אַ קערענדעל שפּראָצט ארויס און אנטוויקעלט זיך דער בוים — אַזוי פליסט ארויס און אַנטוויקעלט זיך פון בראַהמאַ דער גאַנצער אוניווערזום, מיט זיינע פילפאַכיגע דערשיינונגען און פארשיידענע שאַטירונגען, וועלכע זיינען אַלע פאַראייניגט אין דער אַבסאָלוטער אַחדות. נאָך פיל גלגולים און פארשיידענע סיגופים — אַזוי לערנען די היילינע ספרים פון די הינדוסען — קען דער חכם וואָס ווייסט, וואָס דערקענט און באַגרייפט, זיך אויפהויבען צו בראַהמאַ און וועזענטליך מיט איהם זיך פאַראייניגען. ביי די גריכען איז די באַציהונג צווישען גאָט און מענש געווען דאָס אייגענע וואָס פון דעם שטאַרקען און תקיפ'דיגען צו אַ שוואַכערען פון איהם, וואָס זיינען אָבער דאָך גלייך אין זייער עצם מהות. ביי די העברעער איז דער מענש געווען דער קנעכט פון גאָט, נאָר אין זעהר זעלטענע פאַלען איז ער באטראכט געוואָרען ווי אַ בן־אלהים. מיט וואָס פאַר לויב־געזאַנגען דער זינגער פון תהלים באַזינגט און ריהמט זיין קנעכטשאַפט ! גאָט דער האַר — איז דער אידישער גאָט, אַן אַריענטאַלער מעכטיגער הערשער, וואָס רעכענט זיך נישט מיט קיינעם און איז נישט פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיינע מעשים. ביי קיין אומה אין דער וועלט האָט זיך דער דאָזיגער באַגריף אַזוי נישט איינגעוואָרצעלט, ווי ער האָט זיך איינגעוואָרצעלט און איז איינגעזאַפּט געוואָרען אין די בלוטען פון דער אידישער אומה. און אַזוי ווי דער אידישער גאָט ענדערט זיך קיינמאָל נישט און בייט זיך נישט, אַזוי איז אויך זיין תורה אַ באַשטימטע פון אָנהייב־אָן און וועט זיך קיינמאָל נישט בייטען. און וויסענדיג אין פאַראויס אַז דאָס אַלץ איז זיין רצון — און זיין רצון איז ניט צו דער־פאָרשען — דעריבער איז נישט אונזער עסק צו פאָרשען און דער־גרונטעווען דאָס, וואָס ס'איז פון אונז פאַרהוילען, אריינצודרינגען אין מהות פון זאַכען און באַגרייפען וואָס זיי שטעלען מיט זיך פאָר. און צוליב דעם דאָזיגען טעם האָבען מיר נאָך ביז היינט נישט קיין איינציגע פילאָזאָפישע שיטה, וואָס זאָל טראָגען אויף זיך דעם חותם פון אידישען געדאַנק. ווייל אויף אַלע שאלות פון

מענשליכען געדאַנק ענטפערט אַ קול פון הימעל: „אָנכי ה׳!״ דאָס איז געווען אונזער פילאָזאָפיע פון דער נאַטור, אַזוי אויך די פילאָזאָפיע פון אונזער היסטאָריע, די קאָסמישע און געשיכט־ליכע טעאָלאָגיע.

מענשען האַלטען זיך אין איין מיהען צו פאַרוואָרצלען אין אונז דעם געדאַנק, אַז דער מהות פון אידענטום איז די עטיק, די תורה פון מאָראַל; אַז די מאָראַלישע דערקענטניש, די הויפּט אייגענשאַפט פון אידענטום, איז די נבואה. אָבער וואָס אַזוינס איז מאָראַל? — די באַציהונגען צווישען מענש און מענש. און וואָס אַזוינס איז עטיק? — אַט די באַציהונגען גופא אין פאַר־בינדונג מיט דער געטליכקייט, אין זייער באַציהונג צו דער מאָראַלישער וועלט־אָרדנונג. אָבער, האָבען די נביאים באמת געלערענט די ריינסטע און העכסטע תורה פון מאָראַל? אמת, זיי האָבען פּראָפּאַגאַנדירט די לעהרע פון ברידערליכקייט, גלייכ־קייט און אייניגקייט, אָבער דאָס אַלץ איז געווען דערפאַר, ווייל אַזוי האָט גאָט באַפוילען, און נישט דערפאַר ווייל ס׳איז פאַראַנען אַ מאָראַלישער סדר־עולם, וואָס פון זיין בטול אָדער קיום, הענגט אָפּ דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער בנין — אַ געדאַנק וואָס דרינגט אריין אין טיפעניש פון זאַכען און לערענט דעם מענשען אָפּצושעצען זיין קאָסמאָלאָגישען ווערט — ניט דערפאַר ווייל מיר אַלע האָבען איין שותפות׳דיגע מאָראַלישע תורה, וואָס זי איז דער פונדאַמענט פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, און וואָס יעדע זינד אַנטקעגען איהר שטעלט אין סכנה דעם גאַנצען מענשליכען בנין. די נביאים האָבען געלערענט אַן אָביעקטיווע מאָראַל. דער מענש און גאָט שטעהען איינער קעגען אַנדערען, איינער מיט זיין מאָראַל פון רצון, און דער צווייטער מיט זיין מעגליכקייט און פרייער בחירה אָנצונעמען זיין רצון אָדער זיך אָפּקערען פון איהם. דאָס איז אַ צופאַלונג פון די מאָראַלישע עיקרים, וועלכע לאָזט ניט קיין פּלאַץ פאַר קיין שום וויכטיגער געזעלשאַפטליכער תורה. דאָס איז נישט מאָראַלישקייט, וואָס מיר ווידמען זיך איהר מיט׳ן גוטען ווילען דערפאַר וואָס מיר אַנערקענען איהר הויכען ווערט. ווייל אַז דער מענש געהט מיט׳ן וועג פון גוטסקייט און גערעכ־טיגקייט און טוט אַלץ וואָס איהם איז באַפוילען צו טאָן, און ער שטעלט זיך אַליין די פראַגע: דאָס אַלץ — צו וואָס? וואָס איז

דער צוועק פון לעבען? צו וואָס דער פּיין, די מיה און די ליידען? און ער פרעגט ווייטער: „פאַרוואָס געהט דעם רשע גוט און דעם צדיק שלעכט?" — וואָס ענטפערט איהם אויף דעם אַלץ די מאָראַלישע תורה פון די נביאים? דער נביא מעג זיך כעס'ן און באַשטראָפען, זיך ערגערען און שרעקען, אָבער ווען מיר דריקען איהם צו מיט די דאָזיגע אייביגע וועלט-פראַגען, ווען מיר פרעגען איהם וועגען צוועק פון דער מאָראַל, האָט ער נישט קיין ענטפער — אַחוץ דעם ענטפער פון „נישט-וויסען". אָבער ליגט טאַקע אין דעם דאָזיגען נישט-וויסען דער גאַנצער מהות פון אידענ-טום? איז דאָס זיין לעצטע תורה, די אנטשיידענדיגע תורה?

איך וויל זיך מעהר נישט פאַרנעמען מיט דער היסטאָרישער אָפּשאַצונג פון דער אידישער וועלט-אַנשויאונג. דאָס איז אויך נישט דער צוועק פון מיין אָפּהאַנדלונג. ס'איז נישט לייכט צו באווייזען דעם ווערט פון אידענטום פאַר דער ענטוויקלונג פון דעם אידישען פאָלק און פאַר דער מענשהייט בכלל. וועגען דעם זיינען פאַראַנען מיינונגס-פאַרשיידענהייטען. די צוויי באגריפען „אידענטום" און „קולטור" זיינען פאַר פילע מענשען גאָר באַ-גריפען וואָס זיינען סותר איינער דעם אַנדערען, איבערהויפּט פאַר די יעניגע וואָס זוכען אין וועזען פון קולטור אַ תורה אַ פאַר-פאָלקאָמטע, אַ טיפע, וואָס איז כולל אין זיך און כאַפּט ארום אַלע דערשיינונגען פון לעבען. וואָס מיר איז צום מעהרסטען וויכטיג איז: די געגענווערטיגע באציהונג צו אידענטום, ספּעציעל, די היינטיגע באציהונג פון אידישען פאָלק צו אידענטום און דאָס פּלאַץ וואָס עס פאַרנעמט אין דער מענשליכער קולטור. און איך שטעל צוערשט אַ פראַגע, וואָס וועט אפשר אויסקוקען אַ ביסעל גראָבליך: „צי לעבט נאָך אידענטום אינגאַנצען?" — דאָס איז ניט קיין רעטאָרישע פראַגע, דאָס איז נישט קיין פראַגע פון מאָמענטאַלען עפעקט, נאָר זי נעהמט זיך פון די סאַמע טיפע-נישען פון דער ווירקליכקייט, פון די באדינגונגען פון אונזער לעבען און עקזיסטענץ. ווען דאָס אַנטיקע גריכענטום איז גע-שטאָרבען און די טעמפּלען פון ווענוס אַמאַטאַסיא זיינען מעהר נישט באַקראַנצט געוואָרען, האָט זיך דערהערט פון אַלע פיר פינות-העולם אַ ביטער געוויין: „תמוז! תמוז! דער גרויסער פּאַן איז געשטאָרבען!" אַ מעכטיגער קלאַנג האָט אנגעזאָגט די

לויה פון אַן אַלטער קולטור וואָס איז אויסגעגאַנגען, פון אַ באַ־שטימטער לעבענס געשטאַלט וואָס איז פּאַמעלאַך אַוועק. די טויזענדער יאָהרען פון פּערסישען מיטאָס, פון דער כּיליאַסטישער באַנייאונג, זיינען אריינגעקומען אין דער וועלט און די וועלט־אָנשויאונג פון דעם אַנטיקען גריכענטום איז אין גאַנצען פאַר־שוואונדען. אַוועק אָהן דער מינדעסטער האָפנונג זיך ווען עס איז צוריקצוקערען. דער אָלימפּ איז חרב און וויסט געוואָרען און דער ערעבוס (דער שאול) נאָך פינסטערער ווי געוועזען, און דער גרויסער גאָרנישט איז ארונטער אויף דער וועלט, און אין דעם דאָזיגען גאָרנישט אַ נייע תורה, אַ נייער לעבענס־אינהאַלט פאַר דער וועלט — דאָס קריסטענטום. און ווען יוליאַן אַפּאָסטאַט האָט איבערגעוואַלט געזוכט אויסצודרעהען די ראָד פון געשיכטע אויף צוריק, אַוועקצושטעלען אַפּאָלאָ און עליזעאישע מיסטעריען אויפ׳ן פּלאַץ פונ׳ם גליל׳ייער און זיינע מיסטעריען — איז ער געפאַלען אַ באַזיגטער; ווייל די צייטען האָבען זיך געביטען. ס׳איז פאַרביי די צייט פון די דאָזיגע אידייען און ס׳איז אָנגעקומען די צייט פאַר די אַנדערע צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ. פאַרוואָס? ווי און אויף וועלכען אופן שטאַרבען אידייען אָפּ און אַנדערע שפּראָצען אויס, וועלט־אָנשויאונגען ווערען פאַרעלטערט, וועלקען און שטאַר־בען אָפּ, און נייע אָנשויאונגען ווערען געבוירען און פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון די אַלטע? דאָס איז איינע פון די גרעסטע און שווערסטע פּראָבלעמען פון דער היסטאָרישער פילאָזאָפיע, אָדער, ריכטיגער, פון דער היסטאָרישער פּסיכאָלאָגיע. העגעל האָט פּרובירט צו דערקלערען די דאָזיגע דערשיינונג לויט זיין פילאָ־זאָפישער שיטה און זיין דרך: דאָס איז — זאָגט ער — די ענטוויקלונג און דאָס צייטיג־ווערען פון דער אידייע, די דיאַלעק־טישע פאַרפאָלקאָמונג פון „לאָגאָס". מיר וועלען זיך נישט פאַר־טיפען אין דער דאָזיגער מיסטישער אידייע. די קומענדיגע היסטאָריאָסאָפיע, וואָס וועט פאַרשטעהן און דערקענען די מענש־ליכע באַציהונגען, און וועט קענען אויסגלייכען די פאַרפלאָנטערטע פעדים און פאַרבינדען די איבערגעריסענע — זי וועט אונז אפשר קענען דערקלערען די נשמה־גלגולים פון איטליכער תקופה; דערווייל אָבער, איז דאָס אַ פאַקט: נאָך דעם אַלטען גריכענטום איז דאָס קריסטענטום געקומען אויף דער וועלט. אויך קריס־

טענטום האָט געלעבט, געבליהט און זיך פאַרצווייגט כדי סוף־כל־סוף זיך אונטערצוגעבען צום גרויזאַמען גורל — בטל און פארשוואונדען צו ווערען פון דער וועלט. ווייל — ווי מיין דאָזיגע באהויפּטונג זאָל נישט אויסזעהן טשיקאַווע — איז קריסטענטום שוין אויך געשטאָרבען. געשטאָרבען אויף אייביג, ניט אויפצושטעהן מעהר קיין תחית־המתים, נישט קוקענדיג אויף דער מעכטיגער אָרגאַניזאַציע פון דער קירך, אין געגענזאַץ צו אַלע טענות און האָפנונגען פון אַלע גלויביגע קריסטען, צי פון די יעניגע וואָס שטרעבען צו פאַרשטאַרקען זייער אמונה און באַהויפּטען דעם היפּוך פון דעם. קריסטענטום האָט באמת געלעבט בלויז דורכ׳ן מיטעלאַלטער. דענסטמאָל איז עס געווען דער אינהאַלט פון גאַנצען לעבען, די זון פון לעבען. יעדע אמונה לעבט און עקזיסטירט כל זמן זי איז אין דער בחינה פון שאַפען נייע ווערטען, כל זמן זי איז נאָך ניט פון זיך אַליין פאַרשטיינערט געוואָרען, כל זמן זי איז אַ גורם און אַ מעכטיגער באוועגער אין אַלע לעבענס־דערשיינונגען, ווען זי איז אַ הויפּט־אָנפיהרער אין אַלע סיטואַציעס און אונטער אַלע באדינגונגען. ווען די דאָזיגע הערשאַפט איהרע ווערט איבערגעריסען, ווען עס הויבט זיך אָן דער פאַנאַנדערשייד צווישען קודש לחול, ווען מען הייבט אָן געבען צום קיסר וואָס צום קיסר, און צו גאָט וואָס צו גאָט, הערט די אמונה אויף צו זיין דער לעבענס־פונדאַמענט, און זי איז שוין ניט דאָס וואָס זי באַדאַרף זיין לויט איהר אינהאַלט און איהרע פּרינציפּען — די באַזע פאַר מענשליכער ווירקונג און איהר קרוין. קריסטענטום האָט געלעבט כל זמן אין מענשליכען געדאַנק פון מערב־אייראָפּע האָבען געהערשט די קריסטליכע אידייען און די קריסטליכע וועלט־אָנשויאונג: אַז די וועלט איז דער מקור פון זינד און אומרעכט וואָס באַדאַרף אַ תיקון דורך סליחה און כפרה; אַז דאָס לעבען איז אַ גלגול, אַ ירידה וואָס מוז קומען צו עליה און גאולה דורך קרבנות, אַז דאָס אמת׳ע לעבען קען מען זיך קויפען בלויז דורך מקריב זיין דאָס לעבען גופא — און דאָס איז דאָך מיט אַן אמת געווען דער גרונט־פּראָבלעם פון קריסטענטום. דורך דער דאָזיגער גאַנצער תקופה האָט קריסטענטום געלעבט און געווירקט. אָבער ווען נייע כוואַליעס האָבען אָנגעהויבען שטראָמען דורך דער מענשהייט און פאַרשלונגען די אַלטע, ווען

ס'איז בטל געוואָרען דער באַגריף וועגען לעבען אַלס אַ ירושה־זינד, אַלס אַ פּרוזדור און אַ צוגרייטונג צו אַ ניי לעבען אויף דער אַנדער זייט און דאָס פּלאַץ איז אָפּגעראַמט געוואָרען פאַר אַ נייער וועלט־אַנשויאונג, פאַר אַ ריין עמפּירישער וועלט־אַנשויאונג — דאַן איז אויך געקומען דער סוף פון קריסטענטום. דענסטמאָל איז אויך די אידעאַלע מאָראַל פון קריסטענטום, דער אידעאַל פון קדושה און עניוות פאַרלוירען און בטל געוואָרען פון דער וועלט. און דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס די גרויסע דענקער פון דער קולטורעלער אייראָפּע האָבען באַקעמפט דאָס קריסטענטום. אין קאַנט'ס קריסטליכקייט איז קיין קריסטענטום נישט געוועזען. זי איז געווען אַן ארויפגעצוואונגענע און אין איהר מהות און פונדאַמענט האָט זי באַקעמפט דאָס עכטע קריסטענטום. געטהע איז געווען אַ שונא פון קריסטוס'עס תורה. ניטשע האָט באַהאַנדעלט קריסטליכקייט ווי אַן אָפּגעשטאָרבענע זאַך, ווי עפּעס וואָס האָט זיך אַליין איבערגעלעבט, און וואָס מען דאַרף באַקעמפען איהרע רעזולטאַטען, זיי אויסצוראָטען ביז'ן סוף. די גאַנצע גייסטיגע אַרבייט אין אייראָפּע פון אונזער צייט איז מיט דער כוונה צו שאַפען אַ נייע מאָראַל און אַ ניי לעבענס־ליד. ס'איז אַ באשטעטיגטער פאַקט, אַז אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט פון אונזער צייט איז קריסטענטום געשטאָרבען... קריסטענטום האָט נאָך געהאַט דעם אידעאַל פון קאַטאָליציזם, פון אַן איין און איינציגער אמונה פאַר דער גאַנצער וועלט, אָבער אויך די זיילען פון דעם אידעאַל הויבען זיך אָן טרייסלען און וואַקלען. די שטרעבונג הייגט איז צו אַ גלויבען פון דעם יחיד, דעם פּרט, דעם מענש, דעם פאָלק, וואָס לעבט לויט זיינע אינערליכע אייגענשאַפטען. לאַצאַרוס האָט אמאָל געמאַכט אַן אויסגעצייכענטע באַמערקונג: „איטליך פאָלק האָט זיך זיין אייגענאַרטיגע אמונה, קאַטאָליציזם הייגט — איז אונמעגליך". און דאָ קומען מיר צוריק צו דער אויבען־געשטעלטער פראַגע: אין אַ צייט, ווען אַלץ ארום האַלט זיך אין ברעקלען, צי קען אידענטום האָבען אַ קיום? ווען די גאַנצע גרויסע וועלט האַלט זיך אין באַנייען — צי איז פאַראַן אין אידענטום גענוג קראַפט און גענוג זאַפט נאָכצוקומען אויך הייגט אַלע תביעות פון לעבען אין זייער גאַנצער פולקייט? לאָמיר זעהן און באטראַכטען, ווי אַזוי דאָס אידענטום באַ־

ציהט זיך צו די עיקרים פון דער מאָדערנער רעליגיע און איהרע תביעות. די מאָדערנע רעליגיע איז, קודם־כל, דער היפך פון דער אַלטער רעליגיע, דערמיט וואָס זי איז נישט קיין „רעליגיאָ", וואָס זי איז נישט קיין דרוק און צוואַנג אויף דעם מענשענ'ס גייסט. דער מענש איז פריי, זיין רצון איז אַ באפרייטער, זיין מאָראַלע דערקענטניש — אויטאָנאָם. דאָס ווערטעל: „קרעדאָ קוואיאַ אַבסורדום" (איך גלויב, ווייל ס'איז אַן אַבסורד) איז אַן אומ־מעגליכע זאַך אין אונזערע טעג. ס'איז אַוועק די צייט פון דער אָקצידענטאַלער וועלט־אַנשויאונג, פון אורזאַכלאָזיגקייט, וואָס באַזירט בלויז אויף צופאַל. דער טעאָלאָגישער וועלט־בליק האָט אָפּ־געטראָטען זיין פּלאַץ דעם קאַאוזאַלען: אַנשטאָט דער וועלט פון צילען איז אין באוואוסטזיין פון דער קולטור־מענשהייט אנטשטאנען אַ וועלט, געטריבען פון אורזאַכען. אַפילו די הערשאַפט פון באַ־שעפער גופא האָט זיך שוין אויך אָפּגעשטעלט. אָבער דאָס אידענטום ענטהאלט דאָך אין זיך דווקא אָט די אַלע עלעמענטען, וואָס זיינען שוין בטל געוואָרען, און זיי זיינען דאָך דער אינהאַלט פון דער אידישער אמונה. ווען דער רמב"ם האָט געשריבען זיין רעליגיעזע פילאָזאָפיע איז ער געווען געצוואונגען צו ברייגנען די „פּראקטישע תורה" אין איינקלאַנג מיט וויסען און פאַרשטאַנד. אָבער ס'איז איהם נישט געלונגען, אַזוי ווי ס'איז נאָך קיין מענ־שען ניט געלונגען צו דערהויבען אויסווערטיגע זאַכען, רעליגיעזע צערעמאָניעס, צו אַן אייביגער אוניוועסאַלער הויך. דאָס איז אַן אוממעגליכע זאַך. דאָס קען ניט ביישטעהן פאַר דער קריטיק פון צייט. העגעל אין זיין רעליגיעזער פילאָזאָפיע זאָגט: „רעלי־גיעזער אינהאַלט איז גאָט'ס אייביגע נאַטור, אָבער נישט די אויס־ווערטיגע זאַכען". ווען מ'האָט געפאָדערט פון משה מענדעלסאָן צו פאַרלאָזען אידענטום און אָננעמען קריסטענטום — האָט ער געענטפערט, אַז „די אידישע רעליגיע פאַרפליכטעט איהם נישט צו גלויבען אין „אייביגע אמת'ען", אַז אַלס איד דאַרף ער זיין טריי נאָר צו געוויסע געזעצען און צו אַ באשטימטען לעבענס־שטייגער, צו צערעמאָניעס און דינים. ער האָט געזעהן דעם פאָרצוג פון דער אידישער רעליגיע דווקא אין דעם, וואָס זי איז ניט מחייב איהרע אָנהענגער אָנצונעמען „אייביגע אמת'ען", ווייל די פּאָזיטיווע געזעצען זיינען געגעבען געוואָרען פון גאָט, בעת

די „אייביגע אמת'ען" זיינען נאַטור־געזעצען, מאַטעמאַטישע אמת'ען. „ס'איז אמת, מיר זיינען געצוואונגען צו באהויפּטען אַז די דאָזיגע געזעצען זיינען אייביג, הגם זייער וועזען איז זעהר באַגרעניצט. אַן און פאַר זיך שטעלען זיי מיט זיך ניט פאַר קיין גייסט־אינ־האַלט". ווי ווייט מענדעלסאָן איז אַוועק אין זיין אידענטום־פילאָזאָפיע איז אונז אַלעמען גוט באַקאַנט. אויב אידענטום איז באמת ניט מעהר ווי אַ געוויסער גאַטעס־דינסט, רעליגיעזע געזעצען און צערעמאָניעס — איז זיין אינערליכער ווערט דורך און דורך נישטיג. פון אַבנעגירען די מעטאַפיזיק פון אידענטום ביז'ן אַבנעגירען דאָס אידענטום גופא — איז בלויז איין שריט. פירען אַ מחלוקת מיט דער גאַנצער וועלט בלויז צוליב דער מצוה פון תפילין, נטילת־ידים, און דאָס גלייכען, איז באמת נישט כדאַי. אין אַלע רעליגיעזע ספרים פון דער וועלט זיינען פאַראַנען געזעצען, דינים און צערעמאָניעס וואָס שיידען זיך נישט אָפּ אין זייער מהות פון די אידישע געזעצען און דינים. אויך די ווערדאָ באַפעלט איהרע גלוביגע צו האנדלען מיט אַ ריין האַרץ און צו פירען אַ ריין לעבען. אָבער באַפעלען און מצוות מעשיות אַליין זיינען נאָך נישט קיין רעליגיע. ווען משה רבינו וואָלט זיך פאַרזאַמט די פערציג טעג אויפ'ן באַרג סיני בלויז כדי ארונטער־צוברענגען די דאָזיגע געזעצען — וואָלט אידענטום נישט געוואָרען אַזאַ מעכטיגער גייסטיגער כח. אין עצם האָט משה מענדעלסאָן בלויז פאַרטגעזעצט דעם רמב"ם'ס אַרבייט, די צעשטערונגס־אַרבייט, הגם נישט דאָס איז געווען זיין כוונה. ביידע האָבען אַוועקגענומען פון אידענטום דעם אמת'ען קוואַל פון זיין לעבען.

העגעל, וואָס האָט מיט אַלצדינג שלום געמאַכט, פאַר וועמען ס'איז נישט געווען קיין שום סתירה, ווי בולט זי זאָל ניט זיין, וואָס ער האָט ניט געקענט פאַרענטפערען אויף דעם אָדער אַנדערען אופן — האָט באַצוואונגען זיין אייגענעם גייסט און דעם גייסט פון זיין דור בוקענדיג זיך צו דער טראַדיציע. ער זאָגט: „פאַרשטעהט זיך, מיר זיינען געצוואונגען מודה צו זיין, אַז זיי (די געזעצען פון דער פּראַקטישער רעליגיע) זיינען אייביגע"... אָבער מיר, וואָס גלויבען ניט אין קיין היסטאָריעס, מיר, וואָס האָבען זיך אויסגעלערענט דענקען ווי פרייע מענשען, נישט מורא האָבענדיג פאַר קיין שום רעזולטאַטען, וואָס זיי זאָלען נישט

זיין, — ווען מיר קומען צו צו דער דאָזיגער פראַגע, קענען מיר נישט אָננעהמען אָט דעם „פאַרשטעהט זיך" דורך סתם עפּעס אַ החלטה. פאַר אונז איז דאָס כלל ניט קיין „פאַרשטעהט זיך" און מיר מוזען כלל נישט גלויבען אין דער אייביגקייט פון די דאָזיגע געזעצען. און מיר טוען דאָס טאַקע נישט. צערעמאָניאַלע געזעצען אין דער רעליגיעזער געזעלשאַפט זיינען ווי די צערעמאָניאַלע מנהגים (נימוס) אין אַן אָרגאַניזירטען פּאָליטישען ציבור; וואָס אַמאָל איז געווען „זעלבסטפאַרשטענדליך" זעהט ביי אונז היינט אויס אינגאַנצען „ניט פאַרשטענדליך". צי ווייל דער מנהג זיך צו לאָזען וואַקסען לאַנגע האָר און זיי באשיטען מיט פּודרע איז געווען אָנגענומען ביי פילע גרויסע געלעהרטע, טאָרען מיר אין דעם נישט זעהן נאַרישקייט און געשמאַקלאָזיגקייט? געוויס, געשמאַקלאָזיגקייט, ווייל דער געשמאַק האָט זיך זעהר שטאַרק געביטען. צי שטימט ניט דאָס אייגענע אויך בנוגע די אויסערליכע מעשים און צערעמאָניאַל פון אידישקייט? אַ סך אידישע מנהגים זיינען פאַרגעסען געוואָרען, אַ סך זיינען אינגאַנצען איבעריג, און פונדעסטוועגען זיינען זיי חשוב'ע, עיקר'דיגע טיילען פון אידישקייט. אָבער, צי לעבען זיי און צי זיינען זיי באמת אַקטיוו? אַ רעליגיעזע צערעמאָניע וואָס איז געוואָרען אַ ציל אַן און פאַר זיך — האָט שוין מעהר קיין פלאַץ ניט אין קעניגרייך פון רעליגיע. דער דייטשער פאַרשער און וויצלינג, ליכטענבערג, האָט אַמאָל געזאָגט: „מענשען מאַכען זייער סידור־תפילה פאַר אַ ציל אַן און פאַר זיך". איך וויל דאָ נישט קריטיקירען די רעליגיעזע מנהגים. איך לאָז עס איבער פאַר די רעפאָרמער און פאַר די הויכגעשטעלטע פאַרטרעטער פון ליבעראַלען אידענטום צו באשליסען, צי די רעליגיעזע מנהגים זיינען גוטע אָדער שלעכטע, פּאַסיגע אָדער נישט פּאַסיגע, צי לעגען זיי זיך אויפ'ן שכל אָדער ניט? — איך וויל זיך מיט דעם נישט פאַרנעמען. איך באַצייכען נאָר דעם פאַקט, אַז אונזערע רעליגיעזע מנהגים זיינען אַ טויט פאַרמעגען, וואָס קען מעהר קיין לעבען נישט אריינברייגנען. ווען מ'האָט נאָך געטראַכט וועגען שאַפען אַ נייעם שולחן־ערוך, וועגען שאַפען נייע דינים, מקיל אָדער מחמיר צו זיין, ווען מ'האָט נאָך געשריבען „שאלות ותשובות" מכח „טומאה און טהרה", האָבען אַלע אונזערע רעלי־

גיעזע געזעצען, אַלץ איינס וואָס זייער אינערליכער ווערט איז געווען, געדאַרפט באטראכט ווערען אַלס וויכטיגע יסודות פון לעבען, און דעריבער אויך מעכטיגע פאַקטאָרען אין אידענטום. היינט אָבער איז די לאַגע אַן אַנדערע. ווען ס׳וואָלט היינט גע־קומען אַ „בית־דין הגדול" און וואָלט געוואָלט איינשטעלען אַ נייעם שולחן־ערוך, וואָלטען מיר זיכער ערשטוינט געוואָרען דער־פון. היינט געהט שוין ניט דער איד אין פייער און אין וואַסער צוליב דער „קליינער מצוה, וואָס איהר נאָמען איז שבת" און דאָס איז אין עצם די טראַגעדיע פון דער מאָדערנער אידישקייט. די פריהערדיגע דורות האָבען געוואוסט פאַרוואָס און צוליב וואָס זיי לײדען. זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי לעבען און שטאַרבען אויף „קידוש־השם". היינט איז דער באגריף גופא פון „קדוש־השם" אונז פרעמד געוואָרען. היינט ליידט ניט מעהר דער איד דערפאַר וואָס ער האַלט זיך אַן זיין אידענטום, נאָר דוקא דער־פאַר, וואָס זיין פאַרבינדונג מיט אידענטום איז לויז געוואָרען. די אידישע וועלט האָט זיך פיל געענדערט, און דעריבער זיינען די באציהונגען צווישען אונז און „זיי" געבליבען ווי געווען. אָבער מיר מוזען געהן נאָך ווייטער, צוקומען מיט׳ן סקאַלפּעל פון קריטיק ביז דעם מקור פון דעם שלעכטס. אויב פּראַקטישע אידישקייט איז נישט מעהר ווי אַ טויטער סקעלעט, צי לעבט נאָך לכל הפחות איהר גרונט־אידייע, איהר רעליגיאָזיטעט, איהר וועלט־אַנשויאונג, איהר גאָט־אַנשויאונג? אויב דאָס געשטאַלט האָט זיך געביטען — צי לעבט נאָך דער אינהאַלט ווי אַמאָל? אויב דער אויבערשטער צודעק איז פאַרטריקענט געוואָרען פון עלטער — ווי האַלט עס מיט׳ן אינערליכען קערן? דוקא די אייביגע אמת׳ען, וואָס, לויט מענדעלסאָנ׳ס באַהויפּטונג, זיינען זיי אין אידענטום ניט אָבליגאַטאָריש פאַר׳ן גלויביגען, דוקא זיי אינטערעסירען אונז אם שטאַרקסטען. דוקא אויף דער דאָזיגער שאלה, וואָס אידישקייט האָט אויף איהר קיין תשובה נישט, דוקא אויף איהר ווילען מיר ענטפערען. וואָלטער האָט אַמאָל געזאָגט: „גוט וואָלט משה געטאָן, ווען ער וואָלט געלערענט די העברעער די תורה פון השאָרת־הנפש אַנשטאָט די דינים פון נקיות וואָס ער האָט זיי געגעבען". וואָס מיר פאָדערען היינט פון אמונה — איז, זי זאָל אונז געבען אַ מעהר אָדער ווייניגער צופרידענשטע־

לענדען ענטפער אויף די אַלע אייביגע פראַגען וואָס דער אַגנאָס־טישער געדאַנק לאָזט איבער אָהן אַן ענטפער, זי זאָל אונז געבען אַ וועלטענליד מיט וועלכען מיר זאָלען קענען חלום׳ען אונזערע חלומות... ווייל עסען און טרינקען און צופרידענשטעלען דעם גוף קענען מיר אויך אָהן דער הילף פון אמונה. אויך די פראַגע פון סעקסועלער מאָראַל געהערט נישט צו איהר. און ווען מיר לייענען אין דער תורה די פרשות פון „זב ומצורע", און דאָס גלייכען, זעהט עס אונז אויס אַזוי ווילד, אַזוי ניט פּאַסיג, וואָס עס געפינען זיך אַזעלכע זאַכען אין ספר פון אונזער קולטור. אויך אונזערע יוסטיץ־באַגריפען זיינען שוין לאַנג נישט אין איינ־קלאַנג און האַרמאָניע מיט די יורידישע געזעצען פון אידענטום. די לעהרע פון שכר ועונש, אַפילו שוין נאָך דער הוראה וואָס מ׳האָט מהדש געווען אין תלמוד (עין תחת עין — ממון) איז פאַר אונז, מאָדערנע אידען, דורכגעפוילט פון עלטער, ווי עפּעס דאָרט אַ געזעץ וואָס שטעהט אין די „י"ב לוחות", ווי די משפחה־דינים און פערזענליכע אייגענטום־געזעצען פון די אַלטע רוימער. וואָס פאַר אונזער יוסטיץ־באַגריף איז דערהויפּט וויכטיג, איז צו רעס־טאַורירען ניט בלויז דעם באַשעדיגטען נאָר אויך דעם שעדיגער. די הויפּט־אידייע פון די נייע שטראָף־געזעצען איז — צוריק־צוקערען אויפ׳ן געזעלשאַפטליכען וועג די יעניגע וואָס האָבען פון איהם זיך דערווייטערט, אריינבעהמען ווידער אין די ראַמען פון געזעלשאַפטליכער אָרדנונג די יענע יחידים וואָס זיינען פון איהר ארויסגעשטויסען געוואָרען.

מיר ווייסען דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַלטען אידענטום וועגען דער סאָציאַלער פראַגע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם זאַץ: „צו מיר זיינען די בני־ישראל קנעכט, און נישט קיין קנעכט צו קנעכט". דאָס איז אַ געזעץ פון אַ טעאָקראַטישער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך נאָך נישט גענוג דיפערענצירט, וואָס איז פאָרמירט און באַשאַפען געוואָרען — ווי וועלהויזען זאָגט — „אַלס אַ הוספה און דערגענצונג צו אַנאַרכיע". — אַנדערע פּרו־בירען אויסצוגלייכען און צופּאַסען אידענטום צום סאָציאַליזם. אָבער, ערשטענס, איז נאָך סאָציאַליזם גופא ניט דאָס לעצטע וואָרט פון אנטוויקלונג, און צווייטענס, שטימט כלל נישט אידענטום מיט סאָציאַליזם. אין אידענטום — זיינען אַלע מענשען פאַרשקלאַפט,

אין סאָציאַליזם — זיינען אַלע פרייע מענשען. אין אידענטום זיינען אַלע קנעכט, אין סאָציאַליזם זיינען אַלע האַרען. צווישען די צוויי אַנשויאונגען ליגט אַ גייסטיגער תהום, איבער וועלכען מ׳קען קיין בריק נישט פאַרוואַרפען. איך וויל דאָ נישט זוכען קיין פאַרגלייכען, איך בין אויך נישט געקומען פאַרטיידיגען אָדער באשולדיגען דאָס אידענטום. וואָס איך בין דאָ אויסען, איז אויסצוגעפינען די באַציהונג צווישען אידישע אידייען און דעם אידישען מענשען, ווי די געשיכטע האָט איהם פאָרמירט. און דאָ מוז איך זאָגען, אַז אַפילו אויב די פאַרטיידיגער פון אידענטום ווי לאַצאַרוס און זיינע חברים זאָלען פּרובירען מיט אַלע כחות מיך איבערצייגען, אַז אידענטום פּריידיגט אַן אויטאָנאָמע מאָראַל אויפ׳ן גרונט פונ׳ם פסוק: „כבד — למען", איז דאָך אומ־מעגליך ניט צו דערשפּירען, אַז אין דעם דאָזיגען „למען" ליגט טאָקע דער גאַנצער אונטערשייד. מיר זאָגען „יען" און ניט „בכדי", און אין דעם ליגט דער אונטערשייד צווישען דער העטעראָנאָמער מאָראַל און דער אויטאָנאָמער מאָראַל, צווישען דער אַלטער וועלט־אַנשויאונג און דער נייער. אמת, ניצשע האָט אויך געזאָגט: „למען", אָבער דאָס איז אינגאַנצען אַן אַנדער „למען". לעב לויט די געזעצען פון דיין „איך" כדי דו זאָלסט דערהויבען זיך און די גאַנצע מענשהייט. אָבער ווען לאַצאַרוס (אין זיין ווערק וועגען אידישער עטיק) קומט און דערקלערט, אַז די אידישע מאָראַל איז אַן אויטאָנאָמע, ווייל עס שטעהט געשריבען אין דער תורה: „והייתם קדושים כי קדוש אני" — איז דאָס נישט קיין אויטאָנאָמע מאָראַל, אַפילו אַז מיר זאָלען דערקלערען דעם באַגריף „גאָט" מיט׳ן באַגריף פון אַ מאָראַלישען סדר־העולם. און פרעגט מען: אין וואָס איז פאַרקערפּערט דער באַגריף פון קדושה? וואו איז די באַציהונג צווישען מאָראַל און וועלט־אָרדנונג? — וואָס פאַר אַן ענטפער קריגען מיר אויף דעם אין אידענטום?

אמת, די קבלה האָט יאָ געזוכט צו ענטפערען אויף דער דאָזיגער שאלה אין איהר לעהרע, די לעהרע פון טראַנסצענדענטאַלער מאָראַל און די מיסטעריעזע באַציהונגען צווישען מענש און וועלט, אָבער די תורה פון די מקובלים איז געבליבען אַ פאַרהוילענע תורה, וואָס האָט נישט אריינגעדרונגען אין דער

אידישער דערקענטניש און איז נישט געוואָרען קיין חלק פון עצם אידענטום: ווייל די אָפּהיטער פון דעם אָפּיציעלען אידענ־טום האָבען מיט רעכט דערקענט, אַז קבלה איז דער בטול פון אידענטום און איהר סתירה.

אָבער צי קען דער גרונט־באַגריף פון אידענטום, זיין ווינ־קעלשטיין און יסוד, ביישטעהן דעם דרוק פון צייט־גייסט? שמואל דוד לוצאַטו, אויך איינער פון די גרויסע פּאַרטיידיגער און קליינע פילאָזאָפען פון אידענטום, זאָגט: „אונזערע חכמים האָבען קיינמאָל נישט געזוכט צו גרינדען אַ טעאָלאָגיע און פעסט־שטעלען אַ רעליגיעזע סימבאָליק". אָבער דאָס טאָקע איז געווען דער חסרון, ווייל אַלץ האָט ביי זיי אויסגעזעהן אַזוי פּשוט, אַזוי פאַרשטענדליך. לאָמיר נעמען, למשל, די אמונה פון אחדות. ביים רמב"ם האָט די דאָזיגע אמונה אויסגעזעהן אַזוי פאַרשטענד־ליך, גלייך ווי זי וואָלט געווען באַגרינדעט אויף די אייביגקייט־פעלזען פון געלייטערטען פאַרשטאַנד. אָבער פון דעם מאמר „י"י אחד" לערנען מיר גאָרנישט ניט. כל־זמן די עיקרים פון אמונת־היחוד זיינען געשטאַנען ווי אַ געגענזאַץ צו די עיקרים פון פּאָליטעאיזם האָט אידענטום באמת געקענט זיין דער חותם פונ'ם איד און איהם דינען ווי אַן אייביגער אמת, וואָס צוליב איהם האָט ער געלעבט און געשטאָרבען. אַנטקעגען דער אמונה פון אַ „דריי־איינזיגקייט" — די אמונה פון איינס, אַנטקעגען דער אמונה פון אַ „גאָט־מענש" — די עקסטרעמע און אַבסאָלוטע אַבסטראַקציע פון יעטווידער גשמיות. פאַר אַזאַ תורה און גלויי־בען איז באמת מעגליך געווען צו געהן אויפ'ן אויטאָ־דאַ־פע, און אפשר האָט מען אין דעם געקענט געפינען אַ זכות וואָס זאָל בארעכטיגען דעם לאַנגען גלות. אָבער דער דאָזיגער עיקר איז דאָך בלויז אַ נעגאַטיווער, און אַז מיר וואָלטען געוואָלט ארויס־ציהען פון איהם זיין אומפאַרמיידליכע קאָנסעקווענץ — וואָלט די אָפּיציעלע אידישקייט זיך געשטעלט אַנטקעגען איהר. וואָס, אייגענטליך, האָט שפּינאָזאַ געוואָלט? פון דעם מאמר „י"י אחד" האָט ער געוואָלט ציהען אַ פאַרגלייך און איהם אַנווענדען אויף דער גאַנצער וועלט, אויף אַ וועלט וואָס שטעהט און האַלט זיך אויף פון פאַרשיידענע מאָדוס־צושטאַנדען, וואָס ווערען אַלע פאַרשלונגען און אריינגענומען אין איין סובסטאַנץ, אין וועלכער

די שפּאַנענדיגע נאַטור און די באַשאַפענע נאַטור (נאַטוראַ־נאַטו־ראַנס עט נאַטוראַ נאַטוראַטאַ), דאָס באַשאַף און דער באַשעפער — זיינען איינס. דאָס איז געווען אַ פולשטענדיגע אַבנעגאַציע פון דעם אַלטען אידענטום, דאָס פאַרלייקענען פון אַ פערזענליכען גאָט. ניט בלויז די אמונה אין גאָט, נאָר דער גאַנצער בנין פון אידענטום וואָס נאָכ'ן גלות, פון אידענטום וואָס האָט געשטרעבט צו מאַכען די רעליגיע פאַר אַ נאַציאָנאַלער אָנגעלעגענהייט, אַ וואָפען לגבי דער אויסערליכער וועלט, איז אומגעוואָרפען גע־וואָרען דורך שפּינאָזאַ'ן. און ס'איז געווען גאַנץ נאַטירליך, וואָס דאָס אָפיציעלע אידענטום האָט זיך פון איהם אָפּגעטרייסעלט און איהם פון זיך ארויסגעשטויסען. וואָס עס וואונדערט אונז שטאַרק — איז דער פאַקט, וואָס שפּינאָזאַ'ס אידייען, וואָס האָבען שוין געהאַט טיפע וואָרצלען אין געדאַנקענגאַנג פון דער קבלה, האָבען נישט געפונען קיין ריכטיגען אָפּקלאַנג אין אידישען גייסטיגען לעבען. קאַנט און העגעל, למשל, זיינען אויך אָפיציעל נישט אַנערקענט געוואָרען פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, ווייל די הויפּט־עלעמענטען אין די סיסטעמען פון די דאָזיגע צוויי פילאָ־זאָפען זיינען געווען פון אַ צושטערערישען כאַראַקטער. אָבער דער מעטאָד און וועלט־אַנשויאונג פון די דאָזיגע צוויי פילאָזאָפען האָבען געהאַט זייער שטענדיגע השפעה — הגם אויף אַן אומ־דירעקטען אופן — אויף די טעאָלאָגישע לעהרען און האָבען גורם געווען צו דער אנטוויקלונג פון רעליגיעזען געדאַנק. אמת, אין אַבסאָלוטען זינען האָט עס קיין גרויסען ווערט ניט געהאַט. נישט קוקענדיג אויף די שטרעבונגען פון אַלע טעאָלאָגישע שוהלעס האָבען זיי דאָך נישט אריינגעבראַכט קיין איינציגען ווערטפולען געדאַנק אין דעם אוצר פון מענשליכען דענקען. אויך די „טיו־בינגען"־שוהלע, וואָס איז אין איהר צייט געווען אַזוי מפורסם (שטרויס, בויער און אַנדערע), אויך שלייערמאַכער, אָדער, אין דער לעצטער צייט, די „ניי־טהאָמיסטישע", אָדער „ניי־קאַטוי־לישע" שולע האָבען ניט באַאיינפלוסט דעם איראָפּעאישען גע־דאַנק און נישט געבראַכט קיין שום נוצען אויפ'ן פעלד פון פילאָ־זאָפיע און דער ענטוויקלונג פון דער איראָפּעאישער קולטור, אַחוץ אפשר אין דער ביבעל־קריטיק, וואָס איז דורך זיי אויפ־געהויבען געוואָרען צו אַ הויכער מדרגה. אָבער אַפילו די השפעה

זייערע אין דעם דאָזיגען ווינקעל באַרעכטיגט נישט זייער עקזיס־טענץ און קען זיך לאַנג נישט ציהען. דער הויפּט־יסוד פון אַלע אַלטע רעליגיעס, די אויטאָריטאַטיווע, טראַדיציאָנעלע אמונה איז שוין לאַנג חרב געוואָרען.

אָבער די אידישע טעאָלאָגיע זעהט לחלוטין גאָרנישט ארום זיך. טעאָלאָגיע?! האָבען מיר גאָר אינגאַנצען אַזוינס בכלל? צי האָבען מיר בכלל רעליגיעזע מענשען, מענשען פון רעליגיעזען דענקען, וואָס, וויסענדיג און אַנערקענענדיג די אידייע פון אידענטום, זיינען זיי איהרע פאַרטיידיגער און באשיצער, ניט בלויז אַלס אַ טראַדיציע, נאָר אַלס זייער אייגענע אינערליכע וועלט, אויס זייער אינערליכער איבערצייגונג, ווייל אידענטום איז דער יסוד פון זייער נשמה? וואו איז איין רעליגיעזער געדאַנק וואָס אונזערע מערב־טעאָלאָגען האָבען מחדש געווען? און וואָס איז דאָ צו רעדען פון אונזערע מזרח־טעאָלאָגען? די דאָזיגע זיינען על־פּי־רוב פּשוטע בעלי־הלכה און נישט מעהר. זיי פאַרשטעהען בכלל נישט, אַז ס׳איז פאַראַנען אויף דער וועלט אַ רעליגיעזער געדאַנק אויסער די ד׳ אַמות פון „דיני טומאה וטהרה״, און „הלכות תערובות״. — אָט די אַלע „חכמי־היהדות״ פון מערב־אייראָפּע, פון גייגער, האָלדהיים און אַנדערע, ביז די רעליגיעזע רעפאָרמאַטאָרען פון אונזער צייט, — וואָס האָבען זיי אויפגעטאָן און מחדש געווען אין אונזער רעליגיעזער פילאָזאָפיע? זיי האָבען זיך געהאַלטען בלויז אָן דער אויסערליכקייט פון זאַכען און דערפונדען דעם געדאַנק וואָס איז שוין לאַנג געווען במציאות — דעם געדאַנק פון אַ „מיסיאָן״. מיסיע?! גוט, שעהן, — אַ הערליכער געדאַנק! אָבער וואָס אַזוינס דאַרפען מיר טראָגען אין דער וועלט אריין? וואָס פאַר אַ ניי וואָרט האָבען מיר צו זאָגען דער מענשהייט? דעם געדאַנק פון אַחדות־אלהים? אָבער די מענשהייט איז דאָך שוין איבערגעגאַנגען פון אונזער געט־ליכקייט־געדאַנק „צו דער טאָג־אָרדנונג״. דאָס, וואָס מיר רופען מיט׳ן נאָמען מאָנאָטעאיזם, טראָגט שוין נישט אין זיך קיין אנטוויקלונג־ און פראָגרעס־מעגליכקייטען פאַר דער וועלט פון מאָניזם. די ביבעל האָט שוין דורכגעפיהרט איהר אויפגאַבע פאַר דער מענשהייט. ארום צוויי טויזענט יאָהר האָט זי געדינט דער מענשהייט אַלס דאָס בוך, די טראַדיציע, די אמונה. און

איצט, ווי באַלד, אַז די ביבעל האָט פאַרלוירען איהר אויטאָ־ריטעט ביי דער וועלט, מיט וואָס פאַר אַ ניי וואָרט קענען מיר קומען צו דער מענשהייט? אפשר מיט אונזער מאָראַל און יסודות פון נבואה? אָבער, כ'האָב מורא, אַז מ'קען זיי ביידען ניט צופאַסען צום גייסט פון דער נייער צייט. דאַרמשטעטער האָט אַמאָל געזאָגט: „די אמונה פון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט וועט קומען אויף דער וועלט דורך דער פאַראייניגונג פון וויסענ־שאַפט מיט נבואה". אָבער דאָס מיינט דאָך: פאַרטושירען צוויי קאָנטראַסטען, טעאָלאָגיש פאַרטושירען, אומבאוואוסטזיניק אונטער־גראָבען דעם גאַנצען פונדאַמענט פון אידענטום. „וויסענשאַפט" און „נבואה" — וועלען זיך פאַראייניגען אין איין אמונה. אַזוי דענקען קען בלויז אַ ראַציאָנאַליסט, ווי דער רמב"ם, למשל, איז געווען. ווייל וואָס אייגענטליך האָט דער רמב"ם געוואָלט אַנ־דערש, אויב נישט באהעפטען און פאַראייניגען „די וויסענשאפט מיט דער טראַדיציע" און באַפעסטיגען אויף אַזאַ אופן די תורת־היהדות? ביי איהם איז די אַריסטאָטעלשע פילאָזאָפיע געווען דער סימבאָל פון „וויסענשאַפט", און פאַר דאַרמשטעטער'ס צייט־גענאָסען איז דער סימבאָל פון וויסענשאפט — לאַפּלאַס איז אַלץ נאָך נישט דאַרווין. ביים רמב"ם ווערט עס אָנגערופען „מסורה" און ביי דאַרמשטעטער און זיינע חברים מיט דעם נאָמען „נבואה". צוויי ווערטער — אָבער איין באַגריף. ווייל, וואָס אַזוינס איז נבואה? און ווען מען רעדט היינט אַזוי פיל וועגען נבואה און נביאים — אויך הערמאַן כהן רעדט וועגען דעם מיט באזונדערער באטאָנונג — האָט מען דאָך אין זינען בלויז אייניגע פון זיי און נישט אַלע, זאָגען מיר: ישעיה דעם ערשטען און דעם צווייטען, ירמיה, מיכה, הושע, עמוס. ווייל די אַנדערע נביאים האָבען אַ גרויסען ווערט אַלס נאַציאָנאַלע, ווייט ניט אַלס וועלט־נביאים. אָבער, צי האָבען באמת די נביאים געפּריידיגט די העכסטע מעגליכסטע מאָראַל? האָבען זיי באמת געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט אין עטיק? וואָס אַזוינס איז די נביאישע מאָראַל? מיכה זאָגט אונז: „מע האָט דיר אָנגע־זאָגט וואָס ס'איז גוט, און וואָס יהוה פאַרלאַנגט פון דיר, בלויז טאָן משפט און ליב האָבען חסד, און אומגעהן צניעות־דיג מיט דיין גאָט". (מיכה ו'.) ישעיה דער צווייטער, וואָס

זאָגט נביאות מיט'ן כח פון זיין שטאַרקער אמונה, מיט אַ מעכ־טיגער שטאַרקער ליריק, וואָס ברויזט און שטורעמט, וואָס ס'דוכט זיך, אַז זי כאַפּט ארום די זיילען פון גאַנצען באַשאַף, מיט אַ וואונדערליכען מעכטיגען פּאַטאָס, וועלכער איז דער קרעפטיג־סטער גייסטיגער יסוד וואָס די נביאים האָבען אריינגעבראכט אין אוצר פון דעם מענשליכען באַגריף און ציוויליזאַציע, — ער רעדט און זאָגט נביאות אין דערהויבענער התלהבות וועגען דעם רצון פון גאָט־צבאות, דעם „הייליגען פון ישראל". דערביי שרעקט ער און חנפ'עט. אָט שטעלט ער אָן אַ צאָרענדיג פּנים און זאָגט: „אַלע פעלקער זיינען גאָרנישט אַנטקעגען איהם, ווי גאָרנישט און נישטיג זיינען זיי ביי איהם פאַררעכענט . . . דער וואָס זיצט איבער'ן צירקעל פון דער ערד און איהרע באַוואוינער זיינען ווי מילבען, דער וואָס האָט געבויגט ווי אַ פאָרהאַנג די הימלען, און האָט זיי אָנגעצויגען ווי אַ געצעלט אויף צו וואוינען; דער וואָס מאַכט פירשטען צו גאָרנישט, מאַכט די ריכטער פון דער וועלט צו נישט; אויך זיינען זיי נישט פאַרפלאַנצט געוואָרען, אויך זיינען זיי נישט פאַרזייהט געוואָרען, אויך איז נישט זייער שטאַם איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין דער ערד, ער טוט אַ בלאָז אויף זיי און זיי טריקענען אויס און דער שטורעם פאַרטראָגט זיי ווי שטרוי" (ישעיה מ'). און תיכף מאַכט ער אַ פריינדליך פּנים און רעדט צערטליכע רייד: „די אָרימע לייט און אביונים זוכען וואַסער און ס'איז נישטאָ, זייער צונג איז פון דורשט פאַר־טריקענט, איך, גאָט, וועל זיי ענטפערען, גאָט פון ישראל וועל זיי נישט פאַרלאָזען"; (דאָרט, מ"א) און דאַן דריקט ער אויס זיין מאָראַלע תביעה נאָך שטאַרקער באַטאָנט, מיט אַ קלערערען און בפירוש'דיגען אויסדרוק: „זאָל דער רשע פאַרלאָזען זיין וועג און דער מאַן פון אומרעכט זיינע געדאַנקען, און זאָל ער זיך צוריקקערען צו גאָט און ער וועט זיך אויף איהם דערבאַרעמען, און צו אונזער גאָט, ווייל ער פאַרמערט צו פאַרגעבען; — — — אַזוי זאָגט גאָט: „היט אָפּ משפט און טוט גערעכטיגקייט, ווייל נאָהנט איז מיין הילף צו קומען, און מיין גערעכטיגקייט זיך צו אַנטפּלעקען"... (דאָרט, נ"ה—נ"ו) די שטימען פון מאָראַלען געפיהל פון די דאָזיגע נביאים, אַזוי מעכטיג און שעהן אין זיין ווילדקייט, קלינגען ווי וואונדערליכע טראָמפּייטען דורכ'ן משך

פון צוויי טויזענד יאָהר און וועקען אין אונז אַן אָפּקלאַנג פון דעם דאָזיגען מעכטיגען מאָראַלישען פּאַטאָס, פון דער דאָזיגער וואונדערליכער מעכטיגער שטימונג. מיר שטעהען פאַרבליפט פאַר דער גרויסער נשמה פון נביא. ווי פאַר'כישופ'ט, כמעט ניט באגרייפענדיג, קניהען מיר פאַר דער נבואה־דערשיינונג. אָט די דאָזיגע מעכטיגע רייד, פון וועלכע עס איז בלויז אראָפּ־געקומען געוואָרען אָט דער וואונדערליכער פּאַטאָס, נאָר מיט אַ צאַרטערער שטימונג, האָבען אויך ארייגעדרונגען אין קריסטענ־טום און אויף דעם אופן אויסגעלעגט פאַר איהם דעם וועג צו דער גרויסער וועלט, צו דער מענשהייט. אָבער ווען מיר ווילען דעם דאָזיגען פּאַטאָס איבערזעצען פון זיין מקור און איהם פאַר־וואַנדלען אין דענקען, ווען מיר זוכען דעם פּאָזיטיוועז קערן אין דער נבואה, ווען מיר ווילען איהם דערגרונטעווען און מאַכען פון איהם אַ באַזע פאַר אַ פולשטענדיגען לעבענס־שטייגער, וואָס זאָל פיהרען און איינשטעלען אַ סדר אין אונזערע אייגענע באַ־ציהונגען צו זיך אַליין און צו דער ארומיגער וועלט — וואָס טוען מיר אין איהם געפינען ? עיקרים פון גערעכטיגקייט, טאָן גוטס, ליבע צו גאָט ? אָבער דאָס אַלץ איז מעהר נישט ווי אַן אַבסטראַקטע דאָגמע, — אַזעלכע אַלגעמיינע און אייביגע עיקרים, אַז זיי קענען שוין נישט פאַרעכענט ווערען פאַר אַ נאַציאָנאַלער תורה פון מאָראַל. די דאָזיגע עיקרים פעהלען נישט אין קיין רעליגיע אין דער וועלט, אַפילו נישט אין אַן אמונה וואָס פאַר־מאָגט נישט קיין אַנטוויקעלטע און פאַרפאַלקאָמטע לעבענס־אָנשוי־אונג. גערעכטיגקייט — וואָס איז דאָס אַזוינס ? און ווי וויית גרייכט די מידה פון גערעכטיגקייט ? זיינען נישט אָפּגעטאָן געוואָרען אַלע גרוילטאַטען און אַכזריות'ן דוקא אין נאָמען פון גערעכטיגקייט ? ס'איז באַקאַנט דאָס ווערטעל : „סומום יוס סוממאַ איניוריאַ !" (די גרעסטע גערעכטיגקייט איז אין דער אייגענער צייט אויך דאָס גרעסטע אומרעכט). „גערעכטיגקייט !" — באַמערקט פּאַסקאַל מיט אַ ביטערער איראָניע — „וואָס ביי די פירענעער איז גערעכטיגקייט, איז אויף דער צווייטער זייט פון די פירענעער־בערג רשעות און שוידערליכקייט". — וואו איז דער פרוכטבאַרער עיקר וואָס לעבט אין דער נביאישער תורה פון גערעכטיגקייט ? וואו איז דער עלעמענט פון „מוסר־

היהדות" וואָס זאָל קענען באַאיינפלוסען דעם פּראָגרעס פון קול־טור, וואו איז יענער עלעמענט וואָס ווערט אַזוי באַזונגען און פאַרהערליכט אַלס דער דערהויבענסטער און סאַמע העכסטער מאָראַלישער עיקר? ווען מיר זאָלען משפט'ען וועגען די עיקרים פון גערעכטיגקייט אין אידענטום לויט זייער פאַרקערפּערונג אין ממשות'דיגען אידישען לעבען — ווילען מיר געצוואונגען זיין זיך צוריקציהען פון אונזער טעות און לגמרי אָפּלייקענען זייער היוכען ווערט, אַלס פאַקטאָרען פאַר מעכטיגע ענדערונגען און וועלט־איבערקערענישען. לאָמיר נאָר נעמען פאַר אַ ביישפּיל די אידישע באשטראָפונגס־געזעצען, ווי זיי זיינען געלעגט גע־וואָרען אַלס אַ יסוד אין דער געשריבענער תורה און וואָס האָבען זיך שפּעטער אַנטוויקעלט אין משנה און תלמוד. איך האָב שוין אָנגערירט די שטראָף־געזעצען פון דער תורה און באמערקט אַז זיי שטימען נישט מיט די נייע באגריפען פון יושר און גערעכ־טיגקייט. אָבער דאָס אייגענע איז אויך בנוגע דער אַנטוויקלונג פון די באשטראָפונגס־געזעצען פון תורה שבעל פה. איז דאָס געוועזען „גערעכטיגקייט" ביי ר' שמעון בן שטח, ווען ער האָט זיך איבערגענומען, אַז ער האָט אין איין טאָג פאַר'משפט אַכציג „מכשפות" צו דער תליה? צי אפשר אין דעם, אַז איינער האָט גע'הרג'עט אַ מענשען, זאָל דער מערדער אויך פאַר'משפט ווערען צום טויט — נאָך מעהר, אַפילו אויב זיין אָקס האָט געטויט אַ מענשען?... אמת, דאָס אַלץ איז געוועזען גערעכטיגקייט לויט'ן אַלטען באגריף, לויט'ן באגריף פון באַלוינונג, פון גמול: ווי דו טוסט צו מיר — טו איך צו דיר! דאָס איז אַ גערעכטיגקייט וואָס ליגט אַלס הויפּט־יסוד אין פּראקטישען ממשות'דיגען לעבען, אַ גערעכטיגקייט פון אַ שותפות'דיג געזעלשאפטליך לעבען, אַ גערעכטיגקייט פון אַ געזעץ־בוך. דאָס איז אָבער נישט קיין גערעכטיגקייט פון דער אַבסאָלוטער, אידעאַלער מאָראַל.

אָבער, מ'זאָגט, די דאָזיגע עיקרים זיינען סאָציאַלע. מ'זאָגט, די נביאים האָבען תמיד געקעמפט פאַר די אָרימע קלאַסען, זיי האָבען זיי באשיצט און געפאָדערט פאַר זיי משפט פון זייערע באדריקער. גוט, מיר ווילען מאַכען די הנחה, אַז ס'איז טאַקע אַזוי געוועזען באמת. אָבער זיי האָבען אויך נישט אָפּגעלייקענט די עקזיסטענץ־בארעכטיגונג פון אָרימקייט אַן און פאַר זיך. קיין

איין איינציגער פון זיי האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם מאמר פון דער תורה: „עס וועט נישט אויספעהלען קיין אביון פון דער ערד". קעמפען אַנטקעגען שלעכטס און אומרעכטס, קעגען עולה און באַטרוג, — און נישט צוריהרען זיך צו זייערע וואָרצלען און זיי איינגאַנצען אויסראָטען, פריידיגען רחמים און דערבאַרעמונג און איבערלאָזען פונדעסטוועגען די עלעמענטען פון אומגערעכטיגקייט און אום׳יושר׳דיגקייט — האָט אפשר אַ מאָראַלישען סוביעקטיווען ווערט, אָבער, דאָס איז נישט קיין אָביעקטיווע מאָראַל, וואָס האָט אַן אוניווערסאַלען ווערט. די נביאים האָבען אויך נישט אַנטוויקעלט און פאַרפאָלקאָמט דאָס דעת־אלהים, די אידישע מעטאַפיזיק. לאָמיר באטראכטען די אַלע טיטלען און באצייכענונגען וועלכע די נביאים זיינען מיחס צו גאָט, און מיר געפינען תמיד בלויז דעם אַלטען אידישען פאָרשטעל „דער באַשעפער", „דער האר", „דער ערשטער און לעצטער". דאָס קאָנצענטרירען זיך אויף איין דענק־פונקט, וואָס באַצוועקט תמיד אַן איינאונאיינציגען געדאַנק, רופט ארויס פשוט באַוואונדערונג. מיר, וואָס קוקען אויף אמונות פון פעלקער און זייערע רעליגיעזע קולטען מיט אַ קריטישען בליק און אַנאַליזירען אַלצדינג אָהן שום פאָראורטיילען, ווען מיר שאַצען אָפּ די פאָרמולע פון אידישען דעת־אלהים וואָס באגרעניצט זיך אַליין און איז מעכטיג אַדאַנק דער דאָזיגער זעלבסט־באגרעניצונג, אָט די פאָרמולע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם מאמר „אני ראשון ואני אַחרון", און אין איהר העכסטער מדרגה — אין „שם המפורש", וועלכער איז געוואָרען די מיסטעריע פון די הייליגע יחידי־סגולה און ארויסגעבראכט דעם ריינעם, פשוט׳ען איין־סופ׳יגען נאָמען פון „הויה", — ווען מיר פאַרגלייכען די דאָזיגע פאָרמולע מיט דער הינדוסישער פאָרמולע, וואָס רופט אין אונז ארויס שטוינונג דורך איהרע פילצאָליגע און פארשיידענאַרטיגע באַצייכענונגען (ווי, צום ביישפיל: „דיינס איז גאָט די פאָרהערליכונג און דער לויב, אָ, גאָט, האר פון אַלע געטער, די אומאַקטיוויטעט... דאָס אויג פון דער וועלט, דער אין־סופ׳יגער, דער חומר־קדמון, די אומשטערבליכקייט, דער וואָס זיין נאָמען איז דער אומשטערבליכער, דער אין־סופ׳יגער, דער חלל פון הימעל, דער אייביגער, דער וואָס דו ביסט הויה און ניט־הויה,

דער וואָס דו ביסט די אַנטוויקלונג און די ניט־אַנטוויקלונג, דער אָרט פון אמת, דער אור־גאָט, דער בורא, דער וואָס דאָס גוטע איז זיין יצירה, דער פּאַרוויסטער, דער באַשאַפענער־אומבאַשאַפענער, דער בעל־רצון, דער אָהן־רצונ'דיגער, דער מקור פון קרבן... דער וואָס איז אָהן אָנהייב און אָהן מיט, דער פאַרהוילע־נער סוף, דער פאַרהוילענער מיטען, דער הכרה, דער וואָס איז זיך אַליין מכריח . . . וכדומה.) — ווערען מיר באמת נשתומם פון דער וואונדערליכער הכללה אין אידישען דעת־אלהים. אָבער מיר קענען בשום אופן נישט פאַרגעסען און פאַרזעהן, אַז דוקא די דאָזיגע אויסגעצייכענטע אידישע פשטות נעהמט לכתחילה אַוועק די מעגליכקייט פון יעדער אַנטוויקלונג און פאָרטשריט. אין דער הינדוסישער גאָט־השגה ווערט אָפּגעשפּיגעלט די מלחמה פון מענשליכען געדאַנק, וואָס איז פאַרשטריקט און פאַרפּלאָנ־טערט אין דער נעץ פון די אייביגע וועלט־הפכים און סתירות, און דעריבער אינטערעסירט זי אַזוי אונזער דור: מיר דער־שפּירען און געפינען אין איהר אַ געוויסע גייסטיגע נאָהנטקייט.

אַחוץ דעם, טאָר מען אויך דאָס נישט פאַרגעסען, אַז נבואה איז נישט קיין תורה. די נבואה אָן און פאַר זיך איז אַ גייס־טיגע קוואַליטעט, אַן אינערליכער נשמה־אויפלייכט. די גרויס־קייט ליגט נישט אין דעם וואָס די נביאים האָבען געזאָגט, נאָר ווי אַזוי זיי האָבען עס געזאָגט. ביי אַלע גרויסע מענשען וואָס באזיצען אַ שטאַרקען לעבענס־פּאַטאָס — פליסט נביאים־בלוט אין די אָדערען. אָבער נבואה אלס אַן אָביעקטיווער ווערט איז בכלל אויף דער וועלט נישט פאַראַנען, אַזוי ווי קיין „כהונה" און קיין „קדושה" אויף דער וועלט קען זיך נישט האַלטען אַלס אַ באזונדערע אינסטיטוציע.

דאַרמשטעטער רעדט ווייטער דאָרט וועגען דער „וויסענ־שאַפט". אָבער, וואָס פאַר אַ וויסענשאַפט? צי קען מען, למשל, פאַראייניגען און באַהעפטען העגעל'ן מיט מיכה הנביא? צי קענען ניטצשע און שטירנער וואוינען אין איין מחיצה מיט הושע און עמוס? צי קען דער לאָגישער אַנאַליז פון אונזער צייט, דער דאָזיגער שאַרפער אַנאַליז וואָס צושטערט אַלצדינג, וואָס צופּאַלמעסט אַפילו די יסודות פון מענשליכען געדאַנק, און האָט נישט מורא צו קריטיקירען און אַוועקנעהמען דעם אָביעק־

טיווען ווערט פון וואָרט גופא — צי קען דער אַנאַליז שלום מאַכען מיט די נביאים, וואָס ריידען פון אַלץ מיט פּאָזיטיווער זיכער־קייט, אָהן קיין שום ספקות? „וויסענשאפט״! אין נאָמען פון דער דאָזיגער וויסענשאפט גופא, האָט גיאָ, דער פראַנצויזישער פילאָזאָף, געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם „אומגלויבען פון דער צוקונפט״, דער „מאָראַל וואָס איז באפרייט פון יעדער פאַר־אַנטוואָרטליכקייט״. ניין, איך קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין בילד פון אַ פאַראייניגונג צווישען די צוויי גייסטיגע ווערטען, וואָס האָבען ניט קיין שום אַלגעמיינעס און באציאונג צווישען זיך. און איך גלויב, אַז דאַרמשטעטער האָט אויך ניט קיין פאָרשטע־לונג פון אַזאַ בילד. זיין באהויפּטונג אַז „די אמונה פון צוואַנ־ציגסטען יאָרהונדערט וועט קומען אויף דער וועלט פון דער פאַר־איינינונג צווישען וויסענשאפט און נבואה״ — איז סתם אַ פראַזע, וואָס איז געבוירען פון נישט אויסטייטשען ריכטיג די באגריפען „וויסענשאפט״ און „נבואה״.

***

איך ווייס, עס וועלען קומען פאַרשיידענע קענער און למדנים און וועלען מיר ענטפערען: אָבער, דאָס איז דאָך כלל נישט אמת, אַז אידענטום אין זיין מהות איז אין געגנערשאפט צו וויסענ־שאַפט, צו דער נייער וועלט־אַנשויאונג... דאָ זאָגט די תורה אַזוי און אַזוי, און אין תלמוד ווערט די זאַך אַזוי און אַזוי דער־קלערט, און קאָמענטאַרען אויף קאָמענטאַרען וועלען געמאַכט ווע־רען נאָר צו איבערצייגען אונז אין דער מעגליכקייט צו האַרמאָ־ניזירען אידענטום מיט „וויסענשאפט״, מיט דער „נייער וועלט־אַנשויאונג״. אָבער, מיינע ליבע, אפשר זייט איהר גערעכט, אפשר קען מען באמת אויסקוועטשען און ארויסנעמען נאָך עפּעס פון אונזער געזעצבוך, אפשר קען מען נאָך עפּעס פון אַלטען צופּאַסען צום נייעם. אָבער נישט דאָס בין איך דאָך אויסען, נישט דאָס איז מיין פּאַרלאַנג. איך רייד דאָ וועגען דעם אַלגעמיינעם מהות פון אידענטום, וועגען זיין אַלגעמיינעם גייסט, און ניט וועגען טויטע בוכשטאבען. וואָס מיך אינטערעסירט דאָ — איז די צענ־טראַלע אידייע וואָס הערשט אין דער גאַנצער ספערע פון אידענ־טום. עס קען זיין, אַז די דאָזיגע פראַגע — ווי דאָסטאָיעווסקי האָט אַמאָל געזאָגט — וועט אויסזעהן פאַר פאַרשטענדיגע פּראַק־

טישע מענשען ווי אַ נאַרישע פראַגע", אָבער, דאָס אידישע לעבען אונטער די היינטיגע אומשטענדען צווינגט יעדען אידען — זאָל ער זיין אפילו דער גרעסטער חכם — זיך צו פאַרנעמען דוקא מיט אַזעלכע פראַגען, וואָס זיינען אייגענטליך אַבסטראַקט, אָדער, ווי אַ סך מענשען דריקען זיך אויס, אַסאָציאַל, נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס זיי שטעהען אויך אין אַ זעהר ווייטער באַציהונג צו דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. אָן אונזער ענטפער אויף דער פראַגע וואָס איך האָב אויבען געשטעלט: — „צי לעבט נאָך דאָס אידענטום?" — הענגט אָפּ אונזער גאַנצע באַציהונג צום לעבען פון אידישען פאָלק, צי מיר דאַרפען געהן רעכטס, אָדער לינקס. אויב אידענטום לעבט נאָך — דאַן האָבען אונזערע ליידען און שטרעבונגען אַ זין און אַ צוועק, און איז עס שוין טויט — מוזען מיר עס אינגאַנצען פאַרלאָזען, אָדער שאַפען אַ נייעם אידענטום אויף די יסודות פון דעם אַלטען. אויב דער תלמוד האָט פאָראויסגעזעהן, אַז „עס וועט קומען אַ צייט און די תורה וועט פאַרגעסען ווערען ביי אידען", איז איצטער באמת די צייט וואָס זי ווערט פאַרגעסען. דער קנופּ וואָס פאַרבינדט די אידייע מיט איהרע טרעגער — ווערט איבערגעריסען. ס'איז ביי אונז די צייט פון „געטער־דעמערונג"...

איך ווייס אויך, עס וועלען קומען מענשען און מיר זאָגען, אַז דאָס אַלץ איז נישט ריכטיג; זיי וועלען זאָגען: דער אידישער המון איז געזונט אין זיינע טיפענישען און ער לעבט נאָך אין זיין וועלט, אין דער וועלט פון געזונטע אַלטע אידייען, און אין זיין אידענטום איז נאָך קיין איבערקערעניש נישט פאָרגעקומען; אַז ס'איז בלויז אַ הייפעל משכילים וואָס גריבלען זיך און פאַרצווייפ־לען, און זיי זיינען בלויז די טרוקענע, אָפּגעשטאָרבענע צווייגען פון בוים, וועלכע וועלען סוף כל סוף אַראָפּפאַלען און פאַרניכטעט ווערען. בין איך אַמאָל געווען אין אַ אידיש ליטוויש שטעדטעל, וואו קיין „פילאָזאָפירענדיגע משכילים" זיינען כלל נישט געווען, דאָרט וואו עס לעבט דער „אידישער געזונטער המון" און זיך צוגעהערט צו אַ אידיש ליד — מיר דוכט, ס'איז געווען אַ בונ־דיסטיש ליד — וואָס האָט געקלונגען מיט אַ ביטערען חוזק: „משיח און אידישקייט זיינען געשטאָרבען — אַ נייער משיח קומט אָן". דער נייער משיח — לויט דער בונדיסטישער עסכאַטאָ־

לאַגיע (די תורה פון אַחרית־הימים), פאַרשטעהט זיך, איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַלזאָ, צי זעהען מיר נישט אויך דאָ די קאָנוואולסיעס פון דעם אַלטען אידענטום, די גסיסה פון „ישראל סבא״? — „אידישקייט איז געשטאָרבען״! אַזוי זינגט ישראל, אַזוי זינגען אין געטאָ פּשוטע אידען, וואָס זיינען ניט אַזוי שטאַרק נוטה צו צווייפלען, און זיי זינגען עס מיט׳ן באַקאַנטען המונ׳ישען ציניזם. און אויב די זינגען אַזוי, וואָס זאָלען שוין זאָגען די אויפגעקלערטע פון פאָלק? מיט איבער צוויי טויזענד יאָהר צוריק קלאָגט שוין דער נביא: „אפרים מישט זיך אויס צווישען די פעלקער, אפרים איז געוואָרען ווי אַ נישט־איבערגעקערטער קוכען; פרעמדע האָבען פאַרצערט זיין קראַפט און ער ווייסט דאָס ניט; שוין גראָע האָר דורכגעשפּריצט ביי איהם און ער מערקט נישט און דער שטאָלץ פון ישראל איז געבויגען פאַר זיין פּנים, אָבער זיי קערען זיך ניט אום צו יהוה, זייער גאָט און זיי זוכען איהם ניט ביי אַלעם דעם״. און אויב דאָס פאָלק, דער אומוויסענדער המון, רעדט שוין היינט וועגען טויט פון אידישקייט, וואָס זאָלען שוין זאָגען די יעניגע פון ישראל וואָס ווילען נישט און קענען נישט צוזעהן דאָס פאַלען פון „שטאָלץ פון ישראל״ — און דאָך קענען זיי נישט זיך אומקערען צום אַלטען? וואָס זאָלען טאָן יענע וואָס קענען זיך נישט טרייסטען מיט סתם פאָרמולעס, די יעניגע וואָס האָבען פּרובירט אַ קוק טאָן אונטער׳ן שלייער פון זאַכען און מעשים, די יעניגע וואָס זוכען באמת גאָט׳ס וואָרט, כדי זיי זאָלען קענען לעבען? וואָס זאָלען טאָן די דאָזיגע הונגעריגע, אויף וועמען ס׳זיינען מקויים געוואָרען דעם נביא׳ס רייד: „עס וועלען קומען טעג, זאָגט גאָט, און איך וועל אָנשיקען אַ הונגער אויף דער ערד, נישט קיין הונגער נאָך ברויט און נישט קיין דורשט נאָך וואַסער, נאָר בלויז צו הערען די רייד פון גאָט; און זיי וועלען וואָגלען פון ים צו ים, און פון צפון ביז מזרח וועלען זיי וואַנדערען צו זוכען גאָט׳ס וואָרט — און נישט געפינען״...

יאָ, מיר מוזען אָנקומען צו אַ באַנייטער אידישקייט! די אַלטע לוחות זיינען צובראָכען געוואָרען און מ׳קען זיי נישט גאַנץ מאַכען און פאַרריכטען אויף אַ קינסטליכען אופן. די אידישע לעגענדע דערצעהלט: „ווען תורת־משה איז אַלט געוואָרען, מיט צוויי טויזענד יאָהר צוריק, איז רבי עקיבא ארויף אויפן באַרג

סיני און זיך געזאַמט דאָרטען פערציג טעג און פערציג נעכט. אַלע ווערטען פון דער איבערגעגעבענער תורה האָט ער אַרונטער־געפיהרט אונטער דער רוט פון קריטיק, ביז ער איז געקומען צום וואָרט „את", און האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער די צוויי טויזענד יאָהר וואָס זיינען פאַרלאָפען פון דענסטמאָל ביז היינט, האָבען שוין אויסגענאָגט די גאַנצע זאַפט פון דעם דאָזיגען הויכען וואָרט, און מיר זיינען היינט צו טאָג געבליבען נאַקעט און אָרעם, נישט האָבענדיג מיט וואָס צו דערהאַלטען די נשמה... דאָסטאָ־יעווסקי האָט אַמאָל געזאָגט: „איך קען מיר ניט פאָרשטעלען אַ אידען אָהן אַ גאָט", — ד. ה. לויט אונזער באגריף, אָהן אידישקייט, און גערעכט איז ער. וויבאַלד דער איד האָט חרוב געמאַכט זיין אינערליכע וועלט, איז ממילא בטל געוואָרען אויך דער זכות וואָס באַרעכטיגט זיין אידישקייט, און ער קען שוין זיין אייגענעם „איך" ניט פאַרשטעהן. מיר מוזען אָדער לעבען, און דאָס הייסט פיהרען אַ פול און גאַנץ לעבען, אַ לעבען וואָס פאַרמאָגט אַ באַשטימט געשטאַלט און ווערט געטראָגען פון אַ באַשטימטער אידייע — אָדער אינגאַנצען אונטערגעהן... דאָס איז דאָס גרויסע און שווערע פּראָבלעם, וואָס שטראָמט אומ־פאַרמיידליך אַרויס פון אַן אָביעקטיוון אַנאַליז פון אידענטום און פון דער נייער אידישער דערקענטניש.

***

כ'האָב מיט אַ כיוון ניט אַוועקגעשטעלט דאָ די פראַגע: אַסימילאַציע אָדער נאַציאָנאַליזם? ווייל איך האַלט, אַז אַוועק־שטעלען די פראַגע אויף אַזאַ אופן איז לגמרי נישט ריכטיג. אַסימילאַציע און נאַציאָנאַליזם זיינען נישט קיין צוויי קאָנטראַס־טען וואָס שיידען זיך פאַנאַנדער אין זייער עיקר, יסוד פון מהות. אַסימילאַציע קען נישט פאַרנעמען קיין פּלאַץ אין פאָלקס־לעבען, כל זמן, וואָס דער איינצעלנער פון פאָלק איז באמת גייסטיג צוגע־בונדען צו זיין פאָלק און זיינע גייסטיגע ווערטען. פאַרוואָס איז אַזוי שווער געוועזען פאַר די אידען פון מיטעלאַלטער זיך צו אַסימי־לירען? און פאַרוואָס, למשל, איז ניט שווער געוועזען פאַר די דייטשען (די לאָנגאָבאַרדען) אין איטאַליע זיך צו אַסימילירען אַזוי, אַז לויט זייער ראַסע זיינען זיי געבליבען דייטשען און לויט'ן אויסזעהן איטאַליענער? פּשוט דערפאַר ווייל זיי האָבען נישט

געהאַט קיין אייגנאַרטיגע, ספּעציפישע קולטור. אמת, זיי האָבען געהאַט זייער אייגענע שפּראַך, זייערע אייגענע מנהגים, אַ מעהר אָדער ווייניגער אייגענאַרטיגע קריסטליכקייט, — אָבער די עלעמענטען פון זייער אינדיווידועלער אָריגינאַליטעט זיינען ניט געווען שטאַרק גענוג זיי אָפּצוהיטען פון דער אויסערליכער אַסימילאַציע. לאָזט אַ בודהיסט וואוינען אין אייראָפּע, וועט איהר זעהן, צי ער וועט זיך אַסימילירען. דעריבער, אויב עמיצער פון די נייע אידען פיהלט זיך שוין לגמרי פרעמד אין אידענטום, נעמט זיך נישט צום האַרצען די דאָזיגע אבידה און האָט געפונען טרייסט אין אַסימילאַציע — קענען מיר איהם דערפאַר ניט משפט'ן לכף־חוב. ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער איז געצוואונגען געווען דאָס צו טאָן, ווייל אַנדערש האָט ער נישט געקענט טאָן. אָבער דאָס איז אויך אַן אמת: בשום אופן קען נישט דער איד — אַפילו יענער וואָס איז איינגעדרונגען אין דער סאַמע טיף פון אַ פרעמדער קולטור — בטל ווערען אין איהר, פולשטענדיג זיך פאַרשמעלצען מיט איהר. זיינע וואָרצלען זיינען דאָך איינגעפלאַנצט אין אַן אַנדער געדאַנקען־וועלט. די געפיהלען פון זיין עבר ריידען דאָך ארויס פון דער טיפעניש פון זיין האַרצען, און זיי פאַרצאַמען און פאַרהאַלטען דעם אינערליך־גייסטיגען גאַנג פון זיין לעבען. אַן אַסימילירטער איד קען ווערען אַ נביא פאַר דער גאַנצער וועלט, אָבער בשום אופן ניט דער נביא פון אַ באשטימט פאָלק. אָבער דאָס איז אַן ענין וואָס איז נוגע יעדען יחיד באַזונדער. ער דאַרף אַליין מאַכען דעם חשבון פון זיין אייגענער וועלט, ווי ער געפינט עס פאַר פאַסיג. דאָ פאַרנעם איך זיך מיט די יעניגע אידען וואָס קענען זיך מיט אַ קלאָרען באוואוסטזיין ניט אַסימילירען, און קענען דאָך זייער לעבענס־אינהאַלט נישט געפינען אין היינטיגען אידענטום — וואָס זאָלען זיי טאָן? אָט דאָ ליגט דער מאָמענט פון קריזיס...

עס זיינען פאַראַן אַזעלכע צווישען אונז, וואָס פיהלען און וויסען, אַז דער היינטיגער צושטאַנד קען לאַנג נישט דויערן. זיי זיינען זיך איינגאַנצען מיאש פון אידענטום און טענה'ן: „לאָמיר לעבען, ווי עס לאָזט זיך! וואָס נאָך אונז וועט קומען איז הבל־הבלים און עס הויבט אונז נישט אָן צו אינטערעסירען!" — דאָס איז די תורה פון צופאַסונג, די פשרה מיט'ן מוז, דאָס מאַכען פון

נויט אַ טוגענד. אַנדערע ווידער זאָגען פאַרקערט, און שטעלען זיך אַנטקעגען אַזאַ באַשייד. אמת, זיי זיינען זיך אויך מיאש פון דער היינטיגער אידישקייט, אלא וואָס, זיי געפינען אַ טרייסט אין אידישען פאָלק. זיי זאָגען: אידענטום איז טאַקע געשטאָרבען, אָבער דאָס אידישע פאָלק לעבט! די גאַנצע שולד פאַר דער ירידה אין אידענטום וואַרפען זיי אויפ׳ן ביטערען גורל און קומען צום אויספיר: ציוניזם! אפשר וואָלט ציוניזם טאַקע געווען דער ריכטיגער באשייד ווען ער וואָלט ניט געווען, ווי אַ סך אַנדערע טעאָריעס, באַגרינדעט אויף אַ הנחה וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצען אויפגעקלערט. דאָס פאָלק? ריכטיג. אָבער דאָס איז דאָך דער סוד וואָס איז דערווייל נאָך נישט אויפגעקלערט געוואָרען: צי לעבט נאָך דאָס פאָלק? צי וויל דאָס פאָלק פאָרטזעצען זיין לעבען אויף אַזאַ אופן? צי וויל עס ממשיך זיין זיין נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ? וועט מען מיר געוויס ענטפערען, און מיט פולשטענדיגען רעכט: דאָס „פאָלק" איז אַן אַבסטראַקטער באַגריף, אַ מיסטעריעזער, אַן אַלץ־איינשליסענדיגער. האָט איהר שוין אַמאָל געזעהן דאָס פאָלק אַלס אַזוינס? אָבער דוקא צוליב דעם איז דער ענין נאָך ערגער. דעם רצון פון „פאָלק" קענען מיר נישט וויסען, אָבער דעם רצון פון יחיד, פון פרט, וויסען מיר פונדעסטוועגען. און ער, דער פרט, איז דווקא אַנטי־נאַציאָנאַל. דער אידישער יחיד האָט נישט קיין שום נאַציאָנאַלע בענקשאַפטען, וויל זיין פאַרבינדונג מיט די גייסטיגע ווערטען פון זיין פאָלק איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, וויל זיין באַוואוסטזיין האָט זיך דערווייטערט און זיך אָפּגעטיילט פון זיין באַוואוסטזיין פון אידענטום, פון דער אידישער אידייע, וויל ער האָט פאַרלוירען דעם „גאָט פון זיינע אָבות" און — איך אייל זיך צוצוגעבען — ער קען איהם מעהר ניט געפינען. ער האָט דעריבער מעהר קיין אינטערעס ניט אין אַ נאַציאָנאַלען לעבען. מאַנכע ווילען דערקלערען די גלייכגילטיגקייט פון אידען צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע מיט דעם, וואָס זייער מאַטעריעלער מצב איז אַ געדריקטער, און דאָס גלייכען. אָבער, וואָס זאָלען מיר זיך נאַרען? דער היינטיגער איד איז אַנטי־נאַציאָנאַל ניט דערפאַר, וויל ער קען ניט זיין נאַציאָנאַל, נאָר פשוט דערפאַר, וויל ער וויל ניט. פונוואַנען, למשל, נעהמט זיך די פאַראַכטונג, דער זלזול צו יעדער אידישער זאַך,

וואָס מיר טרעפען כמעט אין אַלע אידישע קרייזען? קומט עס אפשר דערפון, וואָס די אויסערליכע וועלט, די ניט־אידישע, איז אונז מבזה צוליב אונזער אידישקייט? דאָס איז אינגאַנצען נישט אמת. די אויסערליכע וועלט גיט אונז אָפּ פיל מעהר כבוד, ווי מיר אַליין טוען דאָס. „פרעמדע" גיבען אָפּ אידישקייט מעהר כבוד ווי אייגענע, און דער טעם דערפאַר איז, ווייל אידישקייט איז ניט אַזוי נאָהנט צו די פרעמדע, ווי צו אונז, אייגענע. מיר האָבען געלעבט אין איהר און מיט איהר מיט לייב און נשמה און — מיר האָבען זי גובר געווען. אידענטום און אידישקייט איז אַלט געוואָרען ביי אונז אין די אויגען, אַלט און פאַרעלטערט, פאַר־צויגען מיט שפּינוועבס־פעדים. ווי אַזוי איז די זאַך געשעהן? צי דערפאַר וואָס אידען האָבען קיין הערצער ניט? ניין! פשוט דערפאַר, ווייל אונזער אינערליכע וועלט קען זיך מעהר ניט צו־פּאַסען צו דער וועלט פון אַלטער אידישקייט, און ווייל, נישט קוקענדיג אויף דעם זיינען מיר דאָך פאַרשפּאַרט איבערגוואַלט אין דער דאָזיגער ראַם, ווערען מיר פאַרביטערט און הויבען אָן פיינט צו האָבען דאָס אַלטע. זאָל מען דערפאַר מעהר נישט שטע־לען די פראַגע: אַסימילאַציע אָדער אידענטום? נאָר: אַ נייע אידענטום אָדער גאָר קיין אידענטום ניט אינגאַנצען! אויב די אַנטוויקלונג פון אַ נייע אידענטום איז מעגליך, איז אַסימילאַציע פאַר אונז נישט אַזוי געפערליך; דאַן קען קומען דער ציוניזם אַלס אַ לעצטע גאולה און מנצח זיין. אָבער אויב אַ נייע אידענטום איז אונמעגליך — איז נישטאָ קיין שום האָפענונג פאַר אונזער איצטיגען מצב. אמת, מיר וועלען נישט שטאַרבען, לכל הפּחות, ניט אַזוי גיך. די געזעצען פון היסטאָרישער אינערציע וועלען אונז נישט לאָזען אַזוי שנעל אָפּשטאַרבען. אָבער אַ לעבען וואָס קומט בלויז פון היסטאָרישער אינערציע איז אַ שוואַכע און גע־שלאָגענע עקזיסטענץ און איז גאַרנישט ניט ווערט.

אָבער, וואו איז דאָס דאָזיגע נייע וואָרט? צי קענען מיר חלומ'ען פון שאַפען אַ נייע נאַציאָנאַלע קולטור? אָדער, — וואָס איז נאָך טיפער און וויכטיגער — צי קענען מיר חלומ'ען פון שאַפען אַ נייע נאַציאָנאַלע וועלט־אַנשויאונג? איך מיין, אַז לויט די היינטיגע אומשטענדען קען מען אויף דער פראַגע קיין אַנדער ענטפער נישט געבען, ווי אַ נעגאַטיווען. אין אונזער צייט, ווען

פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטען ווערען צופאַלען און צושאָטען, ווען אויף אַ שמאָלען פאַס ערד לעבען צוזאַמען פאַרשיידענע פעלקער פון באַזונדערע טיפען, וואָס אַלע ווילען זיי לעבען און זיך אַנטוויקלען לויט זייער אייגענאַרט, איז אינגאַנצען אונמעגליך צו ריידען מכח אַ באַזונדערער און אָריגינעלער נאַציאָנאַלער קולטור. דאָס איז מעגליך געווען בלויז אַמאָל, ווען פעלקער האָבען געלעבט אַן אָפּגעזונדערט לעבען, ווען זיי זיינען געווען פאַרשלאָסען אין זיך אַליין. עס קענען דאָך, למשל, ניט קומען די סערבען, די אַלבאַניער און גריכען פון מאַקעדאָניע, די פאַרשיידענע פעלקער פון עסטרייך־אונגאַרן און טענה'ן מיט עכטער אינווענינסטער איבערצייגונג: „איך, דער אונגאַר, איך, דער קראָאַט, זעה די וועלט, דאָס לעבען און אַלע זיינע דערשיינונגען פון אַזאַ און אַזאַ שטאַנדפונקט, אַנדערש ווי מיין חבר, דער דייטש, אָדער רומענער זעהט זיי". די טשעכען קענען ניט שאַפען קיין ספּעציעלע „טשעכישע" פילאָזאָפיע, טראָץ זייער ווילען זי יאָ צו שאַפען, און זיך באַפרייען אין אַלצדינג פון דער דייטשער השפּעה. פּאָליטישע פאַרטייען און אַפילו פאַרלאַמענטען קענען איינשטעלען אַן אייגענאַרטיגע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, אָבער זיי קענען בשום אופן ניט שאַפען קיין פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג, קיין נאַציאָנאַלע קולטור. און דורך וואָס אייגענטליך אַנטפּלעקט זיך און פאַרקערפּערט זיך אַ נאַציאָנאַלע קולטור? צי אפשר דורך דער וויסענשאַפט? אָבער אויף דעם דאָזיגען געביט פון פאַקטען און רעאַלע פאַרבינדונגען זיינען נישט פאַראַנען קיין נאַציאָנאַלע אונטערשיידען. דערפינדען אַ „סלאַווישע" צי „גערמאַנישע" געאָמעטריע אָדער פיזיקע — קען נישט אַפילו דער אייפעריגסטער פּאַן־סלאַוויסט, און אַפילו נישט טשעמבערלעין, דער פאַנאַטיקער פון גערמאַניזם. און נאָך מעהר: אַפילו די קונסט, — ווי ווייט זי איז געשאַפען פאַר'ן מענשענ'ס אויג און אויער — דערהויבט זיך איבער אַלע גרעניצען פון נאַציאָנאַליזם. אָבער דורך די פאַרשיידענע אינדיווידועלע געשטאַלטונגען זיינען די נאַציאָנאַלע אונטערשיידען פיל פאַרקלענערט געוואָרען. היינט רעדט מען מעהר נישט מכח פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע שולעס אין קונסט, נאָר מכח פאַרשיידענע פערזענליכקייטען, וואָס האָבען אריינגעבראַכט זייער גייסטיגקייט אין דער אָדער יענער געשטאַלטונג. דעריבער

באַטראַכט איך דאָס פאַר אַ שטיק עם־הארצות בנוגע קונסט, ווען מ׳זאָגט צום אידישען קינסטלער: נעהם זיך צו אידישע סוזשע־טען! אויף אַזאַ מין פאָדערונג קען דער אידישער קינסטלער מיט רעכט ענטפערען, אַז קונסט הענגט לחלוטין ניט אָפּ אָן אינ־האַלט. צי מיר רופען דעם העלד וועלכען מיר מאָלען אָדער האַקען אויס מיטן נאָמען „יהודה המכבי״ אָדער סתם „דער קריגס־העלד״, צי מיר מאָלען געטאָ־בילדער אָדער האָלענדישע לאַנד־שאַפטען און אָסט־פריזלענדער פויערים — איז דאָך אַלץ איינס. צי דען איז מיכאל אַנדזשעלאָ׳ס „משה״ אַ אידישער משה? דער עיקר איז — און דאָס איז באמת דאָס וויכטיגסטע — וואָס מיר טראָגען אריין אין אונזערע שאַפונגען אונזער אידישע שטימונג און באַלייכטונג. אונזער ווערט אַלס נאַציאָנאַלע קינסטלער איז אָפּהענגיג אָן דעם, ווי ווייט אונזער שטימונג קען משפּיע זיין אויף אונזער טאַלאַנט צום שאַפען. און אויב אַנטאָקאָלסקי האָט אויסגעקליבען הורדוס׳ען אָדער איוואַן דעם גרויזאַמען, כדי צו פאַרקערפּערען און סימבאַליזירען דורך זיי די אַכזריות וואָס גרייכט ביז שטנ׳יזם — איז דאָס לגמרי נישט וויכטיג. טראַכטען, אַז יעדער מענש מוז זיך האַלטען בלויז אָן זיין פאָלקס־טראַדיציע, זיך באַוועגען בלויז אין די ענגע ראַמען אין וועלכע ער איז אריינ־געפאַלען פון געבורט אָן — איז שמאָל־הערציגער שאָוויניזם. אַ קינסטלער וואָס קען זיך נישט אויפהויבען איבער די נאַציאָ־נאַלע גרעניצען — איז קיין קינסטלער נישט. ער וועט תמיד בלייבען אין זיין ענגען ווינקעל, פאַרזונקען אין איין און דעם זעלבען זשאַנר פון שאַפען. ווייל די גרויסקייט פון קונסט איז דער מענשליך־אוניווערסאַלער מהות איהרער. און דעריבער דינען די אייביגע מענשליכע סימבאָלען ווי סוזשעטען פאַר קונסט. די שעהנסטע לעגענדע פון מענשליכע ליידען איז די לעגענדע פון ישו הנוצרי. דעריבער איז זי געווען און איז אָן אונאויפהער־ליכער קוואַל פאַר קינסטלער. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אַ נייע לעגענדע וועט קומען און פאַרנעמען דאָס פּלאַץ פון דער אַלטער אין דער קולטור, אויך ספּעציעל אין קונסט. אָבער איז דאָס ניט אַ מערקווירדיגער פאַקט, וואָס קיין איינציגער וויכטיגער אידישער קינסטלער האָט ביז היינטיגען טאָג נישט אויסגעקליבען דאָס קריסטליכע פּראָבלעם אַלס סוזשעט פאַר אַ בילד אָדער סקולפּ־

טור? וואָלט נישט אינטערעסאַנט געווען צו זעהן דאָס קריסט־ליכע — וואָס איז אין עצם בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון יענעם מהות וואָס האָט אויך אָנגעצייכענט דאָס געשטאַלט פון אידענטום — ווי אַזוי עס וואָלט אָנגענומען אַ אידישען גייסט און אַ אידישע באַלייכטונג? און דאָך האָבען די גרויסע אידישע קינסטלער, ווי אַנטאָקאָלסקי, ליבערמאַן און איזראַעלס, נישט געמאָלען און נישט אויסגעהאַקט ישו הנוצרי — וואָס יעדער ניט־אידישער גרויסער קינסטלער טוט עס לכל־הפּחות איינמאָל אין לעבען. מעגליך, אַז ס'וואָלט זיי נישט געלונגען, ווייל דער סימבאָל פון קריסטענטום איז נישט געווען דער תוך פון זייער לעבען און האָט ביי זיי נישט געוועקט קיין שטימונג. אָבער וואו זיינען די גרויסע סימבאָלען פון דער אידישער נשמה? וואו איז געבליבען די אידישע צוויי טויזענד־יאָהריגע עלית־נשמה? צי קענען מיר זי שוין נישט מעהר אַנטדעקען? אָדער אפשר זיינען שוין אונזערע חושים פאַרטעמפּט?

עס איז נאָך פאַראַן פלאַץ פאַר'ן בעל־דין צו טענה'ן, אַז אין דער בילדענדער קונסט (מאָלעריי, סקולפּטור און אַרכיטעקטור) — ווייל איהר שפּראַך, די טעכניק, איז אוניווערסאַל — איז אפשר ניט מעגליך צו מאַכען אַזוי לייכט בולט די נאַציאָנאַלע יסודות. זאָל דערפאַר די ליטעראַטור ריידען! די ליטעראַטור איז דאָך דער אמת'ער געביט פון נאַציאָנאַליזם. זי איז דאָך דער פּרוביר־שטיין פון יעדער נאַציאָנאַלער קולטור, ווייל אין איהר קומען זיך צונויף און קאָנצענטרירען זיך אַלע נאַציאָנאַלע עלעמענטען: די שפּראַך, ד. ה. דער גאַנצער קריסטאַליזירטער אופן פון פאָלק'ס דענקען, פון נאַציאָנאַלען פיהלען, דער אינערליכער גייסטיגער אָפּקלאַנג, דער שטילער אירראַציאָנאַלער אָטעם, וואָס גיט דעם נאַציאָנאַליזם אַ פאַרבאַרגענע, אומפאַרשטענדליכע אינטימיטעט; די טראַדיציע, ד. ה.: אַלע לעבענס־געשעהענישען און די היס־טאָריע פון דער ראַסע, און צום סוף — דעם פאָלק'ס וועלט־אָנשויאונג, אָט יענע „צוזאַמענטרעפונג" פון נאַציאָנאַלען געניוס און אינדיווידועלער אינספּיראַציע, וועלכע היפּאָליט טען שאַצט אָפּ אַלס דעם אידעאַל פון קונסט.

אַלזאָ, אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור!... אָבער, איז דאָס דער רעזולטאַט פון דער גאַנצער אונטערזוכונג? זאָל פון דעם אָפּ־

לייקענען פון אַלע ווערטען ארויסקומען בלויז אַט דאָס איינציגע פּאָזיטיווע, אַט דער עפּעס וואָס איז אַזוי ווייניג ווערט? ווייל וואָס הייסט „נאַציאָנאַלע ליטעראַטור”? איז דאָס נאָר פּאָעזיע, איז דאָס אויך דראַמע? און אַפילו אַז מיר זאָלען שוין מאַכען די הנחה, אַז ליטעראַטור קען אונז פאַרגיטיגען אַלע אבידות, — די אבידה פון אונזער אינערליך לעבען — צי קען זי האָבען אַ קיום אין אַזאַ מצב? וואָרים כדי צו קענען עקזיסטירען מוז אַ ליטעראַטור האָבען אַ שטאַרקען גלויבען, אַ בטחון אין זיך אַליין, אַ לעבענס־פרייד, יאָ, אַ לעבעדיגע שפּראַך, און זי, די שפּראַך, פאָדערט פון איהר זייט אַ געזונט פאָלק, וואָס לעבט און ווירקט און שטרעבט צו באוואוסטזיניגער התגלות. אָבער קען אַזאַ באַוואוסטזיין קומען צו אַ פאָלק, וואָס האָט קיין שום ציל ניט אין לעבען, וואָס האָט ניט קיין דערהויבענדע אידייע? דאָס איז דער פאַר'כשופ'טער צירקעל אין וועלכען מיר דרעהען זיך אָהן אַן אויסגאַנג! דאָס איז די אידישע טראַגעדיע!

וואָרים ווי, למשל, זאָלען מיר זיך באַציהען צו דער שפּראַכען־פראַגע ביי אידען? דאָס אָוועקשטעלען פון דעם דאָזיגען פּראָבלעם נעהמט נישט ארויס פון כלל ניט די מערב־אידען און נישט די אידיש־ריידענדיגע אידען. קען מען דאָך ריידען בלויז אידיש און זינגען פונדעסטוועגען מיט אַ גרויזאַמען חוזק: „משיח און אידישקייט זיינען געשטאָרבען!” קען מען דאָך קיינמאָל נישט ארויס פון „תחום־המושב” און דאָך זיין אָפּגעריסען און ווייט פון אידישקייט. ווידער קען געמאָלט זיין, אַז אַ איד זאָל זיין אַן אַ איד, זאָל זיין אַן עכטער קולטורעלער מענש, זאָל דענקען און ריידען אויף אַ אייראָפּעאישער שפּראַך, זאָל זיין אין זיינע מעשים און הנהגה אַ גוטער אייראָפּעער, און דאָך זאָל ער שטרעבען בלב ונפש צו אַ אידיש־גייסטיגען אינהאַלט, און קעמפען דערפאַר, און אפשר געפינען דאָס ריכטיגע און פאַרהאָפטע וואָרט, דאָס דער־לייזענדיגע וואָרט. דעריבער קענען מיר ניט זאָגען: אידענטום און אידישקייט איז אַלץ וואָס איז געשריבען אויף אידיש, ווייל די דאָזיגע שפּראַך ווערט גערעדט פון אַזוי פיל און אַזוי פיל מענשען. אָבער אויך די טראַדיציאָנעלע שפּראַך פון אידענטום, די העב־רעאישע שפּראַך, קען ביי אונז אויך ניט זיין דער סימבאָל פון אידישקייט. ידידיה דער אַלעקסאַנדריער האָט געשריבען זיינע

ספרים אין גריכיש, דער „מורה נבוכים״ איז געשריבען געוואָרען אין אַראַביש, דער „ויכוח וועגען ליבע״ — אין איטאַליעניש. זיינען די דאָזיגע שאַפונגען ווענינער אידישע קולטור פון די ספרים פון די מפרשים און שפּעטערדיגע רבנים, וואָס האָבען געשריבען אַ שווערען פאַרגרייזטען העברעאיש? געוויס וואָלט די אידישע קולטור באַדאַרפט האָבען איהר המשך אין העברעאיש, ווייל די דאָזיגע שפּראַך פאַרשטאַרקט אין אַ געוויסער מאָס אונ־זערע נשמה־פאַרבינדונגען, אונזערע אינטימע פאַרקניפּונגען. אָדער איז דאָס מעגליך? שפּראַך און רעליגיע האָבען די זעלבע אייגענ־שאַפט. אַזוי ווי די רעליגיע וואָס איז איינמאָל ארויסגעריסען געוואָרען פון אידישען באוואוסטזיין קען שוין דאָרט ווידער נישט שלאָגען קיין וואָרצלען, אַזוי קען די העברעאישע שפּראַך, וואָס האָט פאַרלוירען איהרע אינערליכע באציהונגען מיט דער אידישער נשמה, זיי קיינמאָל מעהר נישט געפינען. אָט די נאָהנטקייט וואָס איז פאַראַנען תמיד צווישען אַ לעבעדיג פאָלק מיט זיין לעבע־דיגער שפּראַך, אָט דאָס וואָס גיט דער שפּראַך איהר וואונדער־ליכען כישוף — ווערט אַלץ ווייניגער און ווייניגער, ווערט בלאַ־סער און בלאַסער אין יעדען דור, טאָג־איין, טאָג־אויס, און עס וועט פון איהר באַלד גאָרנישט ניט בלייבען. דאָס וועט געשעהן נישט קוקענדיג אויף די שטרעבונגען פון די יונגע, נישט קוקענ־דיג אויף די ביינקענישען פון די אַלטע... וואָס קען מען טאָן?

„די אַלטע ליכטער זיינען אויסגעלאָשען — נייע פאַקעלען הויבען זיך אין דער לופטען. דאָ איז נישט די פראַגע: צי מ׳קען צוריקכאַפּען דאָס וואָס ס׳איז פאַרלאָפען, און צי ס׳איז גוט, נאָר: אויב דאָס וואָס ס׳מוז קומען, קען, זייענדיג געלייטערט אין נשמה־פלאַם פון עבר, איבערנעמען די גייסטיגע ירושה פון אַלטען, אויפ־נעמען און אָפּהיטען זיך עפּעס פון דער פרישער שעהנער האָפע־נונג, פון דער אַלטער התלהבות, עפּעס פון דער אַמאָליגער וויזיאָ־נערישער פריידיגקייט? אויב די אַלטע שפּראַך מוז פארשוואונדען ווערען — וואָס קען מען טאָן? אויב זי האָט נאָר טריי און עהרליך דערפילט איהר אויפגאַבע ביז׳ן לעצטען אָטעם — גוט, זאָל זי פאַרשווינדען!״...

די דאָזיגע ווערטער האָט געשריבען איינער אַ פאַרביינקטער, וואָס האָט צוגעזעהן די מלחמה פון זיין פאָלק און דעם טויט פון

זיין אַלטער קולטור. דאָס איז געווען דער אירלענדישער פּאָעט וויליאַם שאַרפּ, וואָס האָט געשריבען די דאָזיגע ווערטער, פול מיט שרעקליכען יאוש, בנוגע דער אַלטער גאַלישער שפּראַך (קעלטיש). צי קען אַ איד וואָס טראַכט וועגען זיין פאָלק און זיין צוקונפט ריידען און שרייבען אַנדערש?...

***

. . . וואָס פיל פון אונז שפּירען אין דער טיפענישׁ פון האַר־צען — האָב איך דאָ אַנטפּלעקט. מיר פאַרמאָגען שוין ניט קיין אידענטום. עס האָט אויפגעהערט צו זיין די נשמה פון אונזער לעבען. אידענטום איז פון אונז אַוועק — ס'איז געבליבען בלויז בענקשאַפט. בענקשאַפט נאָך אַ נייעם ישועה־וואָרט, נאָך אַ נייער אַנשויאונג, נאָך אַ באַנייט אידענטום.

איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז די דאָזיגע ביינקשאַפטען זאָלען געפינען אַ פאַרקערפּערונג אין דער נאָהנטער צוקונפט? אייגענט־ליך קען מען אויף דער דאָזיגער פראַגע ענטפערען בלויז מיט אַ ניין. דאָס לעבען איז געגען אונז... אָבער — ווער קען וויסען, וואָס די צוקונפט טראָגט אין זיך? ווער קען אויפהויבען דעם פאָרהאַנג און ווער קען פאַראויסזאָגען? מעגליך, אַז דוקא פון די דאָזיגע אַנאַליזען און אויפקלערונגען פון דער היינטיגער אידישקייט און אידענטום, וועט געבוירען ווערען אַ מוסטער פון יענער נייער לעבענס־תורה, און פון אידישער ביינקשאַפט וועט אויפקומען אַ מיטאָס פון אַ נייעם וועלט־געזאַנג...

כ'האָב דאָ נישט געהאַט די כוונה אַנצוצייגען אויף די יסודות פאַר אַזאַ לעבענס־תורה און אַזאַ וועלט־געזאַנג. איך האָב בלויז געוואָלט אויפוועקען און אַנרעגען אין אונז דעם ווילען פאַר אַנט־וויקלונג און פאָרטשריט דווקא דורך אַ קריטישען אַנאַליז. כ'האָב געוואָלט אויפוועקען אין אונז די גייסטיגע קראַפט צו אַנערקענען דעם אמת, זיך רעכענענדיג ניט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר מיט דער צוקונפט...

העתיד, ב', 1909.